STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07800

DOS FROYEN-INZL

Gerhart Hauptmann

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ג. הויפטמאן.

דאס
פרויען-אינזל

פון דייטש: מ. דזיאלאווסקי

פארלאג ש. גאלדפארב װארשע

1927.

G. HAUPTMAN
Wyspa Kobiet
Przełożył M. Działowski
wyd. SZ. GOLDFARB
Warszawa, Dzika 31
Drukarnia G. Piment Sierakowska 4
1 9 2 7

דאס פרויעז אינזל

C14708

צום ברעג פון אַ בלישטשנדיקן, פאַרלאָזטן און פאַרבער־גערטן אינזל, אין דרום־טייל פון שטילן ים, — האָבן זיך אין אַ געוויסן טאָג דערנענטערט אַ מערערע צאָל שיפלעך. די מי־טאָגס־זון האָט גראָד שטאַרק געברענט; פון דערווייטנס האָבן די שיפלעך אויסגעזען אויסטערליש, דערמיט וואָס אויף זיי זענען נישט געווען קיין טונקעלע מאַנספּעהשוינען, די פון דאָזיקן, אונז־דערווייטערטן וועלט־טייל, נאָר זיי זענען געווען געדיכט באַזעצט און גערודערט געוואָרן פון אייהאָפּעאישע דאַמען. קיין אויסזען פון שפּאַציר־שיפלאַך האָבן זיי נישט געהאַט, וואָרום די שיפלעך זענען געגאַנגען און זיגזאַגן אונטער שאַרף־הערנדיקע און דורכאַנאַנדיקע באַנייטע יללות. זיי האָבן כסדר געביטן דעם וועג, וואָס האָט באַוויזן אַז ס'איז נישטאָ קיין געניטע פירער־שאַפט.

ס'איז קיין פאַרגניגן נישט געווען וואָס דאָס שיפן־זיך איז צוגעגאַנגען, דאַנקן גאָט, ביי אַזאַ דורכויס רויקן ים; דאָס זענען געווען רעטונגס־שיפלעך און די דאַמען — שיף־בראָך געליטענע.

ענדלעך האָט מען זיך אַריינגערוקט מיט אַ געפּילדער אין אַ ים־בוזעם, נאָכדעם ווי מען האָט באַזיגט אַ פּאָר שוואַכע ברעג־פאַליעס מיט אַ כסדרדיקן, אומאויפהערלעך געמורמל פון פרייד, פיין, זאָרג, צערטלעכקייט, פּראָטעסט און דערמוטיגונג.

ענדלעך זענען מער ווי הונדערט פּאָר לייכט־איינגענעצטע פרויען־שיך, גליקלעכע אַרויף אויף א פעסטן באָדן.

דאָס אַרויף קומען אויף דער טרוקעניש, דער דאָזיקער

ערשטער שריט פון געראַטעוועט-זיין, ווען דאָס באַוווסטזיין דערפון איז געקומען צום גרעסטן טייל פון דעם פרויען-געזינדל, — ווען זיי האָבן דאָס דערפילט, איז גלייך אויסגעבראָכן אַ גע-רויש פון רירונג און יום-טובדיקער שמחה וואָס איז דערגאַנגען ביז צום האַלון, קושן און שלאָכצנדיקן פרייד-געזומען. דאָ און דאָרט האָט עס אפילו דערגרייכט צו מער-ווייניקע ווילדע טענץ. עטלעכע האָט עס פון שרעק אָדער זאָרג, אַריינגעוואָרפן אין אַ טויטן שלאָף. אנדערע האט דאס גרויסע קרענקונג געלאָזט ליגן אין אַ שטומער פאַרצווייפלונג, און נאָך אַנדערע האָט דאָס אַריינגעבראכט אין אַ שטאַרקן הלשות. פונדעסטוועגן איז א גרוי-סע צאל פרויען געווען פארטון מיטן עסן און מיט די קראנקע. נאר איין דאמע, א טאכטער פון א פילפאכיקן מיליאנער, אַן אכצען יעריקע פרוי, וועלכע איז געפארן אין איר חתונה-רייזע ארום די וועלט און איז אין מיטן העכסטן גליק, ביים מיטאג, איבעראשט געווארן צוליב די קאטאסטראפע; די דאזיקע דייט-שע ליידי, וועלכע האט פארלוירן איר הייס-געליבטן לאָרד, זי איז אין גרויסן ייאוש געווארן ווילד און זיך געריסן צום דער-טרונקן אין די ברעג-פאַליעס אדער אין די טיפע ערטער, און איז געווארן צוריקגעהאלטן פון א סך הענט. איינע פון די פרויען, איז, כדי מען זאל איר הערן, ארויפגעקראכן אויף א שטיק מאסע פון אן אפגעקילטער לאווע און אין דעם דאזיקן תוהו-ובוהו, אנגעהויבן שרייען בלויז די ווערטער:

— מיינע דאמען, וואס זאלן מיר טון?! מיינע דאמען, מיר דארפן דאך געדענקען אין דער הויפט-פראגע, וואס זאלן מיר טון כדי ווייטער צו פארזיכערן זיך? וואס זאלן מיר טון?! וואס זאלן מיר טון?!

דאס געשריי מיט דעם קלינגענדיק-גרילצנדיקן טאן, וואס איז טיילווייז איינגעשלונגען געוואָרן פון די רוישנדיקע ברעג-פאליעס, — האט באלד צונויפגעזאמלט צו פיסגס פון שטיק אפ-געקילטער לאווע, א צאל פרויען וואס האבן ביי דער געלעגנ-הייט לעבהאפט גענומען איינער אין דער צווייטער אריין טענהנען

און אויסגעפוּנען אז מען דארף זיך עצהנען מיט דער וואס רופט: דאס איז געווען אן עלטערע מאלערן.

זי איז געשטאנען אין א ברוין-פלאטערדיק זיידן קלייד, אין זעלבן וואס זי איז געווען אין עס-זאל פון דער מזרח-אינדישער שיף. דער טיפער אויסשניט פון דעם טייערן קלייד איז געווען באלייגט מיט ברוסעלער-שפיצן. אירע האר וועלכע זענען דורך די יארן, גרוילעך געוואָרן, זיי האבן אויסגעזען ווי געפּודערטע, זיי זענען געווען געקרויזלטע און דאס האט איר געמאכט פאר א ראָקאָקאָ-דאמע. איר גערינצעלטע און טונקעלע הויט, די אויפגעשפּיצטע קין-באקן, איר ברייט נעגע-ריש מויל — דאס אלץ האט איר צוגעגעבן עפּעס א באזונדערע אויסערגעוועהנלעכקייט, און דאס פארשטארקט זיך נאך צוליב די צוויי בלישטשנדיקע ברוינע אויגן. און אט דאס גאנצע האט געהאט עפּעס א שיין אדער מיאוסן נישט-צוציענדיקן באזונ-דערן חן.

— מיינע דאַמען, מיר מוזן זיך עצהנען — רעדט זי ווייטער: און דאָס דאַרף נישט געשען אַזוי ווי ביז אַהער, ווי אַלע האָבן ווי אין אַ יידישע שול צוזאַמען געפּלאַפּלט. דאָס דאַרף געשען מיט אַ געוויסע אָרדענונג און סיסטעם, ווי ס'ווערט גע-מאַכט אין די פּאַרלאַמענטן. דערפאַר גייען מיר צוערשט צו צו פּרעזידענטן-וואַלן.

מען הערט ווי דאָס וואָרט „פּרעזידענט-וואַלן” „פּרעזי-דענטן-וואַלן” גייט פון מויל-צו-מויל און וואַקסט אויף דער גאַנצער לענג פון ברעג. דאָס איז געווען א וואָרט וואָס האָט משֵשת-ימי-בראשית דאָס ערשטע מאָל זיך דאָ געהערט.

*

— מיינע דאַמען! — האָט זי אָנגעהויבן, נאָכדעם ווי מ'האָט פון פאַרשידענע זייטן כסדר געשריגן אַז זי זאָל רעדן: דאָס וואָס שייך דער קאַטאַסטראָפע און דאָס ראַטעווען זיך אויף אַזאַ אָרט, דאָס האָט שוין אָן אַ שיעור מאָל געטראָפן. נאָר

זיינט די וועלט שטייט האָט נאָך אָבער קיינמאָל נישט געטראָפן אַזאַ זאַך אויף אַ דרום-אינזל, באַזונדער: אַזאַ קאַטאַסטראָפע פאַר אונזער געשלעכט, אַזאַ איינזייטיקע געזעלשאַפט.

מען האָט געלאַכט. די סיבה דערפון איז געווען, וואָס די רעדנערין האָט געוואָרפן אַ נישט-קענטיקן הומאָריסטישן בליק, וועלנדיק דערמיט געבן מוט די פרויען.

— איר וועט זיכער זאָגן, אַז דאָס דאָזיקע קען זיך נישט אַריינרעכענען אין פראָגראַם אַריין, אין דעם איז שולדיק קוק *). יעדער פון אייך איז דאָך פאַקטיש אַ שפּארער סכום פון דעם געמאַכט-געוואָרענעם רעכענונג, דערפאַר וואָלט איך אייך עצהנען, כאָטש דערווייל, פון אייער שאָדן דעם שאָדן-פרייז אויפצומאָנען.

מען לאַכט איצט שטאַרקער. נאָר עטלעכע כאַפן זיך אויף: זייער וויטאָג גייט איבער אין אַ צאָרן. זיי זעען די מוראדיקע לאַגע זייערער פאַרשפּאָט און פאַרנאַרישט. אָט די עטלעכע שטילט מען גלייך איין.

— איך בין אין אַזאַ עלטער, — רעדט ווייטער די מאַלערין: אין אַזאַ עלטער ווי געוועגלעך, וואס דאס לעבן האט מיר געקענט געבן — האב איך שוין הינטער זיך. אַזוי נאך קומט אויס, דאס איך בין אפשר איינע צווישן אייך אַלע וועלכע האַלט די דאזיקע אויסערגעוועגלעכע רייזע פאַר גראד אַ געווונטשענע. יאָ, איך גלויב שוין נישט, דאָס מיין מזל זאל נאך ערגעץ האבן ליגן אַ גרעסערע נייעס פאַר מיר.

און, וואס שייך מיין שטעלונג צו דער דאזיקער געשעניש אונזערער, איז אַזוי: דאס וואס ס'האט מיך מיט איינמאל א ווארף אַרויסגעטון פון דער קולטורעלער וועלט, אַט-דאס מאַכט מיך פאר באַזונדער אויפגעלייגט.

דא איז פאראַנען בלויז איין פרוי, וואָס קען אביסל מיין גאָמען פון מיין פריערדיק לעבן, דאס איז די פרוי וועלכע האט זיך געראַטעוועט מיט איר צוועלף יעריק יינגעלע. און

*) אן ענגלישער רייזע-פארשער.

פאַר די אַנדערע באַמערק איך דאָס איך הייס: אַנני פּרעכטל. ס׳קען זיין דאָס אַ סך פון צווישן אייך האָבן דייטשלאַנד, דאָס לאַנד פון די באַרבאַרן, נישט ליב. פונדעסטוועגן, בשעת־הדחק פון געפונען אַ בעסער לאַנד, טאָר איך נישט פאַרשווייגן אַז כ׳האָב אין דעם דאָזיקן לאַנד, אין דער הויפּט־שטאָט בערלין, געפונען מיין פּראָפעסיע אַלס מאַלערין. בערלין איז דאָך דאָס זיץ־אָרט פון פּרעזידענט איבער דער דייטשער רעפּובליק *).

עמעץ רופט אויס:

— ערשטנס קען איך אייך יאָ, ליבע פּרעכטל. איך בין אָבער נישט די פרוי מיטן ייִנגל, נאָר פרוי ראָזענבאַום, אונטער־די־לינדן 8050, איך בין די אייגנטימערין פון אַ וועש־קראָם ווו איר האָט פריער אָפט געקויפט. זעט אויס, אַז ס׳זענען דאָ נאָך אַזעלכע וואָס קענען אייך. אָבער איך בעט אייך: מאַכט נישט אַזוי ס׳געגנאַר פון אונז. איר מאַכט דאָך אַלץ כסדר אומגעלומפּערטע וויצן.

— איר דאַרפט נאָר פאָדערן! — רופט אויס די פריילין פּרעכטל: פרוי ראָזענבאַום, איך טרעט אייך גלייך אָפּ דאָס אָרט. איך שפּאָס גאָר נישט; איר קענט דאָ נישט געפונען קיין אַנדערע פּערזענלעכקייט וואָס זאָל דערוואַקסן זיין צו פירן, אין אַזאַ סיטואַציע, אַ סטאַדע שאָף פון פרויען.

— טאַ ווי אַזוי? ווי אַזוי? — הערט מען רופן פון אַלע זייטן: אַדרבא, גיט עפּעס פּראַקטישעס!

— אויב אַזוי, וואָלט איך אייך, פריילין ראָזיטאַ, ד׳ פּרעזידענטנשאַפט פאַרגעלייגט!

אויף דעם פּלוצלינגען פאָרשלאַג פון דער מאַלערין איז אויפגעשטאַנען אַ ווילד געשריי פון ניין־זאַגערס. ראָזיטאַ איז געווען אַ זיבצן יעריקע קינסטלערין און צו דערזועלבער צייט, די שענסטע פרוי פון אַלע פינף וועלט־טיילן.

דורך דעם דאָזיקן סטראַטעגישן ווינקל־צוג האָט אַנני

*) די דאָזיקע שטעל איז געשריבן געוואָרן אין 1916.

פרעכטל גלייך, אויפן ארט, געקריגן אלע שטימען אויף איר זייט, ווארום ס'איז גלייך קלאר געווארן דאס צווישן אלע פרויען געפינט זיך נישט איינע אפילו וואס זאל זיך נישט מוזן שטעלן, צוליב די ווילקייט פון דער מאַלערין, און איר שאטן.

איז די מאלערין, דורך פארשידענע צורופן, אויסגעקליבן געווארן פאר פרעזידענטין און מיט איר לעבעדיקן און שנעלן האנדלען איז גלייך, אן שום צייט פארלירן, באטראכט און אויס־געפירט געווארן א ריי באשלוסן וואס זענען געווען נאטירלעך, אזוי ווי ס'איז נויטיק געווען אין אזא מאמענט.

מען טיילט איין די פרויען אין גרופעס: צען אין א גרופע. און נאכדעם ווי אנני פרעכטל האט זיך אליין געשטעלט בראש פון די גרופעס, קלייבט זי אויס פון צווישן זיי די פארשטענד־לעכסטע און אינטעליגענטע און מאַכט זיי פאר פירערנס פון „צען". די אלע אנפירערנס שאפן אזוי־א נאך א רעגירונג אין וועלכע אנני פרעכטל, די מאלערין, נעמט דעם פארזיץ. אן אלגעמיינע זיצונג וואס האט געהאט דעם ציל אזוי, אומגעפער, אן איבערבליק צו מאכן, — דאס איז געווען די ערשטע פארגע־קומענע רעגירונגס־פארהאנדלונג.

בלויז גאט אליין ווייס צוליב וועמעס שלים־מזל ס'איז לעכערדיק געווארן דער „קארמאראן" און איז אונטערגעגאנגען. יא, צי איז ער דען טאקע אונטערגעגאנגען? ער איז געלעגן אויף דער זייט און די הינטער־דעק איז געווען פארגאסן; די פרויען האבן דאך אים לאנג געזען, ביז ער איז געווארן א פונקט אין האריזאנט און איז פארשוואונדן געווארן. דאס אומ־גליק איז אנגעקומען ביים שענסטן וועטער און ביי א שפיגל־גלאַטן ים. האט מען צוערשט די פרויען מיט די קינדער אין די בהרחבהדיקע רעטונגס־שיפלעך געבראכט מיט דער כוונה זיי אנצוטשעפן אן א קליין דאמף־שיפל. גאנץ רויק האט מען זיי אויך באזארגט מיט לעבנס־מיטל, אפילו העקלעך, שטריק, נעגל און פארשידענע כלים צו דער ארבעט. אפילו תבואה וואס דער „קארמאראן" האט גראד מיטגעפירט.

אט זאס אלץ איז פארנומען געווארן פון דער נייער הצרשערין.

אויף וויפיל מען האָט געקענט פאַרשטיין פון דער זון, איז נאָך געווען צום ווייניקסטנס פינף שעה צום אונטערגאַנג. די דאָזיקע צייט וויל אַנני אויסנוצן. זי האָט באַשטימט פינף פון די קרעפטיקסטע פרויען, נאָכדעם ווי אַנדערע האָבן שוין געהאַט אַנטדעקט ביי אַ נאָענטן פעלז, גאָר אַ פיין וואַסער, — האָט זי געוואָלט דאָס מען זאָל זיך ערגעץ קענען אַרויפקריגן אויף אַ הויכן אָרט, וואָס נאָך איר עצה און מיינונג זאָל דאָס אַרויפ־קלעטערן געדויערן אַן אַנדערהאַלבן שעה אַן ערך און פון דאָרטן וואָלט מען געקענט זעען דעם אינזל. איז עס אַ גרויס אדער אַ קליין אינזל, איז עס אַ פרוכטבאַר צי נישט, באַוווינט צו אַן מענטשן?

אט די דאזיקע שאלות האט מען נישט געקענט פאַר־ענטפערן ווען מען איז געווען אויפן ברעג פון דעם ים־בוזעם, צופיסנס פון א כמעט, גאלן וויסטן ים־ברעג. מיט איין זאַך אבער האט מען זיך יא געקענט טרייסטן: דער קלימאַט אויף דעם אינזל האט אויסגעזען צו זיין א גן־עדנדיקער.

פאַר א פירערין פון דער אויסשפיח־גרופּע, איז אויסגע־קליבן געווארן די שיינע מיס פעידזש, א הויכע און שלאַנקע אַמעריקאנערין. אַן אמתע דיאַנאַ *) מען גיט איר איבער איינע פון די פאַראַנענע ברויבינגס, ווייל זי ווייס ווי אומצוגיין מיט געווער. אַנניס מיידל ווידער וועלכע האט מיט איר מיטגערייזט און געראטעוועט געבליבן, זי איז געווארן די אדיוטאנטן פון דער דיאנא: זי איז געווען באַוואפנט מיט א העקל. אָט די אווגוסטע איז געווען דערוואקסן צו יעדער לאגע. זי האט געקענט, ממש, ווונדער באַווייזן; זי האט פאר איר הארנטע אויסגעזוכט אַ הייל, געפינען א רעגן־שירם, און אלץ אזוי בעל־הביתיש איינגעאָרדנט. איר בלויז איז געווען צו פארדאנקען

*) די געטין פון יאגד, אין דער גריכישער מיטאלאגיע.

וואס די מאלערין האט געהאט אלערליי בייטעלעך, קעסטעלעך; יא, אפילו א קופערט, אדוואקאטן-רעדעס און קעמלעך. און מאדנע, ס'האט זיך אין דער הייל אפילו געפונען א טיי-מאשינקע וואס האט געברענט און איר רויך איז געקראכן אויף די ווענט, ווי אן אמתע האוואנע.

נעמענדיק די לעצטע באפעלן, האט זיך די מיס פעידזש מיט איר טרופע אויפגעהויבן פון דער הייל. זי האט שוין נישט געטראגן איר טואלעט. אנני פרעכטל מיט איר רעגירונג האט שטרענג פארזאגט און געצווינגען צו טראגן א געוועגלעך קלייד, צוליבן איינשפארן און אויך צוליב דעם וואס מען זאל זיך קענען לייכט באוועגן. אין טעניס-שיך און אין א בלוזקע פארגירטלט ביים פאס,—דאס האט איר אינגאנצן ענלעך געמאכט צו דיאנא. אווגוסטע אבער, כאטש זי האט געטראגן די זעלבע קליידער וואס מיס פעידזש, האט נישט געמאכט אזא איינדרוק. אזוי אויך די פערצן יעריקע פריילין ווארניקא וואס איז געווען אנגעטון אין אויסגעצייכנטע ספארט-קליידער און האט געטראגן אלס כלי-זיין א לאנגען האק פון א שיפל, — זי האט אויך נישט געמאכט דעם איינדרוק; די לעצטע צוויי פון דעם דאזיקן פאטראל, לאלא און מוסי סמיט זענען געווען דערוואקסענע קינדער וואס האבן געשטאמט פון דער מוטערס זייט פון דייטשלאנד און פון פאטערס זייט, — ענגליש בלוט.

— אזוי איז גוט, מיינע דאמען. — זאגט די מאלערין, ארויסגייענדיק א ביסל פון דער הייל. זי רעדט שוין אימפעראטאריש, אבער דאך מיט א ספעציעלן אונטער-טאן: אזוי איז גוט, מיינע דאמען. מיר דארפן געדענקען, אז מיר זענען געצווונגען אונזער לעבן אויף גאר א נייעם באזיס אויפצובויען.

— מירמידאנען *) מיינע — רעדט זי ווייטער, פלוצלינג הייבנדיק דעם רעדנער-טאן: איר זענט אויסגעקליבן געווארן

---

*) מירמידאנען—באטייט, אייגנטלעך, געוויסע פעלקער, אדער מענטשן פון זייער א קליינער ווקס.

צו דער ערשטער, גרעסטער אויפגאבע, וואס ליגט פאר אונדז דא. יעדער מורא, יעדער מרה שחורה, יעדעס באקלאגן זיך דארף אפגעווארפן ווערן פון אייערע הערצער, צוליב דער דאזיקער זאך ס׳וועגן, וואס קען אנדערש נישט זיין; דער פחד, די פיין, ס׳צעשיידונג און חולאת, הונגער און טויט — דאס אלץ ליוערט אויף אונז אויך אין דער ציוויליזאטארישע וועלט. און אויך דא מוז יעדער פון אונז זיין לעבן געווינען. מיר האבן דא אזא פאל: שטעלט אייך פאר אז מיר זענען אהערגעשיקט געווארן איינצונעמען דעם דאזיקן אינזל. שטעלט אייך פאר, דאס מיר זענען עראבערער. שטעלט אייך פאר, אז מיר זענען אמאזאנען (עס מוז געזאגט ווערן אז די מיס פעידזש האט פארשטאנען דייטש, ווייל זי האט א שיינע פאר יאר שטודירט געזאנג אין מינכן, דרעזדן און בערלין).

— איר הערט, מיס פעידזש! — ענדיקט די רעדנערין: ס׳טאר איינער פון דער אנדערער נישט אפרייסן זיך. ווער ס׳וועט נישט הערן, דעם גלייך דערשיסן!

אונטער א שטארק געלעכטער האבן אלע פינף גענומען קלעטערן אין דער הויך.

אנגיס שטעלונג איז געווארן נאטירלעך, כאטש נישט אפנבאר. אזוי אויך האט זי זיך שנעל אן עצה געטון מיט אירע געגנערינס — אנערקענענדיק זיי. די פרוי ראזענבאום האט זי געשטעלט בראש פון דער צווייטער צענדליק. ראדבערטע קאלב — אין דער דריטער צענדליק. און ראדבערטע האט אפילו באדארפט, ווען זי האט זיך אנגעפערטיקט מיט דער ערשטער אונטערנעמונג, קומען טרינקען טיי צו דער פרעזידענטין אין דער הייל אהין וועלכן זי האט, אין וויץ, גערופן „דאס ווייסע הויז". פונדעסטוועגן, נישט קוקנדיק אויף דעם וואס די דאזיקע באציכונג איז געווען נישט קיין ריכטיקע, האט זי אויף אזויפיל צוגעטראפן, אז שפעטער איז די הייל געווען אויסגעווייסט מיט א פיין טעפער־ליים.

ראָדבערטע איז אויך נישט געווען יונג, דאָך, א שפּאר ביסל יינגער פון דער מאַלערין; אין די לעצטע צען יאָר האָבן, כמעט, אַלע אייראָפּעישע זשורנאַלן געהאַט אירס אַן עסטעטישן, עטישן אָדער פּאָליטישן אַרטיקל. זי האָט אויך געדרוקט אַ גרע־סערע נאָוועלע אין דער פראַנצויזישער שפּראַך, האָט געקענט מיט אַ גלייכער גרינגקייט רעדן און שרייבן ענגליש, פראַנצוי־זיש און דייטש; — זי איז אפילו אָנגענומען געוואָרן אינם זשורנאַל:

„Revue des deux mondes"

אַכט יאָר איז זי געווען אין ענגלאַנד; געבוירן איז זי געווען פון אַ פראַנצויזישע מאמע און פון פּאָטערס זייט געווען פאַרמישט מיט דייטשיש בלוט.

און ראָדבערטע איז געווען אויסערגעוועגלעך שלאַנק. זי איז, כמעט, געווען אַזוי הויך ווי די מיס פּעידזש; איר צירונג איז געווען דער שיינער, בלאָנדער קאָפּ האָר וואָס האָט זיך מיט אַ שווערקייט קוים אַרונטערגעקעמט; די מיס פּעידזשס האָר זענען שוין נישט געווען אַזוי שיין, דערפאַר האָט די אַמעריקאַנערין אַריבערגעשטיגן ראָדבערטען מיט איר יוגנט, גרויסאַרטיקן קערפּער־וווּקס און איידלקייט פון אירע געזיכטס־שטריכן. ראָדבערטע קאָלב איז אָבער געווען מער אָנזעעוודיק, מער פּערזענלעכקייט.

אין אַלע פאַלן האָט זי מער שכל געהאַט פאַר אַלע, נישט בלויז אַנטקייגן די מיס פּעידזש. פאַרשטייט זיך, אַז פאַר א מלאך האָט מען איר נישט געקענט האַלטן. איר געדאַנק וואָס האָט זיך אומרויק אָפּגעשפּיגלט אויף איר ביבער־ענלעך פּנים — דאָס האָט געוויזן, אַז זי האַלט נישט אַזוי שטאַרק פון גאָט. טיפער נאָך פון אַ הימלישן הלוויה־געזאַנג האָט דער דאָזיקער פייערדיקער יסוד איר שמאָלן און בויגעוודיקן גוף אַדורכגעברענט; די מאַלערין וואָס האָט זי שוין געקענט פון לאַנג און האָט איר אפילו געמאָלן און געשטודירט — איר דאַכט זיך איצט, זיצנדיק אַזוי אין דער אויסטערלישער לאַגע, אַנטקייגן איבער איר, אז: זי האָט נאָך אלץ כסדר דעם זעלביקן מאַטערנדיקן הונגער אין

זיך. וואָס איז ענלעך צו אַ פּלאַם וואָס פרעסט אַלצדינג ארום זיך, כדי זיך צו דערנערן און נישט אויסצוגיין.

— רעדט עפּעס, כ׳בעט אייך, ליבע ראדבערטע, וואָס מיינט איר אייגנטלעך ערנסט וועגן דער דאָזיקער סיטואַציע אין וועלכע מיר זענען אַריינגעפאַלן?

— גאָרנישט, — ענטפערט ראדבערטע: מיר מוזן אַ ביסל צוואַרטן. דערווייל האָב איך עפּעס אַזאַ געפיל ווי עמעץ וואלט, דורך יאָרן פון אייזלדיקע טריט, אָנגעזאַמלט אַנטקייגן מיר אַ בייזן רעוועראַנש און — מיך איצט געפּאַקט, ווי ס׳געהער צו זיין; פון אונטער גאָטס הימל איז מען, מיט אַלץ וואָס מיר האָבן געהאַלטן פאַר אונזערס און זיכערס — מיט ווונדערלעכער שנעלקייט אַרויסגעוואָרפן געוואָרן. און די דאָזיקע געשיכטע איז גאַנץ טראַגיש. דערווייל זע איך אַ דיאַבאָלישן שפּאַס וואָס דער שטן האָט מיט אונז געשפּילט.

מען האָט מיך אַ סך מאָל געפרעגט, נאָך אין שיפל, פאַרוואָס איך גיב אַזאַ הויכן לאַך־אַ־ויס. נאָר איך וויים נישט. איך זאָל קענען געפינען אַן אינערלעך געלעכטער אין מיין לאַך, דאָס קען איך נישט; נו, נו, מיין טייערע, פון וואָס האָט איר דען איצט אַזוי צו לאַכן?

ראדבערטע ציט אַ פּאַפּיראָס און מיט אַ פאַרמאַכט מויל לענט זי זיך אָן אויף אַ דעק־שטול וואָס איז געראַטעוועט געוואָרן, און דאָ ברעכט זי אויס מיט אַ געלעכטער אינאיינעם מיט אַ קנויל רויך.

— זאָל אייך נאָר איינמאָל קלאָר ווערן אויף וואָס פאַר אַ דראַסטישן אופן ס׳זענען מיט איינמאָל געלעזט געוואָרן אַלע נישטיקע סובטעלסטע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן אונז נישט געלאָזט שלאָפן. זיי זענען שוין, פּראָסט, נישטאָ מער. אָט, צי שטייט נאָך פאַר אייך ערנסט די פראַגע למשל: וואָס איז בעסער, א רעפּובליק, צי אַ מאָנאַרכיע? פרייער האַנדל צי גרענעץ־צאָל? פרויען־עמאַנציפּאַציע, אַקטיווער אָדער פּאַסיווער וואַל־רעכט, צי דאָס דערדריקן די פרויען? דאַרף מען אַריינלאָזן די יעזויטן אין דייטשלאַנד? איז דער מיליטאַריזם אַ פאַרשאָלטענע זאַך,

צי אַ געבענטשטע ? צי איז מאררע אַ מאַלער און בעקלין נישט, צי פאַרקערט: בעקלין איז אַ מאַלער און מאררע נישט ? און אזוי כסדר דער גאנצער בונט פון אַלע קונסט-פראַגן. אָדער גאָר די צרהדיקע פראַגן: ווי זאָל איך זיין זומער: אין בערכטעס-גאדן, אין ביירין, אדער מאַכן אַ דרום-רייזע ? וווּ וועל איך זיין אין ווינטער: אין בערלין ? פאריז ? פלארענץ ? אָדער גאָר אין רוים ? אפשר גאָר פאָרן אויף דער ריוויערע ? אדער, וועלכעס איז די בעסטע סעקט-וויין פירמע: Heidsieck, אדער Ayala ?

די דאָזיקע אַלע שאלות זענען נאך נעכטן, ביים מיטאג, געווען זער שארף, נעכטן איידער ס'זענען אונטערגעגאנגען די טויזנטער טאָן פון קארמאראן מיט די אַלע אנדערע קולטור-פראָבלעמען.

איבריגנס, האָב איך מיך נעכטן פעסט באשלאסן — ענדיקט ראדבערטע איר ביטערן הומאָר: אויף ווייטער נישט צו קומען אין קיין טעאטער, קאנצערט, קאַבאַרעט, נישט אויף קיין קונסט-אויסשטעלונג אדער מוזעום. איך וועל אויך הייסן גיין מיין באראן — זאָל ער גיין.

די מאַלערין האט זיך גערן צעלאכט. מיט א חוזק האט זי זיך צוגעהערט וואס איר שיקזאל-חברטע העט גערעדט.

— ביי מיר איז עס אנדערש — זאגט זי: כאטש איך האב נישט אַרויסגעראטעוועט קיין בוך און לידער, אויך גארנישט פון מיינע צייכענונגען — וועל איך מיך נאך גאנץ לאנג ארומ-טראגן מיט די קולטור-געשפענסטער, אויב ס'זאל אונז אויסקומען דא פארוואַרפן צו זיין. א וודאי, פונקט אזוי ווי מען האט וועמען זיינע אומבאוועגלעכע פארמעגנס צוגענומען, פון זיינע שלעסער און גיטער פארטריבן און ער לעבט נאך אלץ, אין דמיון, מיט זיינע פעלדער, מיט זיינע רווחים — ער שיסט נאך א הירש — ער הייסט דעם וואגן שפאנען, דאס פערד זאטלען — און ערגעץ-ווּ לעבט ער ערגעץ, דער בעטלער, וואס האט אפגעלעבט אין עשירות און בלייבט ביזן טויט אַ רייכער באזיצער.

— איך בעט אייך זער, ראדבערטע, מיינט נאר נישט

אז איך פיל זיך פאר אזא שטייגער בעטלער; מיר האבן דאך אפט געגוג, ביזן טיפן גרונט, קריטיקירט די ציוויליזאציע און איצט זענען מיר שוין ארויס פון דעם געקינסטלטן, פאר-שרויפטן און דאך אזוי פילפאכיקן פלאכן שטאנד — ארויף אויף דער ריינער, נישט-פאהדארבענער נאטור; איז דען אונדז ביידן, דאס לעצטע מאל, אין עס-זאל פון קארמאראן, אינמיטן דעם באפראקטן, דעקאלטירטן אונטערנאציאנאלן באנאליטעט, — איז דען אונדז ביידן נישט געווען אזוי חלשותדיק, נישט צוליב די ים-קראנקהייט, ווי צוליב די שמועסן און געמיינע וואריעטע-מוזיק? — האט פאר אונדז עפעס א ווערט, א שטויב כאטש, די דאזיקע אויפגעבלאזענע, בעל-תאווהדיקע, גייציקע, געהירנלאזע און ציניש-סוחרישע קולטור?

— זער גוט! מיר האבן איר בייגעקומען. מיר זענען איצט אויף דער שויס פון דער נאטור, און ווען איר ווילט, קען עס הייסן אז מיר זענען צוריק אין גן-עדן. טא, זאלן מיר נישט זיין שמאטעדיק און ווייזן וואס פון אונדז ווערט אין דער קולטור-שמינקע.

און אין דער צייט ווען די פריילין פרעכטל האט אין א געהויבענעם טאן שוין געהאלטן ביי אירע לעצטע ווערטער, האט זיך פון בהעג ארויפגעטראגן א הויך גערודער. ס'איז אנ-געקומען די פרוי ראזענבאום און דערקלערט דאס, כמעט אלע פרויען זענען, ביים דערזען דעם זון-אונטערגאנג, געווארן שטארק אויפגערעגט. א סך לויפן שלאכצנדיק ארום אויפן ברעג, וויינען, יאמערן און קלאגן, פונקט ווי זיי וואלטן געוואלט פרא-טעסטירן אנטקייגן דעם טאגס אוועקגיין און אזוי א נאך אים שטערן דאס אוועקגיין.

דא הייבט זיך אנני פרעכטל גלייך אויף און בעט מיט ראדבערטע אראפצוגיין מיט איר צו די ארעמע פרויען, זיי צו-באַרויקן, א ביסל מוט צוגעבן.

— ס'איז גאנץ פארשטענדלעך, — זאגט זי: וואס זיי האבן איצט אזא געפיל פון עלנדקייט און פארוואס די גאנצע

לאסט פון שווערן מזל, וואס זיי האט געטראפן, איז ביים אנ-קומען פון דער נאכט, געווארן אזוי בולט.

אין דער הייל איז אריינגעפאלן א ברוינלעך-רויטע העלע ליכט און האט ליכטיק געמאכט די אויסגעווייסטע ווענט.

ווען די צוויי פרויען זענען ארויסגעקומען, זענען זיי געווארן איבערראשט פון דעם אנבליק וואס, אויסערלעך, האבן זיי זיך אים פארגעשטעלט ווי עפעס א גוטן באקאנטן. אכט טויזנט ים-מייל זענען זיי שוין פון קוקסהאפן אפגעפארן און, כמעט, יעדן אוונט דעם אונטערגאַנג געזען, פון דעק אראפ. אבער איצט, דא, כאפט זיי ארום עפעס א נייער מין פחד, ווי דער פינאל פון אזא סימפאניע הינטער וועמען ס'ליגן פארבארגן גיגאנטישע שוין-מלאכים.

— ס'איז נישט קיין חידוש וואס ביים אנבליק פון אזא זון-אונטערגאנג ווערט מען אזוי באפאלן פון אן כוחות און שרעק, — זאגט די פרעזידענטין.

- דאס וואס מיר זענען דא, זענען מיר גאנץ אפט, ליבע אנני, — זאגט קאלב: און מיר זענען עס אין דער גאנצער גע-פערלעכע מאיעסטעטישער שיינקייט אירער. אזוי זענען עס אלע אנדערע מענטשן, נאר אונדזערע נשמה-צושטאנדן זענען נאך קיינמאל נישט געשטאנען אזוי נאקעט און ריין אנטקייגן די אנדערע, ווי איצט, אין דעם פאל. איצט הייבט זיך אין אונדז אלע אויף עפעס אזעלכעס וואס איז אין דער גאנצער ענגשאפט פון די ציוויליזאציע-שפייכלערס, געווען פארשאטן. אפשר איז עס די אור-אנגסט פון דער ערשטער באשעפעניש וועלכע דערפילט איצט די געפערלעכע שיינקייט און מאכט פון דער מעשי-בראשית דאמאלס ווען ס'ווערט טונקל; הערט, הערט וואס פאר א ליארם ס'איז אנטשטאנען אויבן, אינדערהויך, ביים באקעטן ברעג. דער געשריי און געפילדער איז גאנץ ענלעך, ווען מען הערט אים אונטן, צו די פייגלס, און ער האט זיכער א קרובהשע אורשפרינגלעכקייט.

און אויף דער העכסטער הויך פון אינזל-ראנד איז פאק-טיש געווען א חיהשער ליארם.

— מיר זענען איצט געקומען צו דער אמתער דערקענטעניש פון דעם מענטשנס לאגע אויף דער ערד, כ׳וואלט געמעגט זאגן: אינם וועלטל, — זאגט אנני: דורך דער דאזיקער פלוצלינגער איבעראשונג פון אונדזער מזל, זענען מיר גאנץ באדייטנדיק נענטער געווארן צו דער דאזיקער דערקענטעניש. מיר זענען, קען מען דאס אנרופן, פון דער ציוויליזאציע-נעץ, ווי געפאנגענע פיש אין פרייען ים, צוריקגעווארפן געווארן. אדער, מען קען אזוי זאגן: מיט אונדזער „קארמאראן" האט עפעס אן אנדערע, א גרעסערע שיף-בראך געטראפן — ס׳איז אונטערגעגאנגען די שיף פון דער ציוויליזאציע. און מיר זענען געווארן אן אומבאקאנטער אור-ים אין וועמעס תהום מען פארזינקט אויף קיינמאל מער נישט געזען צו ווערן.

— אויב אזוי, — זאגט קאלב: בין איך נייגיריק צו וויסן וואס קען אונדזער מזל ארויסקריגן פון דעם אומבאקאנטן ים — ווי איר האט געזאגט, — אנשטאט דאס פארזינקענע? איך האף אז ס׳וועט זיין גוט; איך קען מיר איצט קוים דערמאנען ווען כ׳בין אין דער קירכע אריינגעטרעטן — אויף דער שול-באנק געזיצן, — צו מיין פאטערס געבורטס-טאג א פאר פערזן פארפאסט, — מיטן גלח אונדזערן זיך מתווכח געווען, — אין „קאפעמעלאנזש" געטרונקען, מאדע-זשורנאלן אדורכגעבלעטערט. א. א. וו. דערפאר רעגן זיך שוין אין מיר אויף אזעלכע פרעמדע, ווייטע פיינען, אזעלכע פינסטערע, און גאט ווייס: אן שום געקינצלטקייט בין איך גרייט איצט מיט זיי איינאיינעם אין הויכן חיהשן אור-אנגסט, מיטצושרייען.

— אדרבא! — רופט פרעכטל אויס: נעמט שוין אנהויבן וויינען, ליבע קאלב; עס איז אפשר דאס אומבאדינגטע שיינע געפיל, פון דער אויפגאבע וועלכע ליגט אויף מיינע פלייצעס, וואס שאפט נישט אין מיר דער נייגונג ווי ביי אייך, צו יאמערן אויף דער זון; אויב איר מוזט אייך נעמען שרייען, ראדבערטע, מוז איך אליין ארויסגיין אויפן ראנד פון אינזל. איך מיין אז דאס צופיל וויינען מיט מיין צופאסן זיך, מוט און כח צוקריגן וואס איז אונדז נויטיק כדי זיך צו קענען אויפהאלטן — אט דאס

וויינען ווירקט גאר שוואך; איך האב גארנישט אנטקייגן דער אור-אַנגסט פון דער ערשטער באַשעפעניש, פון וועלכע איר האָט גערעדט. וואָרום אויב זי איז, דורך אונדזער לאַגע, געקומען צו אונדז, און, אויב זי קומט צומערסטנס יעדן אָוונט, גלויב איך און זאָג עס אייך פאר באַשטימט פאָרויס אַז, דורך דער זעלבער לאַגע אונדזערער וועט דאָס אומגליק אויך מאָרגן אויס-ברעכן. וואָרום אַלס פיש אין פרייען ים האָבן מיר דאָס צו דערוואַרטן.

די אָנפירערינס פון די „צען" האָבן זיך אויך אָנגע-שלאָסן אָן דער פרעזידענטין ווען זי איז געגאַנגען אויף איר דערמוטיגונגס-וועג. אַזוי, איז אַנני אָנגעקומען צווישן די אויפ-גערעגטע ווייבער מיט אַ גאַנצער סוויטע. זי ווייזט שוין איצט אַרויס אַ געוויסע באַגאַבונג פון קענען זיין אַ הערשערין, דורך דעם אופן ווי זי האָט גערעדט צו איינצלנע פון די פרויען, כדי זיי צו אימפּאָנירן: אַזוי אדער אזוי: צו איינער מיט אַ שפּאַס אדער ערנסט, צו אַ צווייטער מיט וואַרעמקייט אָדער שטרענגקייט, מיט גוטנס אָדער מיט בייזנס, אָדער, ווען ס'איז נויטיק געווען יענע בייצוקומען, מיט אַן אָפּעראַציע פון שאַרפן סאַרקאַזם.

— איך ווער משוגע! — האָט כסדר געגרופן איין דאַמע וועמעס האַלטונג און קליידונג האָט געוויזן דאָס זי געהערט צו אַ באַזונדערער קלאַס: איך ווער פאַריקט! איך ווער משוגע! מיינע דאַמען, — האָט זי נאָך אַ מינוט שווייגן ווייטער גענומען רופן: מיינע דאַמען דאָ איז דאָך דאָס גהינם! לעבט מען נאָך, צי זענען מיר שוין געשטאָרבן? די זון איז דאָך אַ גהינמדיקער אויוון-לאָך! זעט נאָר דעם ברוינעם קוילן-אַש! דער ים איז דאָך איינגאַנצן אַ שוואַרצער פליסיקער קויל!

— מיין טייערע, — זאָגט איר אַנני: וואָס שרייט איר דען? טראַכט בעסער פון שאָקאָלאַד.

דאָ ווערט די דאָזיקע דאַמע ווילד און צוליב אַנני, פאַלט זי באַלד אַראָפּ פון איר ראָלע.

— איבריגנס, — זאָגט אַנני צו אירע באַגלייטערינס: איך פאַרגלייך מיט די קוילן און קוילן-אַש, איז גאָרנישט שלעכט

און אויב די ליידי לאמבערט, געבוירענע לילי⸗ענטאל פון בער⸗
לין, אויב זי נעמט עס אויך אזוי אויף, דאמאלס קען איך
גלייבן אַז זי וועט האָבן נייע איינפאַלן, און איר רייכקייט
שטאַמט דאָך פון קוילן, פון דאַמאָלס ווען זי איז נאָך געווען
אַ מיטגליד אין דער גרויסער קולטור⸗געזעלשאַפט —

דאָס שרייען און דאָס אַרומלויפן הערט אויף, דאַמאָלס
ווען אַנני מיט איר סוויטע דערגייט ביז צום סוף פונם פאַר⸗
צווייפלטן לאַגער. פאַמעלעך נעמען איצט די מערסטע באַגרייפן
אַז אַ פירונג, אין דער געשטאַלט פון אַ מיט⸗פאַראַנטוואָרטלעכע
פּערזאָן פאַר זייער גוטס און שלעכטס, — האָבן זיי שוין. די
דאָזיקע און אירע באַגלייטערינס ווערן טאַקע גלייך דער מיטל⸗
פּונקט און ווערן אַרומגערינגלט מיט שטורם פון אַלע, וועלכע
קומען מיט קלאָגן, מיט פראַגן און מיט פאַרלאַנגען.

עס איז גאָרנישט לייכט דעם דאָזיקן געדראַנג איינצוהאַלטן.
באַזונדערס איז עס געווען שווער מיט די וועלכע זענען געקומען מיט
שאלות וואָס פון זיי האט, ווי פון אייז⸗בערג געטריפט. אויף זיי
האָט מען דאָך געמוזט וויפיל⸗ס׳איז נישט ערנסט ענטפערן.

— גלייבט מיר אַז מיין מאַן, מיין פאָטער און מיין ברו⸗
דער, זענען געראַטעוועט געוואָרן.

— האָבן מיר געהאַט דראָט⸗לאָזן טעלעגראַף אויפן
שיף⸗ברעג?

— ווי געשעט, אייגנטלעך, דאָס אומגליק?

— ווען זענען מיר אַוועקגעפאָרן פון האַנגקאָנג?

— ווען האָבן מיר באַדאַרפט אָנקומען קיין סאַן⸗פראַנציסקא?

— ווי אַזוי איז עס איבערהויפּט געשען דאָס אומגליק?

ווי אַזוי האָט עס געקענט געשען? — פרעג איך.

— גלייבט איר, אַז מען וועט אונדז זוכן? גלייבט איר דען
אַז מען וועט אונדז געפונען?

— לויט אייער מיינונג, ווו אייגנטלעך זענען מיר? איז
דער אינזל אַ באַקאַנטער, ר׳האָט אַ נאָמען? איז מעגלעך, צי
איז לחלוטין אויסגעשלאָסן אַז דאָ, ערגעץ⸗ווו, זאָל זיך געפונען
אַ האַפן? ס׳זאָל ערגעץ⸗ווו זיך געפונען אַ שטאָט מיט האָטעלן

מיט אַ ביסל קאָמפאָרט. מיר קענען דאָך נישט לעבן ווי די חיות ?

— דרך אגב חיות: זענען דאָ נישטאָ קיין ווילדע חיות ? ס'קען זיך דאָ, למשל, נישט געפינען קיין טיגער ? וואָס וועלן מ'יר דאַמאָלס טון אַז ס'וועלן זיך געפינען שלאַנגען, טיגערס און לייבן ?

— דאַן, — זאָגט די פּ עזידענטין: דאַרף נאָר זיין אַנטשלאָסנקייט, מוטיקייט און פעסטקייט.

דאָס וואָס ס'האָט אַזוי שטאַרק באַאומרויקט די פּרעזידענטין און אירע באַהעלפּערינס, איז געווען נישט די דאָזיקע יעלות-מאַכנדיקע פרויען וואָס האָבן זיי אַרומגערינגלט; די פּרעזידענטינס און אירע באַהעלפּערינס זאָרג איז גאָר געווען דאס וואס ס'זענען געווען אַ סך פרויען וואָס זענען געליגן איינצלנע און אָפּגעזונדערט אַ זײַט אויף דער ערד. די דאָזיקע זענען געלעגן אין אַ מוראדיקן נשמה-ווייטאָג, אין אַ צושטאַנד פון גענצלעכער ווילנסלאָזיקייט, — זיי האָבן גאָרנישט געפילט.

צו אָט די דאזיקע האָט אויך געקערט אַ דייטשקע, אַן אַרכיטעקטס אַ פרוי, די וועלכע האט זיך געראַטעוועט מיט איר צוועלף-יעריק יינגעלע, די וועמעס מאַן ס'האָט איר מיטן יינגעלע געהאָלפן אַריין אין שיפל און נאָכדעם, גלייך אין אירע אויגן, דערטרונקען געוואָרן. געשען איז עס אַזוי: נאָכדעם ווי ער האָט אַוועקגענומען די הענט פון שיפל-ראַנד, כּדי די ליידי לאמבערט זאל זיך קענען אנכאפּן, איז ער אנגעכאפּט געווארן פון אַ צאל ווילד-אויסשטארצנדיקע ארעמס און מיט זיי אינאיינעם, אין אַ קנויל, געווארן אין וואסער אראפּגעצויגן.

ביי דער דאזיקער פרוי וואס איז טיף-באַוווסטלאז געלעגן, און אויסגעזען האט זי ווי אַ מיידל, — ביי איר האט געוואַרט מיס לאַורענצע, אַ ברייט-בייניק און פעסט-געבויטע איידלגעוואַשענע אַנגלאָ-האלענדערין. זי רעדט דייטש קלאר, אָבער מיט עטוואס א דיקער אויסשפּראך:

— מיר האבן דא פּאַאָנען, (דאס איז געווען דאס געראַטעוועטע יינגעלע) מיט זיין מוטער גענומען אויף א זייט. ער איז געזונט און שלאפט איצט אין א טיפן שלאף. מען ווייס

אבער נישט, וואס פון דער ארעמער פרוי וועט ווערן, זי האט מער פון אונדז אַלעמען פאַרלוירן, נעבעך. די דאקטארין זאגט, אז זי וועט זיך נאך אויפכאפן, איך האב אָבער מאטיוון צו צווייפלען אין דעם.

די פרעזידענטין פאראָרדנט דאָס מען זאל ריטאַן דעם יינגעלעס מוטער, אריינטראגן צו איר אין דער הייל.

דאס ווערט גלייך, אויף א זער-איינפאכן אופן אויסגע-פירט דורך דער אַנגלא-האלענדערין. זי רוקט אַרונטער אירע הענט אונטער דער באוווסטלאזער פרוי, הייבט זיך אויף אן מי און גייט פארויס, דעם וועג וואס ס'ווייזט איר רעדבערטע קאלב. מיט א העלדישער לייכטקייט גייט מיס לאָורענצע איבערן זאמד. אויף איר איז גארנישט צו באמערקן א וועלכע-ס'איז אנשטרענגונג.

די שיינע האלענדערין האט מען כסדר געהאַלטן פאַר א פאַרהייראַטע פרוי, ווארום זי האט אַרויפקומענדיק אויפן ראנד פון אינזל געטראגן א קינד פון א יאר אפשר. אבער שפע-טער איז אלעמען באקאנט געווארן, דאס זי האט, נאך אויפן וועג, דאס קינד, א מיידעלע, גענומען צו זיך — ווארום די מוטער איז עס געשטארבן.

ביי דעם שלאפנדיקן יינגעלע, וועמען די מאלערין איז געקומען באזוכן, איז געזיצן מיס וואר, וועלכע איז זיבן יאר געווען א דערציערין. זי האט געהאט געוויינט, דאס האט מען געקענט באמערקן פון איר אנגעזויערט פנים. אויך אירע גלייכע און זיכערע רייד האבן נישט געקענט פארלייקענען די טרערן וועלכע זענען געקומען פון הינטער אן אפגרונדס-טיפער פארביטערונג. ווי א מבול לויפן אירע ענגלישע ווערטער:

—פאַרוואס מוז זי נאך, די דאזיקע נארישע, איינגעבילדעטע חיה, שפרינגען אין דער לעצטער רגע אויפן פלאץ וואס איז געווען אנגעגרייט פאר זיין פאטער? (ווען זי האט געוואלט, האט די סיבה פון דעם דאזיקן אויסברוך, געקענט זיין די ליידי לאמבערט.).

די דאזיקע בהמה — רעדט ווייטער די דערציערין: זי

האט דאך זיכער געמוזט זען גלייך מיט אלע אנדערע, וויפעל ארבעט ס׳האט אוועקגעלייגט דער מיסטער שטראדמאן. ווער פון אונדז וואלט נאך איצט געלעבט, ווען ער וואלט זיך נישט אזוי אנגעשטרענגט צו שאפן פאר אונדז דאס שיפל! האט זי דען נישט געקענט זען, די דאזיקע נישטיקע, די אנגעבלאזענע אידיאטישע גאנז, אז דער מיסטער שטראדמאן, און די שענסטע באמיונגען וועמען צו ראטעווען, איז געפאלן אויפן ראנד פון שיף און, ווען אלע האבן געהאט דעם איינציקן ווונטש אים צו זען שוין אין אונדזער שיפל, פאר דאנקבארקייט, הגם אויך אין דעם גאנץ-גוט פארשטאנענעם אייגענעם נוצן — איז אבער די דאזיקע טאלמילײדי ארייגעשפרינגען צו אונדז. און די דא-זיקע נארישע ליאלקע רויבט אונדז אוועק דעם איינציקן מאן, ברענגט אום דעם שכר פארן מקריב-זיין זיך און, פאר אלעם נאך ברענגט זי אום דעם יינגל דעם פאטער.

אנני פרעכטלען איז דער דאזיקער צארן-אויסברוך גראד געפעלן. איר אליין איז די דאזיקע בערלינערין אויך נישט געווען סימפאטיש. אבער זי האט פארט געזוכט יענע צו בארויקן.

— איר ווייטאג איז דאך גאנץ נאטירלעך, — זאגט זי: מיר וויסן עס דאך פון זען אליין מיט די אויגן; איר דארפט דאך אויך געדענקען אן דעם מענטשלעכן עקזיסטענץ-טרייב, און, דא איז געקומען די רגע ווען דעם אינסטינקט איז איינגעשפארט און יאושדיק.

— אבער, — שרייט יענע ווייטער: האט נישט די פרוי געלאזט איר מאן אויפן בארט פון שיף?

האט ער דען נישט, מיט דער גאנצער העלדישקייט פון אן אמתן ענגלענדער, נישט טוענדיק קיין פינטל מיטן אויג, אראפגעפאכעט נאך מיטן טאשן-טיכל? האט זי דען נישט באַ-דארפט און געמוזט בלייבן מיט אים?

אזוי האט די מיס וואר זיך כסדר געריסן אויפן קול, הגם מיט א נידריקן טאן, ביז — זי האט אויפגעוועקט דאס שלא-פנדיקע יינגעלע. אבער ער האט זיך בלויז אויפגעוואכט אויף

א מינוט: ער נעמט זיך אויסרייבן די צוויי גרויסע בלויע אויגן וואס זענען ארומגענומען מיט ליכטיקע געלאקטע האר, שמייכלט פאַרשלאָפן, אטעמט אויף און ווערט צוריק פארדרימלט.

די זון איז שוין לאַנג געווען אונטערגעגאַנגען ווען די מאלערין מיט אירע העלפערינס זענען צוריקגעקומען אין דער הייל. זיי האבן אוועקגעשטעלט עטלעכע וואכן און ביי דער געלעגנהייט זענען זיי געווויר-געווארן, אז לעבן די עקזאלטירטע, דערשלאגענע און צעבראכענע פרויען, זענען נאך, דאנקען גאט, פאראן א שיינע צאל אונטערנעמיקע יינגע מיידלעך.

נאכאמאל האט זיך די פארב פונם ים און פון דער הייל געביטן, אין א ליכט פון א מאגישע שיינקייט. מען האט נישט געוווסט צי דאס ליכט שטאַמט פון אויבן ווו ס׳איז אפילו נישט געווען קיין איין שטערן אנצוזען, — אדער דאס ליכט איז געקומען פון דער אייגענער ליכט-קראפט וואס די ערד דא האט פארמאגט. די פרויען וואס זענען געלעגן מיט די רוקנס איינער צו דער אנדערער, זיי האבן איצט אנגעהאלטן א שמועס וועגן דעם יינגעלע וואס זיין פאטער איז אומגעקומען און וועגן דעם ביטערן מזל וואס ס׳שטייט אים נאך פאר: דער מוטער צו פארלירן.

דער דאזיקער פאל, — זאגט אנני: און די ביזאיצטיקע וועגדונג וואס ער האט גענומען, גייט מיך זער און זער אן. איך וועל זיך אנשטרענגען מיט מיינע אלע כחות אפצוהיטן דעם מוט וואס איז פאר אונדז זער נויטיק.

— אבער דאס יינגעלע איז זער שיין — זאגט ראדבערטע.

— אין שטראדמאנס שפעטער חתונה איז אלץ שיין, — ענטפערט אויף דעם אַנני: דאס הויזלעכע גליק זייערס מיט די פאַמיליען-זארגן און דאס וואס ארום זיי, — דאס אלץ איז ביי זיי געווען זער הארמאניש. זיי האבן זיך געלעבט ווי די טירקל-טויבן און, זיי זענען דאך נישט געווען

קיין פליסטער; שטראַדמאַן האָט אַלס אַרכיטעקט נישט געהאַט זײַנס גלײַכן. זײַן בוך איבער „גאָטעק", האָבן די פאַך-לײַט גע-שאַצט, לויט זײַן אינהאַלט און פאָרם — פאַר מײַסטערהאַפט. ער איז אויך אַבסאָלוט נישט געווען קיין אײַנזײַטיקער מענטש. אים האָט אײביק באַהערשט אַן אוניווערסאַלער דראַנג צו ביל-דונג. אַט די דאָזיקע שטרעבונג האָט אים געפירט קיין יאַפּאַן ווו ער האָט אויף אַ סך געביטן געזאַמלט מאַטעריאַלן און שטו-דירט. ער האָט געוואָלט פון דאָרטן פאָרן נאָך מעקסיקאַ, כדי אַלײן צו זען די מעקסיקאַנישע אַרכיטעקטור און אויף דעם דאָזיקן געביט צו קענען פאַרפולקומען זײַנע שטודיען. דער דאָזיקער מענטש האָט געהאַט אַן אומגעהויערן אַרבעטס-קראַפט און ענערגיע און, צו דערזעלבער צײַט אַזאַ ווייכע נשמה, אַזוי, אַז זינט זײַן חתונה: פופצן יאָר, איז ער בלויז אײן טאָג נישט געווען מיט זײַן ריטאַ און, זינט פּאַאָן איז געבוירן גע-וואָרן איז ער אַפילו אויף קײן אײן טאָג אויך נישט אַוועק פון דערהײם. אומעטום מוז פּאַאָן און ריטאַ מיט אים מיטגײן. אַזוי זי, זי זעט אויס צו זײַן אַן ענערגישע, נישט סענטימענ-טאַל און אַ זעלבסט-שטענדיקע אַזוי לאַנג, ווי לאַנג מען זעט די צוזאַמען מיט שטראַדמאַנען, אָדער אַזוי לאַנג ווי זי ווייס כאָטש אַז ער געפינט זיך נישט ווייט פון איר. און, אויב זי איז נאָר נישט מיט אים צוזאַמען אַזוי, פּאַקטיש טויג זי שוין צו גאָרנישט.

— אָבער דאָס יינגעלע איז זער שײן! — זאָגט נאָכאַמאָל ראַדבערטע.

ביסלעכווײַז ווערט זער שטיל אויפן ברעג, אַרום די שיף-בראָך-געליטענע. אַלע ווערן איבערגעוועלטיקט פון שלאָף: די אַלטע ווי די יינגע, די פאַרצווייפלטע ווי מוטיקע. אַ סך חלומען פון דעם וואָס איז, פאַקטיש, אויך אויף דער וואָר — די זענען, נעבעך, פון די ווינציק גליקלעכע! אָבער ביי די מערסטע האָט דאָס פיזישע פאַרמאַטערונג, צוליב די איבער-

געלעבטע צרות, דערגרייכט צו א מדרגה פון פאָלקאמענע באַוווסטלאָזיקייט: זיי לײַדן נישט מער, ווײַל זיי זענען מער נישטא! אזוי די מיידלעך, ווי די פרויען, די אַלמנות ווי די יתומים; זיי זענען נישט קיין מענטשן, נאר שיף-בראך געליטענע. און, פאר זיי נישט-באוווסט, נוצלאז, ליגט ארום די טראפישע נאטור. אויפן הימל, נידריק איבערן האריזאנט, שטייט דער קרייץ, העכער א ביסל — דער צענטויר. אנטקייגן צפון שטראַלט הערלעך דער ארקטור. א שטערן-שטויב — מילך-גאסן — מיריאדן וועלטן — — און מיריאדן מיט מיריאדן פון לייכטנדיקע וועלטן פארמאגט אויך דער ים. הין- און צוריק, איבערן ראנד, גייט א ליכט-כוואַליע,— א פונקען-בארג און פארשפרייט אויפן אינזל-ברעג א מאגישע העלקייט.

די שלאָפנדיקע ווייסן פון דעם אלעם גארנישט. דאך: ליגן זיי אין דעם אלעם ווי אין א מאמע-שויס און זייערע אטעם-צוגן מאכן זיי פארבונדן מיט דעם אלעם ארום, ווי מיט איין קאפל-שניר.

באלד אינדערפרי איז די מאלערין אויפגעוועקט געווארן פון א הויכן רוף וואס איז אנגעקומען אין דער הייל אריין. דאס האט מיט מזל צוריקגעקערט דער אויסשפיר-פאטראל.

— אייער פרייד-רוף, — זאגט די פרעזידענטין, איילנדיק זיך איינוויקלענדיק אין א פעלץ און ארויסגייענדיק צו זיי: אייער פרייד-רוף איז פאר אונדזער גאנצן צוקינפטיקן אינזל-שיקזאל, א גוטער סימן. אין אזא פרימארגן, אין אט דעם גלות אונדזערן, וויל איך זיין געוועקט!

אלס אן ענטפער איז אויסגעבראכן א שמחהדיקער פרייד-געשריי.

— קינדער — זאגט ווייטער די פרעזידענטין, ווערנדיק פארגליווערט אזוי ווי ס'וואלט איר עפעס א שרעק דורך די אברים א דורך: איך זענט איצט אזוי איבערמענטשלעך שיין, אז איך קען עס קוים תופס-זיין. ווען איך וואלט געווען אין

דער ציוויליזירטער וועלט, וואלט איך, צוליב אייך, געקענט איצט ווערן אן אמתע מאלערין.

הויך אָטעמדיקע, מיט פרישע און בליצנדיקע אויגן און אין יעדנס באַוועגונג דער גלייכער נצחון, — זענען איצט גע־שטאַנען די העלדישע מיידלעך. אויף יעדערנס אַקסל איז גע־האנגען פון צען ביז צוואַנציק קילאָ גרין־געלע באַנאַנעס.

— דאָס איז פאַר אַן אָנהייב, — זאָגט מיס פעידזש: ס׳איז נאָך פאַראַן גענוג.

און די פריילײין פאָן ווארניקאַ גיט צו:

— פרעזידענטין, די ברויט־פראַגע קען מען שוין באַ־טראַכטן ווי דערליידיקט. מיר וועלן האָבן באַנאַנעס און אַנ־דערע פרוכטן גענוג צום עסן, אפילו ווען מיר וואָלטן געווען נישט בלויז הונדערט פרויען, נאָר הונדערט טויזנט.

די ליבע און שיינע צוואַנציק־יעריקע מוצי סמיט, איז געווען אַ גערטנערין. זי האָט מיט אַ ליארם און מיט אַ קינדער־שער שטאָלץ אָנגעבאָטין דער פרעזידענטין אַ פּאָר גרינע פּירות וואָס זענען ענלעך געווען צו אוגערקעס. זי האָט די דאָזיקע פרוכטן, לויט איר מיינונג, גענומען פון אַ דוריאַן־בוים.

— פאַרזוכט נאָר, פרעזידענטין, איר וועט זיין אין גן־עדן באַלד, גלייב איך.

— ווען איך וואָלט נישט געהאַט אינדערהיים קיין אַלטן טאַטן וואָס קלערט אַזוי וועגן מיר, — זאָגט די פריילײין פאָן ווארניקאַ: אַזוי וואָלט איך, פאַר מיינעטוועגן, גאָרנישט געזאָרגט וואָס כ׳בין געוואָרן אַ שיף־בראָך־געליטענע. ווארום בלויז זעען דעם אינזל, הייסט, כמעט, אַזוי פיל ווי אַרויפציען אויף זיך אַ נייעם מענטש, דאָקעגן יענער, דער פון פריער, ווערט צע־שטויבט, צעריסן, ער ווערט הינקענדיק און אינגאַנצן אָפּגע־רוקט אין אַ זייט; די דאזיקע לאַנדשאַפט דאַרף די מענטשלעכע נשמה בעסער מאכן, ליבעפולער, שלוהדיקער און מער גליקלע־כער. מיר וועלן נישט האָבן מער דער פאַרלאַנג צוריקצוקערן אין דער וועלט — זאָלן זיך דאָרט זיינע דורות ווייטער קומען.

לאלא וועלכע איז, כמעט, ווי באַדעקט געווען מיט באַ־

באַנעסן, זי האַלט אַז די דאָזיקע ווונדערלעכע פּאַלמען אין די טאָלן, מיט די פּיזאַנג-בלומען, ברענגען איר דאָס אַריין אין אַזאַ טרויריקער שטימונג; מען דאַרף געניסן, זאגט זי. יא, מען זעטיקט אַלע חושים מיט די דאזיקע אויסגעזוכטע שיינקייט און אַז מען טראַכט: צי קאן דער אדער די, למשל, די מוטער אויך זיך מיט פרייען, — ווען דאס וואלט מעגלעך געווען, וואלט מען איצט געקענט האבן די אמתע פרייד פון געניסן, איבער אונדזער אַלע באַגריפן! אַזוי אָבער האָט מען און, מען האָט גארנישט! און דאס הארץ ווייס, אז מען האט עפּעס באַנגלעכעס, עפּעס אייגנס פאַר יענער זייט דערגרייכט און, מען קען עס נישט באַגרייפן.

— נו, מיינע דאמען, בעסער וועט זיין: מיינע קינדער! — זאגט די פּרעזידענטין: נו, מיינע שיינע און העלדישע קינדער, איך גראַטולירט אייך. איך גראטולירט אונדז צו אייער דערפאָלג פון דער ערשטער עקספּעדיציע. ס'וועלן נאך זיכער זיין גרעסערע דערפאלגן. איצט קומט מיט מיר טיי טרינקען און איר וועט אנטייל נעמען אין מיין באשיידן אנבייסן.

א קנאַפּער חודש איז אוועק זינט די שיף-געליטענע האבן זיך גליקלעכע באַזעצט אויפן אינזל. אין אט דער צייט האבן זיי כסדר געהאפּט, טאג-טעגלעך, אויף הילף, זענען אבער, צו דער זעלבער צייט, מיט דערפאלג געווען טעטיק א דאנק דער פירונג פון אנני פּרעכטל, וועלכע האט געהאט א שטארקן ווילנס-קראפט און איז געווען פּראַקטיש. אזוי איז פעסטגעשטעלט געווארן, אז דער אינזל האלט נישט מער ווי דריי אדער פיר דייטשע קוואדראט מייל. זי איז בערגיק און צו דער זעלבער צייט, זענען אירע הויכע ערטער און אירע טאלן זער פּרוכטבאַר. דער אינזל איז צעטיילט געווען אין צוויי הויכע שפּיציקע בערג און אויסגעזען ווי א פערדישע פּאדקאווע און האט ארומגערינגלט אַ געוויסן שטח וואסער וואס איז נאר אין מערב פארבונדן געווען מיטן ים; פון איינעם פון די בערגי-

שפּיצן איז געגאַנגען סיי בײטאָג סיי בײנאַכט, אַ דינער רויך.
צוליב דער נאָנטע סיבה איז דער אינזל גערופן געוואָרן: Ile des Dames (1 און דער ברעג צו וועלכן זיי זענען אָנגעקומען: Port des Dames ער איז געווען דער איינציקער פּאָרט וואָס דער אינזל האָט פאַרמאָגט, וואָרום צוליב זײַנע שטײנערנע ברעגעס איז דורך אַן אַנדערן וועג אוממעגלעך געווען צוצוקומען צום אינזל. און איין באַרג האָט מען פּשוט אַ נאָמען געגעבן: Mont des Dames (2 און דעם שטאַרק שטראָמיקן טײַך וועלכער איז געפלאָסן צום ים, בילדנדיק אויפן גרונט אַ גרויסאַרטיקן טאָל — האָט מען אַ נאָמען געגעבן: Fleuredes dames (3.
אויף דעם דאָזיקן טײַכלס ברעג, האָט מען געפונען באַמבוס־שטעקעלעך וועלכע מען האָט פאַרנוצט אויף הײַזלעך, אין פאָרם פון געצעלטן, און צו די געצעלטן זענען פאַרנוצט געוואָרן נישט בלויז די רער־שטעקעלעך, נאָר אויך דער מאָר־ביקער ברעג־שטח פון דעם טײַכל; און ס'איז אויך צונויף־געקומען די שאַטנדיקע קילקייט פון דער טאָל־טיפקייט אין וועלכע ס'האָט נישט דערגרייכט די גליענדיקע מיטאָגס־היץ פון עקוואַטאָר. נו, האָט מען אים, אין אַ שפּאַס גערופן Ville des dames (4 און דעם גאַנצן טאָל — Valee des dames (5.
דער גאַנצער פרויען־אינזל איז פאַרביק געווען פון אַ מאָר־שידנאַרטיק קאָלירטע פויגל־וועלט; אַלע זענען געווען גליקלעך וואָס אויף די וועגן, לענג־אויס און אין דער ברייט ווו מען איז געגאַנגען, האָט מען נישט אָנגעטראָפן אויף קיין קאַניבאַל,

1) דער אינזל פון די פ־ויען.
2) ־ער באַרג פון די פרויען.
3) דער טײַך מון די פרויען.
4) די שטאָט פון ד פרויען.
5) דער טאָל פון די פרויען.

נישט אויף קיין טיגער פאר וועלכן מען האט אזוי מורא געהאט, און נישט אויף קיין אנדערע געפערלעכע חיה.

א חוץ דעם אינערלעכן ים-איינשניט, זענען נאך געווען ארום די ברעגעס אנדערע איינשניטן, וועלכע זענען צו ענג געווען פאר א שיף-פארקער; פון דער זייט פון לאנד האט מען אבער יא געקענט צוקומען. איר וואסער האט, כמעט, אפט געהאט די טיף פון זיבן ביז אכט שפאן און איז געווען אזוי קלאר דאס מען האט אויף דעם שווארצן, ווולקאנישן זאמד, גאנץ לייכט געקענט געפונען לעבעדיקע קאראלען, נישט בלויז טטלעכע, נאר א לעגענדן-ארטיקע פארבנרייכע קאראלן-וועלט, און איבער דעם בלויען האט מען נאך געקענט זען רויטע און געל-געפארבטע פיש, מאראנצן-פארביקע און ראזיקע, לייכט ווי א הויך, מעדוזן ארומשווומען. האט מען דעם דאזיקן שענסטן ים-איינשניט א נאמען געגעבן: 1) Za Rade des Poissons ensorcelès.

די באמבוס-געצעלטן האבן געהאט דריי קאנצענטרירטע קרייזן. די וווינונגען זענען געווען אזוי גרויס, אזוי אז אין איינע האבן געקענט וווינען דריי קאלאניסטן. עטלעכע האבן זיך אפגעזונדערט, אין א זייט אוועק, און האבן פארנומען צו איינצלנע געצעלטן; דאס איז געווען א פריווילעגיע אזא וואס די פרעזידענטין האט זיי געגעבן; דאס האט געהייסן א געוויסע מאס קאמפארט.

די פרעזידענטינס וווינונג איז געווען איינגעטיילט אין צוויי, ווייל זי האט געוואלט האבן אווגוסטען ביי זיך; שלאפן אבער האט זי געמוזט אינם צווייטן „צימער". נעבן דער פרעזידענטין האבן זיך אויך געפינען די מיס פעידזש, ראדבערטע קאלב און די מיס לאורענצע, איר אמתער נאמען איז געווען מיס לאורענצע האבבעמא; ריטא שטראדמאן מיט איר

*) ס'הייסט: דער ווינקל פון די פארכשופטע פיש.

יינגעלע פּאַן און מיס וואַר זענען געווען צוזאַמען און גע־שלאָפן אונטער איין דאַך.

ריטאַן איז אַ ביסל בעסער געוואָרן לײדער אָבער אויף אַזויפיל דאָס אַלע האָבן נאָך געספּקט צי זי וועט נאָך אינ־גאַנצן געזונט ווערן; צומאָרגנס אינדערפרי האָט מען איר אויפגעהויבן פון געלעגער וואָס איז געווען צרהדיק אויסגעבעט, מיט באַביס, און מען האָט איר אַרויסגעטראָגן פאַרן געצעלט ווו זי האָט אַ גאַנצן טאָג פאַרבראַכט, זיצנדיק אויף אַנני פּרעכטלס דעק־שטול אונטער די קאָקאָס־פּאַלמען, אַזוי אַ גאַנצן טאָג אין אַ שטאַרקע אַפּאַטיע. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט אויף אַ קורצע צייט, דאַמאָלס נאָר ווען פּאַאָן איז צוגעקומען צו איר, אדער דאַמאָלס ווען ער האָט זיך, נישט ווייט פאַר איר פּנים, אַרומגעדרייט.

ווי ראַדבערטע האָט געזאָגט, איז דאָס יינגעל פּאַקטיש געווען אַ שיינער. ער איז געווען שיין ווען ער פלעגט שלאָפן אָדער ווען ער פלעגט זיך אויפכאַפּן פון שלאָף; ער איז אָבער נאָך מער שיין געווען ווען ער פלעגט זיך אַ לייכטער און אַן אויפגעלעבטער אַרומדרייען צווישן אַלע; מיס וואַר איז געווען שטרענג מיט אים און האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע אירע כּחות נישט אַרויסצולאָזן די לייצן פון דער האַנט מיט וועלכע זי זאָל קענען קערעווען דאָס איידעלע פערדל וועלכעס ווערט, גאַנץ דרך־הטבעדיק, פון אַלע זייטן צעלאָזט, פון אַלע זייטן צוגעצויגן און צוגעהאַלטן און שטייט אין דער סכּנה צו ווערן פאַרווילדעוועט; און צוליב די דאָזיקע מי איז די ענגלענדערין געוואָרן פאַרמיאוסט, נישט בלויז ביי פּאַאָן און זיין מוטער, נאָר אויך ביי אַ סך אַנדערע באַווינער פון דער קאָלאָניע. און, הגם זי האָט דאָס געוווסט, וואָרום ס׳איז דאָך איר אויסגעקומען צו הערן פאַרשידענע שאַרפע באַמערקונגען

און אין דער דאָזיקער טאָג־טעגלעכער צאַנקעריי, איז מען דאָך איר אַנטקייגן געקומען גאַנץ איינזייטיק, — האָט זי זיך דאָך נישט געלאָזט שטערן אין איר לערע, ווייל זי האָט עס באַטראַכט פאַר אירס אַ הייליקן חוב. אין איר נאַטור איז געליגן די מידה פון אַ שטרענגען לערער, דאָס טריישאַפט און די פעיקייט פון זיך מקריב־זיין — נאָר נישט די מידה פון נאָכגיביקייט. ביי דערביי איז זי שוין געווען מלחמהדיק און אפילו אַן אייביקע קעמפערין.

ריטאַ האָט געוווסט וואָס פאַר אַ גוטסקייט ס׳האָט איר זון ביי די מיס וואַר. זי האָט אויך געוווסט דאָס ר׳איז ביי דער ענגלענדערין אין האַרצן אַזוי אַריינגעוואַקסן, כמעט, ווי ביי איר. און אַז ריטאַ פלעגט, אין אומפאַרמיידלעכע קליינע צאַנקערייען, זיך שטעלן צווישן איר יינגל און זיין דערציערין און אויסמיטלען שטענדיק אויף פאַאַנס זייט, — האָט זיך די מיס וואַר קיינמאָל נישט געפילט געטראָפן פון ריטאַן. אַ חוץ אין אַזעלכע פאַלן איז די פרעזידענטין אַליין אויך געווען פאַר די מיס וואַר, אַזוי אויך ראדבערטע קאלב און מיס לאורענצע.

און דאָס יינגל, פאַאַן, איז טאַקע נישט געווען שטאַרק געצוימט. די מיס וואַר האָט געמוזט די אַרומגעוויקלטע לייצן איבער די הענט, א סך אפוויקלען. האָט זיך טאַקע דאָס פערדל טיילמאָל צעבריקעוועט; דאָס יינגל האָט אויך אנטייל גענומען אין דער איבונג פון דער צוקינפטיגער יאַגד — דאָ האָט דעם צעלאָזענעם יינגל אויך קיינער נישט געקענט שטערן, ווייל ער האָט באַדאַרפט נאָר אונטער דער באַגלייטונג פון דער מיס וואַר אנטייל נעמען אין די קליינע עקספעדיציעס, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין ווייטע צילן. ער האָט אויך אנטייל גענומען אין די מלחמה־איבונגען מיט וואַרף־שטעקנס און באמבוסענע לאַסאָס, וואָס מען האָט אויסגעפּערטיקט. אזעלכע איבונגען זענען צומיינסטנס פאָרגעקומען אונטער די אויפזיכט פון דער פרעזידענטין, אינדערפרי, אדער אין קילן אוונט, אויפן שטח וואס איז געווען אַרומגערינגלט פון די געצעלטן.

דאס יינגל איז נאך נישט געווען געבוג דערוואַקסן אזוי,

דאָס ער זאָל, אין דער פּרימיטיווע קונסט פון יאַגד און מלחמה,
זיך קענען פאַרגלייכן צו דער מיס פּעידזש, אָדער פרייליין
פאָן וואַרינקאָ. ער האָט זיך נאָך ווייניקער געקענט פאַרגלייכן
צו אַ געוויסער אַלמאַ, אַ שלאַנקן און מוסקולערנע געוואַשענע
מולאַטין; ער האָט נאָך גענומען די דאָזיקע שפּיל פאַר אַ ציל-
לאָזע. אָבער ער איז געגאַנגען מיט די זיך איצט שאַפנדיקע
אַמאַזאָנען, מיט אַ ליידנשאַפטלעכן אײַפער און נישט-דערמידער-
טע תשוקה און זייער פאַרויס. אַט דער דאָזיקער לוסט איז
געווען פריי פון דעם מינדעסטן אונטער-טאָן פון עגמת-נפש,
אַזוי אַז אין פאַאָנס באַעגטקייט האָט מען צייטנווייז פאַרגעסן,
אַז מען געפינט זיך פאַרוואָרפן אויף אַן אינזל פון דרום-ים
און מען איז פאַרלאָזן פון דער גאַנצער וועלט. זיין גאַנץ וועזן
איז געווען עפּעס אַ שטיק זיכערקייט. אַזוי לאַנג ווי אים אַליין
האָט נישט געטראָפן קיין שווערע, פיזישע ווייטאָג, ווי למשל, זיצן
הינטער תפיסה-מויערן, אַזוי לאַנג האָט ער נישט געפילט קיין
ערשיטערונג מער ווי אַ קורצן און קליינעם קלאַפּ איבער דער
פּלייצע. אַזוי האָט דער פייערדיקער, אינם רויש פונם לעבן,
גליקלעכער וועזן זיינער, דעם ווייטאָג פונם פאָטערס אומקומען
פאַרשטאַנען אין אַ זיכערקייט וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט
האָפענונג: ער האָט זיך געראַטעוועט, ער האָט זיך אומגע-
בּיטן. ער האָט אויך ערגעסט נישט גענומען דעם געדאַנק וועגן
די מעגלעכקייט פון פאַרלירן דער מוטער; ער האָט אַפילו
פאַרשטאַנען: ס׳איז געשען אַ קאַטאַסטראָפע, אַ שיף איז אונ-
טערגעגאַנגען און אַ סך הונדערטער מענטשן זענען פאַרשוווּנדן
געוואָרן הינטער די כוואַליעס. און דאָך האָט זיין גלויבן פאַר
אַ געוויסן מין נישט-פאַרגענגלעכעס, נישט צושטערבאַרעס פאַר
זיך און זיין מוטערס לעבן — נישט אויפגעטרייסלט אים אַבסאָ-
לוט. און דאָס דאָזיקע נישט-געבראָכענע גליקס-זיכערקייט זיינס
איז געווען פאַר דער גאַנצער קאָלאָניע ווי אַ שטענדיקער פרוי-
שער טרונק און וואָס אַלע האָבן עס טאַקע אַזוי באַגריפן.
אַזאַ טרונק איז טאַקע געווען אָפּט נויטיק, ווארום ווען
מען האָט, מיטן מצב ווי מען האָט זיך געפונען, באַקענט פיל-

וויניק, איז מען ווי עפּעס זיכער געווען דאָס מען וועט פון הונגער שטאַרבן, צי אומקומען דורך די מעסערס פון די מענטשן-פרעסער, אָדער צעריסן ווערן פון די ווילדע חיות, — איז מען דאָך געבליבן אָפּגעריסן פאַר דעם און פון יענעם מיט וועלכן מען האָט ביז איצט געלעבט, אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט, פון דער מענטשהייט אזוי גוט ווי באַגראָבן.

דאָס איל-דע-דאַם איז אָבער נישט געווען קיין בית עולם. דער אינזל האָט אפילו געקענט הייסן א גן-עדן. אָבער אָנגעפּרעכטל אליין, די, וועמעס לעבנס-אויפגאַבע ס׳איז נאָר דערוואַקסן געווען פאַר די דאָזיקע רעשטלעך שיף-געליטענע, — זי אליין האָט זיך צייטנווייז געפילט ווי זי וואָלט באַגראָבן געווען, אויב נישט באַגראָבן, איז כאָטש ווי זי וואָלט אין א תפיסה געזעסן. דעמאָלס האָט דער בלוי-לאַכנדיקער הימל זיך פּלוצים פאַרענדערט אויף א בייז, ציין-קריצנדיק פּנים, אָדער האָט אויסגעזען ווי דער פאַרשטיינערטער און אומבארחמנותדיקער קופּאָל וואָס ליגט איבער א תפיסה; דאָס געשריי פון די פּאַפּוגעס איז דעמאָלס ענלעך געוואָרן צו א שפּאָטנדיקן ליאַרם פון בייזע שדים; דאָס פייערדיקייט פון די קליינע וואַסערלעך, זייער קלאָרקייט האָט מען פאַרנימען דעם קוואַל פון יסורים; דאָס שענסטע איז דעמאָלס געוואָרן א ליגן; דער פאַרשידנפאַרביקער, ווייטיקפולער פּאַטאַרמאַרגאַנאַ — א פיבער-חלום.

נאָר, ווען די מאַלערין האָט יאָ געוווסט ווי צו באַגיין זיך אין אַזעלכע קראַמפּהאַפטע אַנפאַלן, זענען אָבער אַנדערע, נישט אַזעלכע מוטיקע נאַטורן, אַפט אַריינגעפאַלן אין א צושטאַנד פון יאוש. עס זענען געווען טעג ווען געוויינען און קווייטשן, הילפס-רופן און רעטונגס-געשרייען זענען געווען אַן עפּידעמיע, וואָס האָט נאָר געקענט מיט א סך מי און מיט א סך געדולד איינגעלאָשן ווערן דורך דער פּרעזידענטין און די אַנפירערינס. אָבער די וואָך וועלכע איז אַלע צוויי שעה געטוישט געוואָרן און איז פון אוונט ביז צומאָרגנס אַרומגעגאַנ-

גען ארום דעם לאגער — זי האט געהערט א סך געבעטן, געוויין און קלאָג הינטער די געצעלטן־ווענטלעך. און אַזוי האט נאַכט פאַר נאַכט אָפּגעקלינגען אין אירע אויערן די טענער פון גריזשעניש, פון היים־בענקעניש, פון אָפּגעשייד־זיין, פון עלנטקייט און דער גאַנצער יאָמער פונם דאָזיקן גלות.

די פרעזידענטין האָט גלייך אינדערפרי דערקענט אויב די פאַרגאַנגענע נאַכט איז געווען, אין דער דאָזיקער באַציונג, אַ גוטע צי נישט: זענען געווען פאַרזויערטע פּנימער און רויטע אויגן, מידע און פאַרשלאָפענע געזיכטס־שטריכן — האָט עס איר שאַרפער מאַלערישער בליק באַמערקט, איז זי גרייט געווען צו מונטערן און אָפּט אין אַ לאַנגע רעדע זיי געהייסן אויסדויערן, זיי געהייסן האָפן אויף אַ מעגלעכקייט פון באַפרייונג. זי האָט זיי אויך דערציילט פון אַ צוגעגרייטן טאָג־פּלאַן וואָס זאל האָבן אַ קייגן־ווירקונג אויף די דאגות, אויפן טייוולאָנישן לאַנגווייל און פוסט־און־פּאַסט ארומגיין.

דאָס מיטל צו דעם איז שוין לאַנג אַרומגערעדט געוואָרן אינם ענגן קרייז פון דער פרעזידענטין. עס זענען געווען אַזעלכע וועלכע האָבן דאָס דאָזיקע נודנעקייט באַהאַנדלט פּראָפילאַקטיש. אַנדערע ווידער האָבן עס באַהאַנדלט סימפּטאָמאַטיש. צו דעם פּראָפילאַקטישן האָט געקערט דאָס אפזאגן זיך פון קאַלענדאַר — דער זונטאג זאָל געהאַלטן ווערן. אונטער נישט־געפייערטע ימים־טובים איז געשטאַנען אויפן ערשטן פּלאַץ דער געבוירנס־טאָג פון דער פרעזידענטין. פון די איבריקע געבורטס־טעג, וועלכע מען האָט געוואָלט אָן אויסנאַם פייערן, איז געווען דער געבוירנס־טאָג פון פאַאָנען, וועמען מען האָט אין אַן אויפגעלעבטער דערוואַרטונג, שטענדיק אויסגעקוקט.

מען האָט אויפגעשטעלט אַ קירכע־געצעלט און אַ לעזע־געצעלט, וועלכע מען האט איצט באַדאַרפט איינאָרדענען; א ביסל האט געראַטעוועט די מיס לאורענצע, וועלכע איז געווען אַ פרוי פון אַן ערנסטן שטייגער, און איז געווען טיף אַריינגעדרינגען אין רעליגיעזע פראגן און געהאַט אַ באַגריף פון דער בראמאנישע און בודיסטישע לערען אין איר געזונטן

קאפ וועלכער איז געווען מיט גלייכע און שווארצע האר ארומ־גענומען — איר האט מען דאז געמאכט פאר דער וועסטאלן פון דעם טעמפל. און דער דאזיקער קירכע האט מען א נאמען געגעבן: Notre=dam des dames, ווייל די דאזיקע געמיינדע פון בלויז פרויען, האט זיך געפילט מער בארעכטיקט צו געבן די אויבערהאנט דער ווייבלעכער פערזאניפיצירונג פונם געט־לעכן, איידער דער מענערלעכער.

די מיטלען וועלכע זענען געווען אויף צו באקעמפן די נישט־פארויסגעזעענע קראנקהאפטע אומעט־אויסברוכן, פון זיי האט מען א סך צוריקגעצויגן, צוליב דעם וואס דער פרעזידענטין איז פלוצים איינגעפאלן א נייער אויפטו, וועלכער איז נישט אריינגעגאנגען אין דער פריער־צוזאמענגעשטעלטער ליסטע פון פארוויילונגען.

דער איינפאל איז באשטאנען אין דעם וואס מען זאל איינארדענען א סצענע ווו יעדע פון די פרויען וואס באזיצט א קונסט, אדער אזוי עפעס א פעיקייט, זאל זיך באווייזן. די שיינע ראזיטא איז געווען א שטריק־טענצערין, האט זי טאקע געטאנצט אויף א שטריק, די מיס לאורענצע האט געזונגען און די פריילן גערטע בערגמאן די וויאלין־שפילערין וואס האט געראטעוועט איר איטאליענישן פידל — זי האט געגעבן קאנצערט, און אזוי אויך די אנדערע.

דאס נאטירלעכע אדער אויטאמאטישע קלאג־געמורמל, האט געזאלט באקעמפט ווערן מיט געצוווּנגענער ארבעט: מען האט געבייט צום עסן, טרינקען, מען האט געבייט צו לעבן און געזונט צו זיין און יעדענס עקזיסטענץ ווי־ווייט־מעגלעך צו פארבעסערן. קיין צייטונג איז נישט געווען, דערפאר האט אבער יעדער טאג געהאט זיין הויך־פונקט וועלכן מען האט אויסגעקוקט מיט גרויס שפאנונג: דאס איז געווען די בין־השמשות־שעה ווען די צען ברעג־ועכטער זענען אהיימגעקומען און מיטגעבראכט די נייסטע ידיעות פונם אינזל־ראנד. און

יעדן טאג האט מען געהאט די זעלבע האפענונגען צו דערזע א שיף וואס זאל זיי ראטעווען.

דאס באד אין Flour des dames איז געווען א מין תשוקה וואס האט זיך יעדן אינדערפרי, פון זיך אליין אנגע-באטן. מען האט אבער זער אפט גענאסן פון איר אויך בייטאג. גרופן-ווייז איז מען געגאנגען צו דעם דאזיקן פרישן וואסער וואס איז געפלאסן פאר דעם ים-ארײַנשניט, וועמעס טעמפּע-ראטור ס'איז געווען אן איינשלעפעריקע. יעדע אנפירערין פון „צען" האט געהאט איר באזונדערן פלאץ אויף צו באדן זיך. הימלישע שיינקייטן זענען ביי דעם דאזיקן געדרייטן ים-ברעג, צווישן די לאנקעס מיט פיזאנג-בלומען און אקאציען-ארטיקע מימאזן, נישט שווער געווען צו געפינען. און ווירקלעך: ס'וואלט דער קולטור-מענטש, קוקנדיק אזוי אומגעפער אין „פרויען-טאל", געקענט גלייבן אז ער האט דאס גן-עדן פאר די אויגן.

אין אט דער דאזיקער צייט הילכט אפּ דער גאנצער טאל מיט אן אויסגעלאסענער לוסטיקייט.

ווען ס'וואלט אויף דער דאזיקער קאלאניע נישט געליגן יענער אויסערגעווײנלעכער שווערער דרוק! — דער דאזיקער עכאָ פון די אלע התלהבותדיקע שמחות, דאס געלעכטער און דאס שרייען פון התפעלות, די אלע טויזנטפאכע קלאנגען וועל-כע זענען דערהויבן געווארן ביז צו א געבענטשטער פרייד — דאס אלץ האט פארבלאנדזשעט ביז צו די שטיינערנע פעלזן פון די טאל-ווענט; פאר דעם אויג זענען געשטאנען בילדער פון זעלטענעם חן. דער גרויסער סטיל פון א גאספאר פוזן, אדער א קלאָד לאָרען, האט אויסגעזען ווי אויפגעלעבט צו זיין אין דער דאזיקער טראפישער וועלט. די לאנדשאפט וואס איז געווען אזוי ריזיק און צו דער זעלבער צייט ליבלעך, האט ביז ז'ער פולער רעכט געקענט אנגערופן ווערן, דער „גארטן פון די געטער", און די באדנדיקע פרויען האבן געקענט זיין

די העספערישע נימפן 1), וועלכע באוואכן דעם לעבנס-בוים, — העראס 2) גאלדענעם געשאנק פאר דער ערד.

נישט דער מער מאדערנער מאלערין איז עס איינגע-פאלן דעם דאזיקן פארגלייך מיטן גריכישן מיטאס, נאר דער מיס לאורענצע האבעמאן גאר. איר פאטער האט געמאלן בילדער מיט א סך ליכט-פארבן. איר פאטער איז נישט געווען דער אלטער, נאר דער מאדערנער האבעמא וועלכער האט נאר געהייסן אזוי ווי יענער. ער האט געמאלן ווייס-געקליידעטע און לייכט-געקליידעטע גריכנס, דעם ליכטיקן הימל, די לויכ-טנדיקע לופט און דעם קלארן מארמאר גריכנלאנדס; אין לאנ-דאן האט ער געוווינט ווי א מאלער-פירשט און דערגרייכט צו דער מדרגה וואס זיינע בילדער האבן זיך אין דער גאנצער וועלט געצאלט אין שווערן גאלד; זיין טאכטער איז אויך נישט געווען אזוי שאטנלאז. זי האט געהאט אין איר געמיט טיפערע טיפן און העכערע הייכן. דאס הייסט: טיפן שאטן, ליכטיקע הויכן. און כאטש זי האט נישט געמאלט, נאר געפרוווט בלויז איר טאלאנט און עטלעכע פאעטישע שאפונגען — איז זי דאך געווען א פרוי מיט א טיף שיינע מענטשלעכקייט. די רייפ-קייט וועלכע ס'האט געוויזן איר זיבנאונצוואנציק יעריקע קער-פער, די רייפקייט האט געהאט איר ערנסטקייט און נשמהדיקע פרומקייט, אבער, דער גוף ווי די נשמה באהאלטן אלעמאל דאס געזוכטע.

---

1) לויט דער גריכישער מיטאלאגיע האט זיך, נישט ווייט ביי די גרע-נעצן פון דער גאכט, געפונען א גארטן מיט גאלדענע עפל. א חוץ דער דראכע, האבן נאך דעם גארטן באוואכט זיינע דריי „שוועסטער"—טעכטער פון דער נאכט. זיי זענען געווען אין געשטאלט פון נימפן און מען האט זיי גערופן העספערידן.

2) הערא די—די געטין פון פרימארגן־דעמערונג.

פשוט אַ גליק, אַ הימלישע מתנה איז געווען די קליינע יתומה אויף אירע הענט, די יתומה וועלכע מען האט ביי דער טויפונג אַ נאָמען געגעבן דאַגמאַר. מיס לאורענצע האָט געזאָגט, אַז זי באַטראַכט דאָס דאָזיקע מיידעלע אַלס אַ הימליש געשאַנק, אַ הימלישע טאָכטער פון גאָט און, זי האָט עס אַ נאָמען געגעבן אנשטאט דאגאמאר דיאָדאַטאַ.

דאָס אַדאָפּטירן דאָס קינד, דער מוט פון חוב און פאַראַנטוואָרטליכקייט וואָס אַזאַ זאַך האָט געקענט האָבן, — דאָס אַליין האָט שוין באַוויזן אין וואָס פאַר אַ גייסטיקן מצב ס׳איז געווען די דאָזיקע דאַמע, וועלכע האָט, איבריקנס, אין דער גאַנצער קאַטאַסטראָפע געהאַט גענוג עדות-זאָגן אַקייגן זיך פון חכמה, פאָרזיכטיקייט, פורכטלאָזיקייט און אויפאָפּערונגס-פעיקייט.

זינט דאַמאָלס ווען ריטאַ, פאַאָנס מוטער, איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אויף די אָרעמס אין דער הייל פון דער מאַלערין, איז זי, די פרעזידענטין כסדר געווען פאַרטון מיט זיי. אין אירע פאַרדינסטן האָט אפילו די מיס וואַר געמוזט, אָן אייפערזיכט, מודה זיין. אַ חוץ איין קליינע מיינונגס-פאַרשידנהייט וואס איז געווען צוליב פאַאָנען, איז די פארהעלטעניש צווישן די צוויי דאַמען געווען אַ גוטע. דער סיכסוך דאַמאָלס איז אַנטשטאַנען צוליב דער פראַגע: אויב פאַאָן זאָל זיך באָדן מיט אַלע צוזאַמען.

— ניין! ער טאָר זיך בשום אופן ניט באַטייליקן אינם אַלגעמיינעם באָדן זיך! — זאָגט זי און דאָס זאָגט זי בלויז דערפאַר וואָס זי קען נישט זיין נאָכגיביק. לאורענצע זאגט אבער:

— מיס וואַר, איר קענט מיט דעם דערגרייכן דאס פונקט קאַפּוירע וואס איר ווילט. ווארום ראשית, זעט דאס יינגל אינם אַלגעמיינעם באדן זיך, עפּעס אַ גרויסן יום-טוב. לאזט מען אים נישט צו, פילט ער זיך ווי מיט אַ נישט-פאַרדינטן ווייטאג און

פארדראס — דער איינאונאיינציקער וואס מוז זיין אַן אַרויסגע־וואָרפענער. שוין דערפאַר אַליין וועט ער אייך ווידערשפעניקן, ווי ס׳איז שוין נישט איינמאל געווען און ס׳וועלן פארקומען אַזעלכע סצענעס, ווי איצט נישט לאַנג: דאס גאנצע באַדנדיקע ווייבער-פאלק וועט זיך צושאַרן אים צו פאַרטיידיקן אַנטקעגן אייך; אַזוי לאנג ווי איר וועט וועלן אַדורכפירן אייער ווילן — און פאַאַן, ווי מיר ווייסן, איז דאך א לעבעדיקער יינג — וועט ער מוזן ארויס מיט דעם „פארוואס״? איך וועל זאגן, אז ער איז שוין טאקע ארויס. ער פרעגט מיך: לאורענצע, האב איך עפעס געטון וועלכעס שלעכטס? צי טאר איך פאר עפעס אַ שטראָף נישט זיין דערביי, ווען מען באדט זיך? פארוואס זאל איך מוזן ווי א זינדיקער זיך באדן נאר אונטער דער אויפ־זיכט פון דער מיס וואַר? פארוואס?..

— דערפאר!

— דאך פארוואס?!

— דערפאר! — פלעג איך אים ענטפערן, — זאגט די מיס וואר. פארוואס? — דערפאר! און דאס פירט צו מיין ציל.

— איר האט א טעות! — גיט איר צוריק לאורענצע, און זי רעדט ווייטער: איך חדוש זיך, ביז צו וואס פאר א מדרגה, מער-ווייניק רייפן אַרט דענקען, דער פאאן איז שוין איצט פעיק. איך גלויב אז ער האלט שוין דאס און יענץ פארבארגן אין זיך. גלויבט מיר, ער וועט שוין נישט מער קענען רוען ביז דער ריינער אמת וועט אים נישט קלאר ווערן, און דאמאלס וועט פון אים אוועגערויבט ווערן דאס פשטות — מען קען רויק זאגן: די אומשולד, דאס דאזיקע וואס האט באדארפט ביי אים בלייבן.

— אלץ איינס! — ענטפערט ווידער די מיס וואר: איך האב שוין דאמאלס, אויף יעדנפאל, מיין חוב אפגעטון.

— זי איז אן אייזל, אדער א באָק, — האט זיך אפגערופן די פרעזידענטין מיט איר אייגנארטיק, קורצן און טרוקענעם געלעכטערל, נאכדעם ווי זי האט זיך, גאנץ אן שום נוצן, קרוביש אנגענומען פאר פאאנען. די דאזיקע קלוגע און דער־

פארענע דאמע האט גארנישט געהאט קיגן ווע"כעס ס'איז מאראל, אויף אזויפיל, פארשטייט זיך אויף וויפיל די מאראל האט דאס רעכט פון די חושים נישט באצווינגען. נאך ווייניקער איז זי געווען קיגן די נאטירלעכע רעליגיעזע אמונה, אויף וויפיל דאס דאזיקע האט נישט געשטרעבט צו פארמישן זיך מיט די מאראל; זי אליין איז געווען אונטערגעווארפן, קען מען זאגן, אונטער אן אי־בערקאנפעסיאנעלע רעליגיע: זי האט קיינמאל נישט איר ריינ־קייט אויפגעדעקט מיט דער ווולגארע חתונה וואס קניפט זיך מיט א מאראל־סיסטעם; אט דער שטאנדפונקט וואס האט זיך דא באוויזן, איז באזונדערס ווערט געווען צו באמערקן, ווייל ער איז ארויסגעזאגט געווארן פון אן אלט מיידל.

די מאלערין איז אפשר געווען צום בעסטן געליבט פון ריטאן, אבער נאכמער פון פאאנען וועלכער פלעגט ביי יעדער געלעגנהייט לויפן צו איר און שעהן־לאנג אפזיצן אין איר גע־זעלשאפט און פארברענגען. זי האט אים געהאט גאנץ גערן: זי האט ליב געהאט זיין כסדרדיק באשעפטיקטן און שנעלן געדאנק, זיין געטלעכע זיכערקייט און זיין שטענדיקן קאמפס־גרייטקייט. זי אליין האט געהאט א בייגונג צו א גייסטיקע כעסקייט, וועלכער האט איר, אין אלגעמיין, מער געמאכט פאר א מאוימדיקע ווי פאר א ליבעספולע. איר כבוד האט קיינער נישט אנגערירט, ווייל ווי אזוי זי זאל נישט האנדלען אין די פריוואטע באציונגען — דערפאר אין די אפיציעלע, האט זי שוין אפגעהיטן און זיך א געוויסע עקשנותדיקע גערעכטיקייט, אזוי אז פאר איר אומדערמידלעכע ארבעט פאר דעם וואויל פון דער קאלאניע, האט זי געווירקט, אז מען זאל נישט קענען טראכטן פון קיין בעסערן און באקוועמערן „אויבער".

די צייט, אדער ווי די פילאזאפן זאגן: דאס פליסנדיקע וואס די צייט פארמאגט אין זיך — זי איז נישט געבליבן שטיל. אזוי איז עס אויך געווען אויף דער „lle des Dames", די אומעטום, דער צווייטער חודש האט איבערגעיאגט דעם

ערשטן, דער פערטער דעם דריטן ביז ס׳איז געקומען דער סוף פון זעקסטן חודש.

דא איז געקומען דער טאג פון פאאנס מוטער האט געהאלטן, ווי די מיס לאורענצע האט געזאגט — ביים אויסגיין.

זי האט די לעצטע חדשים פארברענגט אין א מצב פון אונטערגאנג — נישט געאכט פון קיינעם — בלויז איבערגעוועקט אמאל פון די אדורכגייענדיקע שטראלן פון דער זון — בלויז אויפגעוועקט פון פאאנס נאנטקייט, פון זיין קול און פון זיינע קושן וועלכע האבן טונקל אויפגעלעבט אין איר געפיל. נאר ווען דער סוף האט זיך דערנענטערט, האט זי באקומען א וווּנ־דערלעכע לעבהאפטיקייט אין זיך, וועלכע איז פון נישט־דערפא־רענע פארשטאנען געווארן, אז איר פארבעסערט זיך. ס׳האט זיך געדאכט אין איר אויפגעלעבט צו זיין דער ווילן צו לעבן, דער אנטייל צו די ארומיקע און צו די האפענונג.

די דאקטארין עגלי, די פרעזידענטין, מיס לאורענצע און די מיס וואָר האבן כסדר גערעדט וועגן די בולטע ווענדונג אין איר לעבן און דער באדייטונג וואס זעט נישט אויס צום גוטן. נאר באזונדער האט עס ווי׳ געטון דער מיס וואר; זי איז כמעט שעהן אין טרערן ארומגעשוומען.

ריטאַ האט פלוצים געגומען דערקלערן מיט אן אומדער־ציילעכער רירנדיקייט און מיט א פריילעך נצחונדיק געלעכטערל, אז זי ווייס וואס פאר א ווונדערלעכן טו׳יש איר שטייט איצט פאר. אבער דאס מוז אזוי געשען: מען קען קייגן גאטס מעשים גארנישט זאגן. איבער דער ווייטאג פון אפשיידן זיך, שטייט הויך די פרייד פונם ווידערזען זיך.

— ווען איך וואלט דאמאלס געקענט פילן דאס גליק ווי איצט — זאגט זי — ווען איך האב זיך נישט געקענט צוגלויבן אז איראַזמוס, (אזוי האט איר מאן געהייסן אויפן פארנאמען) וועט פאר מיינע אויגן דערטרונקען ווערן. איך בין דאך געווען זיכער, אז דער מלאך הגואל זיינער וועט אים ראטעווען. דער מלאך איז דאך נישט געווען בלויז אין זיין ארבעטס צימער, נאר אויך ווען מיר זענען ארומגעפארן: אין האטעל, ביי דער

בײ דער קאַפּעלע, אין דער ריגי, אין צימער, Table d'hote [1] אויפן קבר פון הײליקן פראַנץ, אין דער לאָרענץ-קירכע און בײם סעבאַלדוס-קבר — אומעטום איז ער דאָך געװען מיט איִם, נאָר גראָד דאַמאָלס װען ער האָט אים באַדאַרפט אַריבער-טראָגן פון ים אונטער די הױכע בײמער פונם אױסגעלײזטן אינזל — דאַמאָלס האָב איך אים נישט געזען; איך זע דיך נישט, זיסער און הימלישער מלאך און — איצט שװעבסטו שױן װידער אַרום אױף דײנע גאָלדענע פליגל, צװישן מיר און איִם; דו װערסט נישט קלענער װען דו ביסט װײט פון מיר און, װערסט נישט גרעסער װען דו ביסט אין מײן נאָנט, װען איך זע דיך רעדן מיט עראַזמוסן פאַרן פּורפּיר-געצעלט, דאָרט אױבן אױפן פעלזיקן טעראַסע-בערגל.

אָט, אױף אַזאַ שטײגער האָט זי כּסדר גערעדט פון אירע דמיונות; ס'האָט איר אױסגעזען װי זי װאָלט געשװוּמען איבער אַ ברײטן און שנעל-פליסנדיקן טײך, װעלנדיק בלאָכסון אַריבער-שװימען און, פון שטראָם געטריבן, איז זי פאַרזונקען און גע-װאָרן באַװוּסטלאָז — זי איז אָבער, ענדלעך, אױפן צװײטן ברעג אַריבערגעשװוּמען, דאָ האָט זי װידער זיך אױפגעכאַפּט מיטן געדעכעניש צו האָבן דערגרײכט אַ נײעם, העכערן עקזיסטענץ.

— מיט דײן מוטער האָלט עס זײער שלעכט — האָט מיר װאָר געזאָגט צו פֿאַנען. אָבער פאַאַן האָט זיך קײגנגעשטעלט, נישט װעלנדיק גלײבן. ער האָט געקערט צו די דאָזיקע, װעלכע זענען אין דער איבערלעבונג פון עפּעס געפּערלעכעס, דער אָנ-הײב פון דער הילף; ער האָט אין די לעצטע יאָרן געלעבט מיט זײן מוטער מער נאָך װי אַ ברודער מיט אַן עלטערער שװעסטער. זי איז מיט אים גאַנץ גערן אַרײנגעדרונגען אין דער פאַנטאַסטישער װעלט פון זײנע ליבלינגס-ביכער. נישט נאָר אין קופּער, אָדער ראָבינזאָן, נאָר אױך אפילו דאַנטע און אַריאָסט — ביכער װעלכע ער האָט אין דער איטאַליענישע

---

[1] די ליסטע פון די האָטעל-געסט.

שפּראַך הייס פאַרשלונגען. צוליב דעם דאָזיקן גרונט און אויך אַנדערע סיבות, האָט אונטער זיין פירונג אויסגעבילדעט זיך אַ פאַטאַמאָרגאַנאַ-וועלט צווישן אים און זיין שוועסטערלעכע מוטער, און צוליב דעם האָט זי אירע אונטערהאַלטונגס-שמועסן מיט פרעמדע געהאַלטן אין אַ אומפאַרשטענדלעכן רעדנס-אַרט. איצט ווען די שטאַרבנדיקע מוטער איז אַריינגעפאַלן אין אַ חלום-וואַכן צושטאַנד, האָבן אים די פאַרפלאָנטערטע אויס-ברוכן פון איר נשמה, אויסגעוויזן די זעלבע, אַלט-באַקאַנטע סיטואַציעס מיט וועלכע ער איז געווען אַדורכגענומען; דער-פאַר זענען אים אַזוי ענלעך געווען די מוטערלעכע, טויט-נאָנטע, מיסטישע טרוימען פון געמיטס-צושטאַנד אין וועלכן ער איז שטענדיק געווען און מען האָט זיי געקענט באַצייכענען פאַר אַ געזונטע, אמת לעבנס-נאָנטע אייפאָריע. צוליב די דאָזי-קע סיבות האָבן זיך אים גלייך אויפגעפלאָנטערט די פאַר-פלאָנטערטע אויסברוכן אירע. איר גליק-זעליקייט האָט זיך אָנגעשלאָגן אין זיינער — זיין בלוט מיט זיין ליבע האָט זיך באַהאָפטן מיט דער קראַנקערס און ער האָט דערפאַר גאָרנישט נעיוואָלט וויסן פון איר מעגלעך-באַלדיקן טויט.

— מלאך זיסער, נעם מיך אָן ביי דער האַנד!

ווען ריטאַ האָט די דאָזיקע ווערטער אַרויסגערעדט צו פאַאָנען און ער האָט איר האַנט אָנגעכאַפּט — דאַמאָלס איז אָנ-געקומען די לעצטע מינוט פון איר דאָזיין.

— מלאך זיסער, האַלט מיך.

פאַאָן האָט אַנידערגעקניט און איר אַרומגענומען מיט זיינע הענט, כדי זי זאָל זיך קענען אויפזעצן. דאָס, אַזוי האָט ער געמיינט, פאַרלאַנגט זי. און פאַקטיש: זי בויגט איר קאָפּ אויף פאָרנט און צו דערזעלבער צייט נעמען פלאַטערן אירע האָר אויף פאָרנט. דאָס יינגל הייבט אויף זיין קאָפּ און אויף אים נעמט פאַמעלעך אַראָפּזינקען איר קאָפּ.

זי הויכט ארויס:

— מיין ליבלינג! מיין זיסער מלאך.

אין פאַאָנס אָרעמס וואַקסט אַ משא.

— טראג מיך, גאָלדענער געניוס...

דאָ איז עס געשען וואָס פאַאָן וואָלט אַ באַרג צעשפּליטערט אויף שטיקלעך; א שנארכן האט אָפּגעקלינגען אין זיינע אויערן, ווי עמעץ וואָלט געוואָלט מיט דעם ריח פון זיינע האר זיך אָנטרונקען; דאָ האָט מען אים די לאַסט פון זיינע ארעמס, פון זיין פנים, פון זיינע אַקסלען און ברוסט אַראָפּגענומען.

און פאַאָן איז אויפגעשטאַנען. מען האָט געזען ווי ער איז ווייס געוואָרן ביז אונטער די פינגער-נעגל. דאָ האָט אים פלוצים דאס בלוט אַ שאס געטון אין קאפּ און איידער ס׳האט באַן עמעץ געדאַכט וועגן עפּעס — איז ער פארשוואונדן געוואָרן.

די דאזיקע געשיכטע: ריטא שטראדמאנס טויט, האט געברענגט אויפן איל-דע-דאַם אַן עפּאכע פון טיפע נידערגעשלאגנקייט; ביי דער קבורה איז אויסגעבראכן אַ גאנצע בהלה פון יאמער, ביי וועלכן די אייראפּעערינס האבן זיך געשלאגן אין די ברוסטן און געמאַכט יללות ווי קלאג-מוטערס. ביי דער פּרעזידענטין האט עס געהייסן: מאַסן-היסטעריע און פון דעם דאזיקן אייגנשאַפטס-ווארט האט זי זיך מיט עקל אפּגעקערט און עס פארלייקנט. אין יעדנפאַל איז אבער נויטיק געווען, אז מען זאל איר בייקומען, ווארום די מאַסע אין אַזאַ נישט-האַלטעוודיקן מצב, קען זיך בשום-אופן נישט בארויקן מיט פּאַרלייקענונג. מיט א סך מי האט מען קוים געקענט עטלעכע פרויען אפּהאלטן פון זעלבסט-מארד. אנדערע זענען געווארן שוואַרץ אין פּנים און האבן זיך קראמפּהאפט געריסן דאס גרגרת, אזוי אז פון דערווייטנס איז געווען שרעקלעך צוצוהערן — אַזוי לאנג ביז די פארב איז זיי געקומען צוריק אין פּנים, האבן זיי גענומען איצט וויינען און צום סוף איינגעשלאפן געווארן, אדער זענען געבליבן זיצן פאַרשטייפט, קוקנדיק פאַר זיך מיט שטארע בליקן. א טרויערנדיקע דאַמע, וועלכע האט אויפן קבר אומאויפהערלעך געוויינט און געשלוכצט, האט מיט אַ מאל אויסגעבראכן אין אַ שטילן לאַכן וועלכעס איז געווארן כסדר העכער

און העכער און אנגעשטעקט די אַלע אַנדערע וועלכע האבן זיך געפינען ארום. און איידער מען האט נאך געקענט עפּעס טון מיט דעם וואס מען זאל די היסטערישע אפזונדערן און דער־ווייטערן, — איז עס דערגאנגען, כמעט, צו אַן אַלגעמיינעם מאוידיקן לאַך־און שריי־קראמף.

— אזוי וועלן מיר אַלע פאַרלאזן און איינזאם אוועק־שטאַרבן ווי דו, און וועלן מער דער וועלט נישט אנקוקן!

דאס זענען געווען די געדאנקען און דאס איז געווען דער געשריי וועלכער האט אַלעמען פון זינען אַראפּגעבראַכט. אויך האבן זיי געזאגט, צום באַגריינדן דעם זעלבסט־מארד:

— טויטע, דיר גייט עם בעסער, ווי אונדז, ווארום מיר זענען לעבעדיק באגראבן!

אויף אַ גליקלעכן אַרט האט מען פאַאנען זיין אייגענעם באַשלוס: די מוטערס קבורה נישט בייצוווינען — נישט גע־שטערט; שוין פון אַ לענגערע צייט צוריק, האט זיך דאס יינגל אויפגעשטעלט אַ באמבוס־היטע, אין דער זייט פון איל־דע־דאַם, אַ ביסל העכער, ביים פּלעור־דע־דאַם. דאַמאלס ווען ער איז אין שרעק פאר דער מוטערס טויט אנטקומען, האט מען אים דארט געזוכט, נאר נישט געפונען. דאגעגן האט מען אים גאר געפונען אין אַן אנדער געצעלט, וואס איז אויך געליגן אין אַ זייט, וואס די מיס לאורענציע האבבעמא האט זיך אויפגעשטעלט — דארט איז ער געווען און געשפּילט זיך מיט דער קליינער דאַגמאַר־דיאָדאַטאַ.

עטוואס מער פון פערצן טעג נאָך דער דאזיקער גע־שעעניש, איז געפייערט געווארן דאס אויפשטעלן פונם נייעם פאַרזאמלונגס־הויז, וועמעס גרונד און בילד ס׳האט געשטאמט פון טאָרגערד גרים וועלכע האט באזיצן פון דער קונסט־און האַנדלס־שולע אַ פאר פערטיקע זאכן און ארכיטעקטאנישן צייכענונג.

דער דאזיקער פּאַווילאָן וועלכער איז אויסגעפירט געווארן אונטער דער לייטונג פון דער מאַלערין, — איז גארנישט שלעכט

ארויסגעקומען, ווארום א מאדעל האט מען גענומען און אנ־זיערן — דער מאלער־פירשט, דער מיס האבעמאס פאטערס פא־ווילאן וואס איז געשטאנען אין זיין גארטן אין לאנדאן און זיין פאטאגראפיע האט די מיס גראד געהאט מיט זיך.

אויסצונוצן די קאקאס־פאלמען אלס קולטור־פלאנץ, האט מען געוווסט א דאנק מוצי שמידט — דער גערטנערין; אויך האט דא ארויסגעהאלפן אלעמענס זכרונות פון דער שול־צייט. און אז מען האט אנטדעקט אז זי וואקסט דא און דארט אויפן אינזל, האט מען נישט בלויז געטרונקען די מילך פון דעם דאזיקן דרייקאנטיקן און מענטשן־קאפ גרויסן קאקאס־נוס, — נאר מען האט זיך געגריבלט אין דעם ווי־אזוי אויסצוגעפונען אלע אנדערע אייגנשאפטן אויף וואס דער בוים איז פעיק. מען האט אויסגעפונען די גומע, דעם פאלמע־קויל און באלד האט מען אויך געוווסט ווי צו מאכן פאלמע־וויין. ביז מען איז אזוי ווייט דערגאנגען, אז מען האט אנגעהויבן באנוצן דעם קאקאס־שטאם, אלס בוי־מאטעריאל.

מען האט אין די רעטונגס־שיפלעך, ווי געזאגט, שוין גע־פונען א גוט פארזעענעם קאסטן מיט ווערקצייג: א חוץ די האק און האמער איז נאך געווען א היבעל, א זעג, א בוירעח. מען האט אויך געפונען טשוועקעס און דאס גלייכן וואס ס׳איז נויטיק דעם סטאלאר און דעם טישלער, אומבאדינגט. און ס׳האבן גענומען פאלן קרעפטיקעביימער, מען האט זיי צעזעגט, מען האט זיי ארומגעטשעשעט און געהיבלעט; מען האט אריינ־געשטעלט פלעקער אין דער ערד; מען האט זיך באנוצט מיט וואסער־וואגן און בלייערס. מען האט געלייגט קווער־באלקנס און זיי צונויפגעפוגעוועט, מען האט געשטעלט זיילן, און אזוי כסדר ביז — ס׳איז, אויף אן איבעראשנדיקן אופן, פארטיק געווארן א פשוטער, דאך, גרויסער און אמת־שיינער בנין. אוןביים חנוכת־הבית האט מען עס א נאמען געגעבן: .(1 Maison de la Bonne Esperance

---

דאס הויז פון דער גוטער האפענונג.

צווישן אנדערנס האט די פרעזידענטין אין איר רעדע געזאָגט:

— גאָט האָט געטון אַ חסד מיט אונדז וואָס ער האָט די פרוי וואָס איז פון אונדז אַלעמען געליבט געוואָרן, נישט צו־גענומען כאטש איידער ס'איז פאַרטיק געוואָרן אונדזער ווערק. איך האב מורא געהאַט אַז די אַרבעט וועט ווערן אונטערגעבראָכן און, אפשר קיינמאָל שוין נישט פאַרענדיקט ווערן. וואָרום איך האָב מיט וויטאָג צוגעזען ווי דער טעטיקער, ברענענדיקער, זיכער־לעכער און פריידיקער בשותפות־גייסט, וועמען מיר האָבן פאַר דעם דאָזיקן ראַט־הויז צו דאַנקען, איז אַדורכגעגאַנגען אַ גלייכ־גילטיקייט און אַנידערגעשלאָגנקייט. איצט, מיינע פריינדינ, מוז עס זיין אַנדערש. איך באַשווער אייך צו זיין די אַלטע, כ'מיין צו זאָגן: די נישט־ליידיקגייערישע, נאָר יינג־פרישע יינגע!

איז נישט משונהדיק איבערצולעבן דאָס גייסטיקע פאַרגניגן— דעם דאָזיקן קלוגן פלאַן פון אונדזער אַנשטאַלט? האָבן מיר דען נישט אויפגעטון, אין פאַרהעלטעניש צו אונדזער צאָל און אונדזער צייט, אַזויפיל וויפיל די בני־ישראל אין זייער צאָל אין זייער צייט?

און די רעדנערין נעמט שילדערן מיט וועלכן פריידיקן ברען יעדער פון די פרויען און מיידלעך, האָבן צוגעטראָגן אירע ציגל צו דעם גאַנצן.

— ווי הערלעך, — זאָגט זי: האָט געקלינגען דער האַמער ביי דער מיס לאורענצע! ווי זענען געפלויגן די שפענער אונ־טער די ווייט אַרויסגעהויבענער האַק ביי דער אָליוון־פאַרביקער אַלמאַ וועלכע זעט נאָכאויס, ביי אירע גאַנצע אָנגעצויגענע און שלאַנקע פאָרמען, אַזוי שיין, מיט אַזויפיל ווייכקייט, און אירע מוסקולן, דאַכט זיך, זענען דאָך אייזערנע! ווי טעטיק (און אומעטום אויפן ארט), איז געווען אונדזער פרעכטיקע וואַרניקאַ אַלס געהילף פון אַ בוי־מייסטער! און די שווינדלדיקע לייכטע ראזיטא — די וועלט־באַרימטע סילפידע פון דער לופט — ווי

פיין טראָגט זי דאָס צווישן הימל און ערד! ווי לייכט לויפט זי דאָס אַרום אויף די באַלקנס, אויף זייער גאַנצער לענג, בשעת דער דאַך ווערט געמאַכט!

כ׳וועל נישט קענען ענדיקן ווען איך זאָל וועלן אויס־רעכענען יעדן איינעמס פארדינסט פון אונדזערע קאָלאָניסטינס; לאָלאַ שמידט האָט זיך דאַך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פאַך־קינסטלערין— אַ געניע. די דאָזיקע ווילע און באַקוועמע באַמבוס־שטילן, אויף וועלכע איר, מיינע דאַמען זיצט, האָבן מיר דאַך איר צו דאנקען. און עס מוז אויך אומבאַדינגט עפּעס געזאָגט ווערן וועגן דער לײדי לאַמבערט, וועלכע האָט געוויזן און געלערנט ווי אַזוי צו מאַכן אויס די אָדערן פון קאָקאָס־בלעטער, אַ ווייך געפלעכט, אַ דויערהאַפטיק און עלאַסטיש זיץ־ברעטל.

און די פרוי ראָזענבוים, אונדזער פּראָוויאַנט־פּאַרוואַלטערין, האָט געזאָרגט פאַר אייער אַלעמענס בעסט. איר האָט שטענדיק געפינען דעם טיש אַ געדעקטן: איר האָט געגעסן באַנאַנען רויען, געקאָכטן, געבאַקענעם אין צוקער, געבראָטן פלייש געגעסן, און אַז איר האָט געוואָלט איז אַ שטיקל עוף אויך געווען און אמאָל אַ שלוק פּאַלמען־ווײַן אויך, געטרונקען אין אונדזערע בעכערס פון קאָקאָס־נוס וואָס טאָרגעד גרים האָט אַזוי שיין אויסגעפּערטיקט; מיר וועלן אויך נישט פאַרגעסן אין די גרויסאַרטיקע פיש פון אַלע פאַרבן, ווי אַ רעגן־בויגן, וואָס זענען געפאַנגען געוואָרן אין טייך, נישט נאָר בלויז פון געזינטע— די קרעפטיקע אויסלענדערין אונדזערע.

מיינע דאַמען! די פרוי ריטאַ איז טויט. איך בין אַלט זיבנאונצוואַנציק יאָר און כ׳דערמאַן זיך אין די געשטאָרבענע נאָנטע פריינט מיינע און קרובים; צי שטאַרבט מען בלויז נאָר דאָ און אין ניו־יאָרק, פּאַריז אָדער בערלין לעבן די מענטשן אייביק? פאַרט זיך נאר איבער אַ ביסל אין אַן אויטאָמאָביל אין וועלכן־ס׳איז קולטורעל לאַנד און אין קלענסטן שטעטל, וועט איר גלייך ביים אַריינקום געפונען אַ טרומנע מאַגאַזין און די באַקאַנטע מצבה־קריצער־פלעצער וווּ איר וועט געפונען אָנגעגרייט די באַקאַנטע שוידערלעכע שווארצע און ווייסע

מאַרמאָר-פּלעטן מיט גאָלדענע שריפט, מיט נישט קיין עסטע-
טישע צלמים און ליימערנע מלאכים-פיגורן; דער סוף איז:
דאָ איז דער טויט און — דאָרט איז דער טויט; איר זעט, איך
בין רויק און אויפגעלעבט און — דאָך וועל איך פאָרט זיין די
ערשטע, לויט מיינע יאָרן, די ערשטע פאַרן שניטער-פריינט —
טויט... אנטקייגן מיר, מיינע דאמען זענט איר דאָך נאך אלע קינדער!

איר זענט אומגעדולדיק, ווייל איר מיינט אז אייערע יאָרן
וועלן אדורכגיין אומגענאָסן דורך דעם דאָזיקן גן-עדנדיקן מדבר.
איך וועל צוגעבן אז מיר, פרויען, האבן פאקטיש נישט קיין
רעכטע געגנווארט און נישט קיין רעכטע צוקונפט אזוי לאַנג
ווי קיין מענער זענען דאָ נישט פאַראן. אָבער — האט אבער
אביסל געדולד: בינאָן-דע-לענקלאס איז אלט געווען זיבציק יאָר
ווען ס'איז צו איר צוגעפאַלן א בחור אויס ליבע; וואָס באַ-
טייטן פאר אייערע יארן זעקס חדשים? וואס באטייט איין,
צוויי, דריי... יאָ, וואָס וועט אייך אויסמאכן א סך ווען איר
וועט אפילו באדארפן פארברענגען אויף דעם אינזל פיר יאר?
דאָס גוטע אויסזען וועלכעס יעדע פון אייך האט צוגענומען,
שוין איצט אין די זעקס חדשים, — וועט דאמאלס אויך קענען
ווערן אנידערגעלייגט פאר די קראנקע הולטייעס פון די איי-
ראָפּעישע נאראָנים, פלאטער-קעפּ און מאָדע-מאלפּעס.

מען האָט זער א סך געלאכט. און ווידער האט זיך ארויס-
געוויזן אז די מאלערין ווייס ווי אזוי צו נעמען אירע לייט.
און אז נאך דעם דאָזיקן פייערלעכן טייל, האָט זיך דער עולם-
פרויען אריינגעלאָזט אין א באזונדערן לענגלעכן צימער, צו אַן
אמתן טיש וואס איז געווען מער ווי פאר הונדערט פערזאן יום-
טובדיק געדעקט, — האט מען איצט דערפילט, אויף א זער
א שיינעם ארט, דעם גרויסן צוזאמענהאנג מיט דער מענטשהייטס-
קולטור און, דער ווייטאג פון זייער גלות איז גאנץ אָנזעעוו-
דיק געלינדערט געווארן.

דער עס-צימער איז איינגעארדנט געווארן א דאנק די
שוועסטער הערטאַ — א קראנקן-פלעגערין. די דאזיקע שוועסטער
איידער זי האט זיך גענומען צו דער באשעפטיקונג, האָט גע-

לעבט. אין דארמשטאט און פראקטיש מיטגעווירקט צוזאמען מיט דער ווירטין פונם דארטיקן קינסטלער-קאלאניע; אויך אין אירע מיטהעלפערינס וועלכע זי האט געהאט האט גע-לעבט יענער קונסט-פאכמענערישער פרוכטבארער גייכט וואס האט זיך אנטוויקלט אין דייטשלאנד א דאנק דער טעטיקייט פון וואן-דע-וועלדס ווארט און אין טאט.

די שוועסטער הערטא האט אליין אויסגעקלערט די מאס און פארם פארן טיש. זי האט אליין געמאכט די הילצערנע טעלער און די הילצערנע לעפל-גאפל. דעם טיש האט זי פאר-דעקט מיט א פיינע ראגאזשע, וועלכער איז געווען מיט ארנא-מענטן באדעקט. אויפן טיש האט זי פאר א צירונג אנידער-געשטעלט א שפאר ביסל געפעס פון קאקאס-נוס וואס זענען אנגעפולט געווען מיט גרויסארטיקע ארכידעען.

די טירן און פענסטער זענען געווען אין א געהעריקע גרייס. זיי האבן ארויסגעפירט אויף א גאלעריע איבער וועלכן דער דאך איז געווען ארויפגעלאזט, און דארט האט מען געקענט ארומגיין דאס גאנצע הויז. די גאלעריע איז געווען ארומגעהאנ-גען מיט א מארקיז 1) פון ראגאזשע אויף וועלכן דער שפארער ווייבערישער צייכן-טאלענט האט געמאלן א פאס פון א ברוין-רויטלעכער פארב וואס זיי האבן געמאכט פון א מין ערד וואס איז געפונען געווארן.

ארום-און-ארום די ווענט פונם נייעם רעפלעקטאריום 2) איז געלאפן א נישט-צודרינגלעכער פריז וועלכער האט געשטאמט פון אנני פרעכטלס האנט. אינם דאזיקן פריז ווו ס'זענען געווען געמאלן נאקעטע פרויען מיט האמערס און זעגן און אלערליי אנדערע באוועגונגען און טעטיקייטן — האט זי געוואלט פאר-בילדלעכן דאס בויען פונם דאזיקן הויז. און זעלטן שיין האבן זיך כסדר געלאזט זען די טאנצנדיקע וועלכע זענען געשטאנען פאר די ארבעטנדיקע אדער נאך: שפרינגענדיקע און ווינקענ-דיקע, פארויסלויפנדיקע, צוריק-רופנדיקע, אזעלכע וואס האבן

1) א מין ראלעט.

2) אייננעמלעך, אן עס-צימער אין א נזירים-הויז.

באַנאַנעז געטראגן, אויף פּלייטן שפּילנדיקע און איינער וואס האָט געצילט אויף אַ בויגן און פאַרגעשטעלט אַ שוץ־מלאך, וואס איז ענלעך געווען צו פּאַאַנען, דער איינציקער וואס האָט מיט דער מינדעסטער זאַך נישט צוגעהאָלפן ביים בויען דאָס הויז; און טאַקע שפּעטער ווען דער באַנקעט איז אַ דאַנק דעם פּאַלמע־ווייז געוואָרן הייטער און לעבעדיקער, איז מען עקשנותדיק צוגעשטאַנען צו דער פּרעזידענטין אַז זי זאָל דערקלערן די ראָלע פון פּאַאַנען, וועלכער איז גאָרנישט פאַרשטענדלעך אין דאָזיקן ענטציקנדיקן פּריז.

— אך, גאָט! איז וואָס? — לאַכט זי: אויפן גרונט פון אַ נאַרישן איינפאַל!

די מאָלערין און ראדבערטע קאלב זענען געזיצן איינע אַנטקעגנאיבער די אַנדערע. זיי האָבן געטראָגן בלויז אויף זיך אַ העמד מיט אַ גאַרטל ארום, אַבער, אַ חוץ דעם האָבן זיי אויסגעזען, ווי איראפּעישע. זיי זענען געזיצן ביים טיש אויף אַ באַקוועם אָרט אין דעם קאקאס און באַמבוס הייזל, וואָס איז ספּעציעל געבויט געוואָרן פאַר דער פּרעזידענטין.

ס'איז געווען דער צווייטער פעברואַר, דער ערשטער טאָג נאָכן ערשטן יאָר, זינט זיי זענען געקומען אויפן Ile des dames. די דאָזיקע דאַמען האָבן גערעדט וועגן פאַרשידנס און אויך וועגן דער פּאַסנדיקער פאָרם ווי אַזוי צו פייערן דעם דאָזיקן יאָר־צייט.

— זאָלן מיר נאר אַ ביסל ערלעך־זיין, בעסטע ראָדבערטע— האָט זיך אנני אָפּגערופן: וואָס האַלט איר, אייגנטלעך, צווישן אונדז גערעדט, פאַר ערנסט וועג: דער דאָזיקער אויסטערלישער פּאַסירונג אונדזערער? מיר זענען דאָך שוין, אמת, אַ גאַנץ יאָר אויף דעם אינזל, און דאָך, האָב איך נאָך, ביי דער גאַנצער געשיכטע אַ געפיל פון אומגלויבלעכקייט, און דער געפיל האָט, אין פאַרגלייך מיט זיינע אָנהייב־כּוחות ווען מיר זענען אויף דעם ברעג אָנגעקומען--גארנישט פאַרלוירן, פאַרקערט: ער האָט נאָך

צוגענומען, און דאס אלץ איז, ווען מען באַטראַכט די צוועלף חדשים וואָס מיר זענען דאָ, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט און אויפגעטון, ממש אויסערגעוויינלעך.

— אָבער, גיט אייך נאָך אַ קלאַפּ אין דער נאָז — האָט די קאַלב טרוק׳ אַ זאָג געטון.

די מאַלעריין האָט זיך צעלאַכט:

— דאָס — האָט זי געענטפערט: האָט איר שוין נישט איינמאָל געטון און איר טוט עס כסדר. איר וועט דאָס נישט פאַרשטיין אויב איר וועט אַזוי, נאָך אייער געוווינהייט, כסדר, אָוונט פאַר אָוונט קלערן וועגן דאָס גוטע פון אַמאָל, וועגן אויפעסן אַ שטיי גערויכערטן לאַקס און — צוליב דעם וועט איר דאַרפן טראָגן אויף זיך דעם בולטן געשפּענסט-חלום. וואָלט זיך דאָס אַרויסגעוויזן פאַר אמת, פאַרשטיי איך, אַז מען וואָלט באַדאַרפט באַלד ביים דערוואַכן, אַרויפבריינגען דאָס דאָזיקע בייזע געשטאַלט, אויפן פּאַפּיר אַרויף...

— אויב אַזוי — האָט זיך ראַדבערטע אָפּגערופן: קענט איר שוין טאַקע אָנהייבן!

און זי האָט ווייטער צוגעגעבן:

— ווי אַזוי זאָל איך נישט פאַרשטיין די דאָזיקע נייע און אויסטערלישע ריבינזאָנאַדע אונדזערע, איז זי פּאָרט אָן אמתע ווירקלעכקייט. ווען מען אָבער דאָס אַלץ באַטראַכטן פאַר אַ חלום — דאַרף מען אויך וויניקסטן דערוואַרטן, אַז אַ שעה פאַרן טויט מוז מען זיך אויפכאַפּן פון דעם חלום.

— צום דאָנערוועטער! — האָט די פּרעזידענטין אויסגעבראָכן מיט איר שטאַרק זידל-וואָרט און דערביי האָט זי געשלאָגן מיט אַ פויסט איבערן טיש-ברעט: פאַרמיינעטוועגן — זאָגט זי: זאָל זיין געשעען! אָבער — צום דאָנערוועטער! דער חלום ווערט לאַנגווייליק.

— טאַ, די ליבסטע ליבערשט אָן מיט דער ווירקלעכקייט — זאָגט ראַדבערטע.

— איך קען נישט; די דאָזיקע דאַמען-קאָלאָניע בלייבט פאַר מיר אָן אומווירקלעכע. און — וואָס זאָל דען פון איר

ווערן אַלס פּראָסטע ווירקלעכקייט, ווען — אַלס חלום זעט זי־שוין אַזוי ניכטערן און אַזוי חושכדיק אויס; זאָגט מיר נאָר, ווי איז דאס מעגלעך געווען אַז דער שיף־קאָלאָס, דער „קאָר־מאָראַן" זאָל אונטערגיין?

— אפשר — מיינט ראדבערטע: דורך די שברי־כּלים פון ראזשדעסטווענסקיס 1) פלאָטע, אָדער פון אַ פאַרוואָרפענע מינע פונם רוסיש־יאַפּאַנישן קריג, אָדער די דאָזיקע גאַנצע שווימענ־דיקע קולטור־תּבֿה מיט איר גאַנצער משא פון אַן אויסגעמאָלטע און ליידיקע קולטור־טעפּ־קראָם, איז פון זיך אַליין פונאַנדער־געפאַלן, ווייל זי איז געבויט געווארן פון ווינט און איז פון פאַרפוילטקייט אויפגעפרעסן געווארן.

— נו, בעסטע ראָדבערטע, צווישן אונדז גערעדט — אַזוי האט די פרעזידענטין אנגעהויבן א סוף מאכן צו דעם דאזיקן אינטימען שמועס זייערן: איך מוז אייך זאגן אז איך הייב שוין לאנגזאם אן צו בענקען נאך דער ריזן־תּבֿה, וועלכע איז פון אונדז אוועקגעשווימען אנגעלאדן פול מיט לערע טעפּ.

דא איז מיט אמאל טונקל געווארן אינם צימער — מיס האבעמאן, וועלכע איז געווען דער גלאַנץ פון א טראפּישן גארטן און אפשר נאך שענער, זי איז געשטאנען אויף דער שוועל פון דער טיר. ביים אריינגיין האט זי אראפּגענומען א ריזיקן הוט פון באמבוס־שטרוי און מען האט דערזען דעם טעאָזאָפנס שיין פנים באקריינט מיט שווארצע דיקע צעפּ ארומגענומען דעם קאפּ מיט די גרויסע קו־אויגן, וועלכע האבן אין זיך פאראייניקט גוטסקייט מיט חכמה אינאיינעם. זי האט געטראגן אויף זיך אן אָנארבלדיק רוי־זיידן העמד וואס איז געווען אינדערמיט ארומגענומען מיט א גירטל געפלאכטן אויס די אדערן פון קאקאס־בלעטער. זי האט געטראגן א פאר סאנ־דאלן פון באַסט 2) וועלכע זענען געווען צוגעבונדן מיט באסט־

1) א רוסישער אדמיראל אין דער יאַפּאַנישער מלחמה.

2) דער אינעווייניקסטער טייל פון דער בוים־קאָרע.

בענדער; זי איינגאנצן האט אויסגעזען, ווי א באוועגטע סטאַטוע נאר, דער שטאף אויס וואס זי איז געמאכט געווארן, האט אויסגעזען צו זיין פלייש-געווארענער באוועגלעכער בראנז; אויף דער נאקעטער אקסל פון דער דאזיקער שיינער דערשיי-נונג — איז געזיצן, ווי א סאווע איבער א פּאַלאַץ, א פּאפּוגיי, וועלכער איז שוין זינט יארן געווען איר באגלייטערין און דאס מאל האט זי אים געראטעוועט פון די אונטערגעגאנגענער שיף; זי האט ליב געהאט צירונג און לויט איר נאטור, האט דאס איר צוגעגעבן א מיסטישן זין: דאס האט באשיינפערלעך באוויזן דער קראנץ מיט די געלע ארכידעען מיט וועלכן זי האט ארומגענומען דעם גרויסן הוט און נאך מער: דער ספּיראַל אין דער פארם פון א שלאַנג, געמאַכט פון שווערן גאלד וועלכער האט באצירט איר גרויסארטיקן אויבערשטן טייל ארעם.

— איך שטער אייך נישט אמאל, פרעזידענטין? — האט די מיס האבעמא געפרעגט.

— א געטין שטערט קיינמאל נישט — האט מען איר גע-ענטפערט; א געטין וואס וויל אריינקומען אין געצעלט פון אן ארעמען שטערבלעכן.

— קומט אַ ביסל נענטער-צו, מיין געערטע!

די דאמען האבן זיך צעלאכט און דער פּאפּוגיי האט אויך גענומען לארמען.

ווען דער פּאפּוגיי האט זיך בארויקט און איז געשטאנען מיט דער געטלעכער דערהויבנקייט אויף דער מיס, א זיכערער — האט זיך דאך אבני נישט געקענט אפּזאגן פון פּארטיידיקן דעם דאזיקן שיינעם אויפטו פון דער מיס האבעמא; אפשר האט זי מיט דעם געוואלט זיך פארשאפן א פריילעך פערטל-שעה.

— איך האב זיך שוין א סך מאל געפרעגט — האט זי ווייטער גענומען רעדן: אויף וועלכן אופן און מעגלעכקייט עס קען פון דאנען קומען אונדזער ישועה. דער דאזיקער פּרא-גע האבן מיר שוין געגוג ארומגערעדט און גאנץ פארשידנ-ארטיק; צווישן אנדערן האט עמעץ געזאגט אז: דער צופאל קען אונדז דא צומבעסטן העלפן, אדער: עס מוז געלונגען

דורך עפעס אַן אויפטו אונדזער לאַגע באַקאַנט צו מאַכן דער ווייטער קולטור-וועלט, צו דעם דאָזיקן צוועק האָבן מיר עט-לעכע פלעשער, וואָס מיר האָבן געראַטעוועט — געמאַכט פאַר „פלאַש-פּאָסט", דאָס הייסט: מיר האָבן זיי אָנפאַרטרויט דעם שטילן ים. אויך האָבן מיר געפאַנגען אַ פּאָר ים-פייגל און אויף זייערע פיסלעך אַרויפגעבונדן מעדאַליאָנען מיט אַן אינהאַלט. און אונדזערע עטוואָס-איבערטרייבערין פריילן באַבעטע לינדע-מאַן וועמעס גייסטיקע אוצרות איך וויל נישט לויבן, (זי האָט זיך דאָך, ווי איר ווייסט, אַרויפגעהויבן פון אַ פּשוטן דינסט-מיידל ביז אַ שטוב-פריילן און פון אַ שטוב-פריילן האָט זי זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַ באַלעזאַנע וועג-באַגלייטערין...) אַלזאָ: די פריילן באַבעטע לינדעמאַן האָט אפילו געמאַכט אַ פּרווו: זי האָט זיך פאַרשלאָסן אין אַ שטאָק-פינסטערן געצעלט און דורך אַ שוועדנבאָרגישן ווייט-ווירקן — ס'הייסט: זי האָט איבער-געטראָגן געדאַנקען צו אַן אַלטער מומע אין ליבעק און איר מיט אונדזער לאַגע באַקאַנט געמאַכט און, אַלץ וואָס יענער זאָל טון פאַר אונדזער רעטונג איז, זי זאָל ווירקן.

איך האַלט אפילו נישט קיין סך פונם דאָזיקן פּרווו; ער האָט דאָך, אָבער אַ פּאָר וואָכן לאַנג באַשעפטיקט אונדזער קאָ-לאָניע, געהאַלטן איר אָטעם, באַפרידיקט דעם אימפּעט צו די ספקות און, פאַר אַלעם האָט זי דאָך באַלעבט די האָפענונג. און וואָלט דער מעטאָדע פון באַבעטע לינדעמאַן געווען דער ריכ-טיקער וועג, וואָלט איך שוין נישט אָנגעקניפּט דעם קאָנטאַקט מיט קיין אַלטער מומע פון ליבעק, נאָר מיט גאָר אַן אַנדערן, צום בעסטן פאַרבונדן זיך מיט דעם סולטאַן.

דאָ האָט דער פּאַפּוגיי, אַנגערעגט פון די פרויען, גענומען מוראַדיק שרייען.

— איך וויל נאָר בלויז זאָגן — זאָגט אַנני ווייטער: מיר וואָלטן דאָ נישט פאַרבליבן מער ווי פירצן טעג אַליין, ווען עטלעכע איינפלוסרייכע און געהעריקע פאַרטרעטער פון דער מענער-וועלט וואָלטן באַקומען אַ באַגריף פון דער מענגע שיינע און הילפלאָזע ווייבער, יינגע מיידלעך און יינגע אלמנות וואָס

ס׳געפונען זיך דאָ צוזאַמען; מען האָט געזוכט נאַנסענען, געזוכט עמין-פּאַשאַן, וועט זיך נישט געפונען אַ פּעטערס, אַ סטענליי, אָדער אַ סוועןֿהעדין! אָדער, לאָמיר זאָגן — אַ סאַרדאַנאַפּאַל 1) וואָס פאַר אַ אומדערהערטער פּיש-פּאַנג! גאָרנישט שלעכט צו מאַכן פון אונדז אַ האַרעם פאַר אַ קעניג איבער אַלע קעניגן!

דער פּאַפּוגיי האָט גענומען שלאָגן מיט די פליגל און אָנגעהויבן ווילד שרייען מיט אַ דערבייזערונג וועלכע ער האָט, ווי ס׳האָט אויסגעזען, געירשנט פון זיין בעל-ביתטע:

— לאורענצע, קאָך קאַווע! קאָך קאַווע! קאָך קאַווע!

ער האָט פאַרענדיקט מיט אַ צוקלאַפּן די צוויי האַלב שנאָבלען דורך וועלכן ס׳איז אַרויסגעקומען אַ מאָדנע וואָרט וואָס איז ענלעך געווען צו: Nemqueteba, און דורך דעם איז כסדר געשטיגן די פריילעכקייט; נאָר די פּרעזידענטין האָט ווייטער גענומען רעדן, גלעטנדיק די ברוינע קני, די מאָגערע קני פון אַן עלטערע אינדיאַנערין:

— מען האָט מיך געמאַכט פאַר אַ פּרעזידענטין. דערצו בין איך אויסגעקליבן געוואָרן אַ דאַנק מיינע יאָרן, און אויך אַ דאַנק אַן אייגנשאַפט וועלכע קען נישט פאַרטוישט ווערן פאַר קיין אַנדערער, און אַנטקעגן דעם זענט איר, לויט מיין מיינונג, מיס האַבעמאַן — דער געגן-פּאָל. איר זענט דאָס און נישט די מיס פּעידזש; אויך נישט די ליבע סילפידע פון דער לופט צוליב וועמעס אַפּראָדיסטישן, פּרוכטהאַפטן חן איך לאָז די גערעכטיקייט אַדורך; קיינער נישט, ווי נאָר איר פאַר וועמעס אויסשטראַלנדיקן שיינהייטס קאָנקורענץ איך האָב צוזאַמען, מיט אַ סך אַנדערע, מיין שטימע אָפּגעגעבן. אַזוי איז עס! איר קענט מיך אויסלאַכן, ווערן זיך ווען איר ווילט; און ווייל איר זענט אונדזער שיינהייטס-שפּיץ, האָב איך אַלע ערדישע האָפענונגען וועלכע זענען דאָ פאַר דער וועלט, אַרויפגעלייגט אויף אייך; די האָפענונגען וועלכע פאַרלירן אַלץ מער און מער דעם באָדן

---

1) אַן אשור׳ישער מלך.

פון דער ווירקלעכקייט פאר מיינע אלע חלומות; איך זע אין אייך אנדראָמעדאַ און כ׳דערוואַרט פערזעאוסן וועלכער זאל אייך ראטעווען 1)

(ס׳איז אפילו נישט נויטיק צו זאגן, אז ביי די ווערטער האט דער געטלעכער פויגל וואס איז געזיצן אויף די גלייך-געמאסטענע פאלירטע בראנזענע אקסלען פון דער בריטישע-האלענדערין, געענטפערט מיט א שאקלען מיטן קאפ און צענדליקער מאל כסדר געחזרט: לאורענצע, קאך קאווע! אזוי געוואלדיק, אז ס׳האט דאס אויער צעריסן).

— וואס שייך פערזעאוס — זאגט מיס האבעמא: וויל איך שוין בעסער הערקולעסן! און האבעמא האט ווידער גערעדט וועגן דער אלטער איינבילדונג אירער, דאס: דער אינזל איז דער אינזל פון די אויסגעלייזטע, און אין אים איז פאראן דער וווּנדער-בוים פון לעבן, מיט גאלדענע עפל וועלכע ווערן באוואכט פון די העספערישע נימפן.

—פליכן נישט, פאקטיש, אויף אונדזער ווונדער-אינזל, נעקטער-טייכלעך? — רעדט זי ווייטער: ווייעט נישט א גן-עדנשע קילקייט מיט א דופטיקן געמיש פון פארשידענע בשמים, אומעטום און אפילו דא, דורכן פענסטער אריין? איר ווייסט דאך, איך עס נישט קיין פלייש און בין דערפאר נישט קיין יעגערין; אבער, זעט איר, דאס שטערט מיר גארנישט ארויפצוקלעטערן אויפן העכסטן שפיץ און בין שוין געקראכן צום קראטער פונם Mont des Dames. איך גלייב אפילו נישט, אז אונדזער דיאנא — פעידזש וועלכע קען אזוי געניי יעדער אייגנצלהייט און דער טאפאגראפיע פון דאזיקן אוצר-אינזל מיט זיינע, כמעט, איבערערדישע סודות — אויב זי האט שוין דא אזויפיל ארומגעוואנדערט, וויפיל איך; איך לעב אדורך אין מיינע וואנדערונגען

---

1) יופיטערס זון—פערזעוס האט געראטעוועט פון אומגעהוירע כוואליעס אנדראמעדאן, א ווונדער־שיין מיידל וועמען די עלטערן האבן צוגעבונדן צו א פעלזן ביים ברעג, איינצושטילן גאטס צארן.

סאָן! מער, ווי דער וואָס וויל נאָר טרעפן עפּעס אַ ווילדס און דערשיסן.

אינמיטן פון דער אויסטערלישע שיינקייט וואָס שטייגט מיט מיר ארויף אין דעם בלויען ים־שפּיגל ארום — דרינגט אין מיר אריין, אַזוי לייכט, אַזאַ מין גרויס געפיל, אַזאַ מין הערלעכקייט דורך וועלכן מיין געדאַנק קען דאַמאָלס פאַר־ווירקלעכן מיינע הויך שיינע זעונגען.

איך רעד מיט צעווסן 1) איך האָב געזען די הייל ווו ער האָט געהאַט זיין געלעגער מיט דער ייגנטלעכער הערא: אין אַ האַלבן קרייז ארום זיי, שטייען בוימער וואָס יעדער פון זיי האָט דעם קראַפט און זאַפט פון אַ פיל־טויזנט־יעריקער ייגנט און יעדער ריזן־שטאַם מיט געהאַרטעוועטע קנייטשן פון אַ פיל־טויזנט־יעריקן עקזיסטענץ — טראָגט אויף זיך אַ קרוין פון גרינס, אַ וועלט מיט פאַרבן, אַ וועלט מיט פול פייערדיקן בליעכצן, אַ וועלט פון די אויסגעטרוימטע זיסקייטן, און אַ וועלט מיט הימלישע מוזיק.

דאָס רופט מען: נישט אמת, איבערמעסיק! גוט. איך לעב טאַקע אין איבערמעסיקייט. אָט, גיב איך, למשל, פּאַאַנען אַ לעקציע איבער דער גריכישער מיטאָלאָגיע וועלכע איך האָב, אַ דאַנק מיינע עלטערן, גלייך מיט דער מוטער־מילך אריינגע־זויגן אין מיר, — פאַרגעס איך טיילמאָל ווער ער, פּאַאַן איז. מיר דאַכט זיך, טיילמאָל, אַז איך לערן היפּעריאָנס זון, דעם יינגען העליאָס 2) וועלכער איז שפּעטער באַשטימט דער וועלט צו באַלייכטן; איך וואַרט אויפן טאָג ווען ער וועט אין שפּאַ־ציר קיין עטיאָפּען 3) אויף זיין גאָלדענעם טראַג־בעט און מיט זיין גאָלדענעם בעט, אַנקומען ווו דאָס הערלעכע שיינקייט פונם

1) יופּיטער.

2) דער גאָט פון דער זון.

3) דאָס דרום־טייל פון גריכנלאַנד, אַמאָל.

זונען=וואגן און דאס פייערדיקע זונען=טוי וועלן פאר אים זיין אנגעגרייט.

דער דאזיקער העספערידן=מיטאס, איז דער אטעם-באדער=פעניש וואס איז צוגעפאסט פאר מיין נשמה; איך פיל און זע דעם דאזיקן אינזל פון די העספערידן וואס איז געלעגן, אזוי ווי אונדזערס, אויסער=האלב דער וועלט — גאנץ נאנט פון די גארגאנען, נאנט ביי די גרענעצן פון אייביקן טונקל[1] איך שטעל מיר גאנץ גערן פאר, אז דאס געוואלדיקע פייערדיקע און טאג-טעגלעך ליכט פון דער זון וואס מיר האבן דא אלע, איז נישט די זעלביקע אלטע זון פון דער ערד, נאר אונדזערע העס=פערישע און איך פיל מיך — פאר זיך — אלס היגיעא[2], איינע פון די פארשיכורטע טעכטער פון דער נאכט.

איר קענט זיך טראכטן: אט איז זי די איבערטרייבערין, די ענגלענדערין. איבעריגנס בין איך, ווי איר ווייסט, מער האָ-לענדערין פון וואס ס'דערציילט אייך מיין נאמען; אבער, איר קענט זיך טראכטן וואס איר ווילט; איך געפין נישט פאר נוי=טיק, דערפאר וואס איך בין פריי פון יעדער מגע-משא מיט דער אלטער ערד, צו זוכן וועלכעס-ס'איז איבערלעכע פרייד צו וועלכע איך בין געוווינט געוועזן. דערמיט האב איך דערגרייכט דאס וואס איך בין, אפשר, די איינציקע צווישן אייך אלעמען וואס בין אין הסכם מיט דעם מזל וואס מיך האט געטראפן.

מען האט גוט געקענט זי עקזאלטאציע פון וועלכע לאורענצע איז אפטמאל מיטגעריסן געווארן. דער מער=העכערער

---

1) די ווירונג פון נאכט; דאס ארט ווו א סך געטער זענען בעפאנגען געוועזן.

2) ווערט פארעכנט אלס די בעטין פון געזונטהייט; די טאכטער פון עסקולאפן.

קרייז אין דער קאלאניע האט זיך נישט געוואלט דערמאנען דאס פון פריער.

די פרעזידענטין וואס האָט זיך געפילט באַגלייט פון לאורענצעס פינקלענדיקע בליקן, — איז געווען אַ ליכט־אָנגע־טרינקענע, אַ דערהויבענע, ווי דורך אַ פרישע באָד פאַרייגנט. זי איז געווען אָנגערעגט פון אַן השפעה.

— נו, הייסט עס, בין איך דאָך גערעכט געווען ווען איך האָב אייך פריער אַ נאָמען געגעבן די געטין — האָט זי שאַרף געזאָגט: אַזעלכע ווי איך — איך מיין עס גאַנץ ערנסט — מיר מוזן זיין צוגעבונדן צו דער קללה פון דער רויקייט פון וועמעס פאַרדאַרבענער ווירקונג ס׳קען, סוף־כל־סוף, קיין שום גרויס־שטעטישער מענטש נישט אַנטרינען. איך געפין איין, אַז ענגלאַנד, גאַנץ אייראָפּע, אַמעריקע א. א. וו. זענען אלע בלויז גרויס־שטעטישע פּוסט־און־פּאַסטניקעס; מיינע פליגל ווערן שטייף, טרוקענען איין. און ווען עס זאָל אַזוי געדויערן נאָך אַ לענ־גערע צייט — וועל איך זיי, העכסטנס, קענען באַנוצן אַלס פלע־דערווישן אפצוווייניקן מיט זיי דעם שטויב; איר האט פעניקס־פליגל, לאורענצע, און ווען איר זאָלט מיר אַזוי, פון צייט־צו־צייט, נישט אָנכאַפּן ביים קראַגן און מיך מיטשלעפּן — אַזוי וואָלט איר מיך, אין משך פון א יאָר, געזען אפשר אַלס אַ רעגן־וואָרם אַרומקריכן אויף דער ערד; איך האָב שוין פריער גע־זאגט צו ראדבערטע: דער חלום ווערט לאַנגווייליק! איך מיין דעם טרוים וואָס מיר אַלע זענען דאָ געצווינגען צו טרוימען; נו, — איר, ליבע לאורענצע, האָט דערגרייכט — ווען איך וואָלט עס נאָר געקענט בעסער פאַרשטיין, וואָלט זער גוט געווען.

— איך וויל אייך טאַקע זאָגן, אַנני, פאַרוואָס, איר זענט אַרונטערגעפאַלן הינטער דעם מיאוסן, געפערלעכן דעמאָן פון לאַנגוויל, הינטער וועמעס טרומנע־צודעק די גאַנצע פאַרייניקטע שטאַטן ליגט, און כדי נישט דערשטיקט צו ווערן וועלן שוין די אמעריקאַנער ווען־ס׳איז זיך מוזן אַריינוואַרפן אין אַ ווילדע מלחמה.

די וואָס האָט דאָס געזאָגט, איז געווען ראדבערטע. זי

הָאט געמאַכט אַ פּויזע און איצט אָנגעהויבן אויפסניי איר רעדע:

— איר האָט געהאַט פּלענער. איר האָט געוואָלט אַנטוויקלען פון אונדז, אין אונדזער דאָזיקן מצב, עפּעס פּאָזיטיוועס. איר האָט געוואָלט אייער בילדלעכקייט אַריינהויכן אין פלייש, אנשטאט אין פארבן און לייווענט. איר האָט געוואָלט, ביי דער געלעגנהייט, אָנכאַפּן דעם קאָמוניסטישן פּריוו ביי דער טשופּרינע. איר האָט געוואָלט זיין אונדזער דאָקטאָר, אונדזער רעטער, אונדזער געזעץ־געבער—אונדזער משה זיין. צו דעם־צו האָט איר נאָך געוואָלט זיין אונדזער פּאָטער און מוטער אין איין פּערזאָן און, ביים סוף נאָך זיין אונדזער משיח. און, כאָטש ס'איז אייך אין אַ סך זאַכן געלונגען. ס'איז אייך געלונגען אַרויסצורופן אונדזער טיכטיקייט, ס'איז אייך געלונגען דאָס און יענץ מיט אונדז אַדורכצופירן און אויך: אונדז אָפּגעהיטן אַריינצופאַלן אין פאַרזינקענקייט, פונדעסטוועגן: גענומען פון דער אנדערער זייט פון לעבן ביי די דאָזיקע אינזלדיקע בעל־מוטן אונדזערע, ווערט אַלץ צו איבנאויפיק געמאַכט כדי דערפון צו קענען אויפהאַדעווען ביי אונדז גרויסע מאראַלישע אייגנשאַפטן; אַ שטייפע, פעסטע אָרגאַניזאציע, האלט זיך נישט אדער זי ווייזט זיך טאַקע אַרויס פאר נישט בייטיק. די דאַמען גייט עס זער גוט, זיי ווערן דיק, ווי די פרוכטן, נישט קוקנדיק אויף דעם וואס זייערע געמיטער זענען שווער. זיי דאַרפן נאָר אַ ביסל צו אַרבעטן כדי צו קריגן שכר, ווארום די גן־עדן עפל הענגען דאך איבער די מיילער — ווען זיי ווילן נאָר אַ ביסל אויסשטרעקן די הענטלעך. וואס פילט אבער אַ דאקטאר, אַ רעטער, אַ געזעץ־געבער — אַ משה, אַ פאטער און מוטער, אַ משיח, — ווען קיינער איז נישט קראנק, ווען קיינער דאַרף נישט געראַטעוועט ווערן, ווען קיינער דאַרף נישט אויסגעהאַלטן ווערן; ווען אַלע זענען אַזוי צוזאַמענגעבונדן, אַלע אַזוי געזונט, אַזוי פויל און אזוי רויק — פרידלעך אַז אַ געזעץ־געבער, אדער א משה זאל האבן צו טון מיט וועלכע־ס'איז עבירה, מיט וועלכן ס'איז עובר־זיין? וואס פילט, וואס האט צו פילן אַ מוטער, אַ פאטער — ווען די

נאַטור אליין איז מוטער און פאטער ?
אן ספק — רעדט זי ווייטער: האט אייער בייטש, ווי־כ'האב שוין געזאגט, עפעס אויפגעטון. די Ville des damês מיט איר ראטהויז, מיטן פיינעם פּאַוויליאָן זעען די עדות אויף דעם. ווייטער אבער גייט עס נישט! ווארום גראד די צוויי זאכן וועלכע זענען נויטיק צו טון פאר אונדזער דערלייזונגס־ווערק, אדער בלויז פאר דאס ערדישע נור — דאס באזיצט איר נישט.
הייסט עס אזוי: אויף דער קולטור־מענטש, שטייענדיק צווישן די פאלקס־ און וועלט־קהלות, באצייכנט די וועלט פאר אַ יאמער־טאל און בענקט כסדר נאך א בעסערן מצב. דאס ווערט אים גאַראַנטירט דורך די רעליגיע און צוגעזאגט אין דער צו־קונפט אויף יענער־וועלט. אונדזער יענער וועלט איז אבער די גרויסע געזעלשאפט פון דער קולטור. און די זיכערקייט צו דערגרייכן יענע, אונדז אלעמען, באקאנטע רעאליטעט — דאס קענט איר אונדז נישט געבן. אפילו ווי משה, אונדז פון מצרים צו פירן צום צוגעזאגטן לאנד — דאס זענט איר נישט בכח. דאס וואס ס'מאכט אייך אזוי פארדראסיק, וואס ס'מאכט אייך אזוי לאנגווייליק איז דאס וואס איר קענט פאר אונדזער גערעכטער בענקשאפט — נישט זיין דער דערלייזער. און ס'קען אויך מעגלעך זיין און, כ'מיין טאקע: אזוי איז עס: דער ציל פון אונדזער העכסטער בענקשאפט איז נישט אייער הויפט־פונקט. בלייבט איצט איבער דאס צווייטע צו וועלכן איר זענט, נע־בעך, אויך אנמעכטיק. און דערפאר קענט פאר איר אונדז, ארויסגעשטויסענע פון די צוויי זאכן, נישט באשאפן דאס וואס ס'איז נויטיק פאר אונדזער ישועה: נישט די היים און נישט דאס אנדערע.
אנני מיט לאורענצע האבן שנעל א פרעג־געטון:
— וואס מיינט איר דאס מיט די אנדערע זאך?
— יא, וואס איך מיין מיט די אנדערע זאך? אזוי: ווי איך איז באקאנט האט אדם געוווינט אין גן־עדן דאמאלס, ווען גאט האט געזאגט: „עס איז נישט גוט ווע. דער מענטש איז

אליין". דאס האט געהייסן אז אדם האט זיך נישט גוט געפילט. ס'איז אים נישט אנגענעם געווען צו זיין אליין אין גן-עדן ווען אפילו גאט וואלט פון ליים אויסגעקנאטן נאך טויזנט אדמס, מיט זיין גייסט זיי באלעבט און זיי נעבן אים, אוועקגעזעצט. אבער, כדי ארויסצורופן זיין אומגליק, האט גאט געמוזט באשאפן א חוה. פאקטיש איז ער ביז דאמאלס געווען א שטייפער גולם, אן אומפראָוכטבארער, א שטיק ליים וואס האט זיך באוועגט, ווי א טאפ וואס איז געווען אנגעפולט מיט אטעם, פון וועמען דער באשעפער האט צו יעדער צייט געקענט לאזן אויסטריקענען זיין גייסט. דאמאלס איז ער בלויז געווען א ליידיקער טאפ, מער גארנישט און די דאזיקע לערקייט איז געווען זיין באדייטונג. אבער אדם איז געווארן ענלעך צו גאט, עפעס פארשטאנען פונם סוד אין באשאפונג, יעדנפאלס 1 Cum grano salis) ווען ער האט באקומען חוהן. ווער האט עס נישט געוווסט אז ער וועט פון דאמאלס אן שוין קענען אליין מאכן מענטשן.

דא האט ווידער דער פאפוגיי גענומען מוראדיק ליארמען און דינערן.

— א כלל — פארענדיקט קאלב: שטעלט זיך פאר אז חוה איז געווען דער ערשטער טאפ פונם טעפער. וואלט אדם נישט צוגעקומען, וואלט זי געבליבן א ליידיקער, אדער א פולער טאפ, נור פארט אן איינאיינציקער טאפ. זי וואלט אבער קיינמאל נישט געווארן אין א גלייכן חלק מיט אדמן, אדער מיט א גרעסערן חלק, די באשאפערין פונם מענטשן-געשלעכט, אפילו ווען מען וואלט איר צוגעגעבן טויזנט חוהס.

— איך פארשטיי — האט זיך די מאלערין אפגערופן נאך א קורצן שווייגן און איר פריילעך געלעכטערל וואס האט זיך ארויסגעשטיפט פונם פארשלאסענעם מויל, האט אויסגעגעבן די-

1) לאטייניש: א ביסל זאלץ, ד. ה. עפעס.

געדאנקען וועלכע זענען איר איינגעפאלן נאך ראדבערטעס אויספיר און אז זי האט פון זיי הנאה.

— איך פארשטיי גאנץ גוט, איך פארשטיי זער גוט, פריילן קאלב — האט זיך אפגערופן די מיס האבעמא, גאנץ ערנסט שוין, אויף אזוי פיל ערנסט ווי זי וואלט דאס, וואס זי האט איצט אויסגעהערט, נישט געהאלטן פאר א גייסטרייכן שפאס.

לאורענצא האט ווייטער גערעדט:

— איך ווייס אייגנטלעך נישט ווי אזוי דאס איז מיר איינגעפאלן. איך גריבל זיך און געפין נישט איין, מיט דעם וואס איר האט איצט אנטוויקלט, קיין שום צוזאמענהאנג. און דאך וויל איך זיך א ביסל אפרעדן פון דער נשמה. יא, ס׳איז גאנץ פארשטענדלעך אז, אזא צושטאנד, ווי אונדזערער, איז נישט געזונט און וואס לענגער ס׳געדויערט אזוי, אלץ אומגעזונטער איז עס. איך אלס אזעלכע—נשמה-זארגערין פון דער קאלאניע— האב שוין טאקע, ליידער, א סך געהאט צו באמערקן וואס שייך דער דאזיקער זאך. דאס וואס מיר זענען פאר דער וועלט לעבעדיקע גופים — געשטארבענע; דאס איז נאך נישט אזוי שלעכט: אזוי קומט אויס אז מיר האבן א יענער וועלט. „מיר זענען טויט פאר דער וועלט״ — ווער צווייפלט אבער אז מיר זענען פארט נישט ביים לעבן! ערגער איז אבער, בנוגע דעם וואס איר האט בארירט, פריילן קאלב. מען קען מיר זאגן וואס מען וויל; אן אן אמתע, גלייכמעסיקע מענטשלעכע צוקונפט — איז נישט דא קיין גאנצע און פולע מענטשלעכע געגנווארט. א סאציאלע קהלה וואס קען זיך נישט ווייטער פלאנצן, איז גליך, ווי א זעגל-שיף וואס איז געבליבן שטיין אויף א ווינט-לאזן געאגראפישן פאס פון שטילן ים; שטייט זי אזוי אומבאוועגלעך פעסט און, צעפאלט. מען קען דאס אויך פארגלייכן צו א בליענדיק וואלד, פון בלויז בליענדיקע צווייגן וועלכע מען האט אפגעשניטן און אריינגעזעצט אין וואסער: זיי קענען זיך נישט איינווורצלען, זיי קענען שוין נישט געבן קיין בליעכטס. פארשטייט זיך, אז אויף אן אנדערן אופן וואלטן

מיר געהאַט מעגלעכקייטן בעסערע. דאַמאָלס וואָלטן מיר דערלעבט אַ טאָג ווען מיר וואָלטן פון אונדז זעלבסט געקענט אַוועקשטעלן אַ לעבעדיקע די פאַרלוירענע קולטור־געזעלשאַפט. דער געפיל וואָס איז פון גאָט און מענטשן פאַרלוירן, דער געפיל פון פאַרשאָלטנקייט, וואָלט פון באַוווסטזיין אַליין, זיך געשטעלט אַ הויך שטאָלצע.

יאַ, איך האָב דעם געדאַנקען־גאַנג אויפגעדעקט און צוגעקומען צו דער פריילן לינדעמאַן וועגן וועלכער איר האָט פריער גערעדט.

אין דעם קליינעם הייליגטום וואָס ווערט פון מיה פאַרוואַלטעט און מיר רופן עס אַזוי גרויסאַרטיק — Notre dam דאָרט פאַרנעמט זי אַ גרויס אָרט. איך מוז מודה־זיין, אַז זי האָט מיר אָפט פאַרנומען מער צייט מיט אירע פרעטענזיעס. איך שטיי יעדן צום דינסט און עצה'ן, וואָרום דאָס איז דאָך מיין עובדה: אויסצוהערן יעדן וואָס־האָט אַ פאַרלאַנג פאַר מיר אויסצוגיסן זיין האַרץ און זיך מתוודה־זיין, און אַנטקייגן צו קומען אים מיט טאַט און ראַט. אויב כ'בין מקריב אַ גרויסע טייל פון מיין צייט, איז עס נישט פאַר איינעם בלויז, נור פאַר אַלע; ווי געזאָגט שוין פריער, איז די פריילן לינדעמאַן אָפט מאָל פאַרגאַנגען אין אירע פרעטענזיעס ווייט, ווייט.

אין באָמביי איז זי אָנגעקומען אויף דער שיף. די דאַמע מיט וועלכע זי איז געפאָרן, איז געווען פון דעם אַנניע בעזאַנט־קרייז. זי איז געווען אַ שמאָל קעפלדיקע. איך האָב זי געקענט. איז אַזוי: דער איינפלוס פון די אינדישע מוזיק, ווי ס'האט זי פאַרשטאַנען די דאָזיקע דאַמע און די קרייזן אַרום באָמביי און בענאַרעס — איז פאַר די לנדעמאן געווען צו שטארק. זי איז ווי אן אויוון וועלכער מאכט אין זיך דורך ווילד־כאאָטישע שרפות ביז, כמעט, צום צעפלאצט ווערן. וועגן איר קען מען זאָגן דאָס זעלבע וואָס בודאַ האט געלערנט אין זיין יום־טוב דרשה: איר, מאָנאַכן, אלץ ברענט: דאָס אויג ברענט, די דערשיינונג ברענט, דאָס אויער ברענט, דאָס קול ברענט, דאָס אויפפאסן מיטן אויער ברענט, דאָס פארשטאנד־נעמען מיטן

אויער ברענט, די נאז ברענט, די ריחות ברענען, די צונג ברענט, דער טעם ברענט, דער גוף ברענט און די באַרירונג ברענט.

אזוי איז עס בנוגע איר. איך האָב דאס אַלצדינג אָן איר פאַרשטאַנען און אין איר געפילט ווען זי האט זיך מיט ביידע הענט אנגעהאַנגען אָן מיר און געוויינט... און איך ווייס: אויך איר שכל ברענט, אירע געדאַנקען ברענען, ווי בּוּדאַ זאגט: דורכן פייער פון דער תאווה, דורכן פייער פון דער זינד, דורכן פייער פונם טעות, דורכן פייער פון אַלע אופנים זאַרגן, טרויער, ליידן און ספקות ברענט זי.

די מאַלערין האָט זיך אָפּגערופן:

— זי האט טאַקע אַזעלכע איבערהיציקע אויגן.

— זי איז צו ווייניג אינטעליגענט און אַ ביסל צו עקס-צענטריש — האט ראַדבערטע צוגעגעבן.

— אפשט מאָל ווייס איך טאַקע נישט — זאגט וויטער מיס האַבעמאַ שטעקנדיק ביידע, ברוינע, שלאַנקע הענט אינם קאַקאָס-גירטל: אָפּטמאָל ווייס איך טאַקע נישט, וואס זי איז אַזעלכעס אין דעם אמתן, נישט קוקנדיק אויף דעם וויל איך אייך דער-ציילן אַזעלכעס וואס וועט באַשטעטיקן, פריילן קאַלבּ, אייער פריערדיקע בולטע דערקלערונג. אט: זי זאגט, אז מיט איר מוז געשען עפּעס אַזעלכעס וואס זאָל ענלעך זיין צו דעם הערלעכן בּילד פון פראַ-אַנגעליקאַ אויף אַ וואַנט פון סאַן-מאַרקאַ, אין פלאָרענץ, וואס שטעלט פאָר די באַרירונג פון מלאך מיט דער הייליקער יינג-פרוי. אזוי זאגט זי און מיינט אז דאס נאָר איז די איינציקע מעגלעכקייט פון געבוירן.

אַנני האָט זיך געוואַלדיק אויפגעבראַכט.

— אַ־ך האָב — זאגט זי: שוין לאַנג געוווּסט פון דעם. וואָרום איך בין דאָך, נישט בּלינד, איך זע דאָך וואס פאָר אַ קינדישע, איבערגעטריבענע און נאַרישע צעָרודערונג ס'איז געוואָרן צווישן זיי, נישט קוקנדיק אויף דעם וואס איך בין גאָרנישט-צווידייטיק אַרויסגעטרעטן קייגן זיי. איצט נעכטן — גאָט זאָל מיך היטן! — איך דערצייל דאס ווי ס'דערציילט

א שול-קונד; איז נעכטן איצט הער פון הינטער א היטע אַ גאט־ ווייס וואס פאר א צערטלעך קינדער-לידל:

זאָג מיר, ליבע נינע,
וואס רוישט אין שטרוי. א. א. וו.

איך דערנענטער זיך. דא האט זיך געגאסן דער אזוי־ באקאנטער רויטער פויערן-משקה, פארשטייט זיך אויף אזויפיל וויפיל מ׳האט דא געקענט רעדן פון א געגרייטן טיש... א פול־ שטענדיק געזונט מענטש האט זיך געמאכט א שטרויען וויגעלע און וויגט, מיר האט זיך געדאכטן, עפעס א שנאבל-חיהלע... א בערלינערין לויפט ארום אין א פאר מענער-הויזן און טראגט אונטער דער נאז צוגעקלעבט א פאר וואנסן; א משוגעת, זעט איר, שטעקט זיך שוין אן אין זיי. איךווארט שוין אַויף דעם ווען א פרוי וועט קומען צו לויפן צו מיר און פארזיכערן: „פרעזידענטין, איך בין א מאנספערזאן!״

— פארוואס זאלן זיך די ארעמע ווייבער, אט טאקע די דאזיקע וואס גייען אין א טויט-קאמף מיט זייער חושימדיקייט — פארוואס זאלן זיי זיך נישט העלפן מיט די פארשטעלונגען? — זאגט ראדבערטע: פארוואס שפארן מיר זיך אזויפיל וועגן דעם? אדער, בעסער געזאגט: וואס פאר א גרונט האבן מיר צו וועלן בלייבן ביי א סך שכל, ווען ביי משוגעת קען מען זיין גליקלעכער? רעדט זיך באבעטע לינדעמאן איין, אז זי האט אין זיך עפעס פון קינפטיקן בודא — דארף מען איר לאזן דאס פארגניגן. אדער וואס קען מען איר טון אז זי זאל נישט אזוי זיין?

מאכט מען דען נישט ספעציעל מיט ליאלקעס, אין דער ציוויליזירטער וועלט, קליינע מיידעלעך גליקלעך און נאריש? הלוואי וואלט באבעטעס ליאלקע געווען פאר אונדז אלע צו דערגרייכן. איך, איך וועל קיין שפיל-ליאלקעס נישט צעברעכן. און איר, לאורענצע קענט אפשר דערפון באקומען עפעס גוטע קאנסעקווענצן פארן Notre dam des dames. און פארוואס זאל טאקע דער גלויבן אין באבעטעס ליאלקע נישט דערגרייכן עפעס

אזא כּוח: די בערג ערגעץ אַוועקרוקן און צום סוף — אונדז פירן קיין אייראָפּע!

מיס לאורענצע האָט זיך אָפּגערופן:

— אדרבא, פּרובירט נאָר אויסצורעדן דעם בודא פון באבעטן און איר וועט זיך איבערצייגן, אז ס'איז אוממעגלעך: זי האָט איצט געמאַכט אַזאַ שריט וואָס צווינגט אייך, אויב איר האָט נאָך איין פונק ריינעם שכל, אָנצונעמען אירע היסטערישע אילוזיעס. זי האָט צו זיך גערופן די פריילן דאָקטאָר עגלי — —

— Zupus in fabula (1 האָט קאַלב אויסגערופן.

עגלי איז אַלט געווען צוויי־און־צוואַנציק יאָר. מיטל־הויך. די אַקסלען און די זייטן זענען ביי איר געווען ברייט. איר אָנקוקנדיק האָט זיך געדאַכט, אַז מען זעט עפּעס ענלעכס צו די צייכענונגען: פרויען־טיפּן פון באַזעלער פרויען, ביים ייִנגן האָלביין. אירע האָר זענען געווען פון אַן אומבאַשטימטע פאַרב, אָדער אַ מער־ענלעכע צו טונקל־בלאָנדע, און, כמעט, אַזוי שיין ווי ביי קאַלב און מיס האבעמא, און אזוי ווי ביי זיי פארקעמט. איר פּנים איז געווען אַ גרויס, אַ ברייטס און פול מיט זומער־שפּרינקלעך, אָבער ס'האָט געוויזן די פאָרם פון די אַלעמאַנישע ראַסע אין איר פולער פאַרענדיקטקייט. די גאָמבע און די באַקן־ביינער האָבן האַרמאָנירט. די ברעמען און די נאָז זענען אבער געווען פון דער אויסערגעווענלעכער פיינהייט און רעגלמעסי־קייט. דער פּראָפיל אירער איז געווען שיין קאָנטורירט וואָס ביי דער אויסערגעווענלעכער פיינהייט פון דער נאז איז זי גע־שטאַנען אין אַ דיסהאַרמאָניע מיט דעם אַזוי געזונטן קין, דער קין פון איינגע בערן. איר גאַנצער קאָפּ מיט די איידעלע און דאָך אַזוי פאלקסטימלעכע שטריכן, האָט ־ערמאנט אין

---

1) דער וואלף איז דער עדות; זי איז דאָ.

גודרון 1) דער קעניגס־טאָכטער און דינסט־מויד ווען זי איז געווען אין געפאַנגענשאַפט. די דאָזיקע פאָרשטעלונג האָט זיך נאָך בולטער אַרויסגעוויזן דורך אירע ברעמען, וועלכע זענען אָפט געווען צונויפגעצויגן, דורכן פאַרבאָרגענעם און דאָך נישט־גאַנץ פאַרבאַהאַלטענעם טונקעלן פייער אין די אויגן, דורך דעם ווילנס־קראַפט, דורך דער ליידנשאַפטלעכקייט וואָס האָט זיך געשפּילט אַרום איר מויל, כמעט אָפט אין אַ פּיינלעכן ערנסט.

— נו, דערציילט איר — האָט איר מיס לאָורענצע אַנטקעגן גערופן: דערציילט איר! דערציילט.

— אַ סך צו דערציילן האָב איך נישט — זאָגט די דאָקטאָרין: לויט מיר נאָך קומט אויס, אַז די פּריילן באַבעטע איז מיט איר באַהויפּטונג נישט געווען אין טעות.

דער געוואַלטיקער איינדרוק וואָס די דאָזיקע ידיעה האָט געמאַכט האָט זיך אַרויסגעוויזן דורך אַ שווייגנדיקע פאַרוואונדערונג. נאָכדעם האָט מען זיך געפּרוווט איינרעדן, אַז די דאָקטאָרין האָט געמאַכט אַ שפּאַס. אָבער די ערנסטע וואונדער פון דער דייטשקע, וועלכע האָט זיך נישט ווייט פון דאַנען געפונען, האָט געמאַכט א סוף צום שווייגן. מען האָט זיך גענומען צו דער דאָקטאָרין. דאָס יינגע מיידל האָט באַדאַרפט אויסצוהאַלטן אַ קרייץ־פייער פון שאלות: צי זי גלויבט אין ניסים? און אויב זי האָט פאַרגעסן אַז מען איז איצט דאָ איין וואָך ווייניקער פון צוועלף חדשים אויף דעם דאָזיקן אינזל? אָדער אַזאַ פראַגע: צי אַ חוץ אדם און חוה מוז יעדער מענטש האָבן צוויי עלטערן? און — ווי קלערט זי איצט צו זוכן דעם פאָטער פונם קינד, ווען ס'איז באַשטימט נישט פאַראַן קיין איין מאַנספּערשוין אויפן אינזל?

די דאָקטאָרין האָט געענטפערט קענטיק זער נישט־אַנגענעם באַרירט, מיט אַ טאָן פון קאַלטער זאַכלעכקייט: זי האָט נור

1) א העלדין פון א דייטשער מיט.

פעסטגעשטעלט אַ פיזיאָלאָגישע טאַט-געשעעניש וועלכע האָט אָן שום ספק, זיין נאַטירלעכע סיבה.

מיט דעם איז די מעדיצינישע פראַגע דערליידיקט געווען. די איבריקע שאלות האָט זי מבטל-געמאַכט, ווייל זיי זענען נישט געווען אין די ראַמען פון דער מעדיצינישע וויסנשאַפט. קאלב האָט אָבער דוקא געוואָלט וויסן וויפיל חדשים דאס דאָזיקע רעטעניש עקזיסטירט שוין אויפן איל-דע-דאַם.

לויט דער דאָקטאָרין נאָך האָט עס געזאָלט זיין פון דריטן אָן, און ווידער האָט מען דער דאָקטאָרין געשטעלט צו דעם עקזאַמען צוליב די ספקות אין דער נישט-זיכערקייט פון איר דיאַגנאָז וועלכער האָט נישט גענוג פאַרענטפערט. באַלד האָט מען באַמערקט אן איר שטום ווערן, אַז זי פילט זיך באַליידיקט פאַר איר פאַך, און די פרויען האָבן זיך געמאַכט גלייך ווי זיי וואָלטן באמת געווען אַדורכגענומען פון דער געשעעניש. די פריילן עגלי האָט אָבער ווייטער געשוויגן און זי האָט זיך שנעל אָפגעטראָגן נאָכדעם ווי זי האָט געפרעגט, צי מען האָט נאָך עפעס צו שטעלן פראַגן און קיינער האָט נישט געפרעגט.

נישט נאָר ביי לאורענצע וועלכע האָט, כמעט, אין גאנצן שמועס קיין אנטייל נישט גענומען און ווען זי האָט זיך יאָ אָפגערופן, איז עס בלויז געווען פון דער גוטער זייט, נאָר, אפילו ביי ראדבערטען און צומייסטנס ביי דער מאַלערין, איז באַלד אויפסניי אויסגעבראָכן דער צווייפל, ווי נאר די דאָקטארין איז אַוועק. און דער צווייפל זייערער איז געשטיגן ביז צום גאָר-נישט גלויבן.

— איך מיין — האָט זיך ראדבערטע אָפגערופן: אז אָט די יינגע פאַרשוינטע, ווי איר האט מיר דערציילט, וואָס איז קוים פערצן טעג פאַר איר אָפרייזע פארטיק געוואָרן מיט אירע מלוכה-עקזאַמען, — האט איצט פארשטאנען אָנצוכאפן די געלעגנהייט און, דאָ טאקע זיך געוואלט א ביסל ארויסווייזן מיט אירע פריש-געבאַקענע קענטענישן.

— איך גלויב עס אפילו נישט — האָט לאורענצע אריינגעוואָרפן: וואָרום די דאזיקע דייטשקע איז א הארטער און

גרונטלעכער קאפ און זי קען עס באווייזן. נאר דאס וואס זי אליין, לאורענצע, קען נישט פארשטיין צו דערקלערן זיך געננוי דעם דאזיקן פאל, איז איר פארט שווער צו ספקן אין דער פארזיכערונג פון פריילן עגלי וועגן דער געשעעניש וואס איז א פאקט.

— אויב אזוי — זאגט די מאלערין: איז נאר פאראן איין מעגלעכקייט: עס מוז זיך ערגעץ-ווו באהאלטן, אונטערן אינזל, אדער אויפן אינזל א מאנספערשוין.

— דערלויבט — זאגט לאורענצע: איך וועל אליין גיין צו דער פאציענטין און וועל שוין זען.

זי איז געגאנגען און אין א ווייל ארום איז זי צוריקגעקומען אין דער באגלייטונג פון באבעטע אליין.

— נו, וואס הערט זיך עפעס, מיין ליבע באבעטע!

אזוי האט געקלינגען דאס באגריסן פון די פרעזידענטין, זי האט זיך געצווינגען אז דער טאן, דער אינהאלט און די פארם פון איר רעדן און דער אויסדרוק פון איר פנים זאל דערגרייכן ווי ווייט מעגלעך דעם העכסטן גראד פון ליבנסווירדיקייט. דער ציל איז געווען, אז זי זאל קענען געווינען צוטרוי ביי באבעטן: נו, מיין ליבע טייערע באבעטע, וואס דערציילט איר עפעס גוטס? קומט אהער, זעצט אייך; איך מוז אייך מאכן א קאמפלימענט: איר זענט עפעס יינגער געווארן און שענער; ראדבערטע, זאגט, צי ליגט נישט אויף איר א יום-טובדיקייט? ווען ס'וואלט ביי אונדז געווען א פאסט, וואלט איך געגלויבט אז דער פאסט-טרעגער האט אייך היינט געבראכט א וווּנדערלעכע ידיעה — כ'ווייס א שטייגער, אז ס'איז אייך געשטארבן א רייכע מומע וואס האט געלאזט פאר אייך א ירושה, אדער, אייער בעסטער געליבטער וועט קומען און אייך אהיימפירן. ווי זי לאכט! וואס פאר א גליקלעכן פייערל אין אירע אויגן! זאגט, דערציילט אונדז אלץ פון אייער הארץ אראפ, באבעטע.

— אלזא, הייסט עס, ווייסט איר נאך נישט — זאגט באַ־בעטע, אראפּלאזנדיק די ברעמען פון בושה און צוגלייך ווערנדיק גליקלעך פארויטלט: די איידעלע מיס לאורענצע האט מיר געזאָגט, אז איר ווייסט יאָ פון דעם.

— יאָ און ניין! — זאָגט די מאַלערין: איך קען אַנדערש נישט זאָגן ווי יאָ און ניין. איר וועט דאָך אַליין מוזן זאָגן, מיין טייערע באַבעטע, אַז דער דאָזיקער גאַנצער פּ אַ ל איז נישט בלויז אין געוועגלעכן זין, אומגעווינלעך, נאר — אין אומגעווענלעכן זין איז ער אויסערגעווענלעך!

מיט דעם האָבן אַלע פריילעך מסכים געווען:

— יאָ, אוודאי, אוודאי. אזוי איז ער טאקע, דער דאָזיקער פּ אַ ל!

— קענט איר אונדז אפשר נישט זאגן ווי אזוי, לויט אייך נאך, ס׳האט געקענט צוקומען צו ד ע ם? — האָט די פּרעזידענטין ווייטער געפרעגט.

— איך קען דאָס אייך זאגן, כ׳וועל אייך דאָס גערן זאגן — האט זי געענטפערט: א חוץ דאָס הייליקסטע, וואס איך קען נישט; איך קען דאס אייך זאגן, כ׳וועל אייך דאס גערן זאגן — האָט זי געחזרט פארטראכט.

מען האט צורעכט געמאַכט מיט גרויס זארגפעליקייט פאר דעם דאזיקן וואונדער־מיידל אַן אָרט צום זיצן. זי איז געזיצן מיט עפעס אן אינערלעכע פרייד, עפעס אן ארט פון דערהויבנקייט אין זיך. זי האָט אנידערגעלייגט די הענט אויף די שטולאנלענען און מען האט דערקענט אז איר גאנצער אויפמערקזאמקייט איז אנגעווענדט צום טיפסטן תהום, צום פארבארגענסטן ארט פון איר נשמה. דאַן האט זי פּלוצים אויפגעהויבן די אויגן כדי צו קענען אַריינקוקן מיט אַ שטארקן בליק אין אנדערס אויגן.

— איך האב דאס שוין לאנג דערוואַרט — האט זי אנגעהויבן: נאך אין בענארעס האב איך שוין געהאט אן אנונג דערפון, דאמאלס האב איך זיך געבאדן אין די וואסערן פון גאנגעס און איך האב פארשטאנען אז עס מוז קומען אַ טאג — דער טאג

וואס איז געקומען — עס איז געווען ארום דעצעמבער ווען די וועלט האט מיט א מאל באקומען עפעס אן אנדערע מראה ארום מיר — איך האב באמערקט. איך האב מיר גאנץ בסוד געזען אז איך בין באשאנקען געווארן מיט נייע חושים, אדער אנדערש געזאגט, בעסער געזאגט: איך האב געפילט, אז מיין יעדער חוש ווערט פארטיפט און פארגאנצט — איך האב פלוצים גענומען פארשטיין אז יעדער חוש, ווי דאס אויג, דאס אויער שטעלט מיט זיך פאר אן אין־סוף פון חושים מיט אן א צאל דערקענטעניש־מעגלעכקייטן — פון אלע זייטן נעמען אין מיר אריינדרינגען נייע זאכן דורך די נייע חושים, וואס זענען אפשר געווען צו שטארק פאר מיר, צו כחותדיק פאר אייער ארעמע דינסט־מויד.

נאכדעם ווי זי האט דאס געזאגט איז באבעטע' זיצן גע־בליבן א פארגאפטע, קוקנדיק ערגעץ אין דער ווייט, א געדאנקען־פולע און א שמייכלדיקע.

זי האט געהאט יענעם רייץ וואס ס'באזיצן די פאר־חלומטע נאטורן. און כאטש איר גרויסארטיקער קערפער האט דא, אין דעם ווארעמען, רויקן און גליקלעכן קלימאט דערגרייכט א געוויסע שיינע פולקייט, דאס פנים א פיינע רונדקייט מיט חן־גריבעלעך — איז דאך געליגן אויף איר עפעס א פארחלשטע בלאסקייט וואס האט דערציילט פון א פארצערנדיקע בענקשאפט און שלאפלאזע נעכט.

זי האט געטראגן א געווענלעכע פרויען־העמד און א בלוי קלייד וואס האט דאס לייב פארדעקט — (דאס זענען געווען זאכן וואס זי האט געראטעוועט), און אויסגעזען האט עס ווי זי וואלט מיט איר פראסטע קליידונג, מיט דעם דאזיקן פאר־הילטקייט געוואלט ארויסטרעטן קייגן דער מאלערישע פאר־הילאזיקייט, דער הילוך וואס איז אזוי מאוס געווארן; אירע טונקעלע האר זענען געווען צעלאזט און זענען געליגן אנגע־זאמלט אין איר שויס.

דאס שווייגן האט קיינער נישט איבערגעריסן, כדי נישט ארויסצורופן אין איר א נישט־אנטרויען־זיך און וועלכן־ס'איז

ווידערשטאנד. און זי האט טאקע באלד, פון זיך אליין, ווידער אנגעהויבן:

— אזוי. איך ווייס גאנץ גוט, אז איך געפין זיך צוזאמען מיט דער איידעלער און גוטער לאורענצע, מיט דער גוטער מוטער־פּרעזידענטין און מיט דער הויך־געבילדעטער, פארשטענדיק־קלוגער, איידעלער און גוטער ראדבערטע קאלב — פארוואס־זשע זאל איך נישט דערציילן מיינע געדאנקען־דערפארונגען —: פלוצים דערקען איך די פארבארגענע געטלעכע סיבה, די קאסמיטע סיבה און די אויסער־קאסמיטע סיבה צוליב וועלכן איך בין געבראכט געווארן אויף דער דאזיקן וואונדער־אינזל — איר פארשטייט: כ'האב איר מיט איינמאל דערקענט, ווארום מיט א לאנגע צייט צוריק, איידער איך בין נאך געווען מיט מיין גוף אויפן דאזיקן אינזל, איז מיין נשמה יעדע נאכט, נאכט־פאר־נאכט געווען דא — און כ'האב בולט געוווסט וואס מיט מיר וועט פארקומען.

באבעטע האט געהאלטן די ציטערנדיקע הענט אין דער שויס און אויף דעם מבול פון אירע האר וואס זענען געליגן לעבן איר, האבן געטריפט טרערן.

— ווען איך וויין — זאגט זי: איז עס פון גליק. איר דארפט מיר גלויבן. איר דארפט נישט צווייפלען אין דעם, אז איך בין א וויסנדיקע — אין דער טונקעלער טיף ווייס איך דאס שוין אלץ פון מיין קינדהייט אן — די קטורת־וואלקנס פונעם אינזל פון מיין באשטימונג, האבן שוין מיין וויג איינגעהילט. שוין דאמאלס זע איך אלץ ליבלעך אין מיינע טרוימען: איך וואנדער ארום אין זיינע גוטע וועלדלעך, שווים א גליקלעכע ארום אין זיינע טייכלעך און סאזשקעלעך. אוודאי: ווען איך בין ארויף אויף דער שיף מיט מיין דאמע ארומצופארן די וועלט, האט עס אויסגעזען צו זיין א ריינער צופאל.

נישט קוקנדיק אויף דעם וואס ס'איז אפט אין מיר אדורכגעלאפן אזא אנגענעמער סודותדיקער ציטער, האב איך פארשטאנען נישט־צופרי מיין הארץ אוועקצושענקען. ז'זי האט באדארפט צו זיין נאך די הייליקע פלענער פון

דער השגה־פרטיות. קורץ — (זי האט אויפגעעפנט א פאר גלאנציקע אויגן) איך זע כ׳טראג אין מיין שויס א גאטס זון, דעם שלום־פירשט אויף דער וועלט.

— מיין ליבע און גוטע באבערטע — זאגט די פרעזידענטין: איר מוזט דאך פארשטיין: דאס אלץ וואס איר האט געגעבן אנצוהערן איז דאך פאר אונדז, איינפאכע אומשטרעבלעכע — נא—א האַרטער נוס, ווי מען זאגט; איך בין זיך מודה: איך בין אן אומוויסנדיקע; צווישן מיינע ייגנט־חלומות האט, וואס אמת, דער אלבאליבטער אינזל אויך געהאט אן ארט. אבער בשום־אופן נישט דער דאזיקער אינזל מיט אייער מיסטעריעזע באשטימונג. דערפאר, זייט א ליבע און העלפט מיר אין מיין דורכשניטלעכן שכל.

— איר מוזט וויסן — זאגט באבעטע: ס׳האט זיך אין ענגלאנד צו מיר געשדכנט אן עלטערער לארד. אין פראנקרייך האט זיך נאך מיר געיאגט א יינגער־מאן וועמען איך האב אפגעזאגט, — זיין נאמען האט ער מיר נישט געוואלט זאגן. אבער א גרעפין האט מיר איינמאל געזאגט: דער פרינץ באקלאגט זיך אויף אייך, באבעטע. אין דייטשלאנד האט צוליב מיר א באַרימטער דיכטער זיין הייב פארלאזט. וואס האב איך געקענט טון? איך האב אויך אים נישט געגעבן די קלענסטע מעגלעכקייט. איך האב אויף אים רחמנות. דאך, וואס האב איך געקענט טון קייגן מיין באשטימונג?

— יא, יא. איר האט אונדז שוין געזאגט דאס איר זענט צו אייער באשטימונג צוגעגרייט געווארן פון דעם אלערהעכסטן זין — האט איר אַנגי אונטערגעבראכן און מען האט דערקענט אויף איר א לייכטע אומגעדולדיקייט, ווארום אונטער דעם אלעם וואס זי האט פארשטאנען אלס היסטעריקע, פאר דעם האט זי געהאט אן אומבארחמנותדיקן עקל באהאלטן אין זיך: ס׳וואלט אבער גוט געווען, באבעטע, ווען מיר באקענען זיך נאנט מיט דער דאָזיקער לאַגע, כדי אין באַהאַנדלונג פון אייער פאַל נישט צו טון קאַפּויער; כאָטש איין ווינק אונדז צו געבן ווי אזוי די אומגאַטירלעכע געשעעניש איז מעגלעך געווארן אין

אונדזער נאַטירלעכער וועלט. כ'וועל אייך זאָגן גענויער: צעוס 1) איז געקומען צו אייראָפּאַן אין געשטאַלט פון אַן אָקס 2) אין לבוש פון א ייִנגן, שיינם בחור האָט ער זיך געוויזן צו זעמעלען, איידער נאָך זי איז אומגעקומען צוליב דעם וועלן זען זיין אמת געשטאַלט. 3) צו לעדאַן האָט ער זיך באַוויזן אין געשטאַלט פון אַ שוואַן 4) א. א. וו. ווי אַזוי איז ער געקומען צו אייך?

באבעטע שאָקלט גאַנץ אַנטשלאָסן מיטן קאָפּ און זאָגט מיט אַ זיכערן און ערנסטן טאָן:

— צעוס איז עס נישט געווען.

זי האָט דערביי געשמייכלט מיט אַ גרינגשעצנדיק שמייכעלע. אין דער מינוט איז געווען פעסט באַשלאָסן ביי די צוהערער, אַז מען האָט דאָ צוטון מיט אַ פּאַרוקטע. מען האָט זיך דערמאַנט אָן דער דאָקטאָרינס דיאַגנאָז און מען האָט זיך דוקא געוואָלט דערוויסן אין וועלכע פאָרם דער דאָזיקער, באַבעטעס, משוגענער ווייץ איז אָנגעקליידט. און עמעץ האָט געפרעגט:

— אויב נישט צעוס, טאָ ווער דען?

---

1) צעוס איז יופּיטער.

2) אייראפּע איז געווען די שוועסטער פון קאדמוס, (דער בויער פון טעבען) איר האט יופיטער אלס אקס אויף זיך אוועקגעטראגן פון איר פאטערס קעניגלעכן הויז כדי איר חתונה צו מאכן מיט מינאסן וועלכער וועט שפעטער געבן געזעצן די פעלקער און הערשן איבער זיי מיט כח און חכמה.

3) זעמעלע איז געווען די טאָכטער פון קאדמוסן און הארמאניא. ווען זעמעלע האט געוואלט דערגיין די אמתע געשטאלט פון יופיטער (צו דעם האָט איר צוגערעדט די אייפערזיכטיקע יונא) איז זי, ווען יופיטער האט זיך צו איר דערנענטערט מיט זיינע דונערן, פארברענט געווארן.

4) לעדא — טעסטיוסעס טאכטער. זי איז געווען זייער שיין, איז יופיטער געקומען צו איר אין געשטאלט פון א שוואן און זי האט געבוירן צוויי אייער פון וועלכע ס'האבן זיך ארויסגעפיקט פאליקס און העלענא.

— מוקאלינדא איז עס געווען! — האָט געענטפערט באבעטע.

די פרעזידענטין האָט גענומען אָנקוקן ראדבערטן מיט אַ פאַרבליפטן בליק, און מיס לאורענצע האָט זיך אויפמערקזאַם און ערנסט צוגעהערט.

— ווער איז עס דען? — האָט די פרעזידענטין געפרעגט.

באבעטעס ברוסט האָט זיך געהויבן צו אַ טיפן אָטעם־צוג און זי האָט גענומען ענטפערן בפרטיות:

— דאַמאָלס, ווען די גאַנצקייט, ווען דאָס הייליקע פולקאָמענע האָט דערוואַכט, דאַמאָלס ווען דער כל־יכול איז נאָך געווען אויף דער ערד, פלעגט ער אַ פאַרטראַכטער זיצן אונטער דעם מוקאלינדע־בוים. זיבן טאג לאנג איז ער אַזוי געזיצן מיט פאַרלייגטע פיס. דאַמאָלס איז אָנגעקומען אַ גרויס אומוועטער — שוואַרצע וואָלקנס: אַ שטורעמדיקער שניי, האָגל און רעגן האָט איבער אים געגאָסן. דאַן איז עס געשען ווען דער שלאַנגען־קעניג, מוקאלינדא האָט זיין ווין־אָרט פאַרלאָזט און, דערביי האָט ער זיין גוף אַרומגעוויקלט אין זיבן שיצנדיקע רינגען אַרום דעם דערהאַבענעם און זיין קאָפּ האָט ער געשטעלט איבער דעם דערהאַבענעמס אַלס שמירה. דערפאַר איז מוקאלינדא פון אים געבענטשט געוואָרן און ער איז באַלד געשטאַנען פאַר דעם דערהאַבענעם אין געשטאַלט פון אַ יינגן שיינעם בחור. טאָ, וואָס איז מוקאלינדא דער געבענטשטער אין פאַרגלייך מיט צעוסן?

אַזוי, מיינע פרויען, איז עס געשען: די יינגע דבורה, דאָס יידישע מיידל איז געשלאָפן מיט מיר אין איין געצעלט. און אַזוי ווי עס האָט דאַמאָלס געבלאָזן א הייסער ווינד, אין געצעלט איז געווען צושטיקנדיק, האָט זי אַרויסגענומען איר בעט און זיך אויסגעבעט אויפן ברעג פונם Fleurè des Dames. אויף דעם ארט איז די טיר פון אונדזער געצעלט געבליבן אָפן און, איך בין געווען אַליין. דאָ איז מיך באַפאַלן אַ געוואַלדיקער אומרו — אַ, מיינע פרויען, אַזאַ אומרו האָב איך

נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט געפילט! לבנה־ליכט האָט אריינגעשיינט דורך דער טיר—אַ פויגל אין נאָנטן וואַלד האָט אַ געשריי געטון— דעם רוף האָב איך פאַרשטאַנען — אָ, גוטע און איידעלע פרויען! מיין האַרץ האָט גענומען שלאָגן שטאַרק הויך— עמעץ האָט געפליסטערט: „זיי וויסן, דו ביסט אַ ווייב געוואָרן"—און דאָ בין איך אויפגעשפּרינגען אין א מער־ליבע, ווי אין אַ פיינלעכע שרעק. איך האָב נישט פאַרשטאַנען צי איך חלום נאך אזוי, צי דאָס קומט שוין פאָר וואַכערהייט; פאַרביי מיר האָט זיך געצויגן אָ זילבערנער מיט שיפן, ריטשנדיקער שלאַנג. ער איז געקראכן אַ בלישטשנדיקער. אָט הער איך נאָך זיין שנעלקייט און זיין רוישן און — אָט איז אַלץ שטיל, אָן קלאַנג. פּלוצים ברעכט ווידער אויס דאָס זעלביקע רוישן פון פריער, כמעט ביז צום פאָרטייבט ווערן, וואָס וועט מיט איינמאָל ווידער שטיל ווערן — איך העט זיך צו אָנגעשטרענגט, ווי איינער וואָס גייט שטארבן ווען דאָס דערוואַרטנדיקע גליק דערנענטערט זיך צו אים, כדי אים צו באַשענקען פאַר דער פאַרשמאַכטער אין פאַרצערטער ליבע. איך שעפּטשע: ג ע ט ל ע כ ע ר, ק ו ם א ו ן מ אַ ך מ י ך ז אַ ט!

אַלץ ווערט שטיל ווען איך ליג אַזוי און לויער אויף יעדן קלאַנג. איך שפּרינג ווידער אַ מאָל אויף; מיין גאנצער גוף איז געווארן איין שטיק ווייטאגפולער פייער: איך ברען אינגאַנצן. מיין גאַנץ לייב איז צום פאַרברענט ווערן הייס.

— — די שרפה, דעם דורשט ו י ל ס ט ו לעשן; מיין ווייטאגפולן פייער ווילסטו לעשן; די קליינע רוחות פונם זילבערנעם שלענגל וואס ראצן, ווי די בליצן פון דיין לייב.

גיי, טראכט איך, לעש דיין ברענענדיקן גוף.

איך ווייס נישט צי איך האָב זיך געבאָדן אין טייך, אדער ס'האט זיך מיר נאר בלויז אויסגעדאכטן. איך ווייס נישט צי אין חלום צי אויף דער וואר האט מיך דער טייך ארומגעוואַשן, און—דאָ איז עס געשען ווען הוקאליגדא אין געשטאלט פון אַ ייִנגל האט מיך אנגענומען פאר דער האַנט. אבער ווי שטארק איז געווען זיין האַנט, כאָטש ער האָט נאָך אויסגעזען צו זיין

זער יונג. ווי מוראדיק איז געווען זיין כח כאָטש כ׳האָב זיך נישט געווערט, נישט געשריגן, דעם אָטעם אויפגעהאַלטן און — כ׳האָב זיך ווידער געפינען ליגן אויף מיין בעט. איך קרעכץ:

— האָב מיטלייד! וואַרף אויף מיר דיינע זיבן רינגען אַרויף, אָ מוקאַלינדאַ. וואַרף זיי אויף מיר, מוקאַלינדאַ! —

אָ מוטער־פּרעזידענטין, ווי שטאַרק האָב איך דאַמאָלס געפילט די שטיקנדיקע לאַסט פון די זיבן רינגען אַרום מיין לייב, אַרום אַלע מיינע אברים. איך האָב געמיינט, אַז ס׳איז געקומען מיין לעצטער שעה. אָבער דאַ, אָ, מוקאַלינדאַ, מוקאַלינדא! — דאָ האָט ער מיך אַדורכגעפירט דורך די זיבן הימלען און אין זיבעטן הימל איז געווען אויסגעשפּרייט אַ פּורפּורענער מיט בלומען באַדעקטער דיוואַן, און דאָרט איז עס פאָרגעקומען די מיסטישע חתונה.

— נו, ס׳איז נישטאָ צו רעדן וועגן דעם גאָרנישט — האָט די מאַלערין אַ זאָג־געטון ווען מיס האבעמאַ איז אַוועק מיט באַבעטען; מיר האָבן דאָ צוטון מיט אַ היסטערישן פאַל; ער האָט זיך אַזעלכעס איינגערעדט צוליב דער נישט באַפרידיקטקייט פון זיין אָרגאַניזם אויף וועלכן ער איז קראַנק.

— און דאָ, אַני, האָבן מיר טאַקע דעם מאַנגל פון אַ באַפרידיקטן אָרגאַניזם, וועגן וועלכן איך האָב פריער גערעדט — האָט איר קאַלב געענטפערט: און צו דעם דאָזיקן איז, ליידער, אונדזערע צו־ריינע אַמאַזאָנען־מלוכה, פאַרמשפט פאַר אַלע צייטן אַרויס. און וואָלט עס געווען נאָר דאָס אַליין, וואָלט נאָך אויך נישט געווען אַזוי שרעקלעך; דורך דער צייט וועט זיך אָבער שאַפן אַ גאַנצע סטאַדע אַזאַ קראַנקהאַפטיקע. איין ביישפּיל האָבן מיר שוין היינט דערלעבט און, געדענקט וואָס איך זאָג אייך: ס׳וועט זיין באַלד זיין נאָך אַזעלכע ביישפּילן! ווער ווייסט עס נישט ווי לייכט אַזאַ משוגעת נעמט אָן, ווי לייכט ער גייט אַריבער צו די אַנדערע ביי וועמען ס׳איז שוין פאַראַנען די דיספּאָזיציע פון פריער.

— אַ ריגל איז זער שווער דאָ צו מאַכן — זאגט די מאַלערין: אויב עס דראָט אונדז טאַקע א סכּנה פון דער זייט, ווייס איך נישט אין דעם מאָמענט, פאַקטיש, וואָס מיר האָבן צו טון אַזעלכעס וואָס זאָל האָבן אויסזיכטן אויף אַ נצחון. די פּאָעטישע ריכטונג און די השפּעה פון דער גוטע לאורענצע, ניסן נאָך דאָ אייל אינם געפּערלעכן פייער אַריין. אָדער בעסער זיך אויסגעדריקט: אירע מיטאָלאָגישע שיינע פאַרשיכּורטע טרוימערייען, זענען נישט בכּוח שטאַרקער צו באַוואָפענען דעם Zucus minoris resistentiae (1 פון אונדזערע קאָלאָניסטן.

איך מיין אָבער, ליבע קאַלב, אַז מיר דאַרפן לאָזן די גאַנצע געשיכטע צו רו און אָנעמען זי בלויז פון דער זייט: מיט דעם וואָס באַרייכערט אונדזער כראָניק איך מיין, אַז איר האָט זיך צו אַלעם גוט צוגעהערט.

און ראדבערטע האָט זיך טאַקע גענומען, צוליב די קליין־קעפּלדיקע מאַסע, צום טינט, פעדער און פּאַפּיר. זי האָט גע־האַט אַן אַמט: שרייבן אַ גענויע כראָניק פון טאָג צו טאָג פונם לעבן אויפן איל־דע־דאַם.

די דערפינדערישע טארגערד גרים, האָט ערפינדן אַ מין טאַם־טאַם. דער איינפאַל איז איר געקומען אַ דאַנק דער זופּ וואָס זי האָט אַ מאָל געמאַכט פאַר אַווגוסטן, דער פּרעזידענטינס דינסט־מיידל; אַ קוך־כּלי איז געוואָרן אַריבערגעצויגן מיט דער געגאַרבטער פעל פון אַ קאַרליק־קאנגורע און מען האָט גע־קלאַפּט אין איר מיט אַ האָלץ. שפּעטער האָט מען אויסגעאַרבעט אַ פולשטענדיק פיין דרענגל. אין דער דאָזיקער פויק האָט אין איין שיינעם טאג געקלאַפּט די שיינע מולאטין — אלמא. (ס'איז גע־וואָרן פריער אָפּבאַשטימט אויף דעם אָרט צוזאַמענצורופן די פאָרשטייערינס פון די „צען".) באַלד זענען געשטאנען די פרוי

---

1) דאס קלייגע ארט פון אויפהאלט.

ראָזענבאום, ראדבערטע קאלב, די מיס לאורענצע און מיס טיזאָן-פעידזש אַרום דעם ראטהויז וואו אַנני פרעכטל, די פרע-זידענטין איז געשטאַנען אין דער סוויטע פון אַ פּאָר אַנדערע דאַמען און זיי אָפּגעוואַרט. די פאַרשנדיקע בליקן פון די אָנ-קומענדיקע וואָס האָבן גערן געוואָלט פאַרשטיין וואס ס'איז דאָ די סיבה פון דעם אומגעווענלעכן פויקן — זיי האָבן גאר-נישט געקענט דרינגען פון דעם געלאַסענעם אויסדריק אויף דער פרעזידענטינס פנים, פאַרקערט — זי איז נאָך געשטאַנען מיט אַ לייכט שמייכעלע וועלכעס האָט גאָרנישט אָנגעדייט אויף דעם טראגישן פארפאל.

די פינף אנגעזעענסטע האבן זיך געזעצט ארום דעם קיילעכדיקן פארזאמלונגס-טיש ביי וועלכן ס'האבן זיך אויך צו-געזעצט די איבריקע וועלכע זענען געקומען, ס'הייסט: די דאקטארין, טאָרגערד גרים, און גערטא בערגמאַן — די פידל-שפילערין.

די פרעזידענטין האָט אנגעהויבן:

— מיינע דאַמען! איך האב אייך היינט צוזאַמענגערופן אויף אַן אויסערגעווענלעכע זיצונג. און ווי אייך איז, דאַכט זיך, באַקאַנט קען איך אייך שטערן די רו נאָר אין אויסער-געווענלעכע נויט-פאַלן. איר וועט זיכער זאגן, אז כ'האב אייך גערופן צוליב אַ נארישקייט. ניין! איך האב אייך גראד צו זאָגן עפּעס וויכטיקס, אין יעדנפאל וויכטיק אויף אַזויפיל, אויף ווי-פיל מיר וועלן קענען באַטראַכטן אונדזער לאַגע.

כדי אייך נישט צו ברענגען אויף קיין טארטורן, כדי אייך איינצושפּארן פאַלשע טרעפּונגען, וועל איך אייך גלייך באַמערקן: נישט וועגן דעם וואס אייך האט געקענט אין דער רגע איינ-פאַלן. מיר וועלן באַטראַכטן דאס וואס איז פאַקטיש געשען; נישט מען האט באמערקט א שיף, נישט דער בריוו-טרעגער האט אונדז געבראכט א בריוו פון אייראפּא. אויך איז נישט קיינער קראנק געווארן. ס'איז קיינעם קיין אומגליק נישט גע-שען און נישט קיינער איז געשטארבן. ס'האט קיינער נישט געזען קיין מענטשן-פרעסער, נישט קיין טיגער, אדער א קלא-

פער-שלאנג. איז איך איינגעפאלן עפעס בונטארישעס, אזוי קען איך אייך פארזיכערן, אז קיין שום מלוכה, די בעסטע איז נאך נישט געווען אזוי געזיכערט, ווי אונדזערע. אפילו ווי אין א קייזערלעכע מלוכה — א רעוואלוציע פון „אויבן" — א „פישט", איז נישטא צו קלערן. איך מיין אז איר קענט מיך שוין צו גוט, ווייסט איר אז איך וועל זיך גיכער לאזן די האנט אפ-האקן, איידער איר אויסשטרעקן נאך דער קרוין. איל-דע-דאם בלייבט פריי. און דאס ווייס איך אויף אזוי זיכער, ווי איך וואלט צען טויזנט שבועות, פארפאסט פון אונדזער אייגענער רעפובליק, פייערלעך אויסגעהערט.

די דאמען לאכן א ביסל צומישט: זיי ווייסן נישט, איי-גנטלעך, וואס די פרעזידענטין איז אויסן צו דערציילן.

— איך וועל אייך נאך זאגן אז כ'וואלט אייך געקענט א סך נאך אויסרעכענען. אבער לאזט אייך נישט-צו דעם טעות, ווען איר וועט האבן געהערט מיין גאנצע דערעפענונג אז, איך רעד נארישקייטן. איר לאכט! פון דעם איז אבער גארנישט דא וואס צו לאכן. איך האב מיך שוין אליין נישט איינמאל גע-פרעגט אויב מיין שכל דינט מיר נאך; עס איז דא, זעט איר, א זער הארטע נוס צו צעקנאקן. וואלט מיין שכל געווען א מויל, וואלט ער זיך שוין לאנג געהאט אויסגעבראכן אלע ציין. איך וועט זיך מיט אייך, אז איר וועט אליין צוגעבן דאס איך בין גערעכט ווען איך וועל נאר בלויז אויף איין ווייל וועלן שפילן די ראל פון ניסן-קנאקערס. פארוקט אבער, משוגע בין איך נישט, צוליב דעם ווייטערדיקן וועט איר אליין מוזן אוועקרוקן דעם געדאנק, אז אין מיין געהירן-קאסטן איז עפעס א ספרענ-זשינע געפלאצט.

אין לויף פון די דאזיקע ווערטער האט זיך דער בייגיר פון די צוהערער, געהויבן. אבער, ס'האט נאך גארנישט אויסגע-זען אז די פרעזידענטין זאל זיין צופרידן פון דער דאזיקער הויכער שפאנונג.

זי האט ווידער אנגעהויבן:

— פארשטייט, מיינע דאמען, האלט זיך אייזערן-פעסט

מיינע פריינדינס און חברטעס, אז איך בין נאך ביי פולן פאר־שטאנד און, קיינמאל נישט נאריש. איבריגנס: דאס וואס איך וויל אייך מיטיילן איז א פאקט, א געשעעניש. אבער גראד דאס וואס איר האט צו טון דא מיט א צווייפלהאפטן פאקט, דאס מאכט מיין לאגע געפערלעך און אזוי־לאנג, ווי לאנג כ׳וועל מוזן רעדן. זעט איר, דאס איז פון דעם מין, אז איידער איר וועט זיך נאך מיט דעם באקענען מער ווי אויבערפלעכלעך, וועט איר מוזן זען אין מיר א משוגענע. אבער, גיט אכטונג, דאמען, איך בין נישט אראפ פון זינען! גיט אכטונג ביים ווײ־טערדיקן, כדי די מיינונגען און די גייסטיקע אנאמאליע פון אייער פרעזידענטין זאל נישט ווירקן אויף אייך און, איר זאלט נאר, חלילה, נישט בלייבן אליין קיין פאריקטע.

דאס געשעט נישט דאס ערשטע מאל. דער ליידיקגייערי־שער שטן הייבט שוין אן צו אפט זיין שפיל מיט די פאר־שטעלונגס־קרעפטן אין וועלכע ס׳ליגט פארדארבנקייט און ליגן. ער וויל אזוי ארום ווייזן אז ער איז דא פאראנען, כדי מען זאל אים ארויסרופן איצט. ניין! איך שווער אייך, איך בין נישט משוגע. אבער די זאך איז יא אן אומזיניקע.

— גייט עס נישט אפשר, וועגן דער פיש־פארטיילונג, פרעזידענטין? — פרעגט די פרוי ראזענבאום: אויב אזוי קען איך אייך זאגן: איך האב די זאך גענומען אין מיין האנט אריין און קיינער האט זיך נישט וואס צו באקלאגן.

— אויב ס׳וואלטן געגאנגען אין דעם, וואלט איך מיין הקדמה געקענט מאכן א סך קורצער.

— אפשר, — ווארפט אריין די מיס פעידז: אפשר גייט עס וועגן טייוול, וואס האט צונויפגעטריבן א צאל פרויען מיט מיידלעך אויפן בארג, אויפן מאנט־דע־דאם און דארט זענען זיי געווען פיר, צו פינף טעג מיט נעכט און פארבראכט מיט פאל־מע־וויין, טענץ אין ווילדן טומל און, נאך איצט האבן זיי זיך נישט אויסגעניכטערט?

—איך האב שוין פריער געזאגט, מיין ליבע מיטבירגערין— רופט אנני פרעכטל אויס: איך בין אייך מוחל. בחינם איז יע־

דער פּרווו וואָס וויל טרעפן, אָן שום נוצן איז פּאָרויס צו שפּרינגען איבער מיין דערקלערונג. געדענקט נאָר דאָס: איך בין נישט משוגע, און געדענקט אַז מיר אַלע מוזן זיך האַלטן ביים פולן און קלאָרן שכל!

עס זענען טאַקע דאָ סימפּטאָמען וואָס מאַכן די לעצטע געשעענישן, פאַר זער וויכטיק און, אפשר, פאַר שווערע אויפגאַבן.

מיר זענען איצט דאָ איין יאָר מיט זעקס חדשים אויף דעם אינזל. דערמאַנט אייך נאָר: פּרויען, בלויז פּרויען; די משוגע-וואַנדערונגען אויפ'ן באַרג, ליבע פּעידזש, דאָס זענען איינצעלנע פון די פילע סימנים אַז: ס'קומט אויף אונדז אַ פּאַמעלעכע צעריסנקייט, אָדער בלויז אַ באַלאַגערונג פון אונדזער קאָלאָניאַלע פּסיכיק. די גייסטיקע אויסבעסערונגען אונדזערע, האָבן גאָרנישט געהאָלפן. איבעריגנס קען מען וועגן דעם גאָרנישט רעדן, ווייל צו דער גייסטיקער, ווי צו דער פיזישער באַפרוכפערונג זענען נויטיק אַ מאַן מיט אַ ווייב; מיר קרענקען אויף אַ גייסטיקן יסוד-לאָזיקייט.

מען דאַרף לענגער האַלטן דעם בויער אין אייביקן פייער, איידער מען גייט בויערן מיט אים דאָס זעלבע איז מיט אונדזער גייסטיקייט: זי ברענט און ברענט נאָך פון אָלימס-צייטן 1); אָט, די אַנאַלאָגע מיט דעם פייערדיקן בויערער וואָס דאַרף אַנטפּלעקן דעם הייליקן פיין פון ערדישן, אָדער הימלישן אור-פייער — דאָס האָבן מיר נישט; אונדז פעלט דער בויער, אונדז פעלט די באַרירונג, די נאַטירלעכע גייסטיקייט, דער קאַמף. — איך בעט אייך, פאַרשטייט מיך נאָר נישט שלעכט: איך מיין דעם קאַמף פון צווישן מאַן און ווייב.

— איך וואָלט אייך געבעטן, פּרעזידענטין — זאָגט די מיס האבעמא, זיך אויפהייבנדיק: איך וואָלט אייך געבעטן זאָגן קורץ וואָס ס'איז דאָ צו טון און זאָגן, ווי חייט מעגלעך אָן

1) פון אמאָליקע צייטן.

די אַלע איבעריקע צערעמאָניע-רייד, ווייל דאָ איז נויטיק אַ גיכע האַנדלונג.

— קיין שום שנעלע האַנדלונג איז נישט נויטיק. עס וועט קיין שום קלאָרקייט נישט אַריינברענגען, ס׳קען גיכער זיך שאפן אַן אַלגעמיינע צעמישונג. ווער ס׳דערוואַרט קלאָר צו ווערן אין דער נייער געשעעניש, דער וועט זיכער אַנטוישט ווערן. נאָר דאָס וואָס איך קען אייך איצט זאָגן איז, וועגן דער אומצווייַדייטיקע געשעעניש וועלכע בלייבט, אַלס אַזעלכער, אַ ניש-פאַרשטענדלעכער ספינקס-רעטעניש.

די פרעזידענטין האָט זיך אויסגעהוסט און געדאַכט האָט זיך אַז זי זעטיקט זיך אין די דערוואַרטנדיקע מינעס פון די דאַמען.

— אָן אַ שום ספק — האָט זי ווייטער גערעדט: איר געדענקט נאָך גוט די אנטלאָפענע, אָרעמע באַבעטע, פון אַן ערך זיבן חדשים צוריק. דעם גוטמוטיקן, אָבער עקסצענטריש נפש האָט צו דעם געטריבן אַ פיקס-אידעע. זי האָט מיר שוין דאַמאָלס אָנגעוויזן דארויף אין א בריוול וואָס זי האָט מיר איבערגעלאזט. „זי גייט נאָך אַ העכערן רוף — האָט זי געשריבן: אַרוף וואָס איז דערגאַנגען צו איר. מעגן איר די אַרומיקע נישט גלויבן און מעגן זיי וועלן איר אָפרעדן דערפון: די שטימע וועלכע האָט איר גערופן, האָט איר באַצייכנט דעם וועג אינם אינערן טייל אינזל וווּ זי וועט געפונען א הויך און איינזאם פאַרוואָרפן הייליק ארט, ווו זי וועט קענען דערפילן איר חוב, אַ זיכערע פון די אַנטקייגנווירקנדיקע כוחות. מען זאָל זיך נישט געבן קיין שום מי איר אויפצוזוכן ווארום אלץ וועט זיין בחינם, זי רעכנט צו האָבן די געטלעכע הילף ביי איר זייט. די ערדהייל וועלכע זי וועט באַווינען ביז די צייט וועט דערפילן דאָס שליחות פאר איר הויך מזל — די דאָזיקע הייל וועט מען קענען אויסגעפונען ביי געוועגלעכע אומשטענדן, אבער נישט אין אויסערגעוועגלעכע אומשטענדן ווען א געטלעכער רויך וועט איר פארבארגן".

איך וועל לאָזן שטיין דעם געטלעכן רויך — זאגט זי ווײ-

טער: אבער אין יעדנפאל האט אין דעם דאזיקן געדאנק עפעס פונקציאנירט, ווארום, ווי מיר געדענקען זענען די אלע אנגענומענע מיטלען אויסצוגעפונען איר, געווען אן א דערפאלג; מיר האבן אין איר פארגעסן, פונקט אזוי ווי ס׳האט באדארפט געשען נאך אן אפוועזנהייט ביי מער פון זיבן חדשים. איך אליין האב געגלייבט אז זי איז ביים באדן זיך דערטרינקען געווארן, אדער זי איז געפאלן א קרבן ביי א היי־פיש.

און דא האט איר די נייע געשעעניש:

באבעטע איז די היינטיקע גאכט צוריקגעקומען. ווי אן איזיס — א גאט־מוטער איז זי אראפגעקומען פון אָזירישן, רויכערנדיקן פייער־בארג 1) מיט א פערצן טעגיקן גאָט־זון ביי דער ברוסט.

*

די ערשטע ווירקונג פון דער דאָזיקער דערקלערונג, האט ביי די פארשטייערינס זיך אויסגעדריקט אין שפראך־לאָזיקייט, דאן האָט די פרוי ראזענבאום, וועלכע איז געזיצן לעבן דער פרעזידענטין, א שטעק־אויס־געטון די רעכטע האנט כדי ארומצוכאפן די מאלערינס האַנט־געלענק אום צו קענען פילן דעם פולס־גאנג. באלד האט זי זיך אויפגעהויבן און מיט דער לינקער א טאפ־געטון איר שטערן. ביי דער דאזיקער סצענע איז אין דער שטיב אויסגעבראכן אן אלגעמיין געלעכטער, ווי אויף א קאמאנדע. די פריי געווארענע נערוון האבן זיך בשום אופן נישט געקענט איינהאַלטן פון געלעכטער.

— אָבער איך זאג אייך, איך בעט אייך — האט אנני פרעכטל אריינגעשריגן אין געלעכטער אריין: איך בין נישט משוגע, איך בין נישט פאריקט. אזוי איז עס: איך בין ביי מיין קלארן

1) איזיס און אזיריס זענען געווען שוועסטער און ברודער, צוגלייך מאן און ווייב — געטער אין דער עגיפטישער מיטאלאגיע.

פאַרשטאַנד און איך האָב קיינמאָל נישט געפּלאַפּלט.

איך גיב דאָס וואָרט גערטאַ בערגמאַן, ווייל זי איז די ערשטע איבער וועמעס שוועל דער געשעענער נס איז די היינ־טיקע נאַכט אַריבערגעטרעטן.

און די דאָזיקע האָט גענומען רעדן אין אַ ריינעם מינכער־דייטש:

— נו, איך קען אייך גאָרנישט זאָגן מער ווי דאָס, אַז די באַבעטע איז די היינטיקע נאַכט געקומען צו מיר מיט אַן אמתדיק קליין קינד אויפן אָרעם. פון וואַן זי האָט עס גע־נומען — דאָס ווייס איך נישט.

דער דאָזיקער פאָריערשער טאָן, האָט ווידער אויפגערעגט צו אַ נייעם קלינגענדיקן געלעכטער.

— יאָ, מיינע דאַמען — זאָגט גערטאַ ווייטער: איך קען מיר דאָס אנדערש נישט פאַרשטיין. ווייל, ווי איך ווייס, גע־פינט זיך נישט קיין איין מאַנספּערשוין אין דער דאָזיקער קאָלאָניע, — אויב עס געפינט זיך נישט איינער פאַרקליידט אַלס פרוי צווישן אונדז.

— נאַרישקייט — שרייט אויס די פרוי ראָזענבאום: דאס וואָלט זיך שוין הונדערט מאָל אַרויסגעוויזן ביים באָדן זיך.

די פּרעזידענטין דריקט זיך גרעבער אויס:

— איך וואָלט געוואָלט זען דעם מאַנספּערשוין וואָס זאָל צווישן אזאַ מענגע ווייבער, ווי מיר זענען דאָ, אין דאָזיקן הייסן טראָפּישן לאַנד, זיך קענען אויסבאַהאַלטן אינקאָגניטאָ בלויז פערצן טעג. א טויטער אָקס וואָלט צווישן אזא קי־סטאַדע, לעבעדיק געוואָרן. דאָס יאָ: ס׳זענען געזען געוואָרן אינם אינערן טייל פון אינזל, גרויסע מענטשן־ענלעכע מאַלפּעס. קען אונדז גערטאַ, אָדער פריילן דאָקטאָר עגלי, אדער טאָרגערד גרים וועלכע האָבן געזען דאָס קינד — נישט זאָגן אפשר, ווי, למשל: איז דאָס קינד באַהאָריקט? צי ס׳האט לאַנגע האָר, אדער קורצע? צי ס׳איז איבערן גאַנצן גופל, פאַרעכנענדיק אויך ס׳פּנים, און פון וועלכע פאַרב ס׳איז?

— פוי, א רוחל! — שרייען זיי פון אַלע זייטן.

— „פוי א רוחל״ וועט די זאך גארנישט איבעראַנדערשן, אויב ס'איז פאקטיש אזוי; גאטס קינדער, ס'הייסט די מלאכים האבן זיך, ווי איר ווייסט, משדך געווען מיט די טעכטער פון די מענטשן. אויב אזוי, פארוואס זאל אויף דער אנטוויקלונגס-לייטער פון א שטאפל נידריק שטייענדיקער חיה, ווי למשל, א געניאלע שימפאנזע, נישט האבן דעם איינפאל, מיט דער הילף פון זיין ווייב און פון אן איבער-מאלפע, זיך ארויפצו-כאפן אויף אן איבער-איבער-מאַלפע? און וואס שייך דער דאזיקער דאמע: וואס פאר אַ פארבלענדעניש האט שוין נישט געקענט פארקומען אויף דעם דאזיקן ווייטן געביט, און דאס האלב-פארחלשטע נפש ווארפט זיך אין יעדער בלאָטע. —

אלזא נאכאמאל: ווי זעט עס אויס: קען אונדז די פריילן דאקטאר עגלי נישט זאגן עפעס איבער דעם פארם פונם שארבן ביים ניי-געבוירן קינד? אין דער ביבליאָטעק אונדזע-רער געפינט זיך אן אפגעראטעוועט בעלשע-ביכל, ווו ס'געפינט זיך א צייכענונג פון א שארבן פון Antropopithecus erectus *) וועלכער איז אויסגעגראבן געווארן אין דילוויום אויפן יאווא-אינזל. לויט דעם ערשטן בליק וואס איך האב געכאפט אויף דעם נפש, זעט עס טאקע אויס צו זיין ענלעך צום דאזיקן דרייפערטל מענטש. אזוי קען איינפאלן צו פארגלייכן. איך מיין נישט אז ס'איז א מאנדירל, אדער אן אראנג-אוטאַנג, צו א שימפאַנזע, אדער גאר נאָך א העכערס עפעס. האט איר באטראַכט די פיס פון דעם קינד? עס האָט דאך — מען דאַרף גאָרנישט שטארק נאָכפארשן — העגט וואס זענען אזוי כאַראַק-טעריסטיש פאר א מאַלפע.

דא האט די פאַכמענערישע קונסטלערין, טארגערד גרים מיט די פיינע און פילבארע נשמה — אויסגעבראָכן אין א הויכן שלוכצן. און אז מען האט איר געפרעגט, האט זי געענטפערט, אַלץ נאָך שטארק וויינענדיק, אז: זי קען עס נישט פארטראָגן —

---

*) אן אורבאלטער מענטש מיט שטארקע מאלפע ענלעכקייט.

ביים בעסטן רעספעקט פאר דער פרעזידענטין — קען זי נישט פארטראגן, אז אזא הייליקע זאך זאל אזוי ווערן באהאנדלט און, ווען א קאָלאָניסטין וועלכער איז אירער א חברטע, זאל ארונטער פאלן אונטער אזא שווערן חשד. באַבעטע איז טאקע פעיק צום ראָמאַנטישן איבערנאַטירלעכקייט, אבער זי, טאָרגעירד גרים, זי האט באוויזן אז אָט איבערנאטירלעכע כּוחות זענען אמתדיקע. זי קען איצט אסך נישט רעדן וועגן דעם; ווי אזוי דאס קינד איז געקומען צו באַבעטן — דאָס קען מען טאקע נישט וויסן, אָבער ס׳זענען דאך פאראן אסך זאכן אויף דער וועלט פון וועלכער דער גרעסטער חכם וואגט אפילו נישט צו חלומען. און פאר איין זאך קען זי ערב-זיין, ערב-זיין מיט איר לעבן, דאס באבעטע איז דאס ריינסטע, אָרנטלעכסטע און כשרסטע מיידל אויף דער ערד, זי שטייט העכער איבער יעדן פלאכן חשד, העכער פון יעדער אויסגעלאסנקייט.

נאך ביי דער ערשטער טייל פון דער דאזיקער היסטערי־שער אַפּאָסטראָפע, האָט מען זיך, מער-ווייניקער, געהאט אפגע־קערט פון דער פרעזידענטין.

ביים סוף איז די ארעמע טארגערד אויסגעלאכט געווארן: דער געדאנק פון אן אומבאפלעקטער צוזאמענקונפט, האט אין דער סביבה נישט געקענט פארשטיין ווערן אנדערש, ווי אלס אן אמתער אומזין.

און ווען טארגערד האט געענדיקט, האבן די פארשטיי־ערינס פון די „צען" געענטפערט בלויז מיט א שווייגן.

פלוצים האט די פריילן עגלי גענומען דאס ווארט.

— אלע אייערע איינפאלן — זאגט זי: איבער דער אפ־שטאמונג פונם יינגל, באהאלט פאר זיך. גערטאַ בערגמאן האט איר דערציילט וועגן אנקומען פון באבעטען איז זי א ריינ־געגאנגען און געטראפן די מוטער א שלאפנדיקע און פעסטגע־שטעלט די עקזיסטענץ פונם קינד, אינם הוילן לייבל. זי האט באטראכט דאס יינגעלע און קען פארזיכערן אז, נישט נאר ער איז א געזונטער, מיט געזונטע אברים און אן אויסגעטראגענער, א לעבנס פעיקער, נאר אז ער האט נישט אויפן גאנצן גופל,

אחוץ אויפן קעפּל אפּאר זיידענע מוח־הערעלעך. „און פון א פיר־הענטיקן איז נישטא וואס צו רעדן — זאגט זי איראניש; דאס יינגל וועט זיך מוזן באגיין מיט צוויי הענט בלויז, ווי אלע קאלאָניסטינס, כאטש פיר זענען אלע מאל טאפּלט אזויפיל.

בקיצור, ענדיקט זי: דער יינג איז א בילד־שיינער, פעסט־געבויטער, און פון וואנען ער זאל נישט שטאמען, מעגן מיר זיך ווונטשן, אז פון דארטן זאל נאך צו אונדז אין דער שויס א סך אזעלכע פירות פאלן.

דער סוף פון דער פריילן ד״ר עגליס רעדע, איז געווארן אויפגענומען מיט אַן ערקענטע צושטימונג און מיט אַן הסכמה. די איבריקע רעדנערינס האבן אויך באטאנט אז, פון וואנען דאס ניי־געבוירענע קינד זאל נאר נישט שטאמען, איז די קאלאניע שולדיק באבעטן דעם העכסטן דאנק און בלויז צוליב דעם וואס דורך דעם ערשטן בלי פון די אויטאָכטאָנען 1) אויף אונדזער פרויען־אינזל, האט די קאלאניע באקומען די אמתע גע־גנווארט און נאך מער, די אמתע צוקונפט; זאל דאס האבן גע־קומען דורך א נס, אדער פון א געוועגלעכע, נאטירלעכע אנט־שטייונג — באבעטע האט פארט נישט דעם גאנצן טעות ווען זי גלייבט, אז זי האט געבוירן א משיח, א דערלייזער פון דער קאלאניע. מען וועט נאך דעם זיבטן אויגוסט, אין טאג ווען ער איז געקומען, אפילו אין טויזנט יארן ארום פייערן אלס נאציא־נאלן־יום־טוב. מען וועט זאגן און, מיט דער פולער רעכט וועט מען עס קענען זאגן אַז, אין דעם טאָג איז געלייגט געוואָרן דער גרונט שטיין פאַר אַ נייע, צוקונפט־רייכער מלוכה, און מען קען האָפן: פאַר אַ נייעם מעכטיקן פאָלקסטום וואָס וועט אַלס שענסטע בלום ביי אַלע הויפּט־פעלקער, דער עסענץ בלייבן.

און פאַקטיש: עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן אַז, די נייע געשעעניש האָט געהאַט אַז אומדערהערטן לעבעדיקן איינ־

---

1) א מין פלאנץ.

פּלוס אויף דער שטימונג פון די קאַלאָניסטינס און זי האָט אויך געווירקט מיט אַ געוואַלדיקע השפּעה אויף זייערע געדאַנקען און פאַנטאַזיע; וואָס מען זאָל זיך נישט קענען דערקלערן, האָט מען געזען אין יעדנפאַל אַ חסד פון הימל; דאָס באַווייזט, אַז דאָרט האָט מען נאָך נישט פאַרגעסן אין זיי און, אַז זיי זענען נאָך נישט פאַר משפּט געוועזן צום פאַרלוירן גיין.

ווען די זאַך איז אומעטום באַקאַנט געוואָרן, איז אַנטשטאַנען אַזאַ שמחהדיקער ליאַרם, וואָס האָט איבערגעשטיגן יעדן פרויען-אַרט, און פון דעם האָט מען געקענט אַראָפּלערנען וואָס פאַר אַ באַדייטונג דאָס האָט פאַר זיי. ס'זענען נאָך נישט פאַרביי קיין גאַנצע צען מינוט פון דער צייט וואָס די פּרעזידענטין האָט געשלאָסן די זיצונג מיט אַ קנאַל-עפעקט, און, שוין איז דאָס ראַט-הויז באַלאַגערט געוואָרן פון אַ מונדעסטנס פערציק פרויען וועלכע האָבן געוואָלט וויסן גענוי וויפיל אמת ס'איז פאַראַן אין דער ווילדער לעגענדע, וואָס גייט אַרום פון מויל-צו-מויל אויף דער גאַנצער שטאָט. און די דאָזיקע פרויען ווי-נאָר זיי זענען געוואָר-געוואָרן דעם אומצווייפלדיקן אמת — האָבן זיי גלייך אָנגעהויבן צו מאַכן אַזעלכע יללות פון פרייד, אָבער נישט פון וויטאָג, ווי דאמאָלס ביי ריטאַס קבורה; מען שרייט, מען שפּרינגט, מען קלאַפּט אין די הענט; מען כאַפּט אָן איינער דעם צווייטן און מען נעמט זיך יאָגן אין אַווייבלענדיקן קרייז. מען זוכט פרייע ערטער ווו אַרויפצוכאַפּן זיך, ווארום אין ראַט הויז איז שוין נישט געוועזן קיין פּלאַץ. מען לויפט שרייענדיק, לאַכענדיק און זינגענדיק און אַ סך קוילערן זיך אויף דער ערד. דער דאָזיקער אויסברוך ענדיקט זיך צום סוף מיט אַ רייגן-טאַנץ וואָס האָט געטראָגן אַ מאָדנעם משוגענעם און צו דער זעלבער צייט, פייערלעכן כאַראַקטער. מען האָט אין די באַוועגונגען געקענט זען פאַרשידענע באַקאַנטע אונטערנאַציאָנאַלע טענץ. און אויך דאָס מאָל האָט מען געקענט זען לעבן די, אַזוי גערופענע „טאַנצנדיקע דערווישן”, „ריטשנדיקע דערווישן”, דאָס זענען געווען יענע קאָלאָניסטינס ביי וועמען דאָס באַגרייפנדיקע גליק האָט זיך אַרומגענומען מיט געווין-קרעמפּן.

— אָט, האָבן מיר ווידער אַ גרויסאַרטיק שפּאַס — האָט געזאָגט מיט אַ בייסיק געלעכטערל די מאַלערין צו ראָדבערטע קאַלב און צו מיס לאָורענצע ווען זיי זענען אַליין געבליבן אין ראַט-הויז: איך בין זיך מודה, אַז אַך האָב היינט מער פאַר-גענינן, ווי דאַמאָלס, בעת ריטאַס קבורה. אַדרבא, קוקט, ליבע ראַדבערטע — (און זי ווייזט איר אָן אויפן פענסטער.) זעט דאָס נישט אויס געננוי ווי אַ געצן-דינעריש בילד? טאַנצן נישט די ווייבער ווי עפּעס אַרום אַן אומזיכטבאַרן געץ, פונקט ווי מיר וואָלטן געלעבט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק פאַר קריסטוסן?

איבריגנס — גיט זי צו: וועל איך זיך שוין מוזן אַ צווייט מאָל באַקענען מיט דעם. איך בין לעצטנס, אָפּט, זער נישט קלאָר איבער מיין צייט-אַלטער אין וועלכע איך לעב. מיינע היסטאָרישע באַגריפן פון דער אַמאָליקער אייראָפּעישער הויכער קולטור, פאַרלירן פון טאָג-צו-טאָג זייער רעאַליטעט. דאָס זעלבע קומט פאָר מיט מיין אייגענער גרויסע פאַרגאַנגענ-הייט. אַז איך וויל גלויב איך אין דעם, איך האָב אָבער גאָרנישט מיט וואָס צו באַווייזן. מיר האָבן נישט קיין שום מיטל וואָס זאָל קענען העלפן אונדז און אַנדערע איבערצייגן זיך אַז דאָס געשעעניש פון נעכטן איז אַ פאַקטיש, אַן אמתדיקס און נישט קיין אויסגעטרוימטס.

איר וועט מיר אַליין מודה זיין, אַז די פאַרטיי פון דעם ניכטערן אינטעלעגענץ, אָדער בעסער געזאָגט: דער ריינער שכל וועט גראָד היינט, נאָך דעם פאָרפאַל, נישט געשטאַרקט ווערן.

— פרעזידענטין — זאָגט אויף דעם מיס לאָורענצע: איך בין צופרידן פון דעם מיטן גאַנצן האַרצן. און זי זאָגט ווייטער: גאָטס אורשפּרונג, דער אורשפּרונג פון דער וועלט, דער אור-שפּרונג פון דער מענטשהייט, דער אורשפּרונג פונם איינצלנעם מענטשן, אייער און מיין אורשפּרונג איז אין אַ מיסטישע טונקל-קייט איינגעהילט. ווייזט מיר אויף דעם געגנטייל, אויב איר וועט קענען, ווען איך זאָג אייך: נישט דער אורשפּרונג פון

לעבן בלויז, נאר דאס גאַנצע לעבן איז דאָס מיסטעריום! מיר שווימען אין איר אַרום פונקט אַזוי ווי די פיש אין ים, נישט אַנדערש קיין האָר. אויב די פיש פאַרמאגן אויך פראַקטישע אינסטינקטן פונם לעבנס-אויפנהאַלטיקן אַרט וועלכע מאַכן זיי פאר אומבאַרחמנותדיקע שפייז-יעגער וועלכע מאַכן זיי פעיק צו אונטערשיידן אנדערע לעבנס, כדי צו קענען אָנפאַלן אויף זיי, אַזוי — בלייבן זיי דאך פארט אויפן געזאַלצענעם גרונט פון וואסער, קענען זיי דאך פארט נישט אַרויס פון גרויסן מיס-טעריום — ים. זיי ווערן געבוירן, זיי לעבן און שטאַרבן, ווי פיל פראַקטישן דערפאַלג זיי זאָלן נישט פאַרמאָגן פון זייער גע-זונטן, פיש-פארשטאַנד אין דעם דאָזיקן מיסטעריום. איך ווייס נישט אויב פיש פאַרשטייען דאס. יעדנפאַלס געהערט דאָס צום העכערן צושטאַנד. זיי וועלן זאָגן, אַז איך האָב אַ נייגונג צו עפעס א נייעם פרעדיקן, איך דאַרף זיי אַרויסשלעפן אויף אלע זונטאַגן. יא און ניין! איך מיין אויך, די אַזוי גייסטיק-פאָרט-געשריטענע און צוגלייך די גאַנצע קאָלאָניע, צו קענען נוצן ברענגען מיט מיין דרייסטקייט; א העכערן צושטאַנד קען מען אנרופן דאס צייטלעכע און רוימלעכע ענגקייט וואס האט אַ גוטן עקזיסטענץ, אבער נאר דאס צייטלעכע און רוימלעכע אומבאַגרענעצטקייט וואס האלט אין זיך איינגעשלאסן דעם גרויסן זין, וועלכער איז פארט נישט פאַרשלאסן, נאר פריי אויפגעעפנט.

פונקט אזא ליבע, פונקט אזא אפגעהיטענע בין איך געווען נאך אין מיין ייגנט. נישט זעלטן — מעג עס זיין אין לאָנדאן, אדער בערלין, יאָ, אַפילו אין דער גרעסטער בעזעלשאַפט — האב איך געהאט דאָס געפיל פון אן עלנטקייט. דער דאזיקער געפיל ברענגט ארויס די אמתע לאגע פון מענטשן, און ווען דער געפיל כאפט זיך אריין און דער מענטשהייט, ברענגט ער ארויס בולט איר אמתע לאגע; אונדזער גלות פאר-שטארקט נאך דאס געפיל. דונדזער לאגע, אונדזער מצב איז דורך אונדזער מזל אַביסל דייטלעכער געווארן, מער קענטיקער, אבער קיין אנדערע איז זי נישט געווארן. זי בלייבט א צייט-לעכע און רוימלעכע באגרענעצטע תפיסה. נאר דאס שטארקערע

באוווסטזיין דערפון, פארשטארקט דאס אריינדרינגען אינם איי־
ביקן, אינם אין־סוף, אינם גרענעצלאזן פרייען מיסטעריום.

דערפאר קומען אויס ביי מיר נאטירלעך די טעאזאפישע
שטרעמונגען, דער סאמנאבוליזם און נאך אזעלכע ענלעכע
שטרעבונגען וועלכע די קאלאניע נעמט אן. צום ערגסטן קען
דאס אנגערופן ווערן אילוזיעס, פארשטעלונגען וועלכע
פארבייטן דעם וועג פון פריי־זיין, טוישן אויס די איבערגעריסע־
נע פארבינדונגען מיט די געליבטע און בעסטע. אזעלכע איבער־
בייטונגען דארפן מיר, ווי דאס טעגלעכע ברויט. אבער, ס׳וועלן
זיך אויסגעפונען אמתע וועגן צום פריי ווערן אויך.

מיר באקלאגן זיך אויף די מאסע ספיריטיסטישע און
היפנאטיסטישע מעדיומס. זענען מיר דען נישט, אין גרונט
גענומען, אלע מעדיומס און, קען מען דען פאריבל האבן אויף
דעם יעניקן וואס רעדט זיך בלויז איין, אז ער איז דער
אינסטרומענט דורך וועלכע די געטלעכע חכמה אנטפלעקט
זיך?

דאס לעבן איז א געפיל אזוי לאנג, ווי לאנג ס׳טרעט נישט
א ריין אינם שכל. ס׳לעבן גייט ארום נישט בלויז צווישן צער
און העכסטן גליק, נאר אפילו צווישן ארגל־טאן ביז צו דער
העכסטער, אומענדלעכער פאליפאנען־סימפאניע.

די גרונדער פון רוים, ווי ס׳ווערט דערציילט, זענען
געפונען געווארן פון א וועלפן. זי האט זיי געזויגן און דער־
האלטן ביים לעבן; איך באגרוס פון טיפן הארצן דאס מיסטער־
יום, דעם טיפן סוד פון וואנען ס׳איז געקומען צום לעבן
באבעטס זון.

דער מיטאס האט אים באגלייט פון אנהייב אן און ער
דארף זיך נישט ספעציעל באמיען; מיך ארט נישט אויב דאס
וועט הייסן א וואונדער־גלויבן — ווען ער איז פרוכטבאר, ווען
ער גיט די טאנצנדיקע דעם כוח צו לעבן; אויב אבער ס׳וועט
געלונגען אז אויפן ארט פון דעם נס וועט זיך אוועקשטעלן
א קליינער סקאנדאל, וועט דער שטויס־קראפט צום העכערן,
וועלכער איז אזוי נויטיק פאר אונזער שטאט — ווערן צונישט.

נאר ווען מיר בינדן זיך פעסטער אן דעם נס, קענען מיר זיך אלע האלטן פאר אויסדערוויילטע און מיר קענען, אן שום שוועריקייטן, זיך איינלעבן אינם געדאנק דאס מיר זענען די אויסדערוויילטע מוטערס פונם העכסטן פאלק, יא — אפילו אז מיר זענען דאס משיחישע פאלק אויף דער גאנצער ערד.

— אייער אפטימיזם איז, ווי אלעמאל, דאס פאשע-פעלד פארן גרויסן, פארן שיינעם, מיס האבעמא — זאגט די מאלערין: איך בין אזוי אדורכגענומען דערפון, דאס איך מיט אייך און ראדבערטע וועלן מיר קענען בילדן א טריומפיראט פון נישט-דערשעצבארע אילוזיעס. מיידלעך, מיר גיבן זיך די הענט דעם דאזיקן פרוכטבארן שווינדל, ווי אזוי ס'זאל נישט אויס-קומען, כסדר פאדערן. איך זע שוין פארויס, ווייט-בליקנדיק, ער וועט אינדז זיין נויטיק, ווייל ס'טרעפן זיך זאכן, אויב מען העלפט זיי נישט ארויפקריכן צום שיינעם און דערהאבענעם, מוזן זיי, אומבאדינגט, אראפפאלן און זינקען אין מיסט. מיר שאפן דערפאר אנייעם מיטאס און די גאנצע קאלאניע וועט מיטהעלפן. פאראדאקסאל געזאגט: מיר ציען אריבער איבער אונדזער אינזל, א געוואלדיק-גרויסן, אומזיכטבארן קופאל אויף וועלכן מיר וועלן אונדזערע שיינע און דערהאבענע ליגן, די שפיגל-בילדער פון אונדזער ערדישן (1 Soit de sant מזל, אין מאזאיקן און אין גלאנצנדיקע שטערן-געמעלן סים-באליזירן. מיר וועלן דאדורך האבן געקומען צו אנייע רעליגיע, צו אנייע הייליקייט, צו אנייע וויסנשאפט און קונסט, צו אנייע קולטור און last not least (2 צו א נאציאנאלן גאט.

זי ענדיקט:

העלפט מיר דעם דאזיקן קופאל אויפבויען, ליבע לאו-רענצע, ליבע ראדבערטע און מיר וועלן אלע דריי צוזאמען אלס שטערן פלאמען און איר!

---

1) די אזוי גערופענע.

2) כאטש נישט דער לעצטער.

— איך מוז צושטימען, נאר אין דער אמתן וואלט איך וועל זאבן א „ניין".

דאס זאגנדיק האט לאורענצע געגעבן די האנט די ערשטע און נאכדעם די צווייטע חברטע. זי האט כורת-ברית געווען מיט זיי. אין א געוויסער מאס איז דאס צוגעגאנגען פייערלעך, ווען נישט די שמייכלענדיקע אויגן פון דער פרעזידענטין און ראדבערטע קאלב, ביים געבן איר די האנט.

— עס טוט מיר זער וויי — זאגט לאורענצע: וואס איך מוז דא צו הערן וועגן שווינדל און ליגן, ווען ס'איז דא וועגן שיינקייט און אמתדיקייט צו רעדן.

— אך, ליבע לאורענציע — זאגט איר ראדבערטע קאלב: ווען מיר וואלטן נאר געקענט זיין איניק וועגן דעם!

— יא, ווען מען וואלטן נאר געקענט זיין איניק אין דער זאך, — חזרט איבער די מאלערין: וואלט די אויסגעהאלטנ-קייט פון אונדזער קופאל געווען א זיכערע מיט דעם וואס מיר וואלטן כאטש פון אויסנווייניק, אויפן שטרענגסטן אופן פעסט געהאלטן דעם גרונט-זאל פון נאפאלעאנס קאדעקס: Za recherche paternite est interdite. 1)

— נו, גוט, מיינע דאמען — האט די פרעזידענטין נאך א קליינעם שטילשווייגן ווידער אנגעהויבן, (אין דערזעלבער צייט האבן אויסגעמישטע קוויטשן פון פאפוגייען און ווייבער, אריינגעדרינגען אין צימער —) נו גוט, מיינע דאמען. וואס האבן מיר אבער צוטון בנוגע דעם הויפט-און צענטראל פונקט אויף ווייטער? איך וויל זאגן: צי זענט איר מיט דער מיינונג אז וואס שייך דעם ווייטערדיקן, דארפן מיר איבערלאזן דעם אומבאקאנטן גאט, אדער האלט איר פאר וויכטיק אז ווייניקסטנס אזעלכע דריי פארזן 2) ווי מיר, דארפן זיך נישט לאזן איבער-

---

1) דאס זוכן פאטערשאפט איז נישט דערלויבט.

2) דאס זענען געווען דריי שוועסטערין אין דער גריכישער מיטאלאגיע

שטעלן קיין X פאר קיין U אז מיר דארפן ארויסשטעלן אנ־שטאָט דאס געשטעלכע, א נאַטירלעכן אַקט, מיר אַלס קלוגע פרויען זאלן עס נעמען אונטער דער רעזשי ! ווארום, עס וועט דאָך אין יעדנפאַל מוזן זיין דער נאַטירלעכער אַקט אויף וועלכן מיר וועלן בויען אונדזער צוקונפט. מיט דער איבערחזרונג פון א געשטעלכן געדאנקען־אַקט קען מען זיך נישט פריער רע־כענען ווי אין דריי טויזנט יאר ארום. דאס וואלט געווען פראַקטיש אבער, אָן שום ווערט.

— יאָ, אין קריסטוסנס ווילן, דאס איז דאך אומעגלעך ! — האט לאָורענצע אויסגערופן.

— וואס איז אומעגלעך ? — פרעגט די פרעזידענטין : וואס קען נאך, גאט, זיין אומעגלעך, ווען דאס נישט־מעגלעכע איז מעגלעך געווארן ? !

— פרעזידענטין ! איר וועט מיך נישט איבערצייגן ; ניין, ביי קיין אופן נישט !

און די פרעזידענטין ענטפערט איר גלייך.

— איר מיינט דעם נאטירלעכן אַקט. ווי מאָדנע : איר גלויבט דאך אין דעם אַנדערן וואס איז דאך נאָר אַלס סימבאָל לעבנס־פעיק און דעם נאטור־געזעץ שטייט ער דאך אין קייגנזאַץ !

— אָבער ער ! ס'איז נישט מעגלעך !

— אויב אזוי, מוז אויף דעם אינזל פארבאָרגן זיין עפעס אַן אנדער מענערלעך נפש.

פאַאָן איז שוין אַלט געווען פערצן יאר מיט דריי חדשים. באטראכטנדיק אים אלס יינגל, האט ער שוין אויסגעזען א פאלקאמער בחור צו זיין, נאר — ווען מען האט אים באטראכט אלס בחור, האט מען נאך געזען אויף אים דאס גאנצע יינגליש.

---

[1]וואס האבן רעגירט מיטן מזל — טעכטער פון די נאכט.

קייט; ווי ראָדבערטע האט אמאָל ריכטיק באמערקט, איז פּאַאָן געווען זער שיין. ווען זיין פאטער האט אים א נאמען געגעבן נאך א ליבלינג פון אפראָדיטא 1) האט ער זיכער געחלומט פון דעם, אז זיין זון זאל זיין א ליבלינג פון די געטער כאטש. פּאָאָן, דאס קינד פון דער ריינער ליבע, איז געקומען אויף דער וועלט מיט אפּאָר פריידיק-ערנסטע געטער-אויגן — גראד דאמאלס ווען זיינע עלטערן זענען צו דער חופּה געגאנגען. זיין לעבן האט ער געהאט צו פארדאנקען נישט דער דערלויבעניש פון א באַ-אמטן אדער גייסטלעכן, נאר — דעם העכסטן עראָס 2) וועלכער האט זיך פארקערפּערט אין אלמאכטיקייט, אין הייליקער מעשה-בראשית אין די צוויי אויסדערוויילטע מענטשן.

פּאַאָן איז געבוירן געוואָרן אונטער אַ גליקלעכן שטערן: די זון און דער שטערן ווענוס האָט פאַרנומען דעם גאַנצן האָראָסקאָפּ 3). די זון איז געשטאַנען אינמיטן פון אַ סוף-זומער-טאָג ווען זיין מוטער האט איר שויס פון אים באַפרייט; דער קעניג-שטערן אַינם ליוב 4) איז געשטאנען נישט ווייט פון דער זון. קיין שום קייגן-שיין האט נישט געשטערט דעם אסטראָ-לאָג צו באַטראכטן דעם הימל. און שפּעטער האט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן וואס פאַר א זיכערקייט ס'איז געווען אינם בילד אויפן הימל, אדאנק דער לאַגע פון דער זון פון וואָס דער גע-בוירענער האָט געווינען פון די מזלות. מען האט אים אומעטום געקענט אַלס אַ ליכטיק קינד וואָס איז באהוירט פון א נשמה-דיקע חכמה, א ניי ליכט וואס האט זיך אָפּגעשיידט אויס די ליכט פון די ניי-פּלאַטאָניקער. 5)

---

1) א גריכישע ליבעס-געטין.

2) א גריכישער ליבעס-גאט.

3) אן אינסטרומענט מיט וועלכן ס'האבן זיך באנוצט אלטע אסטראלאגן צו באטראכטן דעם סדר פון די שטערן.

4) א גרופּע שטערן, ווי דער גרויסער בער.

5) א פילאזאפישע שולע וואס האט זיך באזירט אויף דער לערע פון פלאטאן, וועלכע האט אנערקענט אז די העאלע וועלט איז נישט מער ווי עמא-

זיין צוזאַמענגעלייגטער האָראָסקאָפּ 1) איז טאַקע אויך געפונען געווארן אין ריטאס האנט־בייטל. ער איז געליגן אין אַרכיוו פון דער קאָלאָניע און די פרעזידענטין איז ממש פאַר־ליבט געוועזן און אים.

מיס לאורענצע האבעמא האט אים געהאלטן פאר א העל־יאָס, ווי זי האט אמאָל אין א שיינער באגייסטערונג זיך אויס־געדריקט אין דער געגענווארט פון דער פרעזידענטין און ראד־בערטע. ער איז איר געווען היפעריאנס זון וועמען די העספע־רישע נומפן האבן געלערנט און גרייט געמאכט אים צו זיין היי־ליקן בארוף. לעבן מיס וואר איז זי געווען בלויז א לערערן. זי האט נאר געקענט די אינסולארע נויט־לאגע פארשענערין, דערקוויקן דעם איל־דע־דאם מיט דעם העספערידן־און העליאס מיטאָס. און אזוי איז שטענדיק געווען איר מיינונג בנוגע פּאַ־אָנען דאס, ער איז באשאפן געווארן צו א גרויסע זאך. זי איז געווען איבערצייגט און קיינער פון די פרויען, אַפילו די העכע־רע, די קולטורעלע האבן איר נישט געטאָרט זאגן ניין — אז ער וועט אומבאַדינגט דערגרייכן זיין הויך באַשטימונגס אָרט. וואָס פאַר אַ פריילעכע שליחות, וואָס פאַר אַ ניי וואָרט, וואָס פאַר אַ רפואה ער וועט די מענטשהייט ברענגען—דאָס האָט זי דער־וויל נישט געקענט זאָגן.

מיס וואַר האָט פאַרטרעטן די פולקומענע מוטער־שטעל ביי פּאַאָנען; צו דעם דאָזיקן אַמט איז זי אויסגעוויילט גע־וואָרן פון דער גאַנצער קאָלאָניע דורך אַ פּלעביסציט. די פרעזי־דענטין, פרוי ראָזענבאַום, ראָדבערטע קאַלב, לאָורענצע האבעמאַ און די דאָקטאָרין — זיי האָבן געבילדעט דעם דערציונגס־ראַט. עס איז געוואָרן באַשלאָסן מיט אַלע מעגלעכקייט צוגעבן דעם שילער און דעם ליבלינג פון דער קאָלאָניע די גענוגסטע זעט

באַציע — אַן אויסשפּרייטונג פונעם געטלעכן ליכט.

1) דא הייסט עס: דער אפּאָטאַגראַפירטער פּלאַן פון די מזלות פון די שטערן פּאָזיציעס.

פֿאַר זיין בילדונג-הונגער, און אים אַליין דאַרף מען היטן ווי מען היט דעם טייערסטן און שענסטן אוצר.

*

מיס וואַרס אויפֿגאַבע איז וואָס-אמת נישט געווען קיין לייכטע. שוין דערפֿאַר אַליין וואָס זי האָט באַדאַרפֿט צו פֿאַרטרעטן דאָס אָרט, פֿון אַ געליבטע מוטער; ווארום ווען ס'איז נישטאָ דער גאַנצער אויסערלעכער צאַרט-געפֿיל, דערפֿילט אָפֿט דער יתום אַ ביטערן פֿאַרדראָס, ווי ער וואָלט געווען אָוועקגערויבט פֿון זיין טויטע מוימען. אָבער מיס וואַר האָט געהאַט דאָס צאַרט-געפֿיל. נישט-קוקנדיק אויף דעם האָט זי געמוזט אַ סך מאָל אַדורכפֿירן אַזעלכעס וועלכעס זי האָט פֿאַרלאַנגט פֿאַר זיין טובה'ס וועגן און פֿאַאַן איז געווען דאַנקבאַר און אַ נאָכגיביקע מוטער וואָלט עס אים שוין נאָכגעגעבן.

שווערער נאָך איז געווען דער מאַנגל אין אַ פֿאָטער, ווי איבערהויפּט דער מאַנגל אין מענער, אין מענערישע אויטאָריטעט פֿאַר דער גאַנצער קאָלאָניע. וועגן אַזעלכן האָט מען שוין גאָרנישט געקענט אויפֿטון, און אַזוי אַ נאָך האָט געפֿעלט דאָס לעצטע און בעסטע מאַכט-מיטל. און פֿאַאַנס קערפּער-קראַפֿט און קלאָרע פֿאַרשטאַנד איז דאָך כסדר געוואַקסן. נישטיק און נישטיקער איז כסדר געוואָרן דער השפּעה-קרייז פֿון מיס וואַר. באַזונדערס איז עס געוואָרן דאמאָלס ווען די העלדישע פֿאַרשווינטע האָט מיט ביטערקייט, אָדער מיט גוטע ריידלעך געוואָלט ביי אים אויספֿירן עפּעס און זי האָט געמוזט אנקומען מיט אַ באַפֿעל-טאָן, אָדער מאָראַל-דרשה.

איר דערציערלעכער חוב איז באַשטאַנען פֿון אַ מאַטעריעלן און אַ מאראַלישן טייל, טיילן וואָס האבן זיך בשום אופֿן נישט געקענט פֿונאַנדערשיידן. מיט אויסערגעוועגלעכע שטרענקייט האָט זי זיך באַמיט, אַז פֿאאן זאל זיך האלטן פֿאר אַ פּערפֿעקטן דזשענטעלמאַן. אונטער אָט דער דזשענטעלמענישקייט האָט זי פֿארשטאַנען דאס אָפּהיטן זיינע האָר, דאָס ריינהאלטן די הויט, די נעגל און די ציינער, און טאָג-טעגלעך אויך צוליב דעם געווען

אַקריג. נישט צוליב דעם וואָס פאַאַן האָט געהאַט אַ ווידערווילן קיינען קערפּערלעכער ריינקייט — ניין. פאַרקערט: ער האָט אַפילו געהאַט אַ פאַרליבע צו דעם. נאָר יעדן אינדערפרי האָט אים באַהערשט אַ ווילן צו אַ פרייער באַוועגונג — צו לויפן אַנישט־געצאַמטער. דאָס יינגל וואָס איז איצט איבערגעגאַנגען צו אַ בחור־ווערן, האָט אַפילו געהאַט אַן אַנגעבוירענער אַנשטענדיקייט און ליבנסווירדיקייט, — וועגן דעם האָט די מיס וואָר נישט געהאַט קיין דאגה. נאר דאָס אנשטענדיקייט־געפיל וואָס איז געווען אין אים, האָט זיך אַלעמאָל אויפגעהויבן העכער פון מיס וואָרס חוב, וועגן עסן, טרינקען און האַלטן זיך.

זי האָט מיט אַן איינגעקשנטער מאַנאַטאַניע געוואָלט אויספירן ביי פאַאַנען דאָס פּינקטלעכקייט און דערמיט האָט זי געוואָלט יוצא־זיין פאַרן מאָראַלישן טייל פון איר חוב. אָבער דעם דאַזיקן ווילדן צו צוגעווינען צו דער שעה אויף זיין אייגענעם כראַקטער — דאָס איז געווען זייער אַ שווערע אַרבעט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז צוגעווינט צו די צייטלאָזע עקזיסטענץ פון די געטער און דערפאַר האָט ער זיך נישט געקענט צובינדן צו דער שעה פון אַ זייגער. און דאַ קומט די גרעסטע זאָרג און עגמת־נפש פון דער מיס וואָר: דער געדאַנק פון אַרבעטן איז פאַאַנען געווען גאָר פרעמד. ס'וואָלט קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געאַקערט געוואָרן, ווען מען וואָלט געוואַרט אַז דער דאָזיקער ווילד־פוילער וועט זיך צוגעווינען און באַאַרבעטן דאָס סטעפּע גראָז. דאָס וואָס ער האָט געטאָן, איז ביי אים געווען אַלס שפּיל. מען האָט געקענט פאַרשטיין, אַז די דאָזיקע האַנדלונג זיינע איז געקומען פון זיין אייגענעם פרייען ווילן און כדי דאָס זאָל אַנדערש זיין, מוז מען וואַרטן אַז ס'זאָל קומען אומגעצווינגען, ער זאָל קענען פון דער אַרבעט געניסן עפּעס זיסעס. בשום אופן איז נישט געלונגען, ווער און וויפיל מאָל מען זאָל עס שוין נישט האָבן פּרובירט, אַז דאָס יינגל זאָל זיך קענען צובינדן צו אַן אַרבעט וואָס זאָל אַפילו זיין צוגעפּאַסט פאַר אים. יעדעס מאָל גליטשט ער זיך אַרויס, אומבאַמערקט, ווי אַ פוילענצער וואָס דרייט זיך געשיקט אַרויס פון יעדער אים אָנגעקניפּטע אַרבעט.

מיס וואר האט דאס געוויסט און האט זיך באמיט מיט אַלע אירע כּוחות דאס צוּבאַקעמפן. אבער דעם באגריף וועגן דער ערנסטקייט פון דער זאַך, האט מען פּאַרט נישט געקענט אַרײַנקלאַפּן אין פּאַאַנס קאָפּ. אמת איז, ער האט געהאט גענוג זאכן וואס ער האט מיט שמחה באגריפן און האט דאס שפּילנדיק צונױפגעבינדן מיט זײַן נשמה, ווי למשל: אין די אַלע פאַרשידענע לשונות פון דער קאָלאָניע האט ער זיך לײַכט, אָן שום מי אויסגעדרוקט. אַזוי האט ער אויך גוט געקענט די גאַנצע פּאַרהאַנענע ליטעראַטור, אויף דעם טייל וואס איז אים געווען לאַנגווײַליק, אדער צו אָנפּאַנגעריש.

דער ווערנדיקער בחור האט באַזיצן הומאָר. זײַן גרויסער טאַלאַנט צו אימיטירן האט אים מעגלעך געמאַכט נאַכצומאַכן אויף אַן איבעראַשנדיקן אופן, מיט די באַוועגונגען און שטימען, אַלע מענטשן פון אַלע פעלקער, פון אַלע קלאַסן און שטאַנדן, וועלכע ער האט, אין דער צײַט פון דער רײַזע, באַאָבאַכט. ער האט נאָכדערצײלט זייערע ליבלינגס-טעמען, איבערגעגעבן זייערע רעדנס-אַרטן און דערצײלונגען און זייערע שוואַכקייטן. די דאַמען פון דער געצווינגענער אַמאַזאָנען-שטאַט וועלכע האָבן געהאַט אַ זין דערפאַר, האָט ער כּסדר געמאַכט פריילעך מיט זײַן טאַלאַנט. ער האט כּסדר געווירקט אויף דער גוטער שטי-מונג פון אול-דע-דאַם און געמאַכט אַזוי, אַז זי זאָל נישט פאַרלוירן גיין.

און דאָ, אַפילו אין דער באַציִונג האט מיס וואר, ווי זי האט נאָר געקענט, געלייגט אירע קייטלעך אויף „פּאַאַנס זונען-וואָגן" (די מיס האָבעמאַס אַ באַליבטע פראַזע!).

— דו ביסט אַ פּאַיאַץ—פלעגט זי זאָגן: אַ קלאָוין, אַ מאַר-שעליק, אבער נישט קיין וועלטס חוזק-מאַכער.

הינטער פּאַאַנס נשמה איז נישט געווען לײַכט זיך אַרונ-טערצוקריגן. דאָס ייִנגל — זאַרגלאָז, אָפן, געזעלשאַפטלעך, ווײַזט קיינמאָל נישט אַרויס קיין ווילן צו באַהאַלטנקייט, אבער, ס'פלעגן אויך קומען צײַטן אין וועלכע ער איז נישט אַרומגע-גאַנגען מיט אַזאַ פרייער האַלטונג. די פּעריאָדן פון איינזאַמקייט

און שווייגזאמקייט, זענען אלעמאָל געקומען ווען ס'איז געווען א גרויסער מארק-צונויפלויף. און מיס וואר וועלכע האָט געדן געוואָלט האלטן דעם ייִנגל אויפן גוטן וועג און איז צופרידן געווען פון דעם דאָזיקן צווייטן עקסטרעם — איז עס אָבער לאנג נישט געווען. זי האָט זיך נישט געקענט בארויקן ווען פאאן איז געווען פון איר אָפּגעריסן אין זיין געצעלט אויפן פליוווּ-דע-דאם צום ערשט איין טאָג, נאכדעם א וואָך, און נאָכדעם האָט ער ווידער געמאכט א ויברח אין דעם אומבאקאנטן אינערלעכן טייל פונם אינזל, ווו ס'איז אים שוין געווען שווער אויפצוזיכן אַ לענגערע צייט.

אין דער צייט פונם אינזלדיקן נס, ביים ערשט-געבוירענעם אויפן איל-דע-דאַם, — האָט מען פאאנען אין ערגעץ נישט געקאנט געפונען: נישט ביי דער מיס וואר, נישט ביי דער שיינער לאורענצע ווו ער האט געפלעגט קומען יעדן צווייטן-דריטן טאג און זיך שפילן מיט דער קאמיש-ליבלעכע שוין מער-ווי צוויי יאָר אַלטע, דיאָדאַטאַ. און שפּעטער ווען זיין דערציערין האָט געוואָלט, צוליב עפּעס אַ סיבה, זיך זען מיט דעם ייִנגל, אויפזוכן זיין היטע אדער אַנדער באַהעלטעניש — האָט מען אים אויך נישט געקענט געפונען. און אַז לאורענצע איז דאַמאָלס, אויפן צווייטן טאָג געגאַנגען באַרג-אַרויף, האָט זי שוין אויך נישט געהאַט אין זינען אים צוטרעפן.

לאורענצעס טריט האָבן אויסגעזען צו זיין צו ערנסט. דאָס דאָזיקע איידעלע ווײַב, וועמעס איידעלע נשמה ס'האָט געהאַט אַן אויסדרוק אין יעדער באַוועגונג פון איר קערפּערלעכע האַלטונג — האָט אויסגעזען צו זיין פאַרטון אין טיפע מחשבות. פון צייט-צו-צייט האָט זי געשאָקלט מיטן שטאָלצן קאָפּ וואָס איז געווען באַקרייַנט מיטן נאַטירלעכן אוצר פון איר גרויס-אַרטיקן, טינקעלן פיין-געפלאָכטענעם קאָפּ האָר, פונקט אַזוי ווי זי וואָלט גע-וואָלט אַראָפּוואַרפן פון זיך אַ געדאַנק, וועלכער איז איר כסדר געקומען אויפן זינען. און פון צייט-צו-צייט האָט די געטלעכע פרוי פון זיך אַרויסגעלאָזט טיפע זיפצן.

קיינער פון די אינזל-איינוווינער האָט אַזוי נישט דורכ-

געלעבט דעם שיקזאל, וואָס איר האָט געטראָפן, אַזוי טיף און אַלזייטיק, ווי זי. קיינער האָט אויך נישט געהאַט אַזאַ פעסטן כאַראַקטער אַנטקעגנצושטעלן, ווי זי, דאָס הייסט: איר דענק- און געפיל פאַרמעגן איז ווייט אַריבערגעשטיגן די אַלע אַנדערע פרויען און דערפאַר האָט זי געקענט טיפער אַריינדרינגען אינעם וועלט-רעטעניש און פאַר די באַזונדערקייטן פון איר מצב: גליק און גרויל, לוסט און ווייטאָג, פאַרגעניגן און יאוש, האָט זי געקענט מער באַצאָלן ווי די אַלע אַנדערע, און צוליב דעם איז זי אויך מאָראַליש געוואַקסן.

ווען זי איז נאָך געווען אין ענגלאַנד און געקומען אין באַרירונג מיט די גרעסטע גייסטער פון די אייראָפּעישע צענטערן, איז איר קיינמאָל נישט געלונגען צוגעפונען אַזעלכעס וואָס זאָל קענען דעם אומבאַשטימטן דראַנג פון איר נשמה באַרויקן: נישט אין די מוזיק-קרייזן, נישט אין דער ליטעראַטור און נישט מיט דער וויסנשאַפט. און כסדר איז זי געוואָרן אַריינ- געצויגן אין אַזאַ צושטאַנד פון וועלכן זי האָט געוואָלט אַנטרינען ווערן און זיין אַליין. נו, האָט זי איינמאָל געמאַכט אַ פּרווו צו באַפרייען זיך פון אים אויף אַן אַנדערן אַרט און, מיט אַ בעסערן דערפאָלג. עטלעכע יאָר האָט די גלאַנצנדיקע וועלט-דאַמע גע- לעבט אויף אַ דאָרף און וואַלד איינזאַמקייט. זי האָט געוווינט אין אַ הייזל וואָס איז געלעגן אויסער יעדן ישוב און האָט זיך פאַרנומען מיט גערטנעריי, נישט רעכענענדיק די רעליגיעזע שטודיומס און פילאָזאָפישע פראַגן מיט וועלכע זי האָט זיך אָפּגעגעבן. אין די דאָזיקע יאָרן אין וועלכע זי האָט לאַנגע חדשים נישט געהאַט קיין מענטש מיט וועמען צו רעדן, האָט זי געגאָסן פון אַ גליק וואָס איז אינגאַנצן ענלעך געווען צו טאָרע וואַלדנס גליק 1) און פונקט אַזוי ווי ער האָט זי אין

---

1) אַ באַקאַנטער אַמעריקאַנער שריפטשטעלער וועלכער האט עטלעכע יאר געלעבט אין אַ וואַלד, געשריבן ווערק, שטודירט „די נאטור און זיך געהאלט. אפגעזונדערט פון מענטשן.

אַ שיינעם טאָג ווידער געזען זיך אריינגעצויגן אין פּאַרכּישופטן לעבנס־קרייז.

אין אַ געוויסער מאָס איז זי שוין געווען צוגעגרייט צו אַ גלות־לעבן. דאָ האָט זי דערזען אַ לעבנס אויפגאַבע וועלכע זי האָט אויפן געביט פון דער קולטור, בחנם געזוכט. און ס׳איז אויסגעקומען, אַז לאָורענצע האַבעמאַ האָט אין ערגעץ נישט געפילט איר וועלט, אַזוי ווי דאָ.

און דערנאָך האָט זי געמאַכט אַ רייזע ארום די ערד. די זעלבע סיבה וואָס האָט איר ס׳ערשטע מאָל געטריבן אין דער איינזאַמקייט, די זעלבע סיבה האָט איר נאכאַמאָל געטריבן. זי האט געהאַט דעם פאַרלאַנג און די האָפענונג צו דערלעבן דאָס אַז דער דאָזיין אירער זאָל באַקומען אַ ווערט, דעם אמתן זין. און אנשטאַט דעם איז געשען דער שיפ־בראָך. שוין דאַמאָלס, בשעת דער קאַטאַסטראָפע האָט מיס לאַורענצע דערפילט, אַז די דאָזיקע רייזע איז נישט געווען קיין צופעליקע, נאָר עפּעס אַ באַשטימטע, עפּעס א פאַרווירקלערונג צו איינע פון אירע גרויסע און טונקעלע דערוואַרטונגען פון איר נשמה. דער ווארעם וואס איז כסדר געוואקסן אין איר, איז מיט איינמאָל דערשלאָגן געווארן און צוזאַמען מיט די אונטערנאַציאָנאַלע יום־טובדיקע זאָלן פון דעם „קאָרמאָראַן״, דערטרינקען געוואָרן אין ים. די ענויימדיקע לאַנגווייל וועלכע האָט זיך געמוזט האַלטן צווישן דעם נארישן לאַקיר, צווישן דעם פלאַכן, אדער ברוטאַלן געניסערטום מיט זיין נארישע איינטאַניקייט — איז מיט איינמאָל פאַרשוווּנדן; אַזוי איז דער שיף־בראָך, אין דער צייט פון איר גרעסטן לעבנסגעפאַר געווען פאַר איר אַ גויטוועגדיקייט, אַן אויסלייזונג. אין דעם מצב איז זי געווען א זיכערע: זי האָט געהאט א רויקן און באַפרייטן געפיל: זי האָט אויף קיין שום אָרט נישט אַרויסגעוויזן, אדער געהאלטן פאר מעגלעך זיך צו ראטעווען און זי האָט דעם טויט געקוקט גלייך אין די אויגן אריין.

דער סוף פון דעם געשעענעם, דאָס אנקומען אויפן איל־דע־דאם, דאס האט פאר לאורענצען באַטייט פאקטיש און אמתדיק, א גרויסע פאריונגערונג, א באַנייונג. זי, וועלכע איז

קייגן איר ווילן געווען מיטגעריסן פונם גרויסן און טריבן ציוויליזאציע־שטראם — זי האט זיך, ענדלעך, דערפילט אן ארויסגעצויגענע און אפגעזונדערטע. זי האט זיך דערזען שטיין אויף א פעסטן יסוד, זי האט באקומען דאס באוווסטזיין פון זיך זעלבסט. זי האט זיך געפרייט מיט איר וואקסנדיקן ווערט וועלכן, אין בעצוג צו דער גאנצער קאלאניע און צו זיך זעלבסט מיט איר ברייטע און באנלייך בליענדיקע גייסטיקייט, זי האט געוווסט אפצוהיטן. מיט א רויקער שמחה, כמעט, מיט התלהבות האט זי גענומען פאר גוט דאס וואס זי ווערט אלץ כסדר, מער און מער, א טייל פון דער נאטור אין דעם ארומיקן גן־עדן, ווי זי ווערט אלץ קרעפטיקער, ווי עס בויען זיך אין איר נייע ארגאנען, אזוי אויך אירע חושים: דער בליק, דאס געהער, דער רוח, דער געפיל, זיי פארפיינערן זיך. זי האט זיך געפרייט וואס איר באוווסטזיין ווערט אלץ מער און מער ענלעך צו אן איבערגליקלעכן בעל־בית וועלכער קען קוים איינארדענען די שפע פון זיין ארבעט וועלכע עס טראגן אים אונטער די אינטענסיווע דינער — די חושים; זי פלעגט אפט זאגן, (ווען זי האט גענומען פארגלייכן איר איצטיקן מצב מיט דעם פון אמאל,) ווי א ייִנגער בודיסט צו זיין נביא, כמעט האלב פאַר זיך: „וויל, אָ הער, זער גוט" ! — און דער „אָ הער" פלעגט ארויסקומען אַזוי, פונקט ווי זי וואלט אומגעווארפענע זיילן צוריק אויפגעשטעלט, אדער ווי זי וואלט א פארדעקטע זאך אויפגעדעקט, אדער א פארבלאָנזשעטן דעם וועג געוויזן, אדער ווי זי וואלט א רייגעברענגט א ליכט אין דער פינסטערניש.

לאורענצע האט געהאט פארלאנגען נאָך פארשידענע זאכן, הויפטזאכלעך נאָך ביכער וועלכע האבן זיך געפונען אין דער מלוכה פון דער פארלאזענע ציוויליזאציע. נאר, אז זי זאל זיך אליין דארטן צוריק א הינקריגן, דאס איז איר אזוי ווייניק איינגעפאלן, פונקט ווי ס'פאלט נישט איין א ייִנגל צו באקומען אן אָרט אין א מענערישן מושב־זקנים, אדער, פונקט ווי ס'פאלט נישט איין א דורשטיקן וועלכער טרינקט ריין קריסטאליזירט וואסער פון א בארג־קוואל, אז ער זאל זיך גאר נעמען זשלאָכן א לוילעכע בלאָטע.

פאַר אירעטוועגן וואָלט מען גאַרנישט באַדאַרפט אַפּוואַרטן קיין שום שיף. און אויב אַ שיף וועט יאָ אָנקומען צום ברעג, איז זי באַשלאָסן, נישט קוקנדיק אויף גאַרנישט, צו בלייבן ווייטער, ווי איז אַ שטענדיקן ווין-אַרט, אויפן איל-דע-דאַם.

אָן שום ספק האָט די שיינע לאָורענצע היינט געליטן עפּעס אויף אַן אומבאַשטימטס, וואָרום אויסער דעם וואָס זי האָט דורכאַנאַנד געזיפצט, פון צייט-צו-צייט געשאָקלט מיטן קאָפּ, איז זי אויך געשטאַנען אַ לאַנגע צייט שטיל אויף איין אָרט און נאָכדעם אַפּאָר מאָל געטוישט די ריכטונג פון איר וועג; אין גרונט אָבער פון איר נשמה איז, נישט-קוקנדיק אויף דעם אַלעם, געליגן עפּעס אַ הויכע פרייִדיקייט און יום-טובדיקייט צוליב דעם חסד וואָס ס'איז געטון געוואָרן צום איל-דע-דאַם, וועגן געבורט פון אַ ייִנגל אויף אַזאַ אומדערקלערלעכן אופן. וואָס ס'זאָל נישט זיין: צי מען האָט עס אַנגענומען פון אַן אומבאַפלעקטער חתונה, אָדער פון אַ נאַטירלעכן געבורט, דאָס געבוירן ווערן פון אַ מענטש איז פאַר לאָורענצען געווען דאָס העכסטע מיסטעריום, אַזעלכעס וואָס האָט נישט געקענט געשטעלט ווערן אונטער קיין שום שאַטנדיקן נס. זענען געקומען זכרונות פון דער אייגענער קינדהייט, אויף-צערעמאָניע, פאַמיליען-מאָלצייט נאָכן געבורט פון אַ ייִנגערע שוועסטער; זיי זענען געקומען כדי זיך צו קענען ווייזן דעם אינזל, וואָס איז געווען באַשטראַלט מיט דעם וואַרעמען גלאַנץ פון אַ יום-טובדיקע זון; דאָס טויפן פונם ערשט-געבוירענעם אויפן אינזל, איז שוין געהאַט פאָרגעקומען דורך לאָורענצען אין דער קירכע פון נאָטר-דאַם, נאָך איידער מען האָט פאַר עס באַשטימט דעם נאָמען: ביהאַרלעל. דערפאַר האָט די ייִנגע פּריסטערן געהאַט אין זיך די ווייפּולע אָנונג פון עפּעס אַ גרויסע פרייד און באַגלייך, דערבײַ אַ טיף-רעליגיעזן געפיל וואָס האָט זיך איבערגעטראָגן אויף אַלע שפּאַציר-ערטער, אויף אַלע וועלדער, אויף אַלע קוסטעס, אויף אַלע טאָלן און פעלזן-שפּיצן פון דעם אינזל.

לאורענצן האָט זיך אויסגעדוכטן, אַז די צוויי רויכערנדיקע בערג-שפּיצן זענען געוואַלטיק-גרויסע מזבחות.

*

דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז נאָך עטלעכע שעהן פון אַרומגיין פאַרטראַכטערהייט, האָט זי אָנגעטראָפן אויף דעם אַנטקייגנקומענדיקן פאַאָנען אַן אויפגעלעבטן. ווען ער האָט זיך אַזוי עטלעכע רגעס געפינען אין דער ליניע פון איר אויג, האָט זי אים באַטראַכט מיט אַ פרעמדקייט און שפּעטער אַ ווייַלע האָט זי זיך באַרויקט מיט דעם וואָס מען מוז אים נאָך האַלטן פאַר אַ יינגל. דאָס האָט זיך אפילו נישט געקענט ענדערן דאַמאָלס ווען זי האָט געהערט דעם יינגלס הויכע און טיפע שטימע בשעת זי האָט אים מיט אַ פריילעכן רופן און צווינקן באַגריסט. ער האָט איר דערציילט אַז ער האָט פאַרשידענע נייעסן אַנטדעקט אויף זיין אַרומוואַנדערן, פאַר אַלעם — אַ פאַרכישופטן טייך וואָס פאַרבאָרגט זיך טיף אין די וועלדער און — אַ גרויסן פויגל פון אַ מאָדנעם לעגענדאַרן פאַרבן-פראַכט וועלכן מען קען גארנישט באַשרייבן. דער דאָזיקער פויגל, זאָגט ער, האָט זיך אויף געוויס אַהערגעקריגן פון איינעם פון די געבענטשטע אינזלען, וואָרום אַזעלכע, ווי מען קען פאַרשטיין פון דעם דאָזיקן איינאייִנציקן פויגל, האָבן געמוזט אַ מאָל האָבן געלעבט און זענען זעט אויס אונטערגעגאַנגען.

לאורענצע פרעגט אים:

— מיין יינגל, צו וואָס ברויכסטו געבענטשטע אינזלען?

שמייכלענדיק ענטפערט ער איר גלייך צוריק: ווי ס'זאָל נישט הייסן, ער ווייסט וואָס ער וויל.

אָבער נישט נאָר פון דעם פויגל מיט די אומבאַשרייבלעכע בונט-פאַרביקע פעדערן האָט ער געוואוסט: ער האָט אויך געבראַכט סימנים פון גאַנץ אַנדערע עמפּידונגען, אייגנאַרטיקע און אומדערהערטע מעגלעכע ריחות וועלכע מען וואָלט נישט געקענט געפונען אין די נישט-צוריקגעקערטע פאַרגאַנגענהייטן.

דער דאָזיקער יִינגערמאַן, וועלכער האָט געהאלטן איצט אין ווערן, ער האָט שוין פאַרמאָגט זעלבסטשטענדיקייט ביים אויפנעמען עפּעס אומדערוואַרטעס אין איבעראַשנדיקס, ווי אַזעלכעס וואָס איז גענוג פאַרשטענדלעך ; און דערפאַר האָט אים נישט שטאַרק געאַרט דער „ווי־אַזוי״ און „צו־וואָס״ פון דער פלוצימער באַגעגעניש ; ער האָט גלייך גענומען שמועסן פון די זעלבע זאַכן ווי דאַמאָלס, בשעת ער האָט דאָס לעצטע מאָל פאַרבראַכט מיט לאָורענצען.

— האַלאָ ! — זאָגט אים לאָורענצע אין אַ קורצע ווײַלע אַרום : דו ביסט שוין גאַנצע אַכט טעג נישט געווען ביי מיר. אין דער צייט איז געשען אַזעלכעס פון וועלכן, איך גלייב, דו האָסט שוין געמוזט הערן ; דו האָסט געקראָגן אַ שפּיל־חבר.

ער איז געבליבן נשתומם.

דאָ איז איר געקומען אויפן געדאַנק צו פאַרפירן דעם דאָזיקן אַזוי־פאַרווונדערטן בחור מיטן אַדעבאַר : אויב ער האָט נישט באַמערקט איין אדער עטלעכע שטאָרכן אַרומקרייזן דעם אינזל, נאָכדעם האָבן זיי זיך דאָ אַראָפּגעלאָזט.

— שטאָרכן ? — צעלאַכט ער זיך הויך, אָבער ער קוקט איר אָן מיט אַ לאַנגען חשד־בליק און, ווי לאָורענצע האָט גע־מיינט, מיט אַ נישט־זיכערע פראַגע און מיט אַ ביסל צע־שטרייטקייט.

— נו, פאַאָן — רופט זי אויס : האָסט נישט צו קלערן פון עפּעס אנדערש ווי נאר דאס : ס׳איז אנגעקומען א נייער בירגער אויפן איל־דע־דאַם. דער ליבער אדעבאר איז אהער־געקומען און מיט געבראכט א קליין פעקל, אינעווייניק אַ קליין יינגעלע !

און כדי צו דערלײדיקן שנעלער די דאזיקע אויפגאַבע האט זי צוגעגעבן : פארשטיי נאר, דאָס דאזיקע פעקל מיטן קליינעם יינגעלע האט ער אריינגעווארפן באבעטע לינדעמאנען דורכן קוימען.

*

די דאַזיקע מיטאָלאָגיע איז, פאַרשטייט זיך, נישט געווען אין די ראַמען פון אַט דער אייביק הויך־געשטימטע מיס. זי האָט אָבער אויך געקענט קינדיש זיין, זיך פריילעך מאַכן ווען זי איז געווען מיט פּאַאָנען. זי האָט מיטגעצויגן מיט זיך דאָס יינגל, כדי צו קענען אים פריילעך מאַכן און אויך כדי צו הערן דאָס געלעכטער פון דעם נאָך נישט דערוואַקסענעם בחור. מיטן שטאַרך האָט זי היינט געהאַט אַ באַזונדערע כוונה. מיט אירע גרויסע קו־אויגן האָט זי נאָכגעפּאָלגט די ווירקונג וואָס אירע ווערטער האָבן געמאַכט אויף פּאַאָנען, און דאָס האָט איר צופרידן געשטעלט: דאָס פאַרחידושט ווערן פונם יינגל, דאָס פאַרשטענדלעכע אַרויסלאַכן און נאָכדעם דאָס פּרוּוון און־אין־אַבסורד דערגיין פון דער שטאַרך־לעגענדע — האָט זי פאַרשטאַנען אַז פּאַאָן האָט די לעגענדע פאַרשטאַנען. אָבער מיט זיינע ווייטערדיקע פאַר ווערטער האָט זי שוין געספּקט און די חכמהדיקייט פון זיינע באַגריפן. ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט, אַז דאָס געבוירן ווערן פונם קינד איז גאַנץ נאַטירלעך און ס׳האָט אויסגעזען אַז ער ווייסט גאַנץ ווייניק וועגן דעם ווי אַזוי ס׳ווערט געשאַפן אַ לעבן אין דער מוטער־טראַכט. ער האָט באַלד געלאָזט שטיין דעם דאָזיקן שמועס און גענומען זיך צו אַזעלכע זאַכן וואָס האָבן אים אינטערעסירט. צוליב אַט דער ווענדונג זיינער, האָט זיך לאָורענצע גענומען רעדן מיט אים וועגן דעם מוקאַלינדאַ.

— ווער איז עס מוקאַלינדאַ? — האָט דאָס יינגל געפרעגט. ער האָט עס נישט געוווּסט. לאָורענצע האָט דווקא געוואָלט וויסן, צי ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט פון אַזעלכן. זי האָט געגלייבט דאָס זי האָט אים שוין אַ מאָל דערציילט וועגן מוקאַלינדאַ, ס׳איז געווען דאַמאָלס ווען זי האָט מיט אים צוזאַמען געשטודירט די אינדישע חכמה. איצט וויל זי אים טאַקע פרעגן אויב ער האָט נישט באַגעגנט דעם

שלאנגען-קעניג מוקאלינדא מיט די זיבן רינגען, ערגעץ ביים טייך ווו ער האט געזען דעם גן-עדן-פויגל.

— אט, דאס איז ער טאקע! — האט פאאן אויסגערופן. און ער האט אנגעהויבן דערציילן, אויף א גאנץ פארשטענדלעכן אַרט, וועגן דער פיקציע פון א שלאַנגען-קעניג. מיט פאַנטאזיע, דערפינדערישע פעיקייטן און איראנישע איבערטרייבונג נעמט ער שילדערן ווי אזוי און ווו ער האט געטראפן מוקאלינדאן, ווי אזוי יענער האט אים אויפגענומען. ער האט געשילדערט ווי דער דאזיקער גאט זעט אויס און ווי אזוי ער גייט. ער האט דערציילט, אז מוקאלינדא לעבט פון ערד און אז יענער האט זיך אונטערגענומען אלע פינף ערד-טיילן איינצושלינגען, ס'וועט א ביסל געדויערן. און פאאן האט אויך דערציילט, אז ער זאל האבן געזאגט צו מוקאַלינדא: „איר וועט דאך, מאיעסטעט, באקומען א מוראדיקן דורשט!״ אבער ניין, מוקאלינדא מיינט אז ער איז נאר בלויז הונגעריק צו ערד און דער ים.

די שיינע מיס איז געווען אויפריכטיק צופרידן וואס די כוונה מיטן שטארך איז געבליבן אָן א רעזולטאט.

ביים סוף אווגוסט איז ביהאר לעל געטויפט געווארן און דעם פיפצנטן סעפטעמבער האט די פריילן ד״ר עגלי אנגענומען א געזונט מיידעלע ביי דער יידישער שיינער דבורה. אין אָק־טאבער איז דאס זעלבע געשען מיט דער נעגערין — אלמא. זי האט געבוירן א פולשטענדיק ווייס קינד — א יינגעלע. דאמאלס איז געקומען א קליינע פויזע, אזוי ביזן דעצעמבער. דאמאלס האט די וונדערשיינע ראזיטאַ, די דראטן-טענצערין צושטייער געגעבן די בירגער פון דער קאלאניע, א יינגל. פון דאמאלס אן האט זיך דער רעטענישהאפטער שעפער-כח גענומען אַריבער־טראגן אויף, כמעט, אלע דאמען פון דער קאלאניע. און צום סוף איז געבליבן בלויז דער פייגנבוים וואס טראגט נישט קיין פירות, נאר בלויז אנני פרעכטל, פרוי ראזענבאום, מיס טיסאן

פּעידזש, מיס וואַר, מיס לאָורענצע האבּעמא, פרײַלן ד״ר ענלי
און נאך עטלעכע פאריינזאמטע.

— מיר מוזן זיך זאָגן — דערקלערט די פּרעזידענטין:
מיר זענען נישט אויסדערוויילט געוואָרן צום רייף־ווערן, נאָר
צום אויסגעריסן זיין און נאָכדעם אין פייער געוואָרפן
צו ווערן.

אין אָנהייב פון צווייטן יאָר האָט באַבעטע לינדעמאַן
ווידער געבּוירן, נאָך ביהאָר לעל — אַ מיידל. באַלד דערנאָך
האָט די יינגע דבורה געהאַט אַ צווילינג און אַזוי כסדר, נישט
היפּערדיק דער ריי האָט אַלמאַ ראזיטא געבּוירן צום צווייטן
מאָל — יינגלעך, און אַזוי ווייטער. אַזוי, אַז צום סוף פון צווייטן
יאָר נאָך ביהאר לעלס געבּוירן ווערן, איז אין געבּורטס־
רעגיסטער וועלכער איז געפירט און געהאַלטן געוואָרן אין דער
בעסטער אָרדענונג פון ראדבערטע קאלב, פאַרצייכנט געוואָרן
דער צוווּקס פון לערך מער פון צוויי הונדערט נפשלעך אין
בייעם גן־עדן.

*

La zecherche dê la paternite est interdite.

דער דאָזיקער גרונט־זאַך איז טאַקע פעסט געהאַלטן גע־
וואָרן. ס׳איז דאך נישט לייכט געווען צו אַנטדעקן די זאַך
ווען אפילו מען זאָל האַלטן אַז אין דעם דאָזיקן שפּיל איז
פאַרמישט אַ מוקאלינדא, צו עמעץ אַנדערש פון די געטער
אָדער העראָען.

מען קען פאַרשטיין וואָס פאַרא פאַרענדערונגען ס׳זענען
פאָרגעקומען אויפן איל־דע־דאַם, אַ נאָמען וועלכער איז שוין
לאַנג נישט געווען אַזוי באַרעכטיקט, ווי ער איז עס געווען אין
אָנהייב ביים אָנקומען אויפן אינזל; עס זענען פאַקטיש געווען
מער מיידלעך ווי יינגלעך, אָבער גענוג יינגלעך זענען קוויטשנ־
דיקע אַרומגעקראָכן צווישן די באַמבּוס־היטעס; דער איל־דע־

דאַם האָט שוין היינט נישט געהאַט די סיגנאַטור אַלס אַן אָרט פון שיף־בראָכיקע.

די פירערינס פון דער קאָלאָניע האָבן נאָר געהאט די איינציקע אויפגאַבע: אויפצוהאַלטן דעם גלויבן, די האָפענונג און דעם מוט ביי די קאָלאָניסטינס און וואָס־ווייטער אָפּצושטיפן די האָפענונגס־לאָזיקייט, די פאַרצווייפלונג און, טיילמאָל משוגעת. און דאָס דאָזיקע איז דער רעגירונג, אין אַ געוויסן ערך געלונגען. איצט איז איבערן איל־דע־דאַם געלעגן דער גייסט פון אַ געוויסער רויקייט — איינגעזעסנקייט, שטיל פאַרגניגלעכקייט. מען האָט שוין איצט נישט געזען אַזוי ווי פריער די היים־בענקענדיקע, די היים־קראַנקע וואָס זענען געזיצן שעהן־לאַנג פאַרזונקענע מיט פאַרשטאַרטע בליקן, אדער זענען אַרומגעגאַנגען מיט צוזאַמענגעפּרעסטע ציין און נאַסע אויגן. איצט איז אומעטום געוועו צו זען אַ פרישע, געזונטע טעטיקייט. דאָס אומעגלעכע פון פריער וואָס האָט געלעבט צוזאַמען מיט פאַרדראָס, האָט איצט געלעבט צוזאַמען מיטן פאַרגעניגן: דאָס פאַרעקשנטע שווייגן, דאָס אַרומקריגן זיך און די טבע ביי יעדער געלעגנהייט צו וויינען, האט זיך איבערגעביטן מיט אַ לוסטיקייט, אנשטאט די מיאוסע זידלערייען איז איצט אויסגעבראָכן פרייליכע געלעכטערס. און דאָס האָט זיך כסדר פאַרשפרייט אויפן גאַנצן אינזל.

*

ווען די וווּנדערלעכע מאַן־זריעה איז געוואָרן דויער־האַפטיק און אַ רעגלמעסיקע זאַך ווי דאָס קרייזן פון דער לבנה, ווי דאָס אַרומגיין די ערד אַרום איר אַש און דאָס צוריקקערן פון דער טונקלקייט איבערן ליכטיקייט — האָט מען זיך דאָ ביסלעכווייז אויפגעהערט צו חידושן איבערן ווונדער.

די מאַלערינס פאָרשלאַג פון „גוט אויספאָרשן דעם דאָזיקן מיסטעריום" — האָט נישט געהאַט קיין פעולה. דאָס איז געשען דערפאַר וואָס דאַס איינציקע נאַטירלעכע און שכלדיקע

וואָס האָט איר געפירט אין דער ריכטונג, איז אָפּגעריסן געוואָרן דער מיס לאָורענצע, ראדבערטע קאלב און דער פריילן דאקטאר עגלי. ארויסגעגעבן דעם משפט איבער דעם פאָרשלאַג פון אַן אויספאָרשונג, האָט די מיס וואַר. און אַז מען האָט איר אָנגעוויזן אַז, נישט-קוקנדיק אויף דעם וואָס מען האָט נישט קיין פאַקטישן מאָטיוו, מוז מען דאָך אָנווייזן, אלס דער איינציקער אויסוועג, אויף פאאן שטראדמאן, און מען דאַרף אים אויספאָרשן, און דאָס מוז מען נאָך איידער מען קומט צו דער הסכמה איבער אן איבערנאטירלעכן אורשפרונג פון דער קינדער-ברכה אויפן איל-דע-דאַם, — דאָ איז די דאַמע אריין אין א מוראדיקן גרימצאָרן, און, נאכדעם ווי זי האט אלע, וועלכע האָבן זיך נישט געשעמט אויף אים ארויפצוּוואַרפן אזא מיאוסע און נידריקע מעשה — אויסגעזידלט מיט די ערגסטע און בייסיקע צונעמען, האָט זי זיך נאָך אָנגענומען פאַר אים מיט דעם וואָס זי האָט געשווירן פאר פאאנס אָרנטלעכקייט.

אָבער דאָס איז איר נישט געווען גענוג, זעט אויס. זי האָט גענומען דאָס יינגל אונטער פיר אויגן, מיט געבעט. ווי די קאַץ ארומגייענדיק אַ הייס געקעכץ, אַזוי האט זי פאַר איר פאַרהער אויסגעקליבן דעם ראפינירטסטן סיסטעם, כדי צוצוקומען צו דער זאך. אַ דאַנק דעם איז דאָס יינגל ווירקלעך געפריווט געווארן אויף אלערליי אופנים, און, צום סוף האט טאקע פון יעדן פארבאהאלטענעם ווינקל פון זיין נשמה, געמוזט זיך ארויסווייזן זיין סוד, ווי ס'האָט זיך גאַנץ קלאָר ארויסגעוויזן פאאנס פעליקער אומשולד.

ס'איז אומעגלעך געווען אז אזא נאטור-קינד, ווי פאאן, וואס באהאלט עפעס, זאל זיך נישט פאראטן מיט איין האלב ווארט, מיט איין בליק, מיט א מינע, שטייענדיק אונטער מיס ווארס פארהער אפשר מער ווי צוויי שעה. זי האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיט טריי-הארציקייט, מיט אָפענעם פארטרוילעכקייט, און, מיט נאיווע צווישן-שאלות געוואלט ביי אים דערגיין ווען דאָס יינגל האט געהאלטן אינמיטן רעדן — זי האט אים געוואלט ארויספירן אויפן אייז. זי האט דורכאנאנד געווארט ווען דאס

יינגל וועט זיך אויסגליטשן פון זיין קאנצעפציע, וועט צומישט ווערן, וועט זיך פאראטן, בקיצור — ער וועט פאלן אויפן אייו. אָבער ניין: וואס זאל ער פאראטן ווען פּאקטיש האט ער נישט וואס צו פאראטן!

יא, כדי צו ספקן אין פּאאנס אומשולד, האט מען געמוזט זיין נארישער נאך פון אן אייזל. ס׳איז פּאקטיש נישט געווען קיינער וואס זאל נאך צווייפלען איבער דעפּ, אפילו די רעאליסטיש־געזינענע פּרעזידענטין און מאלערין. זי האט כסדר פּארטיליקט אין זיך די לעצטע רעשטן פון חשד. צו איר איז דאמאלס אפּט געקומען דאס יינגל, ווייל זי איז די איינציקע — האט ער געזאָגט, וואָס מען קען מיט איר א שמועס טון אין א ריכטיקן דייטש; זי האט אים דאמאלס, אויף איר אופן, אויסגעפּארשט און ארויסגעטראגן א פּסק, אז ער איז אין ווירקלעכן און אין סימבאלישן זין, ד. ה. אין טאפּלטן זינען, א יתום, מער נישט.

אזוי א נאך זענען די אקטן פון דער דאזיקער זאך פּאַרענדיקט געווארן און צום גוטן פון איל־דע־דאם: מען האט שוין איצט געוווסט אויף זיכער מיט וועמען מען האט צו טון. פּונקט אזוי ווי ס׳מאכט רעדן א גרויסע עפּידעמיע וואס האט חרוב געמאכט א ווייטן וועלט־טייל, פּונקט אזוי האט דא געקענט זיין די רייד פון אַ גרויס אויפלעבן. אַ גרויס אויפלעבונג איז אַרומגעגאַנגען איבער דער קאָלאָניע און איר באַגליקט מיט אַ אומדערהערטן וווּנדערפּולן נסיון. און פּונקט ווי אין דער צייט פון אַ מגפה קומט דער גרויסער וויי, אַזוי האָט ביים דאָזיקן ווונדערלעכן פּראָצעס פון ו ו ע ר ן נאָר געקענט זיין דער פּאַל פון גרויסע פרייד - יובל.

דאָס כסדרדיקע ו ו ע ר ן פון אָט דער איבערנאַטירלעכער געשעעניש, נישט רעכענענדיק דער קינדער־ברכה, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט, אַ חוץ אויפן יחיד אויך אויפן גאַנצן כלל, מיט אַ נייע און עפּעס העכערע מענטאַליטעט. ווי האָט מען איצט, אונטערן שאָטן פון דעם הערלעכן נס, געקענט רעדן פון אַ פּאַרלאָזענע, פּאַרלוירענע און פּאַרשטויסענע מחנה, פילן זיך

אַלס אַזעלכע! עס וואָלט דאָך נישט געווען רעכט אומדאַנקבאַר ווען מען וואָלט זיך נישט געווען באַטראַכט אַלס אַן אויסדערוויילטער מחנה, ווען מען וואלט נישט געווען שטאָלץ און גליקזעליק צו זיין באַשאָנקען מיט דעם אומדערהערטן חסד־באַווייז פון דעם אומבאַקאַנטן כח פון הימל.

שוין פריער נאָך, פאַרן אַוועקגיין פון צווייטן יאָר נאָך ביהאר לעלס געבורט, איז שוין דער געדאַנק פון דעם איבערנאַטירלעכן געבורט אין זיין באַגליקנדן און דערהאַבענעם ווערט, דערקענט געווען און איז געוואָרן אומבאַרירלעך, ווייל ער איז דערהויבן געוואָרן צו אַליין־גליקלעך־מאַכנדע דאָגמא. און אַזוי איז שוין אַלץ רעכט געווען, וואָרום דער גייסט און דאָס אויפבליען פון איל־דע־דאַם האָט בולט באַוויזן זיין ריכטיקייט. יאָ, מען וואָלט געגלויבט און קיינער וואָלט נישט געצווייפלט אין דעם, ווען מען וואָלט די אָדער יענע פון די אינזל־איינוווינערין געטראָפן אויפן ברעג מיט אַ מאַן. די דאָגמא האָט זיך פאַרפעסטיקט און עס איז געווען אַן אומזיסטע באַמיונג צו רירן איר.

איז מען געווען אַן אויסדערוויילט פאָלק און קיינער האָט נישט געקענט צווייפלען אין דעם, אַזוי האָט מען שוין געהאַט אַ גרונט דאַנקבאַר צו זיין די קאַטאַסטראָפע מיט דער שיף, ווייל דאָס איז נאָר געווען די בריק דורך וועלכע מען האָט געקענט דערגרייכן צום הייליקן באָדן פון איל־דע־דאַם. יעדער איינציקער אויסדערוויילטער האָט דערפאַר געהאַט דאָס רעכט אין הויכן זין צו זיין מיט זיך צופרידן און שטאַרק צו האַלטן פון זיך. אוודאי האָבן עס נאָר געקענט די דאָזיקע וועלכע האָבן געהאַט אַרום זיך ליגנדיקע, אָדער שפרינגענדיקע לעבעדיקע באַשעפענישן — באַווייזן מיט דעם חסד פונם וווּנדער. די יעניקע אין וועלכע דער שעפער־כח האָט זיך נישט אַנטפּלעקט, האָבן שוין נישט געקענט אַזוי האַלטן פון זייער גרויסן ווערט. זיי האָבן עס אָבער פרובירט דערגרייכן אויף אַן אַנדער אופן מיט דעם וואָס זיי האָבן טאָפּלט העכער גע־

האלטן די דאָגמא און האָבן אַ ביסל צוגעהנדלט דעם הער-שנדיקן גייסט.

פון דעם וואָס איז צו מערסט גערעדט געוואָרן, דאָס וואָס האָט צו מערסט די ווייבער געקיצלט, וואָס איז דערגאַנגען, כמעט, ביז צו אַ נצחון, איז נישט געווען די זיכערקייט פון אַ צעוס-געבורט, נאָר דער דערוויזענער פונקט אַז מען קען אָן אַ מאַן אויך ווערן אַ מוטער. און מיט דעם טאַט, מיט דעם באַווייז איז דער מאַן אַנטקרוינט געוואָרן און פון דאַן אָן איז די פרוי געוואָרן די אַליין-הערשערין איבער דער וועלט.

די פאַרלאָזענע מלוכה פון דער ציוויליזאַציע, איז גע-וואָרן דאָרט עפּעס אַ מערהייט פון מענער — אַ מענער-ציוויל-זאַציע. קעניג, ריטער, בירגער, פויער, בעל-מלאכה און טאָג-אַרבעטער, דאָס זענען געווען די אונטערשטיצונגס-זיילן זייערע. דאָס ווייב, די פרוי איז כמעט נישט דערמאַנט געוואָרן. ס'האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געווען עפּעס אַ מינדערווער-טיקע זאַך, אַ צולייג. און דאָס וואָלט קיינמאָל אַנדערש נישט געוואָרן אויב עס וואָלט נישט געקומען די שעה ווען מען קען אויסקומען אָן מענער. די דאָזיקע וועלט-ווענדונג איז איצט איינגעטרעטן אויפן הייליקן באָדן פון איל-דע-דאַם. וואָס פאַר אַ אויסגעלאַסנהייט ס'וועט איצט אַ סוף איינעמען און, וויפיל אומרעכט און משוגעת וועט דערמיט ווערן אפגעשאַפט; דער מאַן איז פריער געזוען אַ מענטש: מאַן און מענטש זענען געווען בלויז סינאָנימען. היינט וועט מען שוין קענען דעם דאָזיקן אָנקוקן און, זאָל ער זיינע אויגן פאַרמאַכן — ווייב און מענטש איז דאָס זעלבע און אחוץ דער פרוי זענען קיין מענטשן נישט פאַראַן.

די דאָזיקע גרונט-לעגענדע פון דעם אַלגעמיינעם גייסט אין דער קאָלאָניע האָט, פאַרשטענדלעך, שאָדן געבראַכט פאאנס שטעלונג אויפן איל-דע-דאַם. ער האָט גלייך באַמערקט אז ער האָט געקענט זיין דער מיט-פונקט צווישן די קינדער, האָט מען

אָבער איצט ווייניקער פאַרלאַנגט זיין געזעלשאַפט. ער האָט באַמערקט אַז מען האָט אים ספּעציעל אויסגעמיטן, ווען ער איז געקומען אין דער קאָלאָניע; מען האָט אים שלעכט באַהאַנדלט. צו פאַרשטיין אָבער דעם אמתן גרונט פון דעם, האָט ער נישט געקענט, ווייל די יוגנט זיינע און דאָס אויפגעלעבטקייט האָט אים געשטערט.

ער האָט אָנגעהויבן ווערן א פולער מענטש. דאָס דאָזיקע איז ער דערגאַנגען אַ דאַנק דעם נייעם גייסט, וואָס האָט אָנגעהויבן הערשן. אָבער, אַלס דער איינציקער דערוואַקסענער האַלב-מענטש אויפן דאזיקן אינזל האט ער נישט נאר געטראגן אַ געוויסן טייל פון גרינג-שעצונג, נאָר א לאַסט פון פאַראַכטונג— דאָס וואָס ס'האָבן באַדאַרפט טראגן די מיליאנען מענער וועלכע זענען אזוי נאריש פארמשפט געווארן. דער דאזיקער מצב האט געבראכט צו דעם, אז ער האט זיך וואס א מאל אלץ מער און מער ארויסגערוקט פון צענטרום אין איל-דע-דאַם, כדי צו זיין, ענדלעך, ווייט פון זיי אינגאַנצן.

צוליב דעם איז די מיס וואַר געצווינגען געוואָרן, דורך איר דערציונגס-מעטאדע, ארויסצוקומען מיט אלע געבאטן און מיטל'ען. די דאזיקע פליכט-טרייע פארשווינטע האט, צוליב דער רעטענישהאַפטער נאטור-געשעעניש, זיך נישט געקענט אָפּזאָגן פון פירן ווייטער פאאנס דערציונג צום ציל וואס דאַרף מאכן פון אים אין יעדער באציונג א פולקומען דזשענטלמאן. און אויף דער איצטיקער, ווי זי האָט געוווסט, געפערלעכע פאזע פון זיין אנטוויקלונג איז געליגן איר גאנצער זאָרג: אויפצוהאלטן, ווי ווייט מעגלעך איז, אין א מצב פון נאיווקייט די דאמינירנדע ליידנשאפט וואס דרימלט נאך אין אים, דעם מענטש און האלב-מענטש. די דאזיקע נאיווקייט וואס מאכט נישט-פאראינטערעסירט א יינגל פאַר א שפיל-חבר מיט מיידלעך, די דאזיקע ריינקייט און קינדישע אומשולד איז געווען ביי דעם נישט-קשה-שוין-ארויסגעוואקסענעם יינגען אייראפעער, אין פאאנען, דער אל-פארכישופטער רייץ. עס איז געווען אזא טייערקייט, א מין פערסישע פלוים, אן אפגלאנץ פון צושטאַנד פאר דעם פאלן וועלכן

מען דאַרף אפּהיטן, ווי דעם אויג-אַפּל פאַר דער מינדעסטער סכנה: ווארום בלויז דאָס מינדעסטע וואָלט שוין פּעיק געווען דאָס בלוט קאַליע צו מאַכן.

אַזוי, אומגעפער, האָט אויך געטראַכט ראַדבערטע קאַלב און לאַורענצע; אַלע דריי דאַמען זענען זער צופרידן געווען ווען זייער שילער האָט אַנגעהויבן אויסמיידן דעם ווילדן אַרומלויף איבערן איל-דע-דאַם.

— וואָס קען זיך שוין דאָ דער יינג אויסלערנען ווען די ווייבער זענען געוואָרן אַזוי פולשטענדיק פריי! — האָט ראַד-בערטע קאַלב געזאָגט: שוין פריער, איצט אָבער נאָכמער, זינט זיי האָבן קינדער געקראָגן — האָט זיך אין זיי באַהאַפטן עטוואָס אַזוינס פון דער טבע. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ זאַך פאַר זיך וועלכעס מען דאַרף באַגריסן, דאָס איז אַ סימן פון אַ וואַרעמע, פון אַ געבענטשטער און דערהויבענער וויטאַליטעט. שוין היינט אפילו וואָלטן אונדזערע פרויען נישט אַריינגעפּאַסט מער אין קיין אייראָפּעאישער געזעלשאַפט. מיט דעם „צוריקקער צו דער נאַטור" איז טאַקע פאַרבונדן די נאַטירלעכקייט, און וואָס שייך דער נאַטירלעכקייט פון אונדזערע פרויען, קען מען, דאַכט זיך, מער פון זיי גאָרנישט פאָדערן. יאָ, קייגן דעם וואָס זיי זענען שוין אַזוי ווייט אַוועק פון דער צניעות און אַז מען דאַרף צו זיי קומען ווי אַ גלח, דאָס האָט שוין אונדזער אמת-ברייט האַרציקע פרעזידענטין אויך פאַרשטאַנען. אָבער — אונדזערע פרויען זענען גראָד פרעכער געוואָרן. די דאָזיקע פרעכהייט וואַקסט פון איבערמוט, פון גאוה און די גאוה שטאַמט פון דעם גליקלעכן באָדן וואָס דערנערט אונדז, פון דעם גליק-לעכן הימל וואָס ליגט איבער אונדז פאַרשפּרייט, בקיצור: פון דער שפּעדיקער, לעבעדיקער זאַטקייט אין וועלכע מיר לעבן. אַלע אונדזערע חושים ווערן טאָג-טעגלעך געוואר פון אַלץ מער רייכערע און זיסערע זעטיקייטן. דערפאַר פאַרמאָגן די בליקן פון אונדזערע דאַמען אין זיך עטוואָס פון דעם שלעפעריק-געזעטיקטן און אויך עטוואָס פון דעם גליענד-באַגערנדיקן. ס'איז דאָך גאַנץ קלאָר, אַז ביי אַ כסדר-קומענדיקער זאַטקייט איז דער

באַגער אַלץ מער הונגעריקער. וואָס אָבער בנוגע דער מאָראַל, זענען פאַראַן זער ווייניק אויסזיכטן, אַז זי זאָל קענען שפּילן עפּעס אַ ראָלע ביי אַזאַ הייסן, דרייסטן טרייב־קראַפט אין וועלכן, ווי מיר זען, ס'איז שוין געקומען צו דעם וואָס מיר האָבן קינדער אָן מענער. הייסט, אַז מיר האָבן אַן אַרט אור־געבורט און, איצט איז שוין ריכטיק וואָס מען איז שטאָלץ אויף דער באַשטאָטיגונג פון דעם אַמאָליקן קינדער־רייכן צעוס, און, מען איז אַבסאָלוט מענער־פיינטלעך. אָבער איך קען נישט ערב זיין פאַר די צעוס־טריישאַפט פון אונדזערע פרויען, ווען ס'זאָל פּלוצים אַהערקומען אַן אַכיל, אַ העקטאָר אָדער בלויז אַ שיינער מאַטראָזן־אָפיציר, און אונדזער פאַאָן וועט זיך אַזוי לייכט נישט אונטערגעבן אפילו אַז שיינעם ווי אַלקיביאַדעס 1).

— לויט ווי איך זע — זאָגט לאורענצע האבעמא: האָבן אַלע קאָלאָניסטינס פאַאָנען, דאָס קינד פון אונדזער קאָלאָניע, פאַר טאבו דערקלערט. איך גלויב נישט אַז ס'זאָל ווער האָבן צו אים עפּעס אַן אַנדערן געפיל, ווי אַ מוטערלעכן. דאַגעגן, זעט איר, קען מען דעם יינגל די אויגן נישט צובינדן: אונדזערע קאָלאָניסטינס האָבן זיך זער פאַרשידנאַרטיק אַנטוויקלט: אַ סך זענען אַזוי ווילד געוואָרן, ווי פאַנטערן און אַ סך, דאָס הייסט דער גרעסטער טייל האָט ענגלעכעס צו אַ שיין און פעט געוויקס. נאָך דער קליידונג קען מען נישט דערקענען זייער שעמעוו־דיקייט. די קינדער ווערן, ווו־מען־גייט ווו־מען־שטייט, עפּנט־לעך געהאַלטן פאר דער ברוסט; בנאמנות דעם גרויסן רובענס 2) וואָלט אזא איינמאָל אַדורכגיין איבערן איל־דע־דאַם, זער באַ־פרידיקט; פונדעסטוועגן בלייבט דאס טאבו נישט אינגאַנצן גאַנץ; ווי געזאָגט, פאאנס אויגן קען מען נישט צובינדן, און דערפאַר וועט עס דורך דער צייט מוזן ווירקן אויף אים שלעכט.

---

1) אן אטענישער העלד אין שטאאטס־מאן, 450 יאר.

2) בארימטער פלאמאנדישע מאלער.

פ. ק.

לאורענצע, וועלכע איז פון אלעמען געוועגלעך דאָ גע־רופן געוואָרן: די געטין, האט מסכים געווען מיט ראדבערטע קאלבס געדאנקען, זי האט אבער צוגעגעבן אירס א געדאנק וועלכער האט זיך באצויגן אויף דעם, ווי זי האָט געמיינט, אויף פאאנס אינקארנירטע העכערע אידעאליטעט. די ריינקייט פון די עפעבן 1) וועלכע מיס וואר ווי ראדבערטע, האבן הייליק געהאלטן און אבגעהיטן — די דאזיקע ריינקייט איז פאר איר געווען מער ווי קינדישע אומוויסנהייט; זי האט נאך כסדר באשטאנען אויף דאס איריקע, אויף דעם וואס זי האט זיך, א מאל, פאר דער פרעזידענטין געהאט אויסגעדריקט, נאך וועלכן ס'איז קלאר אז זי טיילט פאאנען צו דער ראלע פון דעם ייגנטלעכן העליאָס, וועלכער איז באשטימט אויף שפעטער די וועלט צו באלייכטן. דאס איז געווען, פארשטייט זיך, גאר אן אנדערער ציל ווי די מיס ווארס: געענדיקטער דזשענטעלמאן, און דעם דאזיקן ציל האט „די געטין" געזען אין א סכנה.

זי איז עס געווען די וועמעס לוסט צום מיטאס און וועמעס נייגונג צו טראנסצענדענטן, ס'האָט געשאַפן דעם נייעם גייסט פון איל-דע-דאם. זי האט דאס רעטענישהאפטע געשעעניש פון איל-דע-דאַמס, גלייך געגעבן דעם כאראקטער פון א נס אין זינען פון באבעטע לינדעמאנס געדאנק און מיט איר באגייסטערונגס-פעיקייט האט זי געהאלפן דעם מונדער דערהייבן צו דעם העכסטן זין פון א נייע אריענטירונג פאר דעם דאזיקן קיבוץ, די באזונדערע מענטשן וועלט. זי איז געווארן די שעפערין פון יענעם נייעם באוווסטזיין נאָך וועלכן די פאר־טריבענע אויפן איל-דע-דאם האבן זיך גענומען באטראכטן פאר אן אויסדערוויילט פאלק, יא, פאר א דערלייזער-פאלק. אזוי א נאך איז זי אויך געווארן די שעפערין פון א נייעם גלויבן,

---

1) אין אלטן אטן האבן עס געהייסן די בחורים פון 18-20 יאר וועלכע האבן באלייגט א שבועה ביי געוויסע פייערלעכקייטן און זענען געווארן בירגער.

פון אנייער ליבע, פון א נייער האפענונג. דאך גאנץ פארשידן זענען געווען די מאטיוון וועלכע האבן נאך אנניס פרושים, גערופן צו דער ארבעט פאר דעם מיסטישן קופאָל איבער דעם נייעם דאָם פון איל-דע-דאַם און יענע מאָטיוון וואס האבן גע- זען אין פאאנען נישט פאאנען נאר א העליאָס, א לוציפער 1) א ליכט-ברענגער, א משיח, האט זי געזען.

דעם גלויבן וועלכן זי האט געגעבן דער קאלאניע, גע- מענדיק אין אכט פאאנען, האט זי געהאלטן אז דער גלויבן איז געקומען צו אים מער דורך איר השפעה, איידער אויף א קינסטלערכן וועג. דערפאַר איז דער ענטוזיאזם פאר פאאנען געווען אומסאציאל; דאס עשירות פון זיין גייסט, דאס שיינקייט פון זיין גאנצער האלטונג, האט געמאכט אז זי זאל קוקן אויף אים ענלעך, ווי סאקראטעס אויף פאידראָסן. 2) און זי האט גע- וואלט די שיינקייט אין ריינקייט פון פאַידראָסן אָפּהיטן.

און זי האט געווירקט אויף דער פרעזידענטין, אן שום מי, אז פאר די מיס ווארר און פאר פאאנען זאל, אויף א קנאפע שעה וייט פונם זיץ-אָרט, אויפגעבויט ווערן א שיין הילצערן הויז. לעבן דער דאזיקער וווינונג זייערער זאלן זיך אויך גע- פינען עטלעכע שול-צימערן ווי פאאן זאל קענען לערנען. מען האט אויך באלד געקלערט וועגן דעם אז שפעטער-צו ווען די שול-פליכטיקע אויפן איל-דע-דאם וועלן אונטערוואקסן, וועט מען די דאזיקע שול אויסנוצן אויף א פיינעם אופן. און גאנץ אפט האט די פרעזידענטין אנגעהויבן אהין קומען דארט, אין דעם נייעם זיץ-אָרט וועלכן זי האט א נאמען געגעבן: אקא- דעמיע. שעהן איז זי דארט געזעסן, טיילמאל אויך גאנצע טעג. און אז מיס ווארר, אדער נאך עמעץ האט זיך דארט געפינען, האבן זיי פון דער מאלעריגס יעדן מאל קומען, געקענט גע-

---

1) דא מיינט עס: דער מארגן (jutrzenka).

2) פאידראס איז פארקויפט געווארן קיין אטן אלס קנעכט, סאקראטעס האט א ם אויסבעלייזט און געמאכט אים פאר זיין בעסטן שילער.

וואר ווערן וועגן דער באוועגונג פון דעם אויסדערוויילטן פאלק וועלכעס האָט זיך ווידער גענומען בונטעווען.

דאָס איז געשען דאָס לעצטע מאָל ווען די דאָגמא פון דער אַליין-גליקלעך-מאַכנדער ווייבער-קולטור, האָט צום ערשטן מאָל שאַרף גענומען אַרויסווייזן די ציין: וואָרום אַז פאַאָן זאָל באַטראַכט ווערן אַלס מענלעך ווען מיט קרומע און אייפער-זיכטיקע אויגן, דאָס איז געווען פון די קליינקייטן און דעם יינגל מיט זיין אמת-געטלעכן קאַפּריז, האָט דאָס טאַקע פאַר-דראָסן. האָט זיך די דאָגמא גערוקט, ווי פון אַ זומפּ אַרויס אַ ווילד-חזיר מיט אויפגעשטעלטע הארטע האָר און געבויגענע ציין, גרייט אַ קינדער-מאָרד אָנצוהייבן.

גאַנץ ערנסט האָבן זיך אין איין טאָג צונויפגענומען אַ גרעסערע צאָל פרויען, די וועלכע דאָס לעבן האָט געשאָנקען מיידלעך. זיי האָבן גענומען רעדן וועגן דער עקזיסטענץ פון די יינגלעך מיט ערגערניש און דערנאָך האָבן זיי צונויפגערופן אַן עפנטלעכע פאַרזאַמלונג און געשטעלט די דאָזיקע פראַגע צו דיסקוטירן: ווי אַזוי קען מען אויסמיידן דעם געפאַר וואָס דראָט די ריין-פרוילעכע צוקונפטס-שטאַט דורך דעם געבוירט פון יינגלעך. און סותרדיק ווי ווייבער זענען זיך שטענדיק, זענען די מוטער פון די יינגלעך דורך די גאַנץ באַרעכטיקטע און געמשפּטע פראַגע, שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן, וואָרום זיי האָבן גאַנץ גוט געזען די סכנה וועלכע דראָט זייערע פּיצעלעך. אָדער די שוואַכע פּאָזיציע וועלכער זיי האָבן פאַרנומען איז, דורך זייערע אויסברוכן און געוואַלדן, נישט פאַרשטאַרקט גע-וואָרן, פאַרקערט: די געגן-פּאַרטיי האָט נאָך פון דעם אַרויס-געצויגן אירע נוצן: זי האָט באַוויזן, אַז ווען מען וועט נישט לאָזן שטעלן די פראַגע אין איר אמתע גרייס, וועט די דאגמא ווערן פאַראַטן. און אַזוי האָט זי כסדר געטענהט און איז דורכאַנאַנד ליידנשאַפטלעך גערעגט געוואָרן פון די יינגל-מוטערס, און צוליב די מאַיאָריטעט אירער האָט זי צום סוף געקענט אַרומרעדן די פאַרשאָלטענע פראַגע:

עס קען נישט זיין קיין רייד פון קיין צוקונפטיקע פרויען-

שטאַט, ווען אפילו ס׳זאָלן בלויז זיין אַ העלפט יינגלעך וויפיל מיידלעך. אין די אַמאַזאָנען־שטאַטן זענען די יינגלעך געטייט געוואָרן כּדי צו קענען ריין אויפהאַלטן די שטאַט. מען האָט זיי, גלייך נאָכן געבורט, אַראָפּגעוואָרפן פון די געבערג, ווייל דאָס איז געווען די מילדסטע פאָרם פון פאַרלירן זיי.

אָט דאָס איז גענוג געווען אַז דער איל־דע־דאַם זאָל זיך צום ערשטן מאָל שפּאַלטן אין צוויי פיינדלעכע און פאַרביסענע אַרמעען.

ווען די פּרעזידענטין האָט, נאָך דעם פאָרפאַל, אַ בייזע און אַ כּעסיקע אַריבערגעטרעטן די שוועל פון דער אַקאַדעמיע, האָט זיך פון איר באַרעדעוודיק מויל געגאָסן אַ שטראָם פון אומפאַרשטענדלעכע ווערטער און, צווישן די ווערטער האָט זי כּסדר איבערגעחזרט אַ וואָרט און מיטן זעלבן וואָרט האָט זי אָנגעהויבן אַ זאַץ און אויסגעלאָזט; דאָס וואָרט איז געווען: משוגעת!

וואָלט די מיס לאורענצע אַנוועזנד געווען, וואָלט זיך איבערגעחזרט יענער צוזאַמענשטויס וועלכער פלעגט אָפט פאָרקומען צווישן די צוויי דאַמען, וועלכע זענען זיך, איבעריקנס, גאָרנישט געווען פיינטלעך, אָבער, יענע איז נישט געווען. האָט זי נאָר בלויז געטראָפן די מיס וואַר און מיט איר האָט זי שוין געקענט רעדן פריי, נישט רעכענענדיק זיך מיט קיין ווידערשפּרוכן אפילו, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט איבערן וונדער פון איל־דע־דאַם.

— די דאָזיקע פרויען — זאָגט זי: זענען חסר־דעה. עס פעלט זיי די אַבסאָלוטע קאָרעקטור פון דעם מענערלעכן. מיר אַליין פעלט די קאָרעקטור און איך פיל גאַנץ בולט ווי איך וועל אויך אַריינפאַלן אינם אַלגעמיינעם משוגעת.

אויף עפּנטלעך אנערקענטע ליגן — רעדט זי ווייטער: שטיצט זיך אויך די גאַנצע אַזוי גערופענע אייראָפּעישע ציוויליזאַציע. מער אָדער ווייניקער גייסטרייכע ביכער אויף דער

טעמע פון קאָנווענציאָנעלע ליגן, זענען שוין געשריבן געוואָרן; ס'זענען פאַראַן זער ווייניק פּראָדוקטיווע אמתן, דערפאַר אָבער זענען דאָ לרוב פּראָדוקטיוועליגן און טעותים. מען האָט, זאָגט זי, אומצאָליקע היליקע ביישפּילן צו באַווייזן דאָס. אָבער דערביי צו שטיין און פון דער נאָנט דאָס אַדורכצולעבן, קוקנדיק ווי אין דער מיטן פון דאָזיקן מדבר שפּראָצט און וואקסט, כסדר אַלץ פעטער, דורכאַנאַנד אלץ מער אַיינגעוואָרצעלטער און דערגרייכט שוין ביזן הימל מיט זיין שפּיץ — דאס צוצוזען איז פאר אזא נאטור ווי זי איז, א צו שווערער חוב.

דא האט מיס ווארס געדאנק הייס זיך אנגעשטרענגט, זי האט זיך געיישובט, צי זי זאל איינגיין אויף אנביס לעצטע ווערטער. אזוי פלעגט זי אויך צו ווענדן איר פּנים צו יענע, ווען אנני פרעכטל האט איר מיט א פעסטן בליק געקוקט אין די אויגן אריין.

— די וועלט — האָט די פּרעזידענטין פארטגעזעצט: די וועלט איז בלויז דאָן-קיכאטעריע. ס'איז גאנץ גוט — פארוואס דען נישט — ווען מיר האבן געראטעוועט פון אונדזער שיף אַ ביסל פונם דאָזיקן ארטיקל, כאטש אין אזא גרייס ווי אן אויסגעקלאפּטע הושענא; אין דער שיינער לאורענצע, האבן מיר וואס אן אמת, פון איין זייט די געטין פון קראפט, דאס גוטע און דאס מענטשלעכע און — פון דער צווייטער זייט קען מען איר גאנץ שיין פארעכענען פאר א Za mancha 1) זי מאכט אונז פאריקט. איר משוגעת דערגרייכט שוין די העכסטע הויך.

אין גרונט גענומען איז מיר אלץ איינס ווי אזוי ס'איז צושטאנד געקומען די דאזיקע קינדער-ברכה. ס'דאכט זיך מיר טיילמאל אז טאקע דירעקט פון דער טראגעוודיקער שויס פון

1) איך האלט אז אנני פרעכטל האט מיט דעםווארט בעוואלט באצייכענען לאורענצען פאר א שמאל-קעפּלדיקע, נעמענדיק דאס בילד פון לאמאנש-קאנאל וואס איז שמאל און ענג, ווי אן ארבל.

דעם לעכערליכן אינזל פֿויזן דאָס ארויס, פליען דאס ארויס די אלע נפשלעך. פארוואס זאלן טאקע, אין דעם פייערדיקן בויך פֿון איל-דע-דאם, נישט באשאפֿן ווערן יעדעס יאר אַ פּאר טויזנט קינדער מער, וואס זאלן קומען אין דער דאזיקער לופט, און צו דער זעלבער צייט קענען דארט ווינען גהינמדיקע דעמאנען וואס קומען, אין די נעכט, נישט-געזען ארויס פֿון דעם קראטער כדי זיך צו באהעפטן מיט די טעכטער פֿון די מענטשן. ווי כ'האב שוין פריער געזאגט איז עס מיר אלץ איינס, נאר, ווען מען וויל אבער נאכפארשן דעם אורשפרונג פֿון דער דאזיקער דערשיינונג, מוז מען געדענקען דאס צווייטע וואס פאדערט מיט נישט-ווייניקער סיבות ארויסצוגעמען איר פֿון דער אומזיניקייט ווי ס'איז דאס בלויז-ווייבלעכע אדער איבערנאטירלעכע געבוירן ווערן וועלכעס פירט צו פארברעכערישע האנדלונגען.

*

דעם איבערשטן פרויען-ראט, ווי אויך עטלעכע פֿון די בעסערע עלעמענטן איז געווען צו פארדאנקען דאס וואס דער סיסטעמאטישער יינגל-מארד איז נישט געווארן קיין געזעץ. עס איז אָבער ארורכגעפירט געווארן דער פראיעקט פֿון א שטרענגע צעשיידונג צווישן מענטשן און האלב-מענטשן — צווישן יינגלעך און מיידלעך דערמיט וואס פאר די יינגלעך איז איינגעארדענט געווארן א באזונדער ארט, א באזונדער טייל אינזל. דארט זענען אהינגעשיקט געווארן די מענלעכע קינדער גלייך נאך דער אנטווייונג און דארט זענען זיי געהאלטן געווארן אונטער א גוטער אויפזיכט און גוטע פלעגע.

שפעטער — וועט מען ווייטער זען.

אין דהיטן מארץ פֿון דריטן יאר נאך ביהאר לעלס געבוירן ווערן, איז איינע פֿון די ראנד-וואכטערינס געלאפן

האלטנדיק איר באמבוס-שטעקן הויך אין דער האנט און שריי-
ענדיק איבער דער קאלאניע:
— א שיף! א שיף!
נאָכדעם ווי מען האָט די אָטעמלאָזע פרויען אַ ביסל באַ-
רויקט און מען האָט זיך איבערצייגט, אַז ס'איז נישט ווי
אַלע מאָל ווען פּאַאַן מאַכט אַ בלינדן ליאַרם — האָט לאורענצע,
טיסאָן פּעידזש און ראָזידא, די געוועזענע טענצערין, אונטער
דער אָנפירונג פון די וואכטערין, גענומען גיין צום אָרט ווי
פון דאָרט-אָן זאָל מען קענען זען די שיף.
די דאָזיקע ידיעה האָט געווירקט אויף דער קאָלאָניע ווי
אַ דונער. ס'איז נאָך געווען זער פרי; די פרויען האָבן נאָך
געהאַט פאַרשידענע מוטער-פליכטן צו דערליידיקן און זיי האָבן
זיך נישט געקענט אָנשליסן אָן דער ערשטע גרופּע וואָס איז
געגאַנגען צום ברעג. אָבער באַלד איז אַרום דעם ראָט-הויז
געוואָרן אַ גרויסער צוזאַמענלויף: דער געוועזענער דאַמפּער
זאָל האָבן געווען זיין אַ געוואַלטיקע שיף, מיט דריי קוימענס,
וואָס גייט דירעקט פון מערב גלייך דאָ אַהער. אַזוי אַ נאָך האָט
מען גענומען גלייבן, אַז די פאַרנאַכטיקע טיי וועט מען שוין
קענען טרינקען אין אַ גרויסאַרטיקן דאַמען-סאַלאָן, אפשר אויף
דער דעק פון אַ הערלעכער דייטשער שיף פון כינע-רייזנדיקע,
און, אַ ביסל שפּעטער וועט שוין, מעגלעך, קענען ווערן דער
איל-דע-דאַם אויף אייביק פאַרזינקען ווערן אינם וועלט-ים.
די פריידיקע געפילן וואָס זענען אויסגעבראָכן מיט
עלעמענטאַרע כחות, זענען געווען פאַרבינדן מיט אַ שטורעם
פון האפענונגען וואָס האָבן אויסגעזען צו זיין געשטאָרבענע,
אין אמתן האָבן זיי בלויז געדרימלט און זענען איצט אויפ-
געשטאַנען מיט אַ טאָפּלטע לעבעדיקייט. דאַגעגן זענען אויך
באַלד אָנגעקומען אַנדערע געפילן וואָס האָבן זיך אַריינגעמישט
ווי אַ ביטערניש אין די זיסע פרייד; אין אַ פערטל שעה אַרום
נאָכדעם ווי ס'איז באַקאַנט געוואָרן די גרויסע בייס, האָט מען
שוין פאַרשטאַנען אַז מען האָט גענומען אַ פאַלשן גלויבן — אַז
די נייס פון דער שיף איז נישט דער שליח פונם נאַנטן גליק,

נאָר פון גרויסן אומגליק. ס'איז געקומען די אַלגעמיינע דע־שיטערונג וואָס האָט פול געמאַכט די לופט מיט געוויינען און יאָמער.

און לאורענצע, איידער נאָך זי האָט זיך אַריינגעדרייט מיט איר גרופּע אינם פאַלמען־וואַלד, פאַרלירנדיק איל־דע־דאַם פון די אויגן, נאָר הערנדיק נאָך ווייטאגפולע ווערטער פון דאָרט — האָט זיך אָפּגערופן:

— איך פאַרשטיי אייך שוין, מיינע טייערע.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און ווי די איבריקע, גענומען טיף אָפּעטעמען, בלייבנדיק שטיל מיט אַן ערנסט פּנים, גייענ־דיק ווייטער — האָט זי אָנגעהויבן אַן אַרט אַליין־שמועס צופירן, גייענדיק פאָרויס, רעדנדיק:

— יאָ, יאָ, מיינע גוטע שוועסטערין. איר זענט איצט ווידער געשטעלט געוואָרן פאַר אַ קאַטאַסטראָפאַלן לאָטעריע־אַרט צווישן פאַרשפּיל און געווין און, גלייב איך, בלויז דער היזק איז זיכער. און אַלץ וואָס איז אייערס, אַלץ וואָס איר האָט זיך אַליין דערוואָרבן — דאָס אַלץ וועט אין משך פון עטלעכע רגעס, ווי דורך אַן ערד־ציטערניש, צעוואָרפן ווערן, ווי דורך אַ מבול אַוועקגעטראָגן ווערן, און ווידער אַ מאָל וועט אַ שיינע עפּאָכע אָפּגעשלאָסן ווערן דורך אַ נייעם מין שיף־קאַטאַסטראָפע.

איך קען זיך וועטן, אַז נישט נאָר איר זענט שוין אונטערשטעליג געוואָרן דעם גרויסן אידעאַל פון איל־דע־דאַם, נאָר אפילו אַז איר האָט שוין אַריבערגעוואָרפן אייערע נייע נשמות איבערן ברעג, די נייע נשמות וועלכע איר האָט זיך אין די יאָרן פון נויט, אַליין, מיט קראַפט, דערוואָרבן. איר שעמט זיך שוין איצט מיט אייערע מוטיק־שטאָלצע ווילנס, מיט אייערע מוטיק־שטאָלצע געדאַנקען, מיט אייערע פרייע און אייגנמעכ־טיקע מעשים; אוודאי, אייערע ליאַלקע־קליידער וואַרטן שוין

אויף אייך און איר וועט זיי מיט גרויס הנאה אָנטון.
— עס איז נישטאָ קיין שום ברירה — זאגט מיס טיסאָן פּעידזש: וועט די שיף אהערשווימען, אזוי זענען מיר געראַטעוועט און — פארלוירן; איך מוז דאמאלס, אומבאדינגט, ווי כ׳האב שוין אפגעמאכט ביי זיך — פארן קיין פּאַריז כדי ווייטער פארטזעצן מיינע שטודיען; יאָ, ווען ס׳וואלט מעגלעך געווען אז איר זאלט לייגן אין מיינע הענט אריין דאס משפּטן צו די שיף זאל קומען צו שווימען אדער, זאל בלייבן אינדערוווייטנס— אזוי וואלט איך געשוויגן, מיינע טייערע לאורענצע, ביז אין דער אייביקייט אַריין וואלט איך נישט געזאגט „יאָ" אדער „ניין"!

אַ ווײַלע האָט מען געשוויגן אין די געדאנקען. דאַן האט זיך אפגערופן די טענצערין, אונטערהוסטנדיק:
— מיר וועלן באלד ווערן אַ שטיק סענסאציע. איך האב מורא אז ס׳הייבט זיך שוין אן און מיר וועלן זיך מוזן אנשטרענגען צו פארבייסן דאָס לאכן ווען מיר וועלן נעמען גיין מיט קינד און קייט צום ברעג, צו דער שיף. נו, איך קען אין בריסעל אן ארנטלעכע פרוי אויף וועלכע מען קען זיך פארלאזן. איר וועט מען קענען אפגעבן די קינדער צו פלעגן.

לאורענצע האט טיף געטעמט. זי האט אויסגעזען ווי אַ געטין. זי האט זיך געצאיילט בארג ארויף, גייענדיק באגלייט פון די ווענוס און דיאנא. זי האט גערעדט וועגן דעם, אז דאס וואס ליגט איצט נאָנט, איז דער מאראלישער פארלוסט. אוודאי הייסט עס אַ פארלוסט ווען מען מוז אוועקגעבן די דאזיקע ייגנטלעכע און צוקונפטרייכע מלוכה, פאר דער פלאכער, אלטעגלעכער און איבערגעלעבטער ציוויליזאציע. דארטן ווערט מען אַ טראפּן אין ים. די מיידלעך און די הייליקע פרויען פון איל-דע-דאַם וועלכע האבן זיך שוין צוגעוווינט צום האנדלען און וואנדלען פון די געטינס — וועלן נאכדעם, ווי זיי וועלן ווערן צוריקגענומען אין דער אַלגעמיינער געזעלשאפט, זיין עטלעכע טראפּנס אינם אוקינוס און, זיי וועלן אזוי אַ נאך ווערן פארשוואונדן. און דאָ וועט מען נאך מוזן פארלאזן אן

אמתן און זיכערן גן-עדן ווי ס׳איז איל-דע-דאַם, מיט איר רייכ-קייט און אזא שיינקייט.

אין די פיר יאָר פון זייער אויפהאלט, האבן די קאלאָ-ניסטינס אין זייערע אנטדעקונגען, און דאָס באנוצן זיך מיט זיי, געמאַכט גרויסע פארטשריטן. ראדבערטעס כראניק האט געענוי פאַרצייכנט יעדן גליקלעכן טאָג אין וועלכן ס׳איז געפונען געווארן און ווער ס׳האָט געפינען. דער שענסטער גלאַנץ האָט דאָרט באַשטראַלט דעם נאמען פון דער קליינער מוצי שמידט וועלכע, האָט גלייך אויף צו מאָרגנס נאָכן אָנקומען אויפן אינזל, דערפרייט דער פרעזידענטין מיט די הערלעכע פירות פון דעם דוריאַן-בוים 1); און באַלד דערנאָך האָט זי, אין דער הויך פון איבער טויזנט פוס, טייטל-ביימער אנטדעקט — Phocnix dactylifera א בוים פון וועלכן מאַכמעד האָט צו זיינע גלויביקע געזאָגט די ווערטער: „ערט אים אַלס אייער פונדאַמענט״. און זי האָט געוויזן און געלערנט ווי אַזוי מען קען אויס אים אַרויסבאקומען ברויט, וויין, עסיק, האָניק, מעל און אַלערליי געפלעכט-אַרבעטן און, אויך אויף וואס מען קען פאַרווענדן די טייטל-קערנער; אויפן פאָרשלאַג פון דער געטין לאורענצע, איז מוצי, מיט אלע צו שטימען, באַקריינט געוואָרן מיט דעם נאָמען תמר — דאס הייסט די פאַלמע. נו, איז עס איצט די אומדערמידלעכער מוצי, די נייע תמר, געלונגען דאס אמתדיק גרויסע: אין א געוויסן טאָג האָט זי אין איר באָטאַנישן פאָרשער-בייגיריקייט, פאַרבלאָנדזשעט אין א הויך פון אַ דריי טויזקט פוס. איר שוועסטער לאלא האט איר באַגלייט. די דאָזיקע האָט נישט-טראַכטנדיק אפגעבראָכן פון אַ טרויך אַ צווייג פול מיט רויטע יאַגדעס. תמר באמערקט אים איצט ווען זיי זענען שוין געהאט לענגסט אוועק פון דעם אָרט פון

---

1) א מין בוים אין אזיען, ער האט לאנגע בלעטער—רויטלעך-זילבער-גראע, און זיינע פרוכטן זענען גרויס, ווי א מענטשן-קאפ, מיט א גראבע שאָף וואס איז באזעצט א שטעכיקס.

וואָן ער האָט געשטאַמט; די קאָרע פון דעם איז געווען ווייסלעך־גראָ און רוי. דאָס איז געווען ענלעך צו דעם בלאַט פונם ציטראָנען־בוים. עס האָט זיך געזען ווייסע באַלזאַמישע בליטן לעבן די רויטע פליישיקע יאַגדעס. עטלעכע זענען גע־ווען טיף פורפור־פאַרביק. תּמר האָט זיך פאַרטראַכט און פאַר־געשלאָגן לאָלאַן צוריקצוגיין אויף דעם זעלבן אָרט ווי דער צווייג איז אָפּגעריסן געוואָרן. זיי האָבן אים באַלד געפינען, אין מערב־זייט, ביי אַ שמאָל אָפּן טאָלעכל וואָס האָט באַלד אַרויסגעפירט אויף אַן אַנדערן, געטרעפטן טאָל. און ווען תּמר האָט דאָס אָפּגעבראָכענע שטיקל צווייגל געפּרוּווט אַנטקייגן דעם גאַנצן שטרויך, האָט זי זיך איבערגעצייגט, מיט אַ בליק אויפן ארום, אַז דער שטרויך האָט אומעטום געשוויסטער דאָ: עס קלעטערן אויפן גאַנצן געטרעפטן טאָל, שטרויכן און ביימלעך, ווי אונטער־ביימלעך, וואָס ווערן באַשאָטנט פון די הויכע פאַלמע־בלעטער.

לאָלאַ האָט אויך דערפילט תּמרס מציאה פאַר אויסטער־ליש, אַזוי אַז זי האָט קוים געקענט אין זיך באַהערשן די אויפרעגונג וואָס זי האָט אין זיך דערשפּירט; קיינער פון די ביידע מיידלעך האָבן זיך נישט געקענט דערמאַנען אַז זיי זאָלן האָבן אין זייער לעבן ערגעץ געזען נאָך אַזאַ אָרט, נאָך אַזאַ פאַרכישופט געפלעקט שטיקל ערד: אומעטום זענען גע־לעגן קלאָרע און פרישע קוואַלן וואָס האָבן געזאָרגט פאַר קילקייט און פרוכטבאַרקייט. מען האָט געקענט גלייבן אַז דער נישט־זעבאַרער גערטנער האָט אין דעם דאָזיקן רייכן אָרט וואָס איז זיכער פון קיין מענטשן־פיס נאָך נישט באַטרעטן געוואָרן, ספּעציעל איינגעאָרדנט די דאָזיקע שעפּטשנדיקע וואַסערלעך, פאַר די וואָרצלען פון די בוימער.

תּמר האָט זיך אָפּגערופן:

— ווען איך האָב פון דעם אַלעם נישט קיין טעות, וועט דאס הערלעכע, שמעקנדיקע גן־עדן אויף אַ ווייט נישט־בעדאַכטן אופן, אונדז באַגליקן, נישט מיט קיין גאָלד, נאָר מיט אַ זאַך וואָס וועט פאַר אונדז טויזנט־פאַך מער ווערט זיין.

אין אַ פּאָר מינוטן אַרום איז שוין תּמר געשטאַנען לעבן אַן אַנדערן שטרויך און אָפּגעריסן פון אים די ווייסע, שטאַרק־שמעקנדיקע בלימלעך און אויך פון די ייִנגע און אַלטע יאַגדעס גענומען. די אַלטע זענען געווען פאַרטריקנט שוין און פון זייערע ברוינע, ווייך־בייגיקע און ביטער־שמעקנדיקע בייטעלעך, זענען אַרויסגעקומען, ווען תּמר האָט זיי געעפנט, צו צוויי גרינע און כּמעט האַרטע קערנדלעך, אין וועלכע לאָלאַ אַליין האָט גלייך דערקענט קאַווע־אַרבסלעך.

אזוי אַ נאָך האָט מען שוין מער נישט באַדאַרפט אויסבאַהאַלטן דעם חשק נאָכן קאַווע געטראַנק אויפן איל־דע־דאַם און דאָס איז געווען פאַר די קאָלאָניסטן פון דער העכסטער וויכטיקייט. בלויז דאָס באַוווסטזיין אַליין: קאַווע צו טרינקען און קענען געניסן פון איר צו יעדער צייט, אַ שיין אַ דאַנק דעם אַליין פילט מען זיך כּמעט ווי צוריק אַריינגענומען אין דער קולטורעלער וועלט־קהילה; און אזוי אַ נאָך מינדערט זיך דער גלות־געפיל ביי יעדערן; דורך דעם דאָזיקן גענוס הויבט זיך טעגלעך דאָס צופרידנקייט און דורך דער צייט דערשפירט מען אַ חשקות צו אַ וואַרעמער חברשאַפט און גייסטיקייט.

די איבעריקע נאָך אַנטדעקטע און באַנוצטע אוצרות, זענען געווען דער טאַבאַק, די קאָנאָפּיע, דעם פעפער, עטלעכע אַרטן צימרינג־ביימלעך; צוקער־רערלעך וועלכע זענען גאַנץ גערן געקייט געוואָרן; פאַרשידנערליי פּירות און פילערליי האָלץ־סאָרטן, (דאַרונטער איין אַרט וואָס איז געווען אויסערגעוויינלעך האַרט, שיין געאַדערט, שאָקאָלאַד־פאַרביק און האָט געהאַט די אייגנשאַפט פון אַ שפּיגל־גלאָז צו וועלכן צוועק ס'איז טאַקע פון די דאַמען באַנוצט געוואָרן).

אין געוויסע ברעג־געביטן האָבן זיך געפינען זאַלץ־פונקטן וועלכע זענען אַנטשטאַנען אַ דאַנק דעם אַריינגעשטראָמענעם ים־וואַסער וואָס איז אין פלאַכע קאַלוזשעס שנעל אָפּגעשטאַנען: מיט דערמיט האָט, נישט בלויז די קליינע צאָל נפשות פון דעם אויסדערוויילטן פאָלק געהאַט גענוג צו זאַלצן, נאָר ס'וואָלט

געניגנד פאַר אַ גרויסע צאָל פּראָווינצן צו זייער טעג־לעכע זופּ.

נישט בלויז פּאַן, נאָר אויך מיס פּעידזש, ראָזיטאַ, לאָלאַ שמידט, די נעגערין אַלמאַ און אַנדערע דאַמען האָבן יעדן טאָג אַהיימגעבראַכט פון זייער יאַגד פאַזאַנען, פאַזאַנען, שנעפּן, וואַכטלען און וואַלד־הינער און נישט איינמאָל אויך קליינע געפלעקטע הירשן. און אַזוי איז עס אויך געלונגען מיט דער פיש־פאַנגעריי אין די טייכלעך, פּליסן און בוכטעס.

ס'זענען געפינען געוואָרן ליים־ערטער און מען האָט אָנגעהויבן פאָרמען און ברענען טעלער און טעפּלעך און יאויך אַנדערע געשיר, זאַכן וועלכע האָבן די פעיקייטן און געשמאַק פון די קאָלאָניסטן געבראַכט אַ סך כבוד.

מיט די דאָזיקע אַלע רייצבאַרקייט, האָט זיך דאָך נאָך נישט געהאַט אויסגעשעפּט די רייכקייט פונם אינזל: עס האָט נאָך פאַרמאָגט אומצעליקע אָפענע און פאַרבאָרגענע שיינקייטן: בערגלעך, טאָלן און טאָלערלעך, נידערונגען און הויך־פלאַכן פון אויסטערליש־שיינע פאַרשידנאַרטיקייט: אַ בלומיקער גן־עדן פון מימאָזן און אָרכידעען; פאַרכישופטע קוואַלן; וועלדלעך מיט אומנאַטירלעכער בליטן־פּראַכט; ס'האָבן זיך דאָ געפינען גרויס־אַרטיקע שפּיל־פייגל; פּאַריפירישע פעלזן־מאַסן וועמעס שפּיצן ס'זענען פאַרשווימען געוואָרן אין אַזור פונם הימל. ס'האָבן זיך געפינען אויך מוראדיקע תהומען און פעלזן שפּאַלטן און, איבער דעם אַלעם האָט זיך אַרויפגעטורעמט יענער אייביק רויכערנדיקער שפּיץ וועלכער האָט זיך געקענט פאַרגלייכן מיט זיין דערהאַבענער שיינקייט, צו דעם הייליקן באַרג ביי די יאַפּאַנער — דער פוי־נאָ־יאַמאַ אין ניפּאָן.

אין דער האַלבער הויך פון אָט דעם באַרג, האָט מען זיך אין אַ געוויסן טאָג אָנגעשטויסן אויף אַ סטאַדע צעבו־קי, דערביי האָט מען געהאַט דעם איינדרוק אַז זיי זענען דאָ נישט היי־מיש; זיי זענען אַוודאי, ווען־ס'איז, מיט קאָלאָניסטן געוועזן. און אַ שטיצע פאַר דער דאָזיקער מיינונג האָט מען באַלד גע־פינען אַ דאַנק דער אַנטדעקונג פון אַ הייל וואָס איז געוועזן

איינגעאָרדנט אויף אַן אַלטן שטייגער; אַרום דער הייל זענען געלעגן טיילן שטיינער פון אַ ווולקאַן און צווישן זיי האָט מען לייכט געקענט דערקענען, אין דער לענג פון אַ צוויי פוס, אַ העכסט-פּרימיטיוו ווייבליך קולט-בילד.

די געלערנטע לאָורענצע האָט גלייך גענומען, מיט באַ-גייסטערונג, רעדן פון דיאָניזיוס ייגנט-לאַנד וואָס הורדוס האָט אויפגעבויבט אין די טראַפּישע לענדער:

— אַ, ווי שיין איז דאָס דער געדאַנק אַז פּאָר אונדז, האָבן געקענט דאָ ווױנען גריכן!

און מיס לאָורענצע איז גאַנץ גערעכט געווען, ווען זי האָט געזאָגט, אַז ביים פאַרלאָזן דאָס אינזל וועט זיין נאָר איין שאָד דאָס זיכערע: דאָס זיכערע איז באַשטאַנען, לעבן אַ סך אַנדערע זאַכן, אין דער סומע אַרבעט, דערפינדונגס-קראַפט אין טיכטיקייט וועלכעס מען האָט אויף דעם דאָזיקן גרויסאַרטיקן גלות-באָדן פאַרווענדט און דעם צינז פון דעם קאַפּיטאַל וועט מען מוזן נישט פאַרנוצטערהייט איבערלאָזן.

*

מען האָט נאָך געמוזט צוקלעטערן צו אַ געוויסן פּונקט, ווען מען האָט געוואָלט אין דרום-מזרח פון אינזל, זען די שיף אויפן האָריזאָנט; די וואַכטערין האָט דערקלערט:

— ס'איז געווען אַן אומגעהויערער רויך.

לאָורענצע האָט געוואָלט וויסן פון וועם און ווו ס'איז דאָס ערשטע געזען געוואָרן די שיף? צו ערשט פון לאָלאַן און דערנאָך פון פאַאַנען. הייסט עס: לאָלאַ מיט פאַאַנען זענען געווען צוזאַמען און — וואָס האָבן זיי עס אַזוי פרי געהאַט צו טון אַזוי הויך אין די בערג?

— לאָלאַ מיט פאַאַנען האָבן צוגעפירט די הייליקע מוטער, באַבעטע, צו אַ באַשטימט אָרט אין וועמעס נאָענט ס'געפינען זיך שוין נישט קיין בוימער און נישט קיין גראָזן, נאָר בלויז רוי-בערנדיקע שטיינדלער.

לאורענצע האט געוואָלט וויסן וואס אזוינס די מוטער באבעטע האט דארט צו טון ?

מיט א געשיקטן בליק האט לאורענצע באמערקט א קוים־באמערקבאר שמייכלען אויף די פולע ליפן פון אירע באגלייטערינס.

— א, די מוטער באבעטע! — רופט די וואכטערין אויס : זי האט דאָרט אויבן א פארכישופטן טייך, ווי דאס וואסער רייכערט ווי פון שוועבל און ס׳פארעט מיט אזא סודותדיקייט, פון וועלכן זי וויל קיינמאל נישט רעדן.

— און וואס טוען לאלא און פאאן ביי דעם ?

— גארנישט !

און ביסלעכווייז ווערט מען געוואר : דער רויכערנדיקער טייך איז דורך פאאנען אנטדעקט געווארן ; ער האט אויך דאָרט געפינען א שלאנג.

*

מען האט דערגרייכט דעם אריינגאנג צום ליבלעכן קאווע־טאל וועלכער האט זיך מיטן ערשטן בליק געעפנט גאך דרום־מזרח צו. מען האט נאך אנגעזען דעם רויך פון דער ציוויליזאציע אבער, נאָך פאאנען, לאלא און תמר, וועלכע זענען געווען באשעפטיקט ביי דער קאווע דארט — נאך זיי נאך, האט זיך די שיף גערוקט וואס א מינוט אלץ ווייטער פונם אינזל, און די האפענונג אויפן אנקומען פון דער שיף, איז וואס א מינוט קלענער געוואָרן.

איז די אַנטוישונג ביי די פרויען געוואָרן זער גרויס, אָבער פאַאָן, וועלכער האָט זיך געפינען צווישן די פרויען, האָט, ווי לאַורענצע האָט דערקענט — נאָר מיט געשפילט די ראָלע צון אַ באדויערער. ווי ס׳האָט אויסגעזען איז ער מיט גאָר עפּעס אַנדערש פאַרנומען געווען און דאָס וואָס ס׳איז איצט געשען, האָט אים נאָך געשטערט אויסצופירן ס׳זייניקע. און אז מיס לאורענצע האָט געוואָלט אַרונטערקוקן הינטער

דער מאַסקע זיינער, האָט ער דאָס מוטיק אָפּגעוואָרפן, דערקלערנדיק מיט אַן אַנטוזיאַסטישער לעבעדיקייט אַז ער שפּירט נישט, דעם פאַרלאַנג אין זיך, ביי קיין אופן נישט, צו פאַרלאָזן איל-דע-דאַם ווו ער האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט אַזוי גוט געפילט, ווי גראָד איצט.

וואָס אַן אמת איז פאַאָן געווען אַ שווייגער; עס האָט אויסגעזען אַז אין דער אַנוועזנהייט פון דער שטענדיק גרעסערער צאָל פּרויען וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, האָט ער זיך נישט גוט אפילו געפילט באַעולהט. אָט, איז ער מיט אַ מאָל פון צווישן זיי פאַרשווינדן, ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אויף דער שיף איז נישטאָ וואָס צו האָפן.

די שיינע לאָורענצע האָט אָבער באַמערקט ווי ער רוקט זיך אַריין אין די קיסטעס; אויך זי איז געווען צופרידן פונם סוף איבער דעם דאזיקן מזל טראַף. און כאָטש דאָס איז נישט געווען די סיבה, האָט זי זיך אויך, גלייך נאָכדעם אפּגעשיידט פון אירע חברהטעס און נאָכגעגאַנגען דעם שיינעם יינגל.

די דאָזיקע וווּנדערלעכע לאָורענצע וועלכע האָט אַלס פּריסטערין אָנגעפירט מיטן נאָטר-דאַם דע-דאַם, איז פון דער גאַנצער קאָלאָניע אויפן שענסטן אופן פאַרערט געוואָרן. איר פּערזענלעכקייט האָט געלויכטן אַזוי גוט מיט דער הייטערע גוטסקייט, ווי מיט דער נישט-אָפּשאַצנדיקער ריינהייט און הדרת-כבוד. זי האָט איינגעפירט אַ גלויבן מיט ריטואַלן וואָס איז געווען פון אַלע אָפּגעהיט געוואָרן ביים געבעט ביי וועלכן זי איז געשטאַנען אָן דער שפּיץ: און נאָר לאָורענצע איז עס געווען צו פאַרדאַנקען ווען מען האָט דאָס מיט אַ געוואַלדיקן ערנסט און ווירדע אויסגעפירט.

„מען קען גאָרנישט העלפן, דעם וואָס פאַרשטייט נישט דעם גרויסן צייכן פון שיקזאַל; דעם וואָס ס'באַלערנט נישט די פלאַנץ-שטעט וועלכע זענען אַרויסגעקומען אויס דער הייליקער נויט פון דער שיף-ברוך; דעם וואָס באַזיצט נישט גענוג נביאישן גייסט כדי צו דערקענען אַז דאָ איז יענע ריינע, הימלישע ערד צוריק געפינען געוואָרן — די ערד אין זין פון דער מוטער-

ערד! — אין וועלכן דאָס גאָלדענע ווייץ-קאָרן פון דער רעליגיע וועט פאַרגיין און אויפסניי ווידער אַויפשטיין, אי פאַרייניגטער געבענטשטער שיינקייט וואַקסן, בליען און פירות טראָגן״ — אַזוי פאַרזיכערט לאורענצע און זאגט אָפּט: „איז עס נישט ענלעך צו יענע אַלטע, די פאַרצייטיקע וואָס האָבן געקוקט אויף דער לבנה ווי זי וואָלט געווען פון אָלימפּישע ערד? די דאָזיקע ערד האָבן זיי געהאַלטן פאַר דאָס ריינסטע פון דער אירדישע וועלט — ווען אפילו ס׳זאָל זיין דאָס אומריינסטע צווישן דעם הימלישן. און די אַנטציקונגען, די שמחה וואָס די פאַרצייטיקע האָבן געפינען פון איר, האָט אויסגעזען ווי דאָרט וואָלט דער פרינציפּ פון ווייבלעכן און מענלעכן, נאָך געווען פאַרייניקט אין איין לייב און אומגעשטערט, קעגנזייטיק פילז זיי זיך דאָרט דורכגענומעז מיט אַן אייביקע שמעקנדיקייט״.

*

אין דער אַלהייליגסטער קירכע פון נאָטאַ-דאַם דע-דאַם, האָט מען אַריינגעפירט ביכער וועלכע זענען באַשטימט געוואָרן פאַרערט צו ווערן אַלס הייליקע שריפטן אויף דעם אינזל. דאָ איז אויך אריינגעגעבן געווארן די ווונדערלעכע געשעעניש פון באבעטעס פאסירונג מיט דעם מוקאלינדא, אלס אן אייביקע אמתקייט פארצייכנט. ס׳זענען אויך אריינגעגעבן געווארן איין באַריכט נאכן אַנדערן מיט דער ווייטערדיקער איבערנאַטירלעכער באַפּרוכפּערונג. דאָס אַלץ איז באַהאַלטן געוואָרן אַלס אַ הייליקייט. מ׳האָט אויך אָפּגעהאַלטן קאנצילן ווו מען האָט דעם גרויסן ה·פן מיטישן שטאָף א ביסל אַדורכגעזיפּט און דאָס אויסגעקליבענע ·רקאַנאָניזירט.

— עס שאַט גאָרנישט — מיינט לאורענצע: ווען ס׳וועלן זיין אריינגעמישט אַ ביסל אבסורדיטעטן; בלויז דעם גאַנץ פאנטאסטישן טייל דארף מען אפּטיילן פון דעם ריין-פאַרשטאנד-מעסיקן; מען דארף האבן א פאנטאסטישע רעאליטעט — דאס אנדערע וועט קומען אליין פון זיך. די פארצייטיקע וועלט איז דא ווידער ארום אונדזער פארבילד: די לבנה איז ביי איר געווען א וועלט-קערפּער וועלכן זי האט גענוי אויסגעפארשט

און, פון דער אנדערער זייט איז זי פאר איר געווען די געטין אַרטעמיס און איינע האט דאס אנדערע נישט געשטערט.

לאורענצע האט געהאט די העכסטע פארערונג און אויף איר געביט איז זי געווען אן אומבאַרירלעכע אויטאריטעט. זי האט געבענטשט טראגעוודיקע און קינדער ביים געבוירן ווערן. זי האט איינגעפירט א באזונדער מין קינדער-טויפונג וועלכע זי האט אליין אויסגעפירט און איר פערזאָן איז דערהויבן געווארן כמעט, ביז צו אן אמתע הייליקע. פונקט אזוי ווי זי אליין, האבן אלע געפילט און פאַרשטאנען אז א חוץ דעם געביר-גאָט ווירקט נאך דאָס געבענטשטע הערמאַפראָדיטישקייט 1) אין איר, דער קינדערלאָזער און צניעותדיקער וועסטאלין.

*

לאורענצע האט כמעט אליין נישט געוווּסט וואס מיט איר איז געשען ווען זי האָט זיך מיט אַ מאל ווידערגעזען, איינע אַליין, נאכגיין פאאנס טריט. אייגנטלעך האט זי דאס גארנישט באשלאסן צו טון. איר האט עפעס א בלינדער מיס-טישער כח געצויגן צו אים פון ווענען זי האָט קוים באוווּסט-זיניק געוווּסט. און אַז זי האָט זיך צוגעהערט צום האַסטיקן אטעמען פון אירע לינגען און דערפילט איר פארדראס וואס האט איר ענלעך געמאַכט צו אַ יעגערין וואס פארפאלגט א מענטש — האט זי געמוזט לאכן און עטלעכע מאל, פון פאר-ווונדערונג, שאקלען מיטן קאפּ. צו וואָס גייט זי דען הינטער פאאנען ווען זי קען מארגן זען אין דער אזוי גערופענער „אקאדעמיע" ווען ער וועט קומען נעמען א לעקציע? פארוואס איז איר מיט איינמאל אזוי שווער דער געדאנק פון מארגן זען אים? און — פארוואס נישט זען אים באַלד אויב ס'איז מעגלעך?

---

1) דאס הייסט: דאס פעלן אדער, נישט באנצקייט פון געשלעכט עבן ארגאן.

פון דעם וואס ס׳האט איר פולשטענדיק באהערשט, האט לאורענצע שוין נישט איינמאל געאנט, נאך פריער איידער זי האט עס באגריפן אין זיך. דאס איז געווען אזא מין שטארקער געפיל וואס האט אין דער נשמה פון דער אנגלא-האלענדערין נישט געלאזט קיין שום ארט, נישט פאר דעם וואס איז געווען, אדער פאר דעם וואס ס׳דארף קומען, בכלל—פאר קיין שום זאך נישט, פונקט אזוי ווי איר לעבן וואלט דערפון אפהענגיק געווען; איז, די אזוי שטארק באהערשטע פרוי נאכגעגאנגען איבער שטאק און שטיין פאאנען, אדער פון זיין בילד געצויגן.

— אין מיר קומט פאר איצט א קאמפלעטער אויפשטאנד—טראכט, פארפאלגנדיק די שפורן פון יינגל די שיינע לאורענצע וועמען קעניגלעכע אקסלען ס׳האבן שוין איצט אנגענומען א לייכט-אליוונפארביקן גלאנץ. שטייט די דאזיקע רעוואלוציע פון מיין גאנץ וועזן — טראכט זי ווייטער: אין דער מעגלעכקייט פון צוזאמענהאנג מיט די כינעזישע רייזענדע וועמעס שיף ס׳איז אזוי נאנט געווען? וועל איך, הייסט עס, געהערן צו די נישט ווינציקע וועלכע האבן צוליב דעם ריינעם ריוח, פארלייקנט די אמתע פרוכט פון איל-דע-דאם, און אזוי א נאך וועלן מיר האבן בחינם אדורכגעלעבט די דאזיקע רייכע חסד-עפאכע?

— אוודאי, וואס קענסטו דען טון ווען דו ביסט נישט אזוי ווי די אנדערע פון דעם צויבערדיקן אינזל, ראוי געווארן באשאטנט צו ווערן פון דעם מיסטעריום? און ווי קען דיר דאס דאזיקע ייגגל העלפן, כאטש דו ביסט מיט אים יעדן טאג געווען צוזאמען און ער האט דיר נישט געקענט העלפן און האט דיר נישט געהאלפן.

לאורענצע באשטימט זיך די דאזיקע שאלה בעסער נישט צו פארענטפערן. אזוי באשטימט זי זיך אויך צו די איבריקע פראגן וועלכע זענען געווען פון דעם זעלבן מין און זיי זענען געקומען אין די מענגען אין איר קאפ אריין. זי מוז זען אז די באכבודיקע פריסטערלעכע האלטונג און די שטעלונג אלס פאאנס דערציערין, זאלן זיין אין פולן הסכם מיט זיך.

און די דאזיקע אלע פראגן פאלן מיט איינמאל אוועק אונטער אַ זעלטענער באַרוישונג פון יינגקייט. די דאָזיקע הערלעכע מאלער-טאָכטער גייט ראַש מיט די קעניגלעכע טריט אַדורך דעם פאַלמען-און פיזאַנג-עדן וועלכער ווערט פון זיינע רייכע חלומות פלוצים אויפגעוועקט, און, ווען אַן אייראָפּעער וואָלט איר דאָ דערזען, וואָלט ער געגלויבט אַז דאָס האָט ער באַגעגנט פּעטער פּאַול רובענס, די פון אָלימפּישן פייער אַ דורכגעגליטע, אַרטעיס.

זי איז געוועזן אַרומגענומען פון אַ פאַרלאַנג וועלכן מען האָט געקענט פאַרגלייכן מיט דעם טויטלעכן דורשט פון אַ פאַרשמאַכטן, מידן וואַנדערער, און, ווי יענעם האָט זיך אויך איר אָנגעקניפּט אַן ענלעכע פּאָטאמארגאנא ; אוודאי האבן אירע פאַרלאַנגען נישט געקענט דערפולט ווערן ; די זון, דער באָדן וועלכע האָבן באַשאַפן דעם בליטן און פרוכטן-רייכטום פון דעם אינזל, די הייסע זאַפטן וועלכע ס׳האבן פאַרשפּרייט די פאַלמען-און בשמים בוימער הילנדיק די טאָלן און די הויכן מיט ווייראך-וואָלקנס — זיי האָבן אויך געהאַט די פאַרלאַנגען.

יאָ, יאָ — טראַכט די שיינע מיס לאורענצע זייענדיק אין-בעראַשט פון דער דאָזיקער פאַרוואַנדלונג און צו דערזעלבער צייט געטרייסט : יאָ, יאָ, אַזוי גייט עס צו מיט דעם שטאָלצן, מיט דעם הויך-מוטיקן. עס קומט מיר צעגפאַך צונויץ וואָס איך האָב זיך פאַרוועקסלט מיט דער קליגער און איבערגעלייגטער פאַלאַס-אַטענע... פריער האָב איך זיך געפינען אין אַ מצב פון פולשטענדיקער הילפסלאָזיקייט, און כ׳וואָלט געקענט פאַרעכנט ווערן פאַר אַ פאַרקנעכטע, פאַר אַן אָנמעכטיקע ווען איך וואָלט נישט געוועזן אַזוי אַנטשלאָסן, אזוי קלוג, אַזוי בוימער-אַרויסרייסנדיק קרעפטיק.

און ווען פון איר קעל האָט זיך אַרויסגעריסן אַ וואַר-קנדיקע, כּוּ גלאַרטיק-פריילעכע זילבע, מירן זאָגן אַזאַ וואָס איז ענלעך געוועזן צו דאָס מורמלען פון געטער — האָט זי פלוצים פאַרשטאַנען אַז זי איז אַ באָמענסלאָז וועזן פון אייביקער ייגנט. אָבער זי איז נאָך נישט די — זי איז נאָך אַלץ די פריערדיקע...

גליקלעך ציטערן אירע אַקסלען, הענט, ברוסטן און זייטן. זי צעלאָזט אירע האָר און דורך אַ באַרירונג אין די אַקסלען, ברוסט און זייטן, ווערט זי אַנטציקט. יעדער, אפילו דער קלענסטער טייל פון איר לייב, דערפילט אַ געוואַלדיקער באַגליקונג... זי האָט שוין איצט נישט געצווייפלט צו זיין די דאָזיקע פרוי וואָס איז באַשאַפן געוואָרן פון ניין־ענטל גן־עדן־ערד. אָבער, אוודאי איז דאָס פעלנדיקע צענטל געווען גענוג שטאַרק אַז זי זאָל נאָך זיך קענען מיטשלעפן יענע ניין צענטל.

אין דער גיך גיט זי אַ טראַכט פון דער מיס וואר. אָבער וואָס קען באַטייטן די מיס וואַר דאָרט וווּ מען קען אַזוי זיכער צוגעפירט ווערן צום תמצית פון מיסטישן שלייער פון דער צוזאַמענקונפט מיט דעם אין־סוף — — יעדער חוש איז אין איר פאַרוואַנדלט געוואָרן. דאָס אַלץ וואָס זי דערזעט, הערט, טאַפּט און פון די דופטן שמ[illegible]רט, דאָס אַלץ איז פון איר נאָך קיינמאָל נישט דערזען געווען, דע־הערט, דערטאַפּט, אָדער פון די גערוך־אָרגאַנען איינגעזויגן געוואָרן. און פאאן? — — אים, דעם דאָזיקן ליב־געבענטשטן עראָס זעט זי זיכער איצט דאָס ערשטע מאָל, דאָס ערשטע מאָל באַמערקט ווען ער איז אין די קוסטעס פאַרשוווּנדן...

— אַך, דער רשעותדיקער, נידערטראַכטיקער כיטרער גאָט! — זי פילט יעדן מוסקול פון איר הימלישן קערפּער זיך שטראָפן. — זי וועט אים בענדיקן, זיכער און אפילו ווען ער זאָל צענטויזנט מאָל אַזוי שיין זיין, ווען ער זאָל צען טויזנט מאָל ווערן אַזוי גאָט פאַרפירעריש

דעם קולט פון נאָטר־דאַם דע־דאַם האָט די וווּנדערפולע לאורענצע פאַרשטאַנען מיט דער אידעע פון מאַקס מילערס אוניווערסאַל־רעליגע. זי האָט נאָך צו דעם צוגעמישט גריכיש־אינדישע יסודות. און די דאָזיקע אידעע האט זיך כסדר ביי איר פאַרשטאַרקט נאָכדעם, ווי זי האָט די האָפענונג, אָדער די מורא

פון אַן אַנקומענדיקעע שיף, אויפגעגעבן. אַ פּאָר חדשים נאָך דער דאָזיקער פּאַסירונג, וועלכע איז צוגלייך געווען דאָס אויפטויכונג פון דער האָפענונג און דער אונטערגאַנג, האָט לאָורענצע אויפגעשטעלט אַ הייליקטום אויפן צפונדיקן עק פון מאָנטדע־דאַם, אויף דער הויך פון אַ געוואַלדיק פּרעכטיקן אָפּריס. די לאַנדשאַפט האָט דאָרט פאַרגעשטעלט אַ גרויסאַרטיק־פאַרשידנפאַרביקן נאַטירלעכן פּאַרק. דאָרט האָט זיך אויך געפונען די אַנטדעקטע חורבה, אַן אַמאָליקער קונסט־פּרווו פון אַ געטלעך בילד — יענער הייל וואָס האָט באַוויזן אַז אין לויף פון יאָרטויזנטער איז שוין דער אינזל אמאל באזעצט געווען.

די איידעלע לאורענצע האט זיך איצט אויפגעהערט צו באַווייזן אַזוי אָפט אינם „הויז פון דער גוטער האָפענונג". און זינט דעם טאָג פונם געהאָפטן און פארלוירענעם בטחון אין א שיףאָנקים, האט זי אויפגעהערט זיך באטייליקן אין פּאאנס לימודים.

— פאר אים — זאָגט זי: וועט גוט זיין ווען ער וועט ביי זיינע יינגע יאָרן נישט ווערן אזוי טיף איינגעצויגן אין א באשטימטן גייסט־סדר אונטער וועלכן זי אליין ליגט גראָד שטארק אונטערגעוואָרפן.

די מיס וואר איז נישט געווען אזוי שטאַרק באפרידיקט פון דער דאזיקער דערקלערונג און, זי האט באדויערט וואס איצט וועט מוזן ראדבערטע קאלב, די, אַן צווייפל הויך־וויסנשאפטלעכע פרוילעכע וואַלטער, נאָך שטארקער ווערן איינגעצויגן פאר דעם לימוד. די דאזיקע גוטע און אָרנטלעכע דערציערין מיינט אז ראדבערטע גרייט־צו פאר פאאנס ווען אַ ריכטונג אין וועלכער ער הייבט זיך שוין אן צו שטארק צו אנטוויקלען. בחינם גריבלט זיך די דערציערין איבער די אמתע סיבות וואס האבן געקענט ברענגען די איידעלע לאורענצען אָפּצורייסן זיך פון די לעקציעס מיט פּאאנען. לאורענצע האט אבער נישט געהאט צו ענטפערן מער ווי דאס וואס זי האט איר שוין געהאט געזאָגט, און זי ציט זיך וואס א טאג מער און מער צוריק פון דער מיס וואר. איבריגנס איז דאָס געליגן

אין דער לאגע: ווען זי האט געהאלטן ביים איינאָרדענען דאס נייע הייליקטום און נאכדעם, האט זי זיך נאך אלץ געהאלטן פון דער נאנט. ביים אנהייב האט זי זיך געוויזן אין איל-דע-דאם פון איין ביז צוויי מאָל וואָכנטלעך און, שפּעטער-צו קוים איינ-מאל אין צוויי וואכן. דאס איז געווען נאך איידער זי האט פיר וואכן נאכן הייליקן דעם קולט-אָרט, צום לעצטן מאל פאר א לאנגער צייט, דאָס באזעצענע ארט באטרעטן.

דער דאזיקער באזוך איז אין א געוויסער באציונג גע-ווען א סך נאכדענקלעך. לאורענצע איז געקומען כדי זיך פאָר-מעל צו נעמען, אויף א צייט פון רונדע זעקס חדשים, אן אור-לויב, און אויסצוקלויבן פאר אזא לאנגע צייט א פארטרעטערין, א וויקארין, א פארוואלטערין פארן נאטר-דאם דע-דאם, און אזעלכע האט זי געפינען אין דער פערזאן פון זשיליאנארענע.

אזוי האט געקלינגען די רעדע, פון ראדבערטע סטענא-גראפירט, וואס ס'האט געהאלטן די בריטיש-האלענדישע פּריס-טערין ביים אפשייד, אין דער באמבוס-קירכע נאָטר-דאם דע-דאם:

„טעכטער פון דער ערד און פון הימל!

„אָבער מער טעכטער פון דער ערד, ווי דעם הימלס!

„ס'איז דערגאנגען צו מיר א רוף... נאָכדעם, ווען גע-שטיצט פון אייער מוטיקן באשלוס און מיט דער הילף פון אונדזערע בוי-לייט, ס'זענען אויפגעשטעלט געווארן צוויי נייע קולט-ערטער — איז צו מיר דערגאנגען דער רוף זיך צוריק-צוציען אויף א צייט אלס עלצטע, כדי צו קענען אין דער שטיל, נאך מער ווי ביז איצט, דערגענצן אונדזער לאגע און אונדזער ציל. איך פארשטיי אונטער „אונדזער לאגע" עפּעס מער ווי דאס אינזלדיקע אפגעזונדערטקייט! און אונטערן „ציל" פארשטיי איך עפּעס מער ווי דאָס אויסבויען אונדזער סאציאלע נייע-אָרדענונג, אין וועלכן די פרוי האט איר אלטע איינגעביסענע שטעלונג צוריק באקומען, כאטש איך דערוואַרט נאך א ברייטע דערקלערונג צו דער דאָזיקער באציונג. דאס דאזיקער „מער" באצייכנט זיך אויף דעם ציל פון מענטש איבערהויפּט, און אויך פאר דער צייט און אייביקייט.

„אונדזער באַזעצונג דא האָט, פון אַ גאַנץ באַשיידענעם אָנהייב, שוין איצט אַ רייפן מצב פון בליען. ווען מיר אָדער אונדזערע קינדער און אייניקלעך וועלן אַנטדעקט, — וואָס דאָס איז אַ זיכערע זאַך, — דעמאָלס וועלן אונדזערע באַמיונגען זיין פאַר דער גאַנצער וועלט נוצלעך; אין דער געטלעכע קינדער־ברכה וואָלטן מיר אויך געקענט רעכענען אויף דעם טאָג פון אונדזער אַנטדעקונג; מיר האָבן דאָך נאָך אויפריכטיק געגוג צו טון פאַר דער מענטשהייט און איר קאָלעקטיוו.

„דאָס, אַז מיר קענען — דערהייבט אונדזער טאַט. און דאָס וואָס מיר אַרבעטן, אין יעדער באַציונג, נישט נאָר פאַר אונדזער אייגן גליק, נאר פאר דער מענטשהייט — דאָס גיט צו אונדזערע מעשים פריידיקע אידעאַליטעט; אָן זיי וואָלטן מיר, אפשר, גאָרנישט געווען, אָדער מיר וואָלטן, אָן ספק, געווען אַראָפּגעזינקען צו חיהשקייט.

„דער העכערער מענטש קען נאָר דעמאָלס טון עפּעס אמתדיקס, ווען ער באַטייליקט זיך ערגעץ־ווו [redacted]אין פרייד און לייד פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, דאָס הייסט: ווען דער בעל־עסקן קען דעם אומיטלבאַרן נוצן פון זיין טאַש איבעראַנ־דערשן צו אַ העכערן נוצן, פאַר אַנדערע און פאַר דער צוקונפט.

„איך מעג אייך אָפּן דערקלערן, דאָס דער מצב פון מיין גאַנץ וועזן איז אַן אויסערגעוועגלעכער. מיין געפילס־לעבן, איז פאַרטיפט געוואָרן. איך קען זאָגן, אַז פריער האָב איך געלעבט מיט אַ טויט געפיל. די געפילן וועלכע איך לעב איצט איבער, די געבענטשטע אַנונגען, האָפענונגען, בילדער און געדאַנקען וועלכע פלאַטערן אין מיר — דאָס אַלץ איז פאַר [redacted]מיר אליין אַזוי ניי און פרעמד, דאָס איך גלויב טיילמאָל אַז [redacted]איך טראָג אַ נייעם מענטש אין מיר, אָדער ווייניקסטנס טראָג איך אַ נייע און אַ פיל בעסערע נשמה; איך וועל זיך מוזן פשוט באַטראַכטן פאַר אַ זינדיקער, קעגן אייך, קעגן די מענטשהייט און קעגן דער גאָטהייט, אויב איך וועל דעם דאָזיקן צושטאַנד אַדורכ־לאָזן[redacted]אומבאַמערקט, ווען איך וועל מיך נישט אָנקניפּן מיט דעם דאָזיקן חסד.

„און כּדי דאָס צו קענען, כּדי דעם דאָזיקן ליבן-הייליקן, אינערן ווירקן און ווערן נישט צושטערט — מוז איך דערפֿאַר האָבן די איינזאַמקייט.

„איך באַהאַלט נישט פֿון אײַך דאָס איך ציטער אַנטקעגן מיט געבענטשטער פֿרייד מײַן העסיכאַסטען-דאָ-זײַן 1). איך בין נישט זיכער אויב אין מײַן פּרישות ליגן נישט באַהאַלטן די העכסטע מינים אַנטפּלעקונגען. יעדנפֿאַלס בין איך גרייט צו הערכן און צוקוקן. און נישט בלויז צו הערכן און צו קוקן, נאָר אפילו דאָס געזעענע און געהערטע שריפֿטלעך צוגעבן בין איך גרייט, ווען דעם באַנייטן כּוח און מיר וועט נאָר ווייל געפֿעלן צו טון דעם חסד מיט מיר — מײַן האַנט צופֿירן.

„עס איז אין דער גרויסער קולטור-וועלט זער אַ סך גערעדט געוואָרן פֿון גײַסטלעכע פֿאָטערס, — מיר ווילן גײַסטלעכע מוטערס זײַן און, כּדי פֿאַר אונדז אַלע דעם דאָזיקן ציל צו דערגרייכן, מוז איך מיך אָפּזונדערן. מוטערס ווילן מיר זײַן און פֿונדעסטוועגן אויך גײַסטלעכע, אַנדערש ווי יענע אַזוי-גערופֿענע „פֿאָטערס" וועלכע טראָגן מיט זיך אַרום דעם ליגן נאָר פֿון זייער פֿאָטערשאַפֿט. איך בין געקומען צו דעם גרויסן געדאַנק: אויסצוניצן מײַן אויסדערוויילטשאַפֿט צום באַשאַפֿן אַ נײַער מענטש: יענעם ווײַבלעכן פֿול-מענטש וואָס וועט, אָגעשטאָט דעם פֿון גרונד-אויס קרומען און צובראָכענעם טיפּ, ווערן דער, אַזוי-צו זאָגן, געטלעכער בוי-מאַטעריאַל — די אמתע רעאַלע און צוגלײַך די אמתע אידעאַלע ציגל פֿון דעם נײַעם און פֿולקומען קולטור-געבוי.

„די קולטור פֿון וועלכע מיר שטאַמען, איז, נישט-קוקנדיק אויף אַלעם, אַ פֿאַרשטיינערטע. איך מײַן דערמיט צו-

1) ווערטלעך: די רועדיקע. „העסיכאַסטן" זענען געווען א מיסטישע סעקטע וועלכע זענען אויפגעטרעטן אין XIV י. ה. דאס זענען געווען מאנאכן מיטן זיצן פארלייבט די פיס און קוקן באשטענדיק אויפן בוך-נאפל האבן זיי בעגלייבט צו דערגיין דעם זין פון גאט און זיין אייביקע הימלישע ליכטיקייט.

זאגן: אַז אַזוי באַוועגלעך ווי זי איז, איז זי פונדעסטוועגן נאָר איבערפלעכלעך לעבעדיק. זי פאַרמאָגט זער וויניק, צווישן הונדערטער מיליאָנען מענטשן, אזעלכע וועמעס לעבן ס'זאָל אַריינדרינגען אין דער טיף; איירָאָפּא האָט אַ מאָל געהאַט אַ גרויסע צייט, איך מיין דערמיט די צייט ווען אונטער דער הייליקער הערשאַפט פון דער קירכע, ס'זענען אויפגעשטאַנען די ראָמאַנישע און גאָטישע דאָמען. אַ גרויסע צייט געווען, וואָרום דער גרעסטער פאַרלאַנג וואָס האָט געהאַט אַ ווערט, איז געווען דער פאַרלאַנג פון דער רעליגיע. אָבער, שפּעטער איז זי שוין נישט געווען אַזוי גרויס, זי האָט אומבאַדינגט געמוזט צעפאַלן אין שטיקער. ווייל זי האָט צוטרעטן און מבזה־געווען דעם מענטשלעכן יסוד אויף וועלכן זי איז געשטאַנען און זי אַזוי א נאך פאַרמיאוסט געוואָרן; מען קען נישט ב יען קיין שום לעבן אויפן פאראַכטונג צום לעבן. מען קען נישט בויען דאס גליק אויפן פאראַכטונג צום מענטש, און אויך נישט די מענטשלע־כע געזעלשאַפט אויפן פאַראַכטונג צו דער פרוי — די מענטשן־געבוירערן. נײן, זי רעדט ווייל (1 Mulier taceat in ecelesia זי פילט שוין די אָנקומענדיקער שיף פון דער צוקונפטיקער קירכע מיט דעם געזאַנג פון לעבנס־נצחון. וואָרום איין זאַך בלייבט דאָך תמיד זיכער: אין וועלכן גן־עדן מיר זאָלן נישט האָפן אַריינצוגיין, מוז דאָך תמיד בלייבן דער וועג דורכן טויער פון לעבן.

„די קולטור פון וועלכע מיר זענען איצט אָפּגעשיידט, צייכנט זיך אויס מיט דעם וואָס דער מענטש, און הויפּטזאכלעך די פרוי, האט זיך נישט אַרויסגעהויבן איבערן מצב פונם אומ־כבוד. און אויף וויפיל דאס איז שוין ביי אונדז געשען, קען מען דערקענען אן דער פארלעגנהייט, אדער אן דער שרעק —צי איר ווילט זיך מודה־זיין אָדער נישט—בשעת די שיף האט

1) א פרוי שווייגט אין געשריי.

זיך דערנענטערט און ווי זי איז אונדז אין די ביינער אריינ־
געקראכן. אבער — עס מוז נאָך א סך מער געשען. איך זאג אייך
און פאדער עס, פארופנדיק זיך אויף דער ביבל: „איר זענט
געטער!" יעדע איינע פון אונדז איז די קירכע אליין און עס
פּאסט זיך אז יעדע פון אונדז זאל זיך דערהייבן צו דער מדרגה
פון א געטין.

„נאכאמאָל: די קולטור פון וועלכע מיר זענען איצט אפּ־
געשיידט, זי פארמאגט צווישן אנדערעס די אייגנשאַפט צו
פּיעשטשען אירע חסרונות קוועלן און הייליק צו מאכן אירע
פעלערן און זיי פארייביקן. זי איז בלויז א מענער־קולטור און
דעם מאן פעלט דאס נאטור־צוגעבונדענע און די פּרוכטבארע
מיטערלעכע באזינלעכקייט. די פרוי דענקט ווינציקער, דערפאר
אבער וועזנטלעכער. נאטירלעך מיינט מען דא נישט די קולטו־
רעל־פארדארבענע, נאר די נאטירלעך־אומפארדאָרבענע מוטער־
לעכע פרוי. קיינמאל אין לעבן וועט די ציוויליזאציע וואס ווערט
געטראגן פון א פרוי, מיטן בלויזן ליארם פון דער דרעש־
מאשין קיין לערע שטרוי נישט דרעשן און מיטן באטויבנדיקן
קלאפּן פון די מיל־רעדער וועט זי קיין פלעווס נישט מאלן —
אזוי ווי ס'פירט זיך אין דער מענער־ציוויליזאציע.

„קריסטוס אליין איז אויך געבוירן געווארן פון א פרוי.
זיין לערע פון „ליבן דעם חבר" וואלט שוין לענגסט דורך די
פרוי פארווירקלעכט געווארן ביזן סוף; אויך, איז דאך די ליבע
געבוירן געווארן פון דער פרוי. און נישט דערפאר וואס זי
געבוירט אלעמען און אזוי א נאך גיט זי אויך דעם יינגל די
ליבע איבער, נאר דערפאר וואס זי טראגט און שיצט אין זיך
דעם ווערנדיקן מענטש אין א צייט פון ניין חדשים און אין דער
צייט און אין דעם צושטאנד האט די אמתע מענטשן־ליבע די
בעסטע פעולה.

„און גאר באזונדער איז פונם דאזיקן מיסטעריום, אין

דער אַלטער צייט. ס׳ערשטע מאָל ארויסגעטרעטן די הויכע און ריינע קאַריטאַס 1)

„איצט שפּעטער, דאכט זיך, איז דער מאן געווארן דערפון אנגעשטעקט. די מוטער מיט די קינדער האבן געפּלעגט דאס אור-חברשאפט. און אין דער דאזיקער באציונג פון דער זויגנ-דיקער, פירענדיקער און שוצנדיקער מוטער ליגט דער ערשטער סאציאלער צוג. מ׳וועט פארגלייכן אין דער באציונג א קאץ מיט אירע קעצלעך. פון דעם קאָטער צו זיינע קעצלעך קען, פאר-שטייט זיך, גאר קיין רייד נישט זיין און זיין באציונג צו איר, דער קאץ וועט מען, פארשטייט זיך, נישט פארגלייכן מיט קא-ריטאס, ווייל דא האט מען זיך שוין מער צורעכענען מיט דער שנאה.

„איך וועל נישט רעדן וועגן דעם ווי עס גייט צו צווישן מאן און פרוי אין דער מענער-קולטור. איר ווייסט דאך, אז אפילו צווישן די באדייטנסטע מענער און פרויען איז פאראן א פיינטשאפט, מען קען זיך אויסדריקן אן אור-פיינטשאפט.

„ אין די פון אונדזערע נשמות ארויסגעדרינגענע קאַריטאַס איז געווארן פאר זיך דער סאציאלער בינדונגס-מאמענט פון דער מענטשהייט. אפשר מיינט איר, אז דאָס איז בלויז כּדי עפּעס איבערצוטוישן, ווען אונדז וועט נישט געלונגען אונדזער קאריטאס איבערצוטראָגן אויפן מאן, ווען אונדז וועט נישט גע-לונגען מיט קיין שום מיטלען אים איבערצואַרבעטן, וועלן מיר זיך נעמען כאָטש זאָרגן פאַר זיינע קינדער? אָבער וואָס האָט דען דער ווערט וועלכער זאָרגט זיך נישט פאַר זיינע קינדער? ער איז אין גרונט געגומען אומסאָציאַל. די ראיות דערצו קען מען געפינען אַין אייראָפּע אין די מיליאָנען.

„מיר לעבן דאָ, אין געוויסע מאָמענטן, אין אַ מצב פון ניסים און געבענטשט גליק. מיר ווערן אויסגעהאַלטן אויף דעם

---

1) קריסטלעכע ליבע און בארמהארציקייט. אין דער פלאסטישער קונסט איז דאס דער נאָמען פאר אויסדרוק פון מוטער-ליבע.

אוצרדיקן אינזל, די סאפירענע איינפאַסונג פון ים, פון דעם אין־סופיקן מיסטעריום. מיר זענען אונטערגעוואָרפן די טיפסטע שנויים אונטער וועלכע מענטשן זענען אַ מאָל געווען אונטער־געוואָרפן; קיין שום פּאָפּ איז צווישן אונדז נישטאָ. דאָס פּאָפּענ־טום פון יעדן מין און גרייס איז אַ גייסט־טויטנדיקס פּראָצענט־פאַרדינסט פון מענערלעכן משוגעת. בלייבט אַזוי אַ נאָך מיט גאָרנישט צו לינדערן אויף די דאָזיקע פלאַנץ־שטעט די נייע נשמות אין זייער אַנטוויקלונג. בלייב־זשע אייניק אין דער צייט פון מיין אָפּוועזנהייט. דערהויבט יעדער פון אייך דאָס פאַרטרויען אין זיך אַליין אויף ווי ווייט ער קען און, דער־האַלט אייער גלויביקייט, יאָ, אייער לייכט־גלויביקייט צום קינפטיקן, נישט־אָפּשאַצנדיקן נוצן פאַר דער גאַנצער וועלט!"

דאָ האָט לאַורענצע איבערגעגעבן דעם אַמט אירן זשיל־יאַנא רענען און זי אַליין איז באַלד פאַרשווינדן געוואָרן פון צווישן אַלע.

פון צווישן די אויסערגעוועלטע ליבלעכע פלעצער אויפן אינזל, איז דער בעסטער אָרט געווען וועלכער לאַורענצע האָט אויסגעקליבן פאַר דאָס העכסטע געטערבילד. ס'האָט גע־הייסן די Bona Dea אויפן שטיין 1). מיטן שטיין איז נישט גע־מיינט דאָס אָרט מיט די תמיד־ארומגעצוימטע גראָז־געוויקסן וואָסביים אַריינגאַנג פון באַזאַל־טאָל; מיט דערמיט איז אויך נישט געמיינט געוואָרן דער שטיין זעלבסט, נאָר דאָס צע־בראָכענע אַלט בילד פון אַ מעטעאָר־ אָדער לבנה־שטיין וועלכעס מען האָט אינעווייניק אַנטדעקט.

די פעלזן־מויער אין וועלכע ס'האָט זיך געעפנט די הייל, האָט געהאַט פאַר זיך אַ פלאַכן גאַנעק וועלכער האָט גערייצט פון דער ווייטנס ווי אַ פּראַקטיקער גאָרטן. אויף זיינע מערב־

---

1) די גוטע געטין.

גרענעצן האָט מען געקענט זען די שווינדלדיקע טיפעניש פון ים וועלכע האט זיך אָפּגעקלאַפּט אן די פעלזן-שפּיצן און שפּאַלטן פון מאַסיוון אינזל.

צו דעם דאָזיקן ראַנד, אין דעם נייעם טעמפּל ארט מיט זיינע נאַטירלעכע בימות און זיילן, לאָזן זיך צום סוף ארונטער עטלעכע פלאַכע טעראַסן וואָס זענען באַשטאַנען פון איינצלנע שטיינער פון טויזנט-יעריקע עלטער.

נישט ווייט, ביים אַריינגאַנג פון דער הייל, וואַרפט אַ קליין טייכל זיין וואַסער אַרונטער, תמיד רוישנדיק, טראָפּנ-דיק און טריפנדיק. דאָס טייכל האָט זיין לויף גענומען פון די הייל-פעלזן, אַדורכקריכנדיק זיך דורך אַ שפּאַלטן-אַרטיקע מויער-חורבה, שטופנווייז ביז אַרונטער. זי האָט געמאַכט פון דעם דאָזיקן נייעם אָרט נישט בלויז א „גן-עדן", נאָר זי האָט אין מיטן גליענדיקן טאָג, טאקע ארויסגעגעבן פון זיך אַ גן-עדנדיקע קילקייט. און אַזוי טעג און יאָרן איז דער דאָזיקער נאַטור-פּאַרק געווען דער ליבלינגס-מקום פון דער געטלעכער לאורענצע האבעמא. זי האָט ליב געהאַט דאָס גרויסאַרטיקייט פון די באַ-גרינטע פעלזן-קוליסן. זי האָט ליב געהאַט דעם פּאַרקס בוימער-ריזן און זיין ווייטן אומענדלעכן בליק. ווי הערלעך האָט זיך דאָ אַריינגעהויבן דער שפּיץ פון מאָנט-דע-דאַם גריסנדיק או-מעטום די ביימער-שפּיצן און די פעלזן מאַסן; זי האָט ליב געהאַט דעם טיפן, פייכטן שאָטן פון ייגגן וועלדל און טייכל אין די פּראַכטיקע פיינע גלייכמעסיקייט פון די בלומען און גרעזער וואָס האָבן באַצירט די ראַנדן פון די וואַסער-אָדערן; באַלד ווי זי האָט דאָס אַנטדעקט, איז איר, אין שייכות מיט דעם, נישט בלויז איינגעפאַלן עפּעס פּלענער, נאָר טאַקע גלייך דער געדאַנק פון קולטיווירן אים. און מען האט צוערשט דעם שיינעם, רייכן געגנט וועלכער איז געשטאַנען גרייט פון טעג און יאָרן, אַדורכגעצויגן מיט וועגן, שטאָט דעם קיס האָט מען זיי געפלאַסטערט מיט א וואולקאַנישע אַש. נאָך א געוויסן פּלאַן האט מען אויף די דאָזיקע וועגן איינגעאָרדנט טרעפּ און באַקוועמע פּלעצער.

— ס׳איז ענדלעך געקומען דערצי. — האָט לאורענצע געזאָגט אונטער אלעמענס צו שטימונג: ענדליך צושאפען אן ארט ווו נישט דאס נוצלעכע, נאר דאס שיינע און הייליקע איז דער כח; כדי היימיש צופילן זיך מיט דער נאַטור, דאַרף מען נישט בלויז א הויז, נאָר אויך דעם גאָרטן: ער איז דאָס דער וואָס מאכט אונדז נאָנט די פרעמדע ווייטע נאטור מיט דער הילף פון דער קונסט און לאָזט אונדז זיך אָנפאַרטרויען. אָבער — זאָגט זי ווייטער: מיר דאַרפן נישט בלויז א לוסטן־גאָרטן מיט ערדישע און הימלישע פאַרגניגנס, נאָר זיין הנאה דאַרף זיין מיט עפּעס געבונדן; מיר מאַכן דעם דאָזיקן הייל און לופט־גאָרטן פאַר א פילגרימען אָרט ווו מען וועט קומען עולה־רגל־זיין.

נישט זער ווייט פון וואַסער־פאַל, אַזוי דאָס מען האָט שוין מער פון זיין רוישן נישט געקענט פארטויבט ווערן, האָט מען אויפגעשטעלט א פיין הילצערן הייזל וואָס האָט דערמאנט מיט איר פריינטלעכן סטיל אָן די ווייסע יאַפּאַנישע געבעט־הייזלעך.

דאָס איז געווען דאָס ווו לאורענצע האָט זיך באַזעצט און געוווינט נאָכדעם ווי זי האט זיך געשיידט מיטן איל־דע־דאַם.

זי איז דאָרט איינזאַם נישט געווען. אפילו דאמאלס ווען עמעץ האָט זיך בלויז געפונען אין איר נאָנט, ווייל זי האָט מיט זיך מיטגעבראַכט די קליינע דיאָדאַטא צום האָדעווען. זי האָט עס כסדר באַטראַכט מיט אַ ביסל עגמת־נפש: די איידל־קייט פון איר נשמה האָט זיך אַנטקייגנגעשטעלט דאָס וואָס דאָס קינד וועט נישט אויפגעצויגן ווערן מיט איר ליבע, און גראָד האָט דאָס טיפע מוטער־געפיל וועלכעס זי האט געטראגן אונטערן הארץ, געשטיגן אויף אן אומגעריכטן אופן וואָס האָט איר גע־פירט צו דעם געמיט־צושטאנד פון „דיאדאַטא איז דאָך נאָך א יתומה“

לאלא שמידט איז דאָס געווען די יעניקע וועלכע האט זיך איינגאנצן פארנומען מיטן דאזיקן קינד. זי איז אויך געשטאנען גרייט בייטאג, סיי ביינאכט, צו דינען דער וונדערפולער לאורענצען. א חוץ דעם זענען נאָך אין גרויסן וואלד און באַרג-גאָרטן אין וועלכן ס׳האָבן כסדר געפינען אַרבעט מוצישמידט מיט איר גרופּע ייגנטלעכע גערטנערינס — זענען נאָך געקומען טעגלעך צו גאסט עטלעכע הימל-שיינע פרויען, א מאָל אָפּצורעכטן זייער תּפילה אין דער הייל פון דער באָנא-דעא און אַ מאל נאר א לוסט-שפּאציר צו מאכן אויף די פּארק-וועגן מיטן וואלקאנישן אש.

אויך פּאאנס באזוכן האבן געמינערט די איינזאמקייט ביי לאורענצען. ס׳האט אבער אויסגעזען אז דער דאזיקער ייִנגלישער בחור וועמעס טריט לאורענצע האט שוין פון דערווייטן דערקענט,— אז ער איז נישט געקומען ספּעציעל צו איר אזוי אפט. ער האט זיך נאך תּמיד גוט געהאלטן מיט דער קליינער דאגמאר-דיאדאטא, א מיטליידנדיקע צוגעבונדקייט געהאט צו איר; ער האָט יעדן געניי אָבסערווירט; נישט זעלטן האט ער זיך אויך אָנגעטראפן פּנים-אל-פּנים מיט דער שיינער לאורענצען. באַזונדערס דאַמאָלס ווען ער איז אָנגעקומען און איז צום ערשט צוגעגאַנגען צום קינד, באמערקנדיק דאמאָלס אַ שטאַרקע רויטקייט אויף אַיר פּנים וואָס איז אויך גלייך פאַרשוואונדן.

זינט לאורענצע האָט זיך אָפּגעגעבן צום געטלעכן חסד און גענומען פילן איר הייליקן חוב, זענען די באַציונגען צווישן איר מיט פּאַאָנען נישט געווען שוין מער די דאָזיקע וואָס צווישן אַ דערוואַקסענעם מיט אַ קינד, די באַציונגען פון אַ לערערין צו אַ קינד. מען האָט געקענט באַמערקן ביי איר אַן אומענדלעך-טיפע צאַרטקייט, כמעט אַ שעמעוודיקע צוריקגעהאַלטנקייט, אַ פאַרהאַלטן זיך וואָס האָט געקענט דעם פאַרשטענדיקן וועלכער האָט געזען שטיין די דאָזיקע שטאָלצע און אײדעלע פרוי אַנטקייגן דעם קינדישן ייִנגל — אַ סך געבן צו פאַרשטיין. פאַרשטייט זיך אַז, אויב פּאַאָן אַליין איז נישט גע

װען דער פֿאַרשטענדיקער, זענען קײן אַנדערע דאָ נישט געװען.

ס׳איז שױן געזאָגט געװאָרן אַז די אײדעלע לאָורענצע האָט זיך שױן פּרובירט אַלס דיכטערין אױך. נאָך אַן אַנדערט־האַלבן יאָר צענטליק פֿון די דאָזיקע מאָמענטן, איז אין פּאַאָנס האַנט אַריבערגעגאַנגען אַ געװיסע צאָל פֿון אירע דיכטונגען. פֿון צװישן די דאָזיקע לידער האָט זיך אײנס אַזױ געלײענט:

שטיל געטער־טריט זיך הערן
איבערן װעלדלס הײליקן רױשן;
איך, די גליקלעכסטע פֿון אַלע,
מיט קײנעם װאָלט איך זיך נישט טױשן.

װי דער שפּיץ פֿונם פֿײער־באַרג
װאָס גיט אונדז שרעקן צו דערקענען
און דורך הײסע בױמער־קעפּ
אין געבענטשטע נעכט נעמט ברענען—

אַזױ איז עס מיט מײן האַרץ
װאָס פֿון זײן אײגן פֿײער צערט,
פֿון די נעכט אױף אָט די ערד
מיט די טעג אין גלאַנץ—פֿאַרקלערט.

און דער גײסט גײט דורך דאָס לאַנד
יעדע נאַכט מיט מירמל־רײד,
אונטער טריט פֿון מײנע הענט
גוט באַשיצט און גוט באַגלײט.

ער טרינקט דעם פֿלאַם פֿון אַלע טרױמען
װעלכע אין מײן האַרצן זענען. —
אַ גלאַנץ אַ קילער קומט פֿון ים
צו דער שרפֿה׳ס טיפֿן ברענען.

*

די גיך־אַנטלויפנדיקע רויטקייט אין לאָרענצעס פּנים בשעת פֿאַן האָט זיך נישט געווענדט גלייך צו איר, נאָר צו דאגמאר־דיאדאטאן, האָט, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס דער אויסדרוק פֿון איר פּנים האָט זיך געטוישט מיט אַ לייכטער אַנטוישונג, פּאָרט נישט געענדערט די גוטע און ריינע באַציִונג צו דעם קינד. וואָרום פֿאַן האָט דאָך שוין געהאַט אַ נטיה צו דער קליינער, דאַמאָלס נאָך ווען ער האָט איר אַנטדעקט ביי דער קראנקער מוטער, אין צווישן־דעק פֿון קארמאראן. ער איז דאַמאָלס אַרומגעלאָפֿן מיט איינעם פֿון די שיפֿס־אָפֿיצירן, אָדער מיט אַ מאַטראָז אין אַלע ווינקלען פֿון דער שיינער שיף. און זיינע אָפֿטע באַזוכן מיט דער נייגונג צו דאַגמארן, איז פֿאַרבליבן, כאָטש די קליינע האָט זיך איצט געפֿינען אונטער לאָרענצעס אַפּוטרופּסות, און איצט איז די ליבשאַפֿט דערגאַנגען צו דער דאָזיקער שטילער פֿרייד. און לאָרענצעס אופֿן איז נישט געלעגן דאָס קענען שטערן דעם דאָזיקן מין פֿרייד וואָס האָט זיך געפֿינען אין אַ ייִנגליש־גוט האַרץ.

אוודאי איז די חברשאַפֿט פֿון אַזאַ מין פֿריי און ווילד יינגל צו דער דאַמאָלס קוים צוויי־יעריקער דאגמאר, מיט אזא באַשטימטן כאַראַקטער און געוויסן, געווען פֿון די זעלטנקייטן. אַ בעסערער, טרייערער און צערטלעכער ברודער, וואָלט מען נישט געקענט געפֿונען. ער האָט געמאכט איבער איר בעטל אַ נעץ וואָס זאָל איר אָפּהיטן פֿון די פֿאַרשידענע מינים אינזעקטן. ער האט אריינגעזאגט א וואגיק ווארט ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער שפּייז וואָס זאָל איר קענען ברענגען מער כּוחות. פֿון זיינע קליינע וואַנדערונגען האָט ער איר געבראַכט טייערע מושעלן, שיינע קאראלן, פֿאַרביקע שטיינער און קריסטאלן, און, אין אַ געוויסן טאָג אפילו אַ גן־עדן־פֿויגל וועלכן מען האָט אויך גערופֿן דער געטער־פֿויגל, אויף לאטייניש Paradisea apoda, וואָס מיינט: דער אָן פֿיסיקער פֿון גן־עדן.

*

אין דער בלינדערס שויס, מיין ליבסטער,
צו וואָס לייגסטו די דיאַמאַנטן ?
סיי־ווי האַלט זי זיי פּאַר שטיינער
און צעראַצט זיך פון די קאַנטן.

שענק זיי ליבערשט מיינע אויגן
וועלכע דורשטן נאָך די גלאַנצן,
וועלכע גרוסן דיך, אָ, פירשט מיין,
שוין געפּרווּווטע אַז זיי טויגן.

אַ זון אַ גאַנצע צו באַגעגנען.
כ'בין דיך גרייט אַלס זון דערהויבן ;
לאָז מיך קוקן און פאַרברענען
און איך וועל דיך דאַמאַלס לויבן.

אויך דאָס איז איינס פון לאורענצעס דיכטונגען.

*

לאורענצעס איינזאַמקייט איז אויך אַ סך מאָל איבער־געריסן געוואָרן. א מאָל איז צו איר געקומען די דאקטארין עגלי. ס'זענען אויך צוגעסט געווען מיס פעידוש, ראדבערטע קאלב און א מאל איז אפילו געקומען די פּרעזידענטין אליין וועלכע איז דעם גרעסטן טייל וועגס ארויפגעטראגן געוואָרן פון ייגגע כוטערס אין א געפלעכט־בעטל.

ווען די פּרעזידענטין איז איינמאָל געקומען, האָט זי טאַקע נישט פאַרגעסן מיטצוברענגען איר סאַרקאַזם וועלכן זי האָט, אין וועג שוין, גאַנץ פאַרשווענדעריש געשאָטן.

— נו, ליבע לאורענצע – האָט זי איר באַגריסט ווען פאַאן,

דער שלאנקער מלאך האט איר פון טראָג־בעטל ארויסגעהויבן און אויף דער ערד אראפגעשטעלט — : נו, ווי האלט עס, ליבע לאורענצע מיט אונדזערע לוחות? אמת איז דאָס אייער הייליק שטיקל סטעפ געפעלט מיר א סך בעסער ווי דער בארג סיני ווו משה, דער דרייסטער געטלעכער שליח, האָט גערעדט מיט יעהאָוון.

לאורענצע האָט איר נישט געמוסרט. זי האָט מסכים גע־ווען מיט דער פרעזידענטינס הייטערן טאָן, ווייל אַלץ אין איר איז געווען נאטירלעך, אפילו דאס הוין־געשטימטע. דערפאר האט זי קיינמאָל נישט נויטיק געהאט זיך אראפצולאָזן פון קיין באַשטימטע הויך. זי ענטפערט איר :

— א פרוי פון אייער מין און באדייטונג, טייערע פרעזי־דענטין, רעד איך נישט א קייגן. ס׳וועט מיר אָבער זיין זער ליב ווען איר וועט וועלן פארשטיין א פאר געדאנקען : דעם ערגייץ פון וועלן מאכן גאָט אראָפּדונערן פון בארג סיני, דאס האב איך נישט. נישט דערפאר וואס משה׳ס גבורה — דערמאנט אייך אינם גאלדענעם עגל — נישט דערפאר וואס זי האט געהאט פונקט די פארקערטע ווירקונג אויף די דערוואַרטנדיקע יידן, נאר ווייל איך בין געגן יעדער געוואלט־פאליטיק און געגן יעדער דיקטאטור. איך וויל גלייבן דאָס מיר וועלן דאָ ביי אונדז אויסקומען אן לוחות אן שוטרים און אָן קנעכט.

— יאָ, יאָ, איך בין טאקע געווען א קנעכט, געווען א קנעכט, גוטע לאורענצע — זיפצט די מאלערין : און פונדעסט־וועגן באפרייט איר מיך. יא, איך שווער אייך : איר נאר באפרייט מיך ! איר באפרייט מיך ! — רופט זי אויס ווען די שיינע לאורענצע שאקלט מיטן קאפ מיט א באדויערן וואס דארף הייסן דאס געגנטייל : יאָ, ליבע לאורענצע, איר באפרייט מיך און ס׳איז גוט אזוי פון אייער זייט. ווי קען איך מיך דען פארגלייכן, איך אלטע קרא מאכן קאנקורענץ מיט א שוואן ! נאר א שפאס אן א זייט — גיט זי גלייך צו : איך שטיי פאר אייך, בנאמנות, א ביסל צעמישט ווי פאר א קעניגין. איר זענט תמיד שיין געווען, אבער וואס פאר א זעלטענע, וואס פאר א אויס־

טערלישע, זוי זאל איך דאס זאגן, וואס פאר א חדושדיקע פאר־ענדערונג ס'איז מיט אייך פארגעקומען! איך האב מיר אפט גע־טראכט אז די געטער־לופט דא אויבן מוז זיין זער אפעטיטלעך, אָבער איך האָב נישט געוווסט אַז מען קען ווערן אַן איזיס 1) זוען מען אָטעמט די דאָזיקער לופט. אפשר זאָל איך עס אויך פרובירן ?..

דאָ האָבן אַלע אויסגעבראָכן מיט אַ פריילעך געלעכטער. די פרעזידענטין רעדט ווייטער:

— גאַנץ ערנסט — זאָגט זי: איר זענט געוואָרן אַזוי איבער־ערדיש שיין, מיין ליבע לאורענצע, אַז דער פאַרגלייך מיט „טוסנעלדא" פון פילאטי 2) — דאָס בילד הענגט אין מינכן — איז אַנטקייגן אייך גאָרנישט! הערשט איבער אונדז, קיניגט איבער אונדז און זאָל אייער אויסערלעכע שיינקייט, די שיינ־קייט פון אייער שיינע נשמה — איבערגיסן אויף אונדזערע פלאַנץ־שטעדט. כשופט אַרויס דעם צווייטן נס פון איל־דע־דאַם, דעם נס פון א ווונדער־גאָרטן פון שיינהייטן וועלכער וועט צווינגען אַ ים־לייב צו ווערן אַ רויקע הויז־חיה.

צו דעם „שלאַנגען־טייך" וועלכן פאַאַן האָט אַנטדעקט (מען האָט אים אַזוי גערופן צוליב די שלאַנגען וועלכע ער האט געפונען אויף זיין ברעג). האָט מען געקענט, אויס דער הייל פון דער באנא־דעא, דערגרייכן אין אַ שעה געוועגלעכן גאַנג, דאָרט האָט, אין א קליין הילצערן הייזל פארברענגט אירע טעג באַבעטע מיט איר זון ביהאר לעל. אויך זי איז אָפט צוגאַסט געווען ביי דער שיינער לאורענצען. פאַרשטייט זיך,

---

1) אן עגיפטישע געטין וואס האט פארקערפּט די שיינקייט און די קראפט.

2) קארל פאן פילאטי, א בארימטער דייטשער מאלער פון XIX יאר־הונדערט.

אַז באַבעטעס צעפּלאָסענע פּלוידערייען האָבן נישט געשטימט מיט דעם גייסט פון דער האַרבער אנגלאָ-האָלענדערין, פונקט ווי די גאַנצע פּראָסטקייט פון איר רעליגיעזע נאַטור. אָבער דאָס גוטע און ווילע האַרץ באַבעטעס, איר אויסערגעווענלעכע אײַנערלעכע זיכערקייט, האָט אין לאורענצען מנצח געווען. באַבעטע (מיטן זין) האָבן אויפגעהאַלטן דאָס נזירותטום, זייענדיק אָפּגעזונדערט פון די איבריקע מוטערס. זי האט זיך אָפּגעגעבן צו בודיסטישע באָכטראַכטונגען און התבודדות, און ווען זי האט גערעדט, ווענדיק אז אויך אנדערע זאָלן הערן, האָט זי אַלע מאָל גערעדט פון די לעגענדן וועלכע האָבן זיך געבילדעט ארום דעם בודיזם. צו אַן אַנדערע טעמע האָט זי נישט גע־טויגט. צום שטאַרקן פארדראָס אירן זענען די יסודות צו דער איבערזינלעכקייט וואָס די פריסטערלעכע פרוי האָט איר איבער־געגעבן, געבליבן טונקעלע, ווי דער אורשפּרונג פון לעבן און די רעליגיע.

זיון באַלד האָט מען אויף לאורענצען אָנגעהויבן קוקן, די מערהייט פרויען אזוי, נאך העכער ווי מ'איז געוווינט גע־ווען צו קוקן אויף איר ביז איצט. שוין אין פערלויף אין איינ־ציקע צוויי חדשים פון איר פרישות האט זי אָנגענומען ביי אלעמען די שטעלונג פון א הייליקע און ס'איז נאָך דערגאַנגען אַ סך ווייטער ווי ביי די פרויען פון די צפון-פעלקער. באַבעטע, אָט די נאך אלץ קנאַפּ-קלוגע פרוי, איז מזומן געווען אנצוגע־מען דער שיינער אנגלא-האָלענדערין פאר א וועזן וואס איז פריי פון ערדישע שווערקייט, וואס איז ענטמאטריאליזירט געווארן: זי האט איר געזען שוועבן איבער די הויכע בערג־שפּיצן און איבער די טאלן, איבערן וועלדל און איבער די לאָנקעס. אויך אנדערע באזוכער האָבן דערציילט, אז זיי האבן איר געזען גיין נישט באַרירנדיק דעם אש אויפן גארטן-וועג, און אזוי ווי די באָטיקעלי-געשטאלטן 1) האָט זי ארום גע־

1) באטיקעלי—אן איטאליענישער מאלער פון דער טאסקאנישער שולע אין פיפצנטן יארהונדערט.

שוועבט איבער די שטיצן פון די לאָנקע-גרעזער.

לאורענצעס טעג אין דעם גרויסאַרטיקן וואַלד-און בערג-גן-עדן, האָט ווירקלעך געהאַט דעם כאַראַקטער פון אַ צניעות-דיקייט און הייליקייט,ביידע אין זין ווי לאורענצע האָט זיי פאַרשטאַנען. דאָס דאָזיקע וועזן איז אין תוך גענומען נישט געווען גאָרנישט אַנדערש צוזאַמענגעשטעלט ווי דער געביל-דעטער אייראָפּעער: אַנטיקע און קריסטלעכע עלעמענטן זענען צוזאַמענגעמישט געווען, און נישט בלויז דאָס, נאָר אויך אינ-דישע יסודות זענען בייגעמישט געווען; הייליקייט און גראָב-קייט האָט זיך פאַרבינדן מיט דעם ספּעציפיש ווייבלעכן אין אַלגעמיין מענטשלעכן אין איר. נאָר דער גרויסער באַזינטער אופן פון איר איינזאַמקייט האָט דאָס אַלץ אין אַ גרויסאַרטיקער צוזאָמענשמעלצונג צוזאַמענגענומען.

די דאָזיקע פרושהטע, וועלכע מען וואָלט געקענט רופן אַ בעל-תשובהניצע, זי האָט געפירט אַ לעבן פון דעם מין: פאר באַגינען נאָך האָט זי זיך אויפגעהויבן. דער פריינדין לאָלאַ איז נישט געווען דערלויבט צו שטערן איר אין דעם, אויך נישט אָנרעדן צו אַ ביסעלע שלאָף. דאַן איז זי אַרויס אויף דער פרייער לופט און אַזוי געבליבן דאָרט ביז אַ שעה נאָכן אָנקומען פון דער זון. וואָס זי האָט געטון אין די דאָזיקע איינזאַמע שעהן, איז פאַר לאָלאַן נישט פאַרבליבן קיין סוד, וואָרום זי, לאורענצע, האָט דערפון נישט געמאַכט קיין גע-היימניס; זי האָט אָבער פאָרט פאַרלאַנגט אַז אין דער דאָזי-קער באַגינען-צייט, זאָל מען איר לאָזן אַליין.

איר ערשטער גאַנג איז געווען צום וואַסער-פאַל. איין וואַסער-אָדער איז געווען גענוג ברייט און האָט איר געקענט מיט אַ מילדן און פאַרגניגלעכן שטורץ-באָד דעפרישן; מיט דעם האָט זיך אָנגעהויבן איר טאָג. איידער זי איז צוריק אַרויס אויף דער טרוקעניש, האָט זי געוואַשן אירע הענט, שטרעקנדיק זיי אַנטקייגן שטראָם, אין דער הויך. אין דער שעה פון ביזן זון-אויפגאַנג האָט זי זיך אַריינגעטון אין טיפן נאָכקלערן און אין די צונויפגענומענע געפילן פון

דער איינהייט מיט דער נאַטור, אין וועמעס פּאַרביקער און הייליקער גאַנטקייט זי האָט אין איינער פון די העכסטע באַגריפן — דערהאַבענער וועלט-גורל, געזען נאָר סימבאָלן.

— אין דער דאָזיקער שעה פון פּאַרטאָגס — פלעגט זי זאָגן: בין איך ווי דערוואַכט אין דער שויס פון דער אַלמוטער-נאַכט און איך געניס מיט אַלע מיינע זינען און חושים פון אירע טיפסטע סודות און דערשפּיר אויף דעם קינדישן טעם פון מוטערלעכע שויס.

אין דער דאָזיקער צווישן-צייט וואַרט לאורענצע אָפּ די גאַנצע זונען-וועלט און דערביי דערטראָגן זיך פון איר מויל אַרויס שעפּטשנדיקע ווערטער, ווי: מיר דערוואַרטן דיך, דו העל און מעכטיק ליכט! אָדער: נאָך דער וואַסער-טבילה וואַרט איך אויף דיר, קדושהדיקע פייער-טבילה!

און אין דעם דאָזיקן צווישן-צושטאַנד פון זון-דערוואַרטונג אין וועלכן דער גאַנצער וואַכער טרוים האָט נאָך טיף געשטעקט, האָט זי יעדן טאָג געהאַט נייע געדאַנקען וואָס האָבן געהאַט אַ קרובהשאַפט. צו מערסטנס האָט זי געטראַכט איבערן שלאָף און זיין שייכות צו דער זון, וועלכע זי האָט גערופן „דער העכסט-געבענטשטער שטערן”, און וועלכע וועט באַלד אַ פויר קומען. זי האָט אויך געטראַכט אַז אפילו אין מצב פון פאָלקאָמען וואַכזיין איז דער שלאָף נאָר טיילווייז אַוועק. ער, דער שלאָף איז תמיד דאָס עצמדיקע געגנווערטיקע. ווען מען זאָל, למשל, וועלן מאַכן זיך אַ בילד פון אַ דערקלערונג, האָט זי צו לאַלאַן געזאָגט, אַזוי איז דער שלאָף אַ שטיק וואַקס פון אַ געוואַלטיקער מאָס און דער וואַך-צושטאַנד איז בלויז אַ קורץ שטיקל ברענענדיק קנויטל. דאָס לשון-געברויך רעדט נאָר אַרויס פון מער-אָדער ווייניקער איבערגעוועקטע מענטשן. דער שלאָף האָט נישט מער ווי איין מאָס, אָבער דאָס וואַכזיין האט דערפאַר אומצעליקע מאָסן אין מדריגות. דאָס דאָזיקע אַ מאָל צו דערפאַרשן וואָלט געהאַט אַ געוואַלטיקע באַדייטונג פאַר דער מענטשהייט.

צום אויפנעמען דעם פּאַרביק-אויפבליענדיקן גאָט, איז

לאורענצע תמיד צו דער רעכטער צייט ארויסגעגאנגען אין דער גארטן-גאס, אראב-צו צו דער באשטימטער פעלזן-בימע. דא האט זיך איר הארץ פארטיפט און שטענדיק מיט דער זעלבער מאס יראת הכבוד. און אין שייכות מיט דער ווייטקייט פילט זי יעדעס מאל: אמת, די ווייטקייט דאס איז די פרייד, און די פרייד דאס איז די ווייטקייט!.. לאורענצע האט א מאל געזאגט, דאס זי גלויבט נישט אז א בבלישער פריסטער פון בעל זאל האבן א מאל מער פארזוימט דאס אויפנעמען דעם טאג-שטערן, דאס אויפגיין פונם זון-גאט, מער ווי זי.

און אז די זון איז געקומען: אט זעט זי אויס ווי אן אריבערגעבויגענע ווייסע שוואם — א פורפורענער קוואל — א ראזע-פארביקע שוואם — א טיליפאן פון פייערדיקע לופט, אדער ענלעך גאר צו א רובינענע שיסל וועלכע גיסט זיך געהיימניספול אויפן וואסער-האריזאנט אראפ — דאמאלס פאלט פון לאורענצעס ברוסט ארונטער ווי עפעס א שטאלענער באנד. זי האט דאס געפיל אז אירע גרענעצן, די גרענעצן פון די מענטשהייט מוזן אויפהערן צו עקזיסטירן: די פייערדיקע שאל קומט אויסן טיפן וואסער אויסצושעפן דעם צווייטן ים אין דער וועלט.

דער דאזיקער זון-געבורט איז יעדן טאג געווען א מענטשלעכער ווידער-געבורט. פארגליכן מיט דעם באגינענדיקן וואך-טרוים — האט זי געטראכט: האט יעדער, אפילו דער זיסטער וואך-טרוים, עטוואס פיינלעכעס. ווי וועט עס דאמאלס זיין ווען ס'וועט אויפגיין איבער דעם דאזיקן דערוואכן און דער דאזיקער זון, נאך א העכערע זון פון דערוואכונג?.. אבער, זי האט באלד אפגענייגט דעם געדאנק אלס א קראנקהאפטן: ס'וואלט געהייסן א פארלוירענע צניעות ווען עמעץ וואס שטייט דא אויף דעם ארט, זאל נישט קענען שטיין; דאס וואלט געהייסן א צעשפאלטענע נשמה... פונדעסטוועגן האט זי זיך ווייטער אפגעגעבן צו די דאזיקע געדאנקען מיט דער כוונה צו האבן שפעטער אין זיך די געזונטע איינהייטלעכקייט.

זי האט געזען אינם זון-אויפגאנג די גרויסע דערוועקונג. צווישן דער זון און דעם באוווסטזיין האט זי דערקענט א געהיימען

שייכות; די פּעולה פון דער וועקנדיקער זון האט מען אין א סך פאלן געקענט אנזען אלס אן אמתע קרעאַציע. אז די זון האט גענומען ארויסשוועבן און איז פון דער ווייס-פּוכיקער וועלט פון אלעמען באגריסט געוואָרן, האט לאורענצע מיט א הייליקער התלהבות גענומען נאכשפּירן די באפרייונג פון אלע נפשות און נשמות. לאורענצע האט נאך געזען די שטילע און שווייגנדיקע לבנה און — אט האט זיך נצחונדיק ארייגעריסן דער געוואלטיקער ליכט-כּוח פון דער זון, כּסדר קעמפנדיק און געווינענדיק און, פריער פאר אלץ אַליין שענקענדיק מיט א פרייילעך זיגעריש פנים.

— מיר לעבן אויף אזויפיל און אפשר נאך מער אויף דער זון ווי אויף דער ערד — האט לאורענצע געטראכט: מער אין דער זון ווי אין דער ערד...

די פעלזיקע בימע אויף וועלכע לאורענצע פלעגט דעם זון-אויפגאנג צו דערוואַרטן, איז מיט דער צייט געוואָרן אלץ מער און מער איר בעסט אָרט. אין זיין נאָנטער שכנות, ביי דעם נישט-צוגענגלעכן מוראדיקן ים-ברעג, האָט זיך געזען א גרויס-אַרטיקער שמאָלער צווישן-בערג-הייל אין וועמעס טיפעניש דער ברענענדיקער זון-אויפגאנג האט זיך אויף אן אייגנאַרטיקן אופן באהאַלטן און אויף אן אייגנטימלעכן אופן, העל אויפגעקאַכט, לויט א באשטימטן סדר פון פאַרהאַלטן זיך. ס'האָט אויסגעזען אז אונטן דאָרט וואָרט עפּעס פאַר עמעצן אין א געוואלטיקע פעלז-קויך געקאַכט. ביים אנקוקן דעם שמאָלן הייל, האָט זיך לאורענצע דערמאָנט די שטעלע פון געטעס „פאוסט" ווי ס'רעדט זיך בילדלעך וועגן די הייליקע אַנאַכאָרעטן[1] וואס זענען גע-לעגן צעטיילט בארג ארויף צווישן די פעלזן-ריסן. און לאורענ-צע האט מיט איר אייגענעם הומאָר גענומען רופן דעם שמאָלן

---

1) אנאַכאָרעטן זענען פּרושים, נזירים.

הייל מיט דעם כסדרדיקן, רעגלמעסיקן רוישיקן אויפקאכן — „דער קאך-טאָפּ פון די אנאכארעטן״.

און נאָך מער: דער גאַנצער סטראַפּישער סוף פון דעם דאָזיקן זון — וועלט-געדיכט, איז איר נאָך געבליבן אין א ליד לעבעדיק:

כאָר און עכאָ.
די וואַלדונג ציטערט אַהער,
די פעלזן ליגן אין געזיכט.
די וואָרצלען קלאַמערן זיך
איין שטאָם אָנ׳ם צווייטן געדיכט.
אַ כוואַליע נאָך אַ כוואַליע שפּריצט,
און די טיפסטע הייל זי שוצט.
די לייבן שלייכן ארום
ארום אונדז פריינטלעך און שטום —
זיי ערן אַ יום-טובדיק אָרט,
א הייליק זיכערדיק אָרט —

און זי האָט געזען דעם הייליקן פּאַטער עקסטאטיקוס אַרומשוועבן, געהערט אים תהילות ותשבחות זאָגן וועגן „אייביקן בשמים-פייער.

ברויזנדיקער האַרץ-פּיין,
און שוימענדיקע תשוקה צו גאָט.

דעסגלייכן האָט זי געהערט דעם הייליקן פּראָפינדוס פון דעם טיפן פעלזן-תהום אַרויס, און דעם הייליקן סעראַפיקוס פון מיטעלען קרייז, און באַלד אויך דעם כאָר פון די גליקלעכע בחורים:

הענט פאַרבינדט אייך
צו אַ פריידיקן רינג-טאַנץ.

באַלד האָט זי געהערט די אויפאָדערונג:

שטייגט אַרויף צו העכערע מדריגות
און וואַקסט אומגעריכט, כסדר.

ס׳האָבן געשפּילט די ייִנגסטע מלאכים, די תמימותדיקע,

און באַלד האָט געגומען זינגען פאָר דער הייל, דער דאָקטאָר מאַריאַנוס:

דאָרט גייען פרויען אַדורך,
שוועבנדיק אַרויף.
די שענסטע אין דערמיט,
אין שטערן־קראַנץ.

און זי האָט אים געהערט שמחהדיק אויסשרייען:

העכסטע הערשערין פון דער וועלט! —

דאס אַלץ איז געווען כמעט אַן האַלוציאַנאַטארישע פאַרווירקלעכונג, נאָנט צו דער העכסטער רעאַליטעט. אָט די דאָזיקע וויזיע האט גאָרנישט פאַרוואונדערט לאורענצען, די וועלכע האָט געגרינדעט דעם קולטוס פון דער באַנא־דעאַ, די וועלכע האָט געוואָלט דער צניעות פון דער מוטער — פאַרווירקלעכן אין זיך די גייסטיקע מוטער. זי האָט דאָך געזונגען בראש פון די פרויען, אין דער הייל פון דער באנא־דעאַ, דאָס געזאַנג פון די נזירה׳טעס:

דו שוועבסט אין די הויכן
פון דער אייביקער מלוכה,
הער־צו מיין געבעט
דו וואָס האָסט קיין ס׳גלייכן,
דו חסדיקער!

און האָט דען ביים סוף דער כאָרוס־מיסטיקוס וואָס האָט אַרויסגעזונגען פון איר נשמה, אַנדערש געקענט ווי פאַרענדיקן מיטן הייליקן אמת:

דאס אייביק־פרוילעכע
ציט אונדז מיט. —

„כדי דעם טאג צו הייליקן" — נאכן פרישטיק האט לאורענצע אין איר אזוי־גערופענעם וואַלד־בוך, איינגעשריבן געוויסע שטריכן פון אירע מארגן־שטימונגען. און ווען זי איז פאַרטיק געווארן מיט דעם שרייבן, האט זי זיך גענומען עטלעכע שעה צו אירע חיות און געוויקסן. אין איר זארג פאר זייערטוועגן

און פאַר דער ריכטיקע שפּייזונג, איז זי געװען אן אמתע נזירהטע, האט זי די דאזיקע זאך פאלקאם און אן סענטימענט אױסגעפירט. פּונקט אַזױ זאַכלעך איז זי אױך געװען בײ אַלע אירע װײטערדיקע אױסבעסערונגען און פלענער פאַר, פאַרשידענע פלאַנטאַציעס אין דעם דאָזיקן גן־עדן װעלכער האָט געזאָלט דורך פאַרשידענע קונסט־פאַרײדלונגען פאַרװאַנדלט װערן אין אַ טעמפּל־שטאָט.

מיט דעם האָט זיך נאָך נישט אױסגעלאָזט די זעלטענע נטיות פון דער אײדעלער לאורענצען. זי פלעגט זיך אױפהױבן בײנאַכט, יעדן דריטן אָדער פערטן טאָג, כּדי צו באטראַכטן דעם אױסגעשטערנטן הימל. ס׳האָט אין איר געלעבט דער קולט פון די שטערן־דינער; אַ ביסל אַנדערש װי בײ די מוטער באַבעטע; װײל װען לאורענצע האט גערעדט איבער אַסטראָנאָמישע, מאַגישע אָדער הערמעטישע זאַכן, האָט איר קײנער פון די אינזל־מוטער, נישט געקענט פאַרשטײן. צײטנװײז איז זי אױך אַרונטערגעפאַלן אונטער אַ גריבלענדיקער מרה־שחורהדיקײט װעלכע איז איר געקומען פון די נאַכטלעכע אָבסערװירונגען. דער אױסדרוק פון איר פּנים איז דאַמאָלס ענלעך געװען צו יענע טיפע און שװער־פאַרטראַכטע פרױ װעלכע דירער 1) האָט איר אָנגעטון אין סימבאָלישע פליגלען. װי די דאָזיקע פרױ, איז זי אױך אַ גאַנצן טאָג געזעסן, מיט די אָפענע אױגן פאַרקוקט אין זיך, אין אַ מצב פון מידן שװער־געמיט, װעלכע האָט כּמעט אױסגעזען האָפענונגסלאָז. און װען לאָלאַ שמידט האָט איר ענדלעך מיט אַ זאַנפטער גוטסקײט אױפגעװעקט פון דער דאָזיקער פאַרשטאַרטקײט און פאַרגליװערטקײט, פלעגט זי כּמעט שטענדיק זאָגן:

דו האָסט זיך דערשראָקן, ליבע לאָלאַ!

---

1) א באַרימטער די טשער (אַלער. געלעבט צום סוף פון XV און אנהײב XVI י. ה.

– יאָ... סאַטורן [1] האָט ווידער אַרויסגעקוקט פון זיין אויג.

צוליב דעם איז געוואָרן קלאָר פאַרוואָס לאורענצע האָט מיט אַ קורצע צייט צוריק, אין איר געזעגענונגס-רעדע, אַזוי טיף, ווי נאָך קיינמאָל נישט, געפּרעדיקט די אידעע פון דער גייסטיקער מוטער און באַגרינדעט דעם קולט פון דעם באַנאַדעאַ אין צוויי פאַרשידענע פונקטן. בלויז איר אַליין האָט דער שוץ-מלאך פון איל-דע-דאַם באַרירט און אויף איר האָט ער אַרויפגעלייגט דעם חוב צו פאַרענדיקן דאָס שאַפנדיקע ווונדער. און פון דעם מאָמענט אָן פילט זי מינדעסטנס און כמעט דעם זעלבן גראַד חסד פון דער געטלעכער באַשאָטיגונג, ווי ס'איז געווען דער פאַל מיט באבעטען, נאָר מיט דעם חילוק וואס זי האָט איבערן אַרט פון דער מיסטעריעזער געשעעניש קיין שום מעשיות נישט דערציילט. און פון דאַמאָלס אָן האָט זי, נישט בלויז אין רעדן, נאָר אפילו אין דענקען איבערגעקערט דעם וואָרט איך אויף מיר, און אַלץ וואָס זי טראַכט, רעדט און טוט האָט פון דאַמאָלס אָן געהאַט דעם ציל צו דינען דעם מיר און איבערהויפט דעם צווייטן איך אין איר. דאָס נייע לעבן וואָס זי האָט קערפּערלעך און גייסטיק אָנגעהויבן צו טראָגן, האָט געמוזט נישט נאָר זיין פאַרהיטן פון יעדן מכשול, נאָר האָט באַדאַרפט אויך זיין צוגעזען מיט די שענסטע און די בעסטע שפּייז. אזוי אַ נאָך האָבן אויך געמוזט די באַגריפן „הייליקייט" און „אומריינקייט" ווערן אַנדערש פאַרשטאַנען פון איר. זי האט אָנגעהויבן זיך אַרומטראָגן מיט אַ גייציקער אינערלעכקייט. דאס וואָס אירע זעלטן פאַרפיינערטע חושים האָבן אויפ-

---

1) אין דער גריכיש-רוימישער מיטאלאגיע : סאטורניס—קראנאס דער יינגסטער זון פון דער ערד, וועלכער האט דערהרגעט זיין פאטער אוראנאסן, דעם הערשער פון הימל און ערד. ער, סאטורניס עסט אויף זיינע קינדער ווי נאר זיי ווערן געבוירן ; סאטורניס שטעלט מיט זיך פאר דאס בילד פון צעשטערונג.

געגומען, האָט זי אַוועקגעשאָנקען מיט צערטלעכער זעלבסטליבע זיך אַליין, (און קיין זעלבסטליבע איז עס פּאָרט נישט געווען).

— מיר ווייסן גאַנץ גוט — פלעגט זי זיך אָפּט זאָגן: מיר ווייסן גאַנץ גוט וואָס מיר זענען ווערט און וואָס מיר זע־בען איינס דעם אַנדערן שולדיק.

און אָפט פלעגט זי פאַר לאַלאַן הויך איבערחזרן דעם דאָזיקן זאַץ:

— מיר זענען געוואָרן די איינציקע האָפענונג.

און אַ חוץ דעם איז גראָד לאַלאַן גאַנץ גוט באַוווּסט גע־ווען, אַז די דאָזיקע שיינע נזירהטע האָט זער אַ סך אויסצו־שטיין פון טרעריקע און אומעטיקע שעהן.

— יעזוס האָט אויך געוויינט איבער ירושלים! — פלעגט זי זאָגן ביים סוף וויינען. און פאַרוואָס זאָל אַ מוטער נישט וויינען, אַ מוטער וועלכע מוז אַ לעבן געבוירן וועלכעס איז יעדע רגע, שעה צו שעה, טאָג ביי טאָג, חודש ביי חודש און יאָר ביי יאָר אויף טויזנטערליי אופנים באַדראָט פון טויט, ביז עס פאַלט ענדלעך אַ קרבן — אָבער — זאָלן מיר ליבן, האָפן און גלויבן! פאַר אַלץ ליבן און — ליבן!

— דאָס ביטערע וויסן — האָט זי אַ מאָל געזאָגט: פאָדערט גאָרנישט. וועלן עפּעס און טון, טוט נאָר דיס שיינע און די האָפענונג'

ביים אָנקומען אויפן אינזל האָט אַנני פּרעכטל מיט ראד־בערטע קאלב צוזאַמען געטרינקען דאָס ערשטע מאָל טיי, אַזוי פלעגן זיי גאַנץ אָפט אויך ווייטער טרינקען צוזאַמען. דאס דאָזיקע טיי טרינקען איז אָבער קיינמאָל נישט אַדורך בשלום, ווארום יעדע פון די פרויען האָט געהאַט שפּאָר סאַרקאַזם אין זיך און האָבן עס געווארפן איינער אויף דער צווייטער, און אָפּט פלעגט פון די דאָזיקע איראָניע אויסוואקסן א ווילדער כעס. צומערסט האט די דאזיקע אייגנשאַפט פון זייערע נאַטורן געצילט קייגן דעם לעבן אויפן איל־דע־דאָם.

— וואס קאן ווערן פון דער וועלט, — זאָגט אַנני : איך
אַזעלכע אומשטענדן, אָן טאָבו ! מיר האָבן דאָך דא גענוג צייט
צו באטרא ;טן די וויכטיקייט און באַדייטונג פון דער אַמאָליקער
מענער-ציוו ליזאַציע — גאט זאל זיי בענטשן ! וואס פאר
א מיאוסקי ! און עקל וואלט דארט געווארן : נישט נאר די זין
וואלטן די ווטערס פאַרגוואַלטיקט און די פאטערס די טעכטער,
נישט נאו מען וואלט אונטערגעצינדן יעדן שטרוי-סטויג
אויפן פעל ', און נישט געקלערטערהייט וואלט אין יעדן שענסטן
סאלאן, יעו ע באל-געזעלשאפט אירע באַדערפענישן דערליידיקט—
נאר מען ו אלט אפילו געטראגן אין מויל שערבלעך גלאז און
קוילן שטי לעך, ווי קינדער טון דאס. וואלט מען געווען אויפ-
געלייגט, וו ולט מען אפילו מענטשן דערשאכטן, אבגעבראטן
און אויפגע ;עסן ; יא, מען וואלט אפילו געריטן אויף א באצירט
חזיר צו ד ;ם דאזיקן וורשט-יאגד. ס'וואלט גאנץ פאַרשטענדלעך
געווען אז אן טאבו וואלט מען דעם קייסער נישט געקענט
אונטערשיי ן צווישן אַנדערע מענטשן מיט צוויי פיס און זיין
מיניסטער ואלט זיך נישט געלאזט דערקענען צווישן פערד.
נאך דער דאזיקער פראבע פון איר נישט-בייעם הארבן
סטיל, שווי ט די פרעזידענטין און הילט זיך איין אין א גע-
וואלטיקן ויך-וואלקן, און ראדבערטע קאלב לאכט אריין
אין זיך.

— ט ;בו, — הייבט זי ווידער אן נאך א ווייל'ע שטיל-
שווייגן : יו ;יאָ דאס דאזיקע טאבו. איך מיין איצט נישט דאס
קלויסטער-ו ויליקע, נאר דאס נישט-באריבארע. וואס האב איך,
אין זיינער צייט, נישט געמוזט ליידן פון די טאבוס ! יעדן
טריט וואס ;יך האב געגעבן, האט די מוטער מיינע, צו די
גוווערנאנטי ', אדער די מומע, געשריגן : טאבו, טאבו ! האב איך
מיין מיאוס | באבען אנגערופן : מיאוסע, מיין כעסיקע באבען,
בייזע ; א פ ורויכערטן קאַלבס-בראטן : פארשטינקען ; אַ שוואכ-
זיניקן דיפו אמאט : שוטה און א נישט-אנשטענדיקע שטעלע אין
דער ביבל : נישט-אנשטענדיק ; אדער ווען איך פלעג זאגן
א דיקן און פעטן לינן וועלכער איז אומעטום געווען באקאנט

אלס אן אמת און איך האב געוואלט דעם דאזיקן אמת אפ־שינדן כדי צוווייזן זיין אמתן מהות — גלייך פלעגן אלע נעמען שרייען: טאבו, טאבו!

און דאך איז אונדזער אינזל־טאבו, ווי איר אליין וועט מוזן מודה־זיין די ריינסטע אנטוויקלונג אין אונדזער מצב, פונקט אזוי ווי פאר אונדזערע כוחות.

— איר מיינט דאס: La recherche de la paternite est interdite.

און אנני ענטפערט איר גלייך אפ:

— איך מיין דאס גאנצע פארצווייגטע טאבו־סיסטעם וואס האט זיך געבילדעט ארום אונדזערע דערציער.

— ליבע אנני, — זאגט ראדבערטע: מיר דארפן זיין פאר־זיכטיק. איר ווייסט דאך אז די דאזיקע זאך, דער אביעקט, מיר וועלן זאגן: די מעשי־בראשית וועמעס עקזיסטענץ איר האט שוין אנגעצייכנט, זי שטייט זיכער א חוץ יעדער גרענעץ פון אלערליי דיסקוסיעס, אזוי, אז ס׳איז שוין איצט אלץ אפהענגיק פון מזל, אויב מיר וועלן זיך האלטן אביסל רויקער.

— איבריקנס, וואס מאכט עפעס פאאן, ראדבערטע? איר גיט דאך אים לעקציעס, ווייסט איר דאך, איך האב אים שוין נישט געזען זינט, ווען מיר זענען מיט אכט טעג צוריק, געווען ביי אונדזער ניי־געבאקענע גאטס־מוטער.

— וואס פאלט אייך עפעס פלוצים איין צו פרעגן זיך אויף פאאנען, מיין טייערע? — פרעגט איר קאלב שטארק פארוונדערט.

און די מאלערין ענטפערט איר שמייכלדיק:

— וואס? האט איר עפעס דאקעגן וואס איך וויל זיך דערוויסן וועגן דעם בחור? און זי גיט צו מיט א מינע: איר זאלט מיר נישט פארדענקען וואס איך טראג זיך ארום, נישט־אפיציעל, מיט אייער־שאלן פון די מענער־ציוויליזאציע און דאס וואס איך טראג ארום אין הארץ דעם „וואס הערט זיך” ביי א יינגל. ס׳איז דאך, נישט געקוקט אויף דאס טאבו, פארט גאנץ ערנסט.

— ווי מיר דאַכט זיך — ענטפערט איר קאַלב: קומט פּאַאָן אַלץ מער און מער, אַריין אין אַ צושטאַנד פון געטלעכער פאַרווילדערונג. די גוטע מיס וואַר וויל אין דעם זיך נישט מישן. זי זעט גאָרנישט ווי דאָס שיינע יינגל גליטשט זיך אַלץ מער און מער אַוועק פון אונטער איר השפּעה. ער פאַרמאָגט פראָסט אַ האַרטנעקיגע מסוגלקייט קלאָר צו מאַכן אַלעמען און איבערהויפּט דער מיס, אַז אַן X שטייט פאַר אַן U. ביידע צעקריגן זיך טיילמאָל, ווי ס'געהער צו זיין און צום סוף קומט אַלע מאָל אויס, אַז פּאַן האָט אַ נצחון ווען ער ווענדט אָן דאָס געווער פון זיין קינדישע צערטלעכקייט קעגן איר. און כמעט, תמיד נאָך אַזאַ קריג ווייזט ער זיך נישט אַ האַלבע וואָך און אַ מאָל אויך לענגער ווי אַ האַלבע וואָך אין דער אַקאַדעמיע, און די גוטע מיס וואַר האָט נאָכדעם אַ ביסל חרטה.

שמייכלדיק זאָגט די פּרעזידענטין:

— איך מוז אייך זאָגן — גאָט איז מיין עדות! — ווען איך וואָלט נישט געווען קיין אַנני פּרעכטל, אַזוי וואָלט איך מיר גאָרנישט געווינטשן ליבער צו זיין ווי פּאַאָן איז.

— דאָס וועט אייך נישט איינע זאָגן — זאָגט קאַלב: דאָס דאָזיקע יינגל איז, אפשר, אין דער גליקלעכסטער לאַגע אין וועלכן ס'איז אַ מאָל, זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, באַשערט געווען א יינגן-מאַן צו זיין. דאָס איז איבער אַלע באַגריפן מערקווירדיק.

אַנני האָט געוואָלט וויסן פאַרוואָס דאָס איז איבער אַלע באַגריפן אַזוי ווונדערלעך.

— אַלץ איז דאָ איבער אַלע השגות אויסגענומען. איך וועל אייך נישט דערקלערן מיט וואָס דאָס איז אַזוי אין דעם פּרט ווונדערלעך; איר וועט דאָך מיך נישט נייטן צו דעם, אַז איך זאָל אַנדערש אויפּאַסן דעם סוד פון אונדזער לעבעדיקן געווירציקן אינזל, אָבער איך זאָל בלויז אָנמערקן אַנדערש ווי ס'איז אָפיציעל אנערקענט געוואָרן.

— איך בין אויך זער ווייט דערפון! — שרייט אויס די פּרעזידענטין: ווען די רעגן-טראָפּנס האָבן צו פאַרדאַנקען זייער

אורשפרונג דעם דונער; ווען די לייבין ווערט מעוברת פון דעמ
געבריל פון אַלייב, פאַרוואָס זאָלן מיר צולאָזן יענץ נאַריש
רעשט ביסל ספקות איבער דער איבערנאַטירלעכער אַנטשטייונג
פון אונדזערע פריילעכע קינדער און זיי נישט פארטיידיקן, ווען
זיי קומען דאָך נאָך אַלץ כסדר אָן?

ווען איך בין דאָס לעצטע מאָל צוגאַסט געווען ביי לאו-
רענצען, האָט זי מיר אַנטוויקלט דעם פראָדוקט פון אירע
לעצטע מיסטישע פאָרשונגען — כ'מיין צו זאָגן: איר אייער-
טעאָריע. זי האָט א סך, זער אַ סך גערעדט פון לעדאַ-לאַטאָנאַ 1),
די אייער-מוטער. פון איר איז אַרויסגעקומען דאס איי און פון
איי איז אַלצדינג באשאַפן געווארן. ווען אונדזער פויפסטין
זאָגט עס, שרייב איך זיך אונטער אונטער דעם, נישט קוקנדיק
אויף גארנישט. אין דעם פאַל פארקנייטש איך אפילו די אלטע
שטרייט-פראגע וועגן דעם: וועלכעס איז פריער געווען צי דאָס
איי פאר די הין צי פאַרקערט; מיר זענען דאך אויפן איל-
דע-דאַם אזוי הימליש לייכט-גלויביק. און פארוואס זאלן מיר
נישט זיין לייכטגלויביק? ס'וועט מיר גארנישט איינפאלן צו
לייקענען ווען עמעצער וועט מיר אויף דעם דאזיקן גן-עדן
אונדזערן זאגן, אז מיין מוטער האט יעדעס יאר מינדעסטן צען
מאנדל-אייער געלייגט און מיך ספעציעל געלאָזט אויסבריען פון
א מיאוסע קאטשקע. און אז מיר וועלן דאָס אלץ נאָכפארשן
מיט א ווילן, בלייבט דער ווילן דא די הויפט-זאַך. איבריקנס,
שטעקט גארנישט קיין קליינער רייץ אין אזעלכע קאפריזן פון
דער איינבילדונגס-קראפט. זי צעשטערט צום ווייניקסטנס דאס
צוגעווינטע דריוויאלע. און ערגעץ-ווו הענגט אזא אלגעמיינער,
נישט-נאַטירלעכער רייץ און זי זעט אויס צו זיין ערגעץ טיף

1) אין דער גריכישער מיטאלאגיע: לאטאנא—זע ויסנס טאכטער וועלכע
האט מיט יופיטערן געבוירן אפאלאן און דיאנאן. לעדא-טעסטיוסנס טאכטער
וועלכע האט געבוירן, צוויי אייער פון וועלכע ס'האבן זיך אויסגעפיקט פאלוקס
און העלענע.

ארבארגן וואס מען קען זי בשום-אופן נישט אויסדריקן סימ-באליש אלס א נישט-באגרייפבארן אמת. אזעלכע סימבאלישע אייער, למשל, זענען פאר זיך תמיד לופט, ווינט-אייער. יעדער פרווו זיי צו בארירן, מיט די הענט אנצוטאפן און זיי אויס-צופארשן, באווייזט אז זיי זענען קערפערלאז. נישט-קוקנדיק אויף דעם פארמאגן זיי פאר רעאליטעט אין זיך, און ווי מאדנע ס'זאל נישט קלינגען באשטייט דעם מענטשנס מזל, כמעט, פון בלויז אזעלכע ערליי רעאליטעטן. נאר דאס ארומהוליען מיט זיי, מאכט צונישט דעם טריבן מיסטישן דורשט אין דער מענטשלעכער נשמה; זיינע פרייזן דערלויבן אריינצוזעמען אין זיך אלערליי מיני תאוות, אפילו דער העכסטער מענטשלעכער תאווה און — „דער גלויבן מאכט גליקלעך" — זאגט דער אפגע-נוצטער אויסדרוק, יעדן איינעם זאך וואס שטעלט זיך פאר מיט א געוויסן אמת. אבער דער גלויבנס-כוח וואס דארף ברענגען די זעליקייט, מוז ווי יעדער איינער זין-ארגאן פיין און ריין געהאלטן און געשפייזט ווערן, ווען ער וויל נישט זיך גוט פילן.

— נו, — זאגט קאלב פלוצים טרוקן, נאכדעם ווי זי האט אוועקגענומען דאס טעפל קאווע פון אירע שמאלע ליפן. הייסט עס, אז מיר דארפן גארנישט צווייפלען אז ווייניקסטנס אין פיר חדשים ארום וועט לאורענצע האבן געלייגט דאס דאזיקע פא-סיקע לופט אדער ווינט-איי.

נאך אט דער באמערקונג האבן די דאמען זיך נישט געקענט איינהאלטן פון אן אומאויפהערלעך געלעכטער.

ווען זיי זענען שטיל געבליבן, האט זיך קאלב אפגערופן:

— איך לאך! אבער נישט קוקנדיק אויף דעם: באפרי-דיקטער גלויבן, פאעטישע שטימונג, געהייליקטער נישט-וויסן דאס איז פאעזיע; און זעלטן ווען נאך אזא זאך: ווי דער וועלט ווי פאעזיע, לעבט פון דעם ריינסטן אמת.

די פרעזידענטין קלערט נאך א ווײַלע און באשטעטיקט עס.

— בכלל, — רעדט ראדבערטע קאלב ווייטער: ווי קייגנ-זעצלעך מיר זאלן נישט זיין און ווי אפט איך זאל נישט גע-

צווינגען-זיין, איבער לאורענצעס פּאָטעטישן אײנזל-געזעץ, צו מאכן זיך א וועג אין דער פרײַ — מוז איך פארט מודה זיין אינם זעלטענעם כּוח פון איר ווירקן דא.

און מיר מוזן אויך צוגעבן — רעדט זי ווייטער: אז דער גלויבנס-פּראָבלעם ביי אונדז איז, אין א געוויסן זין, שווערלעך דארט ווי דער גלויבן פון דאס נאקעטע אויג פון דער ווירקלעכקייט דארף זיך אקייגנש זעלן דאס גראד-קייגנזעצלעכע.

— צו וואס איז דען אונדזער אינזל-טאבו געשאפן געווארן מיט דער הילף פון די מיסטיש-טונקעלע פארזאמלונגען, אדער מיט דער הילף פון די קאמפּראמיסן, — זאגט די פּרעזידענטין: ווארום נישט נאר געטער האבן ליב דאס סודותדיקע, נאר גראד תּמיד ווו ס׳גייט אדורך דער געפערלעכער ריס אין דער רעליגיע, ווערט דורך דער ליבע צום סודותדיקן וועלכער וווינט אינם מענטשן, ארויסגערופן דער שטארקסטער גלויבן, אזוי אז דאס געהיימניש און דער גלויבן מאכט דעם היאטוס 1) א סך מער נישט-דורכדרינגלעכער ווי די אנדערע שטאף-טיילן. און דערפאר האט זיך דער אומפארגלייכלעכער אורים ותומים אויך צו אונדז דערקריגן. קוקן מיר דורך אים ווי ס׳געהער-צו-זיין, זען מיר דאָס וואָס געוועגלעכע מענטשן זען נישט, נאָר ווען מיר נעמען קוקן דורך ברילן — זען מיר נאַרישקייטן, נאָר נישט דעם הייליקן אמת.

— אויב אַזוי — זאָגט קאלב: באַנוץ איך זיך יאָ גוט מיט אים. למשל: איך זיץ אַנומלט אויפן ברעג „טייכל פון די פּאַרכישופטע פיש״, דאָ דערשיינט פאַר מיר...

אָבער זאָלן מיר דאָס לאָזן צו רו.

— פאַרוואָס דען? — זאָגט די מאַלערין: ס׳איז דאָך קיינער נישטאָ אין אונדזער נאָנט, ראדבערטע!

— איז אַזוי, — הייבט ראדבערטע אָן: איר קענט דאָך

---

1) היאטוס — א שפּארע. דא קען עס הייסן דער ריס אדער שפּאלט פונם גלויבן.

דעם דאָזיקן ים-בוזעם, מיט די פאַרצויבערטע פיש. נאָר לאָזט מיך צוערשט אייך דערציילן אַ קליין ראָמאַנטיש מעשהלע און איך האָף, אז מיר וועלן אַזוי אַ נאָך ביסלעכווייז צו קומען צו דער אמתע געשיכטע. אַלזא: ס'איז געווען דעם ים-בוזעם מיט די פאַרכישופטע פיש ווי מיר זענען געווען אין יענעם טאָג ווען די שיף האָט זיך געזען און וועלכע איז אַ דאַנק גאָט, אָדער לײדער, נישט אָנגעקומען צו אונדז. איך בין דאָרטן געווען און ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, פלוצים דערשיינט פאַר מיר... נאָר ניין! אַזוי אַ נאָך קען איך נישט אָנהייבן.

— נע! מיט גאָט און כריסטוס ווילן, ווער איז עס אייך דערשינען? — האָט לאַכנדיק אויסגערופן די פרעזידענטין: מאכט מיך שוין נישט אַזוי נייגיריק!

— איר מוזט האָבן געדולד — זאָגט ווייטער קאַלב: ווען איר וועט מיך ארויסברענגען פון מיין קאָנצעפּט, וועל איך מיך פילן זינדיק אַנטקעגן די נישט-אַנטאַפּבארקייט פונם העכסטן מיסטעריום. די דאָזיקע זאַך איז אַרום און אַרום אַ ריינע וויזיע, כאָטש, בלויז אין דער דאָזיקער דערפינדונג, האָט אַ סך צו זאָגן דאָס ווונדער פון „טייך פון די פאַרכישופטע פיש".

נו, גיי איך אַזוי אראָפּ-צו מיט דעם דאָזיקן ים-בוזעם פון די פאַרצויבערטע פיש און מיטאַמאָל ווער איך געכאַפּט פון אַ באַשטימטן און גאָרנישט-ווייניק-געפערלעכן כוח-המושך. כאָטש מען קען נישט פעסטשטעלן דעם מהות פון דער נירוואנא, דאָך וואָלט איך דאָס אָנגערופן: דער שטאַרקער און נישט-באַזיג-באַרער כוח וואָס ציט אין דער נירוואנא. גלויבט מיר, פרע-זידענטין, אַז ס'האָט נישט געפעלט קיין סך אַז איך זאָל זיך אַריינוואַרפן אין דער נירוואנא פון די פאַרכישופטע פיש און, אָן שום קלער.

— און איך וואַרט, — רייסט איר פרעכטל איבער: על פי יושר זאָלט איר מיר דערקלערן ווער ס'איז אָנגעקומען, אַ חוץ אייך, אויפן ברעג פון דעם ים-בוזעם.

ראָדבערטע לאָזט זיך אָבער נישט איבעררייסן:

— הערט, הערט — רעדט זי ווייטער: איך ליג אויפן הייסן

באַזאַלט-שפּיץ און קוק פון דאָרט אַראָפּ צו דער הערלעכער קלאָרקייט און פּרעכטיקער פאַרבּיקייט פון דער טיפעניש פון טייכל. און קוקנדיק אַזוי אַראָפּ אין דעם דאָזיקן גרינלעך קרישטאָלענעם אָפּגרונט, צו די אַרומשווימענדיקע פיש פון כלערליי פאַרבּן אין דער וועלט, וואָס דאַכט זיך דאָט זיי געהערן דורכויס צו אַן אַנדערע פּלאַנעטע — מוז מען זיך דערמאנען אין די שענסטע מעשהלעך פון טויזנט און איין נאַכט. און איך זע אויך דעם הימל וואָס נעמט אַרום די מעכטיק געשלאָסענע פעלזן-ווענט מיט די באַגרינטע שפּיצן און ציין; — ס'איז מיטאָג-צייט און — דער הימל אליין איז טונקל. פּרעזידענטין, איך בעט אייך, מיידט נישט אויס די קליינע מניעות און גייט אַ מאָל אריין באַקוקן דעם דאזיקן ערדיש-איבּערערדישן העק. איך זאָג אייך, איך פאַרזיכער אייך: איר וועט באַקומען גאָר אַן אַנדערן איינדרוק און איר וועט שוידערן ווען איר וועט זיך באַקלערן, אַז אייך האָט געקענט טרעפן דאָס אומגליק צו שטארבן נישט זעענדיק די דאָזיקע העכסטע מדריגה פון וועלט-שיינקייט וואָס זעט צוגלייך אויס צו זיין די ערשטע שטופע פון איבּערטערעסטרישן.

אין דער דאָזיקער בוכטע אריין, ווי איר ווייסט, גיסט זיך אַראָפּ, פון אַ געוואַלטיקער הויך, א וואסער-פאל וועלכער פאאן האט א נאמען געגעבן, וועלכער וועט קיינמאל שוין אנדערש נישט ווערן —: פּיס וואַש די סיעל 1).

— דאס יינגל — רופט אויס די פּרעזידענטין א באגייסטערטע: האט ווונדערלעכע איינפאלן!

— די דאזיקע הימל-קי שיקן אזוי כסדר און אומאויפהערלעך שוימענדיקע מאסן פון איבּערערדישע וואסערן אראפּ. מען שוידערט און מען גרוילט ווען מען באטראכט דאָס דאזיקע ארט ווי זי ווערט פון די פעלזן-אינערן ארויסגעשליידערט.

1) Pisse Vache du Ciel — איז אייגנטלעך, א נאמען פון א גרופע שטערן.

אינם תהום אריין אין שווערע בויגן. איין וואסער-וואלקן שיסט אינם צווייטן און ווערן צעשטויבט פעכער-ארטיק, און באזונדערס איז שיין צו קוקן דארט ווו די מאיעסטעטישע שוועבנדיקע פאליע זעט אויס ווי א געשלאסענער שטראם אין דעם ארומיקן פרייען און ברעג-לאזן לופט-רוים און ווי אזוי זיינע טיילן ווערן וואל-ארטיק צעשאטן. און מיט וואס פאר א דערקוויקענד און ריח-ניחוחדיקער גן-עדניש-געבענטשטע פערלשוידער עס שוועבט, ווייעט און פלאטערט דאס הימל-וואסער דעם לאנגען וועג ביז אראפ צו זיין דימענטענער צעשטויבונג אויף דעם גלאטן שפיגל פונם טייך, ווו עס טריפט אויף אים דורכאנאנד, אמאל גאלדיק און אמאל זילבערדיק וואס קען דאס אויג בלינד מאכן.

— אך! פרעזידענטין, איך קען גארנישט אויפהערן. איך שווער ביי גאט, עס איז גאר קיין וווּנדער נישט אז ס'קומט אין זינען אריין א מעשהלע פון דעם מין פון טויזנט-און-איין נאכט ווען מען דערמאַנט זיך די זכרונות פון די נאטוראיינדריקן און די ליב-אדורכגעלעבטע שעה. שטעלט אייך פאר א כסדר-דויערנדיק דריי-פאכן רעגנבויגן וועמעס אלפארביקער גלאנץ באלויכט דעם פילפאך הערלעך באגריינטן גרונט. איך בין זיכער אז איר אליין, אנני, וואלט, זיצנדיק אויף דעם דאזיקן ים-ברעג אינמיטן דער גרויסארטיק צעהוליעטער נאטורשפיל — א דיכטערין געווארן. שטעלט אייך פאר, למשל, א מחנה פון דריי ביז פיר טויזנט מילך-ווייסע גרויסע טשופרינעדיקע פאפוגייען מיט פלאַמינגא-פארביקע ברוסטן אדורכפלאטערנדיק פארביי דעם פינקלענדיקן וואסער-און ליכט-וועג. שטעלט אייך פאר א געוואלטיק פאווע-ארטיקן פויגל, אויך א ווייסער מיט א געוואלטיק נאכשלעפנדיקן עק, וואס לאזט זיך אראפ אין א באנעצטן גרינעם בוים-שפיץ וועלכער שוידער אומאויפהערלעך פון א פארביקייט. פון דער פאווע גלאנצט א טומאן פון צירונג: ס'זעט אויס ווי זי וואלט מיט אירע שלאנגען-פליגל געשאטן דימענטן, רובינען, סאפירן און וואס נאך פאר א שטיינער איר ווילט — ווי ער וואלט געגאסן א רעגן אין א רעגן. און שטעלט

אייך פאר ווי ער מאכט זיין ראד און ער ווייזט אייך דעם האלב-קרייז פון זיינע מעטאליש-בלאע פאווע-אויגן הינטער פלי-סנדיקע און גלאנצנדיקע גלאז-קנוילן. אזעלכע פויגל און א סך אנדערע ווונדערלעכע געפליגל, טוישן זיך כסדר אויף די פעלזן-ווענט און האבן הנאה פון דעם פריילעך התלהבותדיק און פארשיכורדיקן ליבעס-קאמף פון דעם ליכט און פון דער נאכט, פון דעם טייך-פליס און פון די פעלזן און פון דער גאנצער ארומיקער לעבעדיקייט.

און שטעלט אייך איצט פאר: איר נעמט אוועק אייער בליק פון דעם דאזיקן מאיעסטעטישן און געבענטשטן און צו-גלייך באַחנטן און שטראַלנדיקן שוישפיל וואָס איז באַגלייט מיט קולות און עכאָס פון אַ ווייך און געדעמפט רוישן וואָס איז אַ מינוט נאָנט און באלד ווייט, — וואָס פליסטערט, פאָכעט און זשומעט. איר נעמט אַוועק דאָס אויג און אויער און ווענדט זיי קיגן די טיפעניש פון דעם איינגעשלאָסענעם ים-בוזעם ווו ס'שוועבן נאָך תמיד אַרום אין אָן אַ שיעור פאַרבן, טונקעלער פון ווייס און העלער פון שוואַרץ, יענע רעטענישהאַפטע פיש אין אַ ריטם פון אַ רו-פאָלן טאַנץ — יענע פאַרכישופטע וועזנס וועלכע שטעלן פאָר די אייביק פרעמדע פאָרם פון דעם אור-לעבעדיקן, וואָס זען אויס געפאַרבט צו זיין פון דעם פאַרבן-פינקלדיקן בויגן וואָס איבער דער זשומענדיקן הימל-וואַסער. און — פרעזידענטין, איך זאג אייך: איר האָט שוין דאַמאָלס באוויזן מער ווי אַ בליק צו טון אין דער נישט-דערגרונטלעכער מאַכט-מלוכה פון דער שיינקייט.

זעט מען דאָס, פרעזידענטין, דערפילט מען דאָס וואס כ'האָב דערציילט — איז מען לייכט עלול דעם זין פון דאָיקן דאָזיין פאַר גענוג צו האַלטן.

— מען זעט, בעסטע קאַלב — זאָגט די פרעזידענטין: אז איר פאַלט אַרונטער, גלייך ווי אַלע אַנדערע, דעם היגן קלי-מאַט. איר זענט שוין ווייט נישט מער די סאַרקאַסטיש-דיאַ-באָליש מוטיק און אָריענטירט איבערוויב ווי איך האָב אייך געקאָנט אין אייראָפּע. איך זע, אַז איר נייגט זיך בולט אָן

אויף דעם אויסער און איבערוועלטלעכן גרונט-כאַראַקטער פון איל-דע-דאַם וועלכעס האַלט נאָך, כמעט, דאָס לעבן פאר א מי-טאָס. איך שלאָג אייך פאר, אַז דעם קומענדיקן זונטאג זאָלט איר די דרשה האַלטן אויפן אָרט פון די שיינע רענע. נאָר, זאָגט מיר אָבער: ווער איז דאָס דערשינען אינם דאָזיקן געבענטשטן ים-ברעג — ביים טייך פון די פאַרכישופטע פיש? איך בין אומ געדולדיק ביז צום אויפפלאַצן און נייגיריק!

—גלויבט איר אפשר נישט — ענטפערט איר קאַלב: אז איך האָב אָן אַ שום סיבה מעריך געווען די באַשרייבונג פון מיין זע-בינע און, וועלכע איז — כ'באַדויער זער! — נאָך נישט געענדיקט. איר מוזט אומבאַדינגט האָבן דעם איינדרוק דאָס מיר האָבן דאָ צו טון מיט אָן איבערוועלטלעכן אָרט, כדי נישט נשתומם צו ווערן איבער דאָס דערשיינען אויף דער סצענע פון אַן אמתן גאָט אָן אמתע געטין.

די מאַלערין רופט זיך אָן:

— איך וואָלט געוואָלט עראָסן 1) בעסטע ראדבערטע.

— ווער ס'וויל עראָסן — ענטפערט איר יענע: דער איז גאַנץ גערעכט, ווייל ער איז אין אלע אופנים דאָס לעבן אליין. עראס איז אומעטום. ער דאַרף נישט ספעציעל אַרויפגיין אויף אַ סצענע. (מיט די דאָזיקע ווערטער האָט זיך ראדבערטע קאלב געגרייט פאָרטצוזעצן איר רעדע).

דער גאָט וואָס באווייזט זיך צווערשט אינם דרומדיקן שפריץ פון איינעם פון די פאַרביקסטע דריי בויגן — נעמט גיין אויף איינעם פון די פינקלדיקסטע שמאראגדיקע פעלז-טאראסע. און פאַרגלייכן האָט מען אים געקענט מיט איינעם פון ווישנו 2) דעם אל-חסדס צוואנציק פארקערפערונגען, דערשיינענדיק אַלס אַ שיינער ייִנגער בהור, טראָגנדיק אפייל-און-בויגן, און ווען מען וואָלט אים געפרעגט וואָלט ער אַליין נישט געוווסט אַז ער איז ווישנו. נו, גייט ער, אַ יינגל-גאָט, אַרויס פון דעם

---

1) א ליבעס-גאָט.

2) דער עלצטער גאָט פון די אינדישע דריי-איינקייט: ווישנו — סיווא — בראַמא.

כסדר-ווערנדיקן רעגנבויגן, אַ שטראַלנדיקער איבערמענטשלעך פון שיינקייט; און איך בין איבערציייגט, איך גלויב אַז די געטער זיצן אויף זייערע ערטער און לויבן אים און ער איז געקומען, זעט אויס, אומצוּוואַרפן די טראָנען פון די ערדישע קעניגרייכן. און, אויב איר גלייבט מיר אָדער נישט — עס נעמט פלוצים זינגען און קלינגען און רוישן הימלישע באַגריסונגס-כאָרן פון די פעלזן-ווענט — יאָ, הונדערטער פאַרכישופטע פישלעך נעמען אַרומטאַנצן אויפן וואַסער פון פרייד.

— האָט נישט אַ מאָל דאָס יינגל — פרעגט די מאַלערין: אַ געוויסע ענלעכקייט צו אונדזער פאַאָנען?

— ס'איז פאַראַן אַ פאַאָן וועלכער איז דורך דער דיכטערין סאַפאָ 1) באַרימט געוואָרן. ער האָט געלעבט אין לעסבאָס 2) און איז געווען דער שענסטער אונטער די שיפל-פירער צווישן דעם דאָזיקן אינזל און דעם אינזל ניאָס. אַפראָדיטע 3) אַליין האָט זיך צו אים באַוויזן אַן אַנטבלויזטע און אים געמאַכט פאַר איר געליבטן. פונדעסטוועגן איז ער קאַלט געבליבן, ווייל נישט בלויז די געטלעכע סאַפאָ האָט אים געליבט, נאָר אַלע איינוווינער פון לעסבאָס האָבן אין פאַרצווייפלונג געצאַפּלט נאָך אים.

אויב, פרעזידענטין, אויב איר מיינט אונדזער פאַאָנען, האָט טאַקע, ווי איר וועט באַלד זען, געהאַט די דאָזיקע ליכט-דערשיינונג ענלעכעס מיט אים; איך זע — כ'ווער פון אים נישט באַמערקט — אַ פּאָר גליענדיקע אויגן וואָס זענען געווענדט אויף אים, ווי, כ'קען זאָגן, לעסבישע נימפן אויפטויכנדיקע פון וואַסער.

— און די דיכטערין סאפא? וואס ווערט מיט איר? —

---

1) א גריכישע דיכטערין, געלעבט אין V און אין IV י. ה.

2) א שיין און רייך אינזל אין קליין-אַזיען.

3) א גריכישע ליבעס-געטין.

פ. ק.

פרעגט טרעכטל אויפהייבנדיק די אויגן מיט אַ קרומע און בייזע מינע.

— זאָלן מיר זיי לאָזן צורו, — ענטפערט קאַלב: זאָלן מיר לאָזן סאפא מיט פאַאָנען און דעם אינזל לעסבאס צורו. ס'איז בלויז געווען געגעבן אַ משל און מער נישט. און ווער ס'וויל מער געפינען אין דעם, דער מוז עס טון אויף דער אייגענער אחריות. דאָס האָט אָבער געקענט זיין ביי די היפּערבּארעען 1) און דער דאָזיקער יינגער גאָט, אפּאָלאָס אַ זון, האָט באַדאַרפט זיך באַווייזן דירעקט פון זיין פייערדיקן רייטוואָגן.

— מען קען — רייסט איר ווידער איבער די פּרעזידענטין: ווען מען וויל קוקן אויף דער זאַך ווי אונדזער איידעלע לאַורענצע, קען מען דאָ אָנדייטן אויף פאַאָנען.

— אזוי אָדער אַזוי — ענטפערט איר קאַלב גלייך: איר קענט זיך טראַכטן ווי אזוי איר ווילט. איך וויל אייך נאָר איצט אָ גאַנץ טרוקן איבערגעבן דאָס וואָס איך האָב געזען — זאָל עס זיין אין חלום צי וואַכעדהייט — וועגן דעם געטלעכן יינגל וואָס איז אָן שום ספק דער מלאך-הגואל פון אונדזער אינזל.

מיט שפּרינגען, מיט געטלעכע שפּרינגען פאַרשטייט זיך, האָט דאָס יינגל זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ וועג וואָס איז, אָן ספק, אים זער גוט באקאנט געווען אַנטקייגן דעם בלאָען ים-בוזעם. איך טראַכט מיר; „צי ביסט דאָס שענסטע חיהלע וואָס איז ווען געיאגט געוואָרן פאַרביי דעם פאַרביק-קלינגענדיקן וואַסערשטורעם פון פּיס-וואַש-די-סיעל“. עס האט אויסגעזען ווי ער וואָלט געיאָגט געוואָרן פון וועמען. נאָר גלייך ווי איך האָב עס אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, איז מיר די דאָזיקע שיינע

---

1) א פאלק אין דער גריכישער לעגענדע וואס לעבט אין א באזונדער לאנד, א רייך לאנד, ווי אין א גן-עדן מיט אייביקע ימים-טובים, דינענדיק ייער גאט אפא־אָן—דער גאט פון די זון.

עפּיפאַניע 1) ווי א געַנאַרישער זייפנבלאז פארשווונדן געוואָרן.

— ס׳פאַרדריסט מיך — זאגט טרוקן די מאַלערין: ס׳פאַרדריסט מיך, ווייל איך האָב זיך פאַקטיש געריכט אויף גאָר עפּעס-אַנדערש.

— וואָס קען איך אייך טון! — זאָגט קאַלב: איך האָב נאָר בלויז געהאַט א וויזיע.

איך ווער, למשל, ביי טאג סיי ביי נאַכט, כּסדר פאַרפאָלגט פון עפּעס... פון עפּעס א מין יאַגד... פון א מאָדנער אויסטערלישע יאַגד... פון א מאָדנער אויסטערלישע יאַגד וואָס איז געשילדערט ביי איירעפּידעסן 2) און די „באַקכען" 3) ווו די באַגייסטערטע מענאַדען 4) צערייסן אויף שטיקער סיי מענטש סיי חיה... אַזאַ מין יאַגד איז עס — א דאַנק גאָט! — נישט. ס׳איז מער ענלעך צו דעם יאַגד פון דער דיאַנאַ מיט אירע יעגערינס. אפילו אַזאַ יאַגד ווי מען גייט מיט הינט אויף די שפּירן פון א ווילד-חזיר, דאָס איז אויך צו ווילד, צו ראַשיק פאַר מיינע וויזיאָנערישע חלומות. ביי מיר איז דער יאַגד אומבלוטיק, שטיל און סודותדיק, כאָטש, וואָס דער אמת איז, קען מען פון אים נישט צונעמען די אַרט הייס-באַגייסטערטע ווילדקייט; איך זע נאָר בלויז פרויען באַטייליקט אינם דאָזיקן געיעג. ס׳איז א כּסדרדיקע און נישט-אונטערגעבראָכענע יאַגד, ער גייט אָן ביי די יעגערינס סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט און א גאַנץ יאָר. זיי גייען נישט אין געשלאָסענע באַקישצ

---

1) דער וואָרט-טייטש איז: דערשיינונג. „עפּיפאַניע" הייסט אויך דער יום-טוב לכבוד קריסטוסעס געבוירן ווערן צווישן מענטשן.

2) איינער פון די גרעסטע אַלטערטימליכע גריכישע שרייבער.

3) א מיטאָס וועגן באַקכוסן (אָדער דיאָנ זיס), דער גאָט פון נאַטור-אויפלעבונג און פלאַנצער פון וויין.

4) די „מענאַדן" האָבן געהייסן די באַקכאַנטינס, די פאַרערערינס פון דיאָניזיסעס העלדנטאָטן.

מאסן. זיי פירן אויך נישט קיין יאגד-צוגן וואס זאלן ענלעך זיין צו די־אַנעס יאגדן, ווי מען זעט ביי רובענסן אָדער אויך אַנדערע געמעלדער — נאָר יחידיש און פּאָר באַהאַלטן גייען זיי. יעגערינס זענען פאַראַן אַ סך, וואָס ווייסן אפשר איינער פון צווייטן, אָבער גיבן זיך נישט צו דערקענען. זיי זענען, מעג מען זאָגן: איינער פאַרן אַנדערן טאבו! — יעגערינס זענען פאַראַן אַ סך אָבער, דאָס וואָס זיי יאָגן איז איינס פון דאָס זעלבע חיהלע.

מיר פאַלט איצט איין אין געדאַנק אַ סטראָפע וואָס די באַקכישע כאָרן זינגען:

קיין קיפּראָס וועל איך גיין, אין אַפּראָדיטעס אינזל-לאַנד,
ווו ס׳וווינען די מחנה עראָטן וואָס פאַרכישופן מענטשן-הערצער,
און צום רעגנלאָזן פאַפאָס
וואָס טרינקט פון הונדערט-אָרעמיקע שטראָמען פון געוואַלטיקן טייך,
אָדער דאָרט ווו דער פרישער זיץ-אָרט פון די מוזן גרייכט
אין הייליקער שיינקייט — אַן אָלימפּאָס! —
אַהין פיר מיך, בראָמיאָס 1) וואָס פירסט די באַקכישע כאָרן,
דאָרט זענען דאָ די ליבע כאַריטן 2),
דאָרט דאַרפן פריי די באַקכן שמחות פּראַוועו.

ווען מיר ווילן, ליבע פרעזידענטין, האָבן מיר דאָ אַפּראָדיטעס אינזל; מיר האָבן דאָ עראָטן; מיר האָבן דאָ דאָס זיץ-אָרט פון די מיזן; מיר האָבן אויך אַ הערלעך גרייכנדיקן אָלימפּ! ס׳זענען פאַראַנען דאָ כאַריטן, און ליבע — ס׳דאַרפן

1) דער ביינאמען פון באקכוסן (דיאניזיס).

2) די כ׳אריטן זענען די „דריי גראציען”—ליבע-געטינס.

נאָר בלויז די באקכן שמחות פראווען — נאַטירלעך, דאָס אַלץ אין מיינע האַלוצינאַציעס.

נו, אין מיין יאַגד ווערט איין און דאָס זעלבע חיהלע גע־יאָגט און אין אַ געוויסן זין ווערט עס אפילו צעריסן אויך, נישט געבלוטיקט.

„וואָרום שטאַרקער נאָך ווי די מענער, ווערן די ווייבער געטריבן פון דעם „תאווהדיקן־דאָרן" — שרייבט פאַוזאַניאַס 1) אַזעלכע פרויען זענען דאָס די וואָס יאָגן אַרום איבער אַנדזער איינזל־אָלימפּ און גייען נאָך די שפּורן פון דעם טייערן חיהלע אין די היילן, וועלדער, לאָנקעס, בערג, טייכלעך, ים־ברעגן, צווישן בערג־טאָלן, צווישן לאַווע־שטיינער און פּומאַראָלן 2).

— גאנץ גוט — רייסט איר ווידער פרעכטל איבער: איך פאַרשטיי גאַנץ גוט די דאָזיקע בילדער, און דאָס חיהלע איז אויך נישט קיין אַנדערער ווי אייער רעגנבויגן־מלאך.

— אַלס אַ חלום האָט איר זער גוט פאַרשטאַנען — איז קאַלב מסכים.

— אבער — זאָגט ווידער די פרעזידענטין: אָבער גיט עפּעס פון אייער שיינעם געטער־הולטאַי, אַ ביסל אַ מער פליישיקער שילדערונג.

— אויך יאָ. ער האָט, גאָרנישט וויסנדיק וועגן מיין זיין דאָ, גאַנץ נאָענט זיך ווידער אַ מאָל באַוויזן לעבן מיר.

איך בין געוועזן אין דעם איבער אַל־גרויסאַרטיק רייצנ־דיקן כישוף־און לוסט־גאָרטן וועלכער איז, אַ דאַנק דעם פּיס־וואַש די־סיעל, געוועזן אַן אייביק־גרינער און אויך אַ פּירות־טראָגענדיקער — ביים ים־איינשניט פון לאַ ראַד דע־פּואַסאָן אַנסאָרסעלע.

---

1) נישט דער ספּארטאנער פּרינץ, נאר דער גריכישער רייזע־באשרייבער, געלעבט אין II י. ה. נאך קר.

2) אין וואלקאנישע געגנטן די אויסשטרעמונג פון וואסער־דאמף געמישט מיט גאזן, אדער אַן גאזן.

ער האָט געהאַט רויט-געלע האָר וועלכע האָבן אים דערגרייכט ביז צו די אַקסלען און האָבן זיך פאַרענדיקט גלייך פאַרשניטן. די אַקסלען, די הענט, די זייטן און די פיס, זענען געווען ביי אים ווי פון קופער-גאָלדיקן בראָנז. דער גאַנצער קערפּער ‏ישט צו גרויס, דאָך פעסט, בויגזאַם און שלאַנק. יעדער מו‏קול אין עפעבנהאַפטער סימעטרישער מאָס און צו דערזעלבעו צייט אַטלעטיש געבויט וועלכע האָבן אויסגעזען ווי באַטעריעס פול מיט לעבעדיקער פייעריקער קראַפט, ווי מיט די שענסטע ‏עבעדיקסטע אקומולאַטאָרן. דאָס פנים — דאָס שענסטע איידלקייט און צו דערזעלבער צייט האָט עס געהאַט דעם אויסדרוק ‏ון אַ פראָמעטעישער העזהדיקייט און דרייסטקייט און, ס׳האָט פאַ‏אַטן מיט זיך דעם הייליק באַקומענעם קוש פון אפראָדיטאַן

אַזוי איז ער שטיין געבליבן דער געיאָגטער יעגער, דער הערלעכער בויגן-שוץ פאַר וועמעס פלאַטערדיק האַרץ און הויך-אָטעמדיקע ברוסט ס׳זענען אָנגעגרייט אַזוי פיל פיילן... ער איז שטיין ‏עבליבן עטלעכע טריט פאַר מיר און אומגעריכט זיך אָנגעטראָפן פנים-אל פנים מיטן לעבן, און האָט זיך געוומען שפּיגלען א‏ין דער בלאקייט פון טייך.

ער ‏אָט אַריבערגעקוקט. איך בין געלעגן פארבאהאלטן אין יאַגדע‏-קוסטעס וועלכע האָבן זיך געצויגן ביז צום ראַנד פון מיין ב‏רג-שפּיץ; זיין אויג איז פאַרגאַנגען אין דער תאווה פון אייגענ‏ר הנאה און ס׳האָט געבלאָנדזשעט איבער מיר און ווייטער או — מיך נישט באמערקט. דערפאר האָב איך יאָ גע-זען די בל‏וקייט פון זיינע לייכטנדיקע אויגן וועלכע זענען כמעט אַליין געווען טייכלעך מיט פארכישופטע פיש.

ווען איר וועט מיר לאָזן, פרעזידענטין, ווען איר וועט מיר דערל‏יבן אַ שטיקל צייט, וועל איך אייך געבן פון אים אַ מער-לענגערע שילדערונג. איר זענט עס ווערט, גלויבט מיר; און מיינט איר אפשר אַז זייער פארב איז געווען אַן אמת בלאָע, ניין: באַלד נעמען זיי פלוצים אויפבליצן קאצן-גרין. און מיינט איר אז אין זיי איז געלעגן נשמה, איז, — אָט זעט

איר שוין אין זיי דעם שטארן גלאנץ פון א שמאראגד. זשאָר־דאַנאָ ברונאָ זאָגט דאָך: Non est lapis sine anima (1

אבער דער דאָזיקער שטיין איז געווען אינגאַנצען אָן א נשמה; קוק איך אויף די דאזיקע אויגן און זע א רויכערנדיק זיך־בייטנדיקער גלאנץ, און ס׳האָט אויסגעזען אז איבער די אויגן גייט ארום א לייכטע פאָספארישער דאמף. — דא־א מעג איך אויך זאגן ווי די גוטע לאורענצע זאגט וועגן איר תלמיד היפעריאַנס זון, — מען האט געקענט זען פאר זיך דעם ייִנגן העליאָס, אדער, צום ווייניקסטנס כאָטש א זונען־קרוב. יא, פינדאר 1) רופט דאך אן דעם זון־שטראל „די מוטער פון די אויגן״ —

— אָהאָ! — שרייט פרעכטל אויס: כ׳וואלט אבער געוואלט דער גערן וויסן וואס ס׳האָט דא פאר א שייכות אייער בראנזע־נער מלאך מיט דעם משוגענעם קאפ — דער מיס ווארס פאאנען?

— גאָרנישט. פארשטייט זיך, אז טאקע גארנישט — ענטפערט קאלב: דאס איז די היץ, פרעזידענטין; מיר פאלן אלע ארונטער אונטערן איינפלוס פון דער היץ. דאס וואס איך האב דאמאלס געזען פון מיין באהעלטעניש ארויס, דאס אלץ איז געשען א דאנק די שרפהדיקע אינמיטן־טאג־זון. הערט: מיר דאכט זיך, יא, אויף זיכער אז איך זע די געשעצטע לאורענצע האבעמא שטיין אויפן ארט ווו ס׳איז צום ערשטן דערשינען דער מלאך־הגואל פון אונדזער אינזל.

— דאס וואונדערט מיך גארנישט — זאגט די מאלערין: איך האב דאס אויך דערוואַרט.

— איר וואלט דאס זיכער נישט געזאגט, גלויבט מיר, ווען איר אליין וואלט איבערגעלעבט די דאזיקע אבסאלוט־איבערצייגנדיקע און באוואונדערנדיקע וויזיע. איר וואלט נשתומם געווארן ווען איר וואלט געהאט א געוויסע פערזאן פאר די

---

1) נישטא קיין שטיין אן א נש ה.

2) פינדאראס — א גריכישער לירישער דיכטער. געלעבט V און VI יאר אונדערט פאר קריסטיַסן.

אויגן און דאך געוווסט אז זי קען עס נישט זיין און איז עס נישט.

— דאס וואס איך האב פריער געזאגט — זאגט ווידער די פרעזידענטין: דאס ליידט, פארשטייט זיך, פון א געוויסע באַגרענעצטקייט, ווארום נישט תמיד האט לאורענצעס דערשיינונג אַט דעם גרויסן סטיל.

— ווען זי איז ארויסגעקומען פון דעם פארביקן שפּריי־רעגן אויף דער פעלז־טעראסע, איז די דאזיקע קאַליריקייט געבליבן הונטער איר, ווי א געטלעכע גלאריאלע. אלץ אין איר איז געווען ערנווירדיק־געהויבן צו דער ווייטקייט און פרייקייט.

איך בין זער נשתומם געווען, ווייל כ'האב איר דערקענט, אבער מער געחידושט האב איך זיך איבער דעם ווי א מענטש קען זיך אזוי פארענדערן, בלייבנדיק צו דערזעלבער צייט די זעלבע פערזאן.

אן ספק האט זי דארט ווו זי איז געשטאנען און אזוי אויפמערקזאם ארומשפיאנירט אין גרויס האסט און איילעניש — אן ספק אז דארט האט זי דערגרייכט דעם ציל פון איר יאגד. מיר האט אויסגעדאכט, אז אירע פיס האבן געציטערט פון אנשטרענגונג, ווי ביי א ראסאווע פערד. אירע האר — צעלאזטע פלאטערן שלאַנגיק אַרום, באַוויגן דורכן לופט־דרוק פון וואַסער־פאַל און, פון זיין פערלדיקן שטויב זענען זיי געפייכט. איך בין זיכער דאָס איך זע, אַז זי איז הייס און אויפגעשוואָלן און אַז זי זויגט אַריין אין זיך די באַלעבנדיקער פרישקייט און פייכטקייט פון דעם פיס־וואַש די־סיעל. איך בין זיכער, אַז דאָס פאַמעלעכע הויבן זיך פון איר בראָנזערנער ברוסט, ציט אַריין און פאַרשליסט אין זיך אַ כמעט־איבערנאַטירלעכע בשמים'דיקייט. מיפ האָט זיך אויסגעדאַכט אַז זי נעמט אין זיך אַריין שיינקייט, געזונטקייט און געטלעך לעבן מיט דער העכסטער התלהבות.

אונטער איר פאַרעט זיך אין הייסן גראָז דער שפּריי־וואַסער און ס'דאַכט זיך אַז אירע פיס שוועבן אין ווייסע

וואָלקענדלעך. פּלוצים דערהער איך אַ געשריי פון אַ רויב-פויגל. ווען איך רוף עס אָן אַ „רויב-פויגל-געשריי" מיינט עס צו זאָגן דעם איינדרוק וואָס ס'האָט ביי מיר געמאַכט אין ערשטן מאָמענט. דאָס געשריי האָט געקענט זיין פון אַן אָדלער, אָדער יעדנספאַל איז עס ענלעך געווען צו דעם מין פון גרויסע פויגל. די באַזאַלט-ווינט פון דעם צווישן בערג-טאָלכל האָבן עס נאָך גרעסער געמאַכט. זיי האָבן עס געוואָרפן צווישן זיך אַהין און צוריק. און דער דאָזיקער אומבאַדינגטער פויגלאַרטיקער געשריי האָט אַריינגעבראַכט אַ דיטהיראַמבישן 1) טאָן אין דער הייליקער כאָר-מוזיק פון די צעשפּאָלטענע אָפּגרונטן אין דעם טייכל פון די פאַרכישופטע פיש וועלכע זענען דערביי ווונדערבאַר באַלעבט געוואָרן.

ס'האָט געהילכט אַ צווייט און דריט געשריי פון דעם אַרט וואָס נישט קיין לאווינע און נישט אפילו קיין אַנדערע פון די אינזל-מוטערס וואָלטן עס געקענט גלייבן, אין דעם איז שוין געווען אַ פילפאַכער ענטפער, ווי פון אַלע פון שלאָף-אויפשטייענדיקע באַגייסטערטע באַקכען אין די באַזאַלט-ווינט.

ליבע, טייערע פּרעזידענטין, איך גיב אייך מיין הייליקסטע פאַרזיכערונג אַז איך בין אייך זער ווייט נישט אימשטאַנד איבערצוגעבן גענויג בולט און אויסשעפּלעך דעם אַרט און ווירקונג פון דעם דאָזיקן דורכדרינגלעכן געשריי. וואָס שייך דעם אַרט, קען איך אייך נאָר אָט-וואָס זאָגן: זי האָט געהאַט די ענלעכקייט צו דעם קלאַנג פון אַ פויגל און דעם יאָכץ פון אַן עלפלער אָדער אַן עלפלערין 2) נאָר דאָס וואָס איז אין דעם

---

1) דיטהיראמבאס—די פייערלעכע שוישפילן לכבוד דיאניזיסן ווו ס'איז בעלויבט געווארן זיינע ליידן און העלדטאטן.

2) עלפלער קען מיינען א רויב-פויגל וועלכער ווינט צווישן די אלפּן-בערג. דער מחבר האט אויך געקענט מיינען מיטן „אלפ" דאס זעלבע וואס ס'מיינט די פּוילישע פאלקלאר מיט zmova—ס'הייסט אלעגאָרישע חיה אדער פויגל וואס קומט צומערסטנס ביינאַכט טון מענטשן שלעכטס.

געוועזן אויסטערליש, איז געוועזן אַ גאַנץ נישט־געהערטער און גאַנץ נייער טאָן אויף דער ערד.

און ער האָט געוועקט עפּעס אַזעלטענע אורצייטלעכע קאסמישע דערינערונג.

די ווירקונג פון דעם דאָזיקן איבערערדישן נצחון־רוף, האַס־רוף, ליבעס־רוף, בענקשאַפטס־רוף, די דאָזיקע לוסט־ און צום שלאַכט־רוף, דער דאָזיקער לעבענס־און טויט־רוף, דער דאָזיקער געשריי פון פּחד, נויט און פון אייביקער געבענטשט־קייט — די ווירקונג פון דעם דאָזיקן שניידנדיקן וועק־סיגנאַל, איז געוועזן פּילפּאַכיק.

וואָס שייך מיר, האָט זיך מיר געדאַכט צו זען אין דער גאַנצע נאַטור דאָס געפיל ווי זי וואָלט גרייט געוועזן צו דעם אָנקומען פון אַ נייעם אומזיכטבאַרן גאָט. דאָס דאָזיקע געפיל האָט מיר אויך אָנגעמאַכט האַרץ־קלאַפּונג. מיר איז פאָרגעקומען אַז דער פעלז, דאָס גרינס, דער טייך־פלוס, די לופט און דאס ליכט, דאָס אַלץ איז נשמהדיק געוואָרן און אַלץ העלפט מיט צו דער מוזיקאַלישער גאַנצקייט אין דעם גן־עדנדיקן שאל־טרומפּייט, אַז אַלץ העלפט מיט צו עפּעס אַ הימניש־חתונהדיקן פאַרצוי־בערטן יום־טוב־אַקט — יאָ, די היץ קען אַרויסרופן אין מענטשן זעלטענע פאַרשיכּורונגען.

נישט קוקנדיק אויף דער היץ, איז מיר כּסדר געקראָכן אַן אייזיקע קעלט איבערן לייב און צום סוף בין איך אינגאַנצן געבליבן פאַרשטאַרט.

אויף דעם מלאך מיינעם האָט דער געשריי אויך געהאַט כּמעט די זעלבע ווירקונג ווי אויף מיר, ער האָט געהאַלטן ס׳מויל אָפן און האַסטיק טיף געאָטעמט. באַלד האָט ער עטלעכע רגעס אינגאַנצן אויפגעהערט צו אָטעמען. זיין קאָפּ איז געווען אַרויפגעווענדט קייגן דאָס שאַלן און ער האָט געזעצן, די שוין באַצייכנטע באקכאנטן אַלס לאורענצע, ווי זי לויפט אַראָפּ פון איין פעל־טאראסע אויף דער צווייטער, פון איין וואָלקנדל אויפן אנדערן, מער פליענדיק ווי שפּרינגענדיק, מיט די פארויס

פלאַמיקע פלאַטערנדיקע שוואַרצע האָר אירע. איך האָב געהערט ווי זיין ברוסט האָט אַרויסגעלאָזט אַ הויכן זיפץ.

— איר האָט, מיין ליבע און טייערע ראדבערטע — זאָגט די מאַלערין: זער אַ גרויסן טאַלענט מענטשן פיין אויסצופּרעגלען אויף אַ גליענדיקן באַק-אַיוון.

—ס׳קען זיין — ענטפערט איר יענע צוריק: צוליב דעם וואָס איך האָב געמוזט דאָס אַלץ צוזען, נישט מיט מיין ווילן און האָב זיך נישט געטאָרט אויסגעבן, האָב איך דאָך אַליין אויך געמוזט אויף דעם באָק-איוון געבראָטן ווערן און האָב אפילו נישט געטאָרט שרייען.

זי בלייבט שטיל אַ ווײַלע און רעדט ווייטער: איך בין אַזוי געלעגן, ווי כ׳האב שוין געזאָגט, אויף דעם גליענדיקן איוון און נאָך געמוזט צו הערן אַ געטער-שמועס. ס׳איז מיר, בשום אופן, נישט געווען אַנגענעם צו זיין אַן עדות ביי אזא מין הייליקע באגעגעניש. איך האָב אָבער געהאט פאַרגניגן פון זייער מורמלען און שעפּטשען און האָב עס נאָך אליין גאַנץ מיט כבוד אָפּגעהיטן, ווי דען אַנדערש ווען א היציקע געטין איז געפאַלן אויף די שפּורן פון א נישט-צוטריטלעכן יינגן גאָט און האָט אים אָפּגעשטעלט, אין הייסן מיטן-טאָג, אין איינעם פון די גלוסטיקסטע און שטילסטע בערג-שפּאלטן! — איך וואלט זיך קיינמאל נישט געקענט מוחל זיין ווען כ׳וואלט זיך אליין געשטערט אזא מין גליקלעכע, געטלעכע שעה וועלכע וועט שוין, אפשר, קיינמאָל מער נישט קומען. און דאָס דאזיקע האָט טאקע געקענט פירן, אין דעם מאָמענט, צו דעם וואס איך זאל זיך נאך מער טיפער פארבאָרגן צווישן די קוסטעס. און ווען איך וואלט זיך אויסגעגעבן, אזוי וואלט די גאנצע מעשה געבראכן האלז און נאקן.

יא. דאס איז שוין אריבער. איך וואלט נאך היינט, אין דער דערינערונג, די הנאה פון דעם דאָזיקן שוישפּיל, פאר קיין שום זאך אין דער וועלט נישט אוועקגעגעבן.

— צום סוף האט עס זיך ארויסגעוויזן אַז דאס איז נישט געווען קיין בלויזע וויזיע?!

און ראדבערטע שרייט אויס:

— פרעזידענטין, ס'איז געווען אַ וויזיע, אָבער אַזאַ וויזיע וועלכע מאַכט ריזלען דורך אַלע אבֵרים דאָס פייער פון שטויגונג, דאָס פייער פון פּאָרכטיקייט און דאָס גרוילן פון פאַרוווּנדערונג. באַטראַכט נאָר, פּרעזידענטין, איך האָב בייגעלעבט דעם העכסטן, סודותדיקן מיסטעריום פון אונדזער אינזל.

אַ דאַנק דעם וואָס די קאָלאָניע האָט געשלאָסן אַ מיסטישע פאַרבינדונג מיט אַ גאָט, אָדער אַ מלאך צי גאָר אַ טייוול — אַ דאַנק דעם איז פּאַמעלעך אויסגעוואַקסן אין אַ בליענדיקן צושטאַנד.

די מאַלערין האָט נאָך אַלץ, ווי תּמיד, געפירט איר פּרעזעסור אינם „הויז פון דער גוטער האָפענונג". די שיינע לאורענצע אַלס אַן אויבער-פּריסטערין האָט אָבער געהאַט אַ ווייט-גרעסערע השפּעה ווי די פּרעזידענטין.

אַ דאַנק ראדבערטעס אַן איינפאַל איז אין זיינער צייט איינגעפירט געוואָרן אַ סאָרט גייסטיקע אינוועטאַר-אויפנאַם, דערנאָך האָט יעדע איינע פון די קאָלאָניסטינס געמוזט קומען צו אַ פאַרהער פאַר אַ פאַרוואַלטונג און פון זיי האָט מען באַדאַרפט אַרויסצובאַקומען דורך פאַרשידענע שאלות, וואָס פאַר אַ פעיקייטן, וואָס אַ וויסן און דערפאַרונגען זיי פאַרמאָגן. דער דאָזיקער פאַרהער פון דער זאַמל-פּראָצעדור איז אָבער געווען בלויז אַן אָנהייב און איז נאָכדעם מיט הפסקות פאָרצויגן געוואָרן ביז אַ יאָר און מיט אַ טייל האָט מען בכלל גאָרנישט געקענט פאַרענדיקן.

ביי יעדע פון די פאַרהערטע האָט מען אָנגעזאַמלט אַקטן און ביי אַ טייל פון זיי זענען כסדר די אַקטן געוואַקסן, צוּמערסט ביי די יעניקע פון וועלכע מען האָט געקענט דערוואַרטן אַ סך נייעס. יעדער האָט געמוזט עפּעס געבן.

ס'איז געגאַנגען וועגן דעם מען זאָל קענען מיט דעם דאָזיקן מאַטעריאַל ברענגען עפּעס נוצלעכס פאַר דער קאָלאָניע

אין דער געגנוואַרט און פאר די צוקונפט ; זען וואָס פא א קולטור-אוצר מען האָט אהער געבראכט אין דעם דאָזיק גלות.

אין דער אזוי-גערופענער „אקאדעמיע״ וועלכע מען האָט אָנגעהויבן צו רופן דער „ארכיוו״, איז אויף גלייכמעסיק געשניטענע, פירקאנטיקע שיפער-טאָוולען געליגן דאָס גאנצע געזאמלטע גייסטיקע מאטעריאל. א שטיק פונם אינזל איז באַשטאנען פון שיפער-טאָן, נו, האָט מען געפונען אן ארט פון וועלכן מען האָט געקענט אַרויסשניידן די שענסטע פלאטן וואס האָבן זיך נאָר פארגלוסט.

די אָרדנונג אין דער ארכיוו איז געווען שיין וואס קען נאָר זיין. די שיפער-פלאטן זענען געלעגן אויף פעסטע פאכן.

די זכרונות פון די אינזל-מוטערס וועגן די פאכן און מלאכות פון זייערע זיידעס, פאַטער, ברודער און קרובים, זענען געווען זער נוצלעך פאר די סטאָלארעס, ראָד-מאכער, טעפער און אנדערע.

אן עלטערע, א ביסל געהויקערטע דאמע, פריילן אויגוסטע האָט זיך צוגעשטעלט צו ראדבערטע אַלס סעקרעטארין, און נאָר א דאנק איר אומדערמידלעכער, רעגלמעסיקער און טרייע ארבעט, האט זיך דער ארכיוו ארויפגעארבעט צו א הויכער מדריגה.

קיין אלפאבעטן זענען צווישן די פרויען אויפן איל-דעדאם, נישט געווען, דערפאר האט יעדע פון זיי, באלד נאכן ערשטן פארהער ווי ס'איז פארשריבן געווארן אין א פראטאקאל דער יחוס, געמוזט אליין אויפשרייבן זיין ביאגראפיע — דאָס איז געווארן יעדערנס חוב. און פון דאמאלס אן איז יעדערנס אקט צו וועמען ער האָט געהערט, יאָר-איין יאָר-אויס אפן געווען פאר דערגענצונגען. האט ווער געוואָלט עפעס צוגעבן — ס'זענען אין אכט גענומען נאָר אזעלכע געשעענישן, אינערלעכע אָדער אויסערלעכע, וועלכע האבן זיך פארלאפן זינט דאס אנקומען אויפן אינזל — האט מען עס נאר געברויכט אויפשרייבן און די פלאַטע איבערגעבן דער הויקערדיקער פריילן, אָדער, מ'האט עס אויך געקענט געבן צו פראטאקאלירן אין ארכיוו.

ער קלענסטער געדאנק איז זער געוויסנהאפט צוגעלייגט געװאָרן צו די אקטן.

ס׳איז דערגאנגען צו דעם, אז מען האָט געקענט פון די אותיות A ביז Z, צוזאמענשטעלן א זעלטענע נוצלעכע אוניווערסאל-לעקסיקאן וועלכע האט ארומגענומען יעדער צווייג פון דער וויסנשאפט און קונסט און מ׳האט געקענט באקומען די בעסטע עצות פון א געוואלדיקע צאל פראקטישע זאכן.

ס׳איז כמעט נישט נויטיק צו דערמאנען דאס אזעלכע מענטשן ווי אנני פרעכטל, טיסאן פעידזש, פריילן פאָן ווארניקא, אדבערטע קאלב, די שיינע לאורענצע און די דאקטאָרין עגלי, — האָבן זייערע זאכן מיט א היכער מאָראלישער ערנסט, אדורכגעפירט. זיי האָבן גוט געוווסט וואָס זיי זענען זיך שולדיק און נאָכמער, זייערע דורות. למשל: ווען די דאקטארין עגלי וואלט נישט אזוי כסדר באשריבן אירע נאך-פרישע מעדיציניש ידיעות אויף די שטיינער-פלאטן, וואלט אויסגעקומען אז אין איין טאָג, ס׳הייסט א נם טאָג פון עגליס טויט, וואָלט אויך אפגעשטאָרבן די מעדיציניש וויסנשאפט בכלל. וואלט מען דאס נישט באווארנט באצייטנס, אזוי וואלטן פארלוירן געגאנגען אלע בילדונגס-יסודות פון די מענער-קולטור און ס׳וואלט בכלל נישט געבליבן, אפילו אין זכרון, קיין שום שפור פון דער אלגעמיינער וועלט און מענטשהייטס געשיכטע וואס לעבט אויף יענער זייט פון איל-דע-דאָם. אזוי ארום וואלט אויסגעקומען, האבן געהאלטן די אנפירנדיקע פרויען, אז דאס גייסטיקע לעבן אויפן אינזל (וועלכעס איז שוין איצט גאנץ אפט גערופן געווארן: דער אינזל פון דער גרויסער מוטער), אט דאס גייסטיקע לעבן וואלט צוזאמען מיט איר וועלט-באנייענדיקן אויפטו, פארמשפט געווארן צום טויט.

די ווירקונג פון דער אקאדעמיע, בפרט פון דעם ארכיוו, און די ביבליאטעק, איז אויף אן אומגעריכטן אופן געוועזן א גליקלעכע. ווען מ׳וואלט מאניפעסטירט דעם געבויר-גאט אדער דעם טייוול, צו גאר דעם מלאך, אלס די ערשטע מתנה, אלס א מתנה פון גאט פאר די ארעמע און פארטרי-

בענע דאָ, — אזוי וואלט מען דאס דאזיקע געמעגט אנרופן: די צווייטע גרויסע מתנה, וועלכע האט א מער ערדישן און מער שכלדיקן שורש. פארשטייט זיך, אז די דאזיקע צווייטע מתנה וואלט מיט דעם ערשטן נישט געקענט פאר-גלייכן, אבער נאך דעם ערשטן וואלט דאס געקענט הייסן: דאס מעגלעכסטע. מיט דער מתנה האט זיך איצט אנגעהויבן די אמתע פארווארצלונג דאס אמתע פארפונדאמענטירונג פון דער קאלאניע.

ווי פון גייסטיקע בינען איז אין בינשטאק פון דער אקאדעמיע צוגעטראגן געווארן דאס גייסטיקע, כדי דאס אויס-צובייטן אויף אנדער גייסטיקעס און מיט דעם אויסגעביטענעם צו קענען אַלץ-מער און מער שאפן; עס איז געשאפן געווען א סאציאלער צענטער פאר וועלכן מ'האט באדארפט דאנקען ראדבערטען. צו דערזעלבער צייט איז עס געווען דער גייסטיקער בינשטאק, און, דער האניק וועלכער איז אומדערמידלעך און אָן אויפהער אין אים ארייַנגעלייגט געוואָרן, האט בשום-אופן נישט געקענט ווייניקער ווערן, נישט געקוקט אויף דעם וואס מ'האט פון אים אויך ארויסגעטראָגן. און דאס דאזיקע כסדר-וואקסנדיקע און גארנישט-געמינערטע פארמעגן, מיט וועלכן ס'האט זיך געקענט רימען די מינדסטע קאלאניסטן, איז געווארן א געגנצלעכע וויסנשאפט וואס אן איינציקער מענטש האט עס נישט געקענט דערלאזן, אפילו דער דאזיקער פרעמדער וועל-כער געהערט צו דער קרובישע וועלט, וואס פאר אים האבן די גרענעצן פון איל-דע-דאם קיין קיום נישט.

עס איז געווען א זעלטענע מחיה צו זען מיט וואס פאר א פארזיכט און זארגזאמקייט, מיט וואס פאר א עכט-מוטערלעכע שמחה און ווארעמקייט ס'האט יעדע אינזל-מאמע צוגעטראגן די גייסטיקע שפייז פאר איר קינד. יעדע זאך וואס זיי האבן אין דעם פרט געטון, איז געקומען מיט דער שטארקסטער פרייד פארן אויפבויען. פונקט ווי זיי האבן געדולדיק געבוירן און מיט התלהבותדיקע שאַפונגס-פרייד און לעבנס-ליבע זייערע קינדער געהאַלטן ביי זייערע געבענטשטע מילך-קוואליקע

ברוסטן —, פונקט אזוי האָבן זיי איצט, פון דעם זעלבן כּוח געשטויסן, אויפגעבערענגט דאָס בלוט פון זייערע נשמות כּדי צו פאַרהיטן פון אַ גייסטיקן טויט די יעניקע וועלכע זיי האָבן אַ מאָל אונטער זייערע הערצער געטראָגן. און דאס אַלץ וואָס זיי האָבן געטון, איז ווי אַלץ וואָס איז פון זיי געטון געוואָרן, געווען מיט די וואַרעמסטע געפילן און מיטן שענסטן כּבוד, וואָרום זיי האָבן, אַלע אָן אויסנאַם פאַרשטאַנען אַז זיי וועלן מוזן אין די דאָזיקע סודותדיקע אומשטענדן אויפבויען, פון גרונט אויס, אַ נייע וועלט.

די מיסטישע געבורט פון פאַרהייליקטן סוד אויפן איל-דע-דאַם, האָט באַשאַפן אַ נייע מאָראַל וועלכע האָט, למשל, אַ ביסל פאַרשמעלט דאָס ווונדער פון דער באַוויזענער ליבע צו די מוטערס אויף אַ קורצע אדער אויף אַ לענגערע צייט, די צייט ווען ס'איז פאָרגעקומען די מיסטישע חתונה. אין דער באַציונג זענען אָנגענומען געוואָרן, כּמעט אָן אַ געגנוואָרט, מנהגים וועלכע זענען פון אַלע גאַנץ שטרענג געהאַלטן געוואָרן. אין אַנדערע באַציונגען זענען די אָנגענומענע מנהגים נאָך שטרענגער אָפּגעהיטן געוואָרן: טייל האָבן עס געטון דערפאַר וואָס קיין מאַנספּערשוין איז נישט געווען, אַנדערע ווידער דערפאַר וואָס דער גן-עדנדיקער קלימאַט און די נאַטירלעכע לעבנס-אַרט, האָט דאָ געפאָדערט אַ געבענטשטע האַרמאָניע. די צוזאַמענזאַמע נויט, די צוזאַמענזאמע הילף, די צוזאַמענזאַמע אויסגעקליבנקייט וועלכע האָט זיך, פון זיך אַליין געהויבן צו אַ נייער געזעלשאפטס-פאָרם, פון דעם פאַטריארכאט צום מאַטריאַרכאט — דאָס האָט זיי צוזאַמענגעבינדן אין איין פאַמיליען-באַנד.

צום באַדויערן אָבער האָט דער דאָזיקער אויסגעהאַלטענער מאטריארכאט, מיט דעם צוווּקס פון די קינדער, אָנגעהויבן פאַרלירן זיין אָנזען. די פירערינס און די מער-דענקנדיקע פרויען האָבן אָנגעהויבן, מיט יעדן ניי-געבוירענעם יינגל, צו זען אַ געפאַר פאַרן גן-עדן-מצב אויפן אינזל. אין דעם דאָזיקן גן-עדן איז פאַר אַלעם ראשית געשטאַנען דאָס ווייב און

באָכדעם איצט דער נישט־זעבאַרער דעמיורגע — דער מאַן ביהאַר לעיל געמאַכט פון דער פרויס ריפּ. אָבער, אויך דאָ האָט אויס־געזען ערגעץ־ווו צו זיין באַהאַלטן דער נחש, דער שלאַנג, און דאָ־און דאָרטן האָט ער שוין אָנגעהויבן שרעקן מיט זיין אַרויפגעהויבענעם קאָפּ.

מען האָט גלייך געוואָלט דעם דאָזיקן בייזן ווילן איינצוימען, ווייל מען האָט דאָס גראָד גוט פאַרשטאַנען: מ'האָט נישט געהאַט קיין חשק אַרויסגעטריבן צו ווערן פון גן־עדן צו־ליב אדמן, ווי דאַמאָלס צוליב חוהן מיטן שלאַנג.

ס'זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן מיטן אנטייל פון דער שיי־נער לאורענצע, די פּרעזידענטין, ראדבערטע און די דאָקטאָרין עגלי, געהיימע זיצונגען ווו די דאָזיקע קלוגע און דערפאַרענע פרויען האָבן אַרומגערעדט פאַרשידענע מעגלעכקייטן וואָס זאָלן קענען אַנטקייגן־שטיין די סכנות וועלכע האָבן געדראָט. און ס'איז גאַנץ נאַטירלעך געווען דאָס די דאָקטארין עגלי האָט אָנגעטאַפּט די דאזיקע פראגע מיט דער הילפס־גרייטע גרויזאַמע האַנט פון א כירורג און זי האט פארגעשלאגן די ראדיקאלסטע מיטלען.

וועגן מאַלטיסנס מיטל 1) האָט דאָ נישט געקענט זיין קיין רייד ווייל, די סודותדיקע געטלעכע געביר־קראַפט האָט זיך נישט געוואלט מיט גאָרנישט רעכענען. וואס דער אמת איז. האט דער דאזיקער לעבנס־אָנצונדנדיקער מלאך, צעוס אדער אנדערער אָלימפּיער, באדארפט וויסן וואס פאר אַ חוב ער האט לגבי — מ'זאל מוחל־זיין דעם אויסדרוק — דעם הארעם זיינעם: ער האט באדארפט אויף א צאל פון א הונדערט מיידלעך געבוירן נישט

---

1) מאלטוס—אַן ענגלישער בורזשואזיגער סאציאלאג און עקאנאמיסט דער מאלטוס־געזעץ איז באקאנט מיט דעם זאץ: „דאס עסנווארג פארמערט זיך אין אן אריטמעטישער פראפארציע און די באפעלקערונג אין א געאמעט־רישער". אזוי א נאך ווערט ביי אים א נאטירלעכע נויטווענדיקייט די מלחמות.

מער ווי איין יינגל. זעט אָבער אויס אז אין דעם ענין צי ס׳קען געבוירן ווערן א יינגל אדער א מיידל, האָבן די געטער פונקט אַזויפיל געוווּסט וויפיל ס׳ווייס ווענן דעם די היינטיקע מע-דיצינישע וויסנשאַפט. און, ס׳קען גאָר זיין אז דער דאזי-קער האט נישט געהאט קיין שום אנדערע דאגה פאר דער דאזיקער פרויען-שטאַט, ווי נאר דאס וואס ער האט באוויזן. פונדעסטוועגן האָבן די אינזל-מוטערס געהאלטן אין איין זוכן תחבולות.

משום כבוד האט מען דער פרעזידענטין, ראדבערטע און דער פריילן אווגוסטע אנגעהויבן רופן „מוטער״.

*

ליקורגס מיטל 1): די קראנקע קינדער אראפצווואַרפן פונם טייגאָט, דאס זעלבע אויך מיט די קינדער אין די ערטער ווי ס׳איז פאראן א צו גרויסע צאָל זייערע, און לעבן בלייבן מעגן נאר די יעניקע, וועלכע האבן א הויכע שטים אדער א טאלענט צום זינגען — דאס דאזיקע מיטל האט די דאקטארין עגלי פארגעשלאגן. נאר די דאזיקע קלוגע און אַנטשלאסענע פרוי האט עס אבער נישט געקענט אדורכפירן. לאורענצע, ראדבערטע און די פרעזידענטין האבן דאס באלד געלונגען אפגעווענדט און, ס׳איז זיך געווען צו ריכטן אז פאר דעם פלענום פון די מוטערס וועט דער דאזיקער פארשלאג אויך האבן א דורכפאל.

אין עצם איז דאס נישט געווען אזוי געוואלדיק געזאגט, ווארום די דאקטארין אַמאַנדאַ עגלי האט געהאט א געוואלדיקע השפעה אויף די אינזל-מוטערס. און ווען דאס אפנעמען א קינד איז דא צוגעגאנגען א ביסל לייכטער ווי ערגעץ-אַנדערש-ווו,

1) ליקורג איז געווען דער ערשטער גריכישער געזעץ-געבער. זיין אמתע-עקזיסטענץ איז געפלהאפט.

האט מען דאך פארט נישט געקענט זיך אפזאגן פון די דאקטארין.

דאס דאזיקע אפנעמען א קינד איז געווען דאס פאר־ברייטעסטע און וויכטיקסטע געשעפט אויפן איל־דע־דאם. אמאנ־דא עגלי האט זיך אויסגעבילדעט א שטאב פון אסיסטענטנס און מ׳קען זאגן, אז יעדער אינזל־מוטער איז געווען ביז צו א געוויסער מדריגה מעדיציניש באהאוונט, אבער זי, די דאק־טארין, איז געבליבן די העכסטע אויטאריטעט און ביי יעדן פארפאל האט זי געטון דאס עיקרדיקע. איר ארבעטס־קרייז איז געווען א געוואלדיק גרויסער, ווארום אירע געהילפן האבן דאך אויך געבוירן און זי איינע איז נישט געווען איינגעהילט אין דעם גליקלעכן נעפל־צושטאנד ווי די אנדערע.

ס׳איז שוין געזאגט געווארן איז איר איינפלוס געווען א געגוג גרויסער, האט זי אבער דאך בשום־אופן נישט באַ־דארפן ארויסשטעלן אזא מין פארשלאג. ווארום וויפיל זי זאל נישט האבן געווען נויטיק זיין די דאזיקע אלע מוטערס און וויפיל יעדערע פון זיי זאל נישט האבן צו איר קיין חוב, האט דאך איר שרעקלעכע כונה געקענט ארויסרופן ביי דער אלגע־מיינער דערוואכטער מוטערלעכקייט, א שטורעם פון בהלה.

אין דער דאזיקער אנטוויקלונגס־פאַזע פון דער קאלאניע, ווי דאס עלצטע קינד איז נישט עלטער געווען פון פינף יאר— אין דער צייט האט נאך אינגאנצן געהערשט דער שטילער ליבעס־פייער־רויש פון דאס מוטערלעכקייט — זי האט נאך דא־מאלס געבליט אלס א פאלקאמע נייע געשעעניש אין זיי. אן א מאן, ס׳הייסט: בלויז מיט זיך, איז זיי גאנץ גרינג געווען צו וואקסן, ריין וויבלעך. האלטנדיק דאס זויגנדיקע קינד ביי דער אפענער ברוסט, האבן זיך די דאזיקע מוטערס געשפירט זעלטן איבערגעאנדערשט, באנייט און זעלטן גוט האבן זיי דערפילט דעם זין פון זייער עקזיסטענץ. אויף אזא מין אופן האבן זיך, כמעט, געזעטיקט אין זיי אלע חושים. די מענער־זענען אין דער דאזיקער צייט, פארשטאנען געווארן אלס פאל־קאמע פרעמדע ברואים; זאכן וואס קענען וווייטאן און שטערן,

צו דערזעלבער צייט האט זיך לעבן דער מוטערלעכע ווארעמ־קייט, גענומען אנטוויקלען די געשלעכטלעכע פריגידיטעט. דאס נאטורהאפטע האָט דאָ הערשן געמאַכט די מאָראַל פון ריינער חיהשקייט, און, ווי באַקאַנט איז די תאווה פון דעם ער צום זי באגרענעצט נאָר אויף אַ קורצע ווייל.

דער עיקר איז געווען צו דאנקען לאורענצען פאַר איר אידעאַלן ווילן אוןווירקן וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַן איידע־לע אָרדענונג אין דעם דאָזיקן מוטערלאַנד.

*

איל־דע־דאַם איז אויך געוואָרן אַן היסטאָריש לאַנד. אין די העכערע ערטער האָט מען איינגעאָרדנט אויף געזונטע פּלע־צער אַזעלכע פיינע און לופטיקע דעכלעך. אַזעלכע איינריכטונ־גען האָט מען נאָר געמאַכט אויף גראָזיקע בערגלעך, אין ליב־לעכע וועלדלעך, ביי טייכלעך און קוואַלן. די דאָזיקע פּלעצער זענען געווען ווי געהעריק איינגעטיילט און האָבן אויסגעזען האַרמאָניש. פון זיי האָט זיך געטראָגן אַן עכאַ פון לעבנס־פריי־דיקייט.

צו דערציילן געני ווי לייכט די דאָזיקע אַרבעט איז דאָ צוגעגאַנגען און וויפיל מאָל דער טאָג האָט זיך דאָ איבערגע־אַנדערשט אַ דאַנק דער וואַקסנדיקער קינדער־מחנה — וואָלט געווען זער אַן אנציענדיקע געשיכטע. און צוזאַמען מיט דער פאַר־מערונג פון דעם דאָזיקן נייעם געשלעכט וואָס האָט קיין אַנדער וועלט ווי איל־דע־דאַם נישט געקענט, — האָט זיך ביי אַלע מוטערס אַלץ מער און מער אַריינגעריסן דאָס געפיל פון עלנטקייט. און וואָס פאַר אַ הערלעכע, לעבנס־זאַטע נפשות ס'זענען אונטערגעוואַקסן! ווי גאָט וואָלט דאָ באַוויזן זיין אוצר פון די שענסטע און איידלסטע וועזנס. ס'האָט אויסגעזען ווי די אייראָפּעישע ראַסן וואָלטן דאָ פּרובירט דערגרייכן מיט זיך אַ נייעם און העכערן מענטשן־טיפּוס. און די דאָזיקע דעמאָניש־שיינע קרעאַטורן האָט, נישט קוקנדיק אויף זייער

פאַרשידנאַרטיקייט, פאַרבונדן אין ענלעכקייט וועלכע מען האָט נישט געקענט אָפּלייקענען: די פאַרב פון זייערע האָר און די אויגן.

*

מ׳מוז דאָ אָפן זאָגן און מודה־זיין אַז אויפן פאַרביקן באַלאָן פונעם וו ע ר ן און וו אַ ק ס ן אויפן איל־דע־דאַם, זענען אויך געווען עטלעכע טונקעלע פלעקן: מען האָט געפונען אַ געהאָנגענע די שיינע מולאַטין אַלמאַ, אין דער צייט בערך פון ערשטן יאָר נאָך ביהאָר לעלס געבוירן. אין דער זעלבער צייט האָבן אויך אַ דריי־פיר פון די שיף־געראַטעוועטע, אויף פאַר־שידענע אופנים, גאַנץ טרויריק פאַרענדיקט זייער לעבן, ווייל זיי, ווי זיי פלעגן זאָגן, האָבן נישט דעם כבוד און זענען נישט ראוי באַרירט צו ווערן פון דעם געביר־מאַכנדיקן כוח. אויס דער זעלבער סיבה זענען אויך עטלעכע משוגע געוואָרן. די דאָזיקע נייעסן וועלכע האָבן זיך זער שנעל פאַרשפּרייט, האָבן געמאַכט אַז די מוטער אַמאַנדא עגלי, זאָל אין שייכות מיט זיי, מוזן עפּעס באַשליסן.

*

ענדלעך, אויף דער דאָקטאָרינס קאָנטאָ האָט מען געקענט פאַרשרייבן דאָס וואָס אין איין שיינעם טאָג איז מען דערגאַנ־גען ווי אַזוי צו פאַרהיטן פאַר דער סכנה וואָס איז געשטאַנען דעם מאטריאַרך צוליב דעם גרויסן צוווּקס פון יינגלעך. פאַר־שטייט זיך, אַז ס׳זענען אויפסניי אויסגעבראָכן שטאַרקע קאַמפן, ווי שוין נישט איינמאָל צוליב געוויסע פאַראָרדענונגען, אָבער, זיי זענען גאָט צו דאַנק אַריבער, נישט שטערנדיק דעם הערלעכן שלום אין דער מלוכה פון די מוטערס. אמת, דאָס האט זיי אַ ביסל עגמת־נפש פאַרשאַפט, אָבער אַ דאַנק די ענגע אייניקייט, איז עס אַריבער. אַ דאַנק די דאָזיקע אייניקייט זענען אַלע יינג־

לעך פון פינף יאָר און עלטער איבערגעשיקט געוואָרן אויף אַ דערווייטערטן, באַזונדערן טייל פון דעם אינזל. דאָס דאָזיקע מיטל האָט פאַרשטייט זיך, איינגעבערענגט בלוטיקע גרויזאַמקייטן וועלכע זענען געווען אין פאָרשלאַג, זיי האָבן אָבער באַוויזן אַז דאָס דורכפירן אן אידעע צו אַ געוויסן פונקט, איז בשום-אופן נישט מעגלעך און געפילאָזיקייט. — ביים פאַרטרייבן, האָבן זיך געהערט געוויינען, געשרייען און זיפצן, אָבער נישט פון די וואס זענען אוועק אין גלות, נאר פון די איבערגעבליבענע מוטערס. מ׳האָט זיך אָבער ענדלעך געפּאַסט מוט און די דאָזיקע שוואַכקייט איז אַריבער.

די דאָזיקע פּויערימלעך וועלכע האָבן מיטגעבראַכט אויף דער וועלט אַ טייוואָלאָנישע ווילדקייט, זענען געווען די צרה פון טאָג. יעדער מין זכרונות פון אַ וועלט, יעדן מין איינפלאַנצונג פון אידלקייט אין זיי, האָט זיך נישט איינגעגעבן. ווי ס׳איז נאָר געווען עפּעס אַ סיכסוך, אַ קריגעריי אָדער אויפגערעגטקייט ביי די מוטער — זענען זיי, די דאָזיקע האַלב-ווילדע געווען די סיבה דערפון. און נישט איינמאל האָבן זיך די מוטערס געפרעגט: ווי אַזוי דאַרף מען זיך באַגיין מיט דעם קליינוואַרג, מיט די דאָזיקע האַלב-חיות וועלכע טאַנצן אַרום און האָבן ציין ווי ביי טיגערס, און פאַלן אָן נישט בלויז איינס אויף ס׳אַנדערע, נאָר אויך אויף זיי, די מוטערס. און נישט איינמאָל האָבן זיי אומבארחמנותדיק אנגעבויקערט די דאָזיקע הייליקע מאַמעס — איז גאַנץ מעגלעך געווען אַז די בעסטע, די באַכבודיקסטע פון צווישן זיי האט נישט געקענט פאַרטיק ווערן מיט אָט אַזא מין קליינעם חברה-מאַן.

*

פאַר דעם אָפּגעטיי׳טן צווייטן געשלעכט, האָט איל-דעדאַם פאָרגעשטעלט זער אַ געזיכערטן פלאַן: דער אינזל האט זיך אַרומגעלייגט אַרום דעם ברייטן ים-בוזעם וועלכער האָט נאָר אין מערב-זייט פאַרמאָגט אַ שמאָלן פעלזן-טויער וואס האט אים פאַרבינדן מיטן ים. אין מזרח זענען די ביידע אויסגעבויגענע-

אָרעמס פון אינזל פאַרבינדן געווארן צווישן זיך דורך אַ שמאָלן און פעלזיקן ייסטמוס 1). איבער אים זענען די ייִנגלעך געפירט געווארן פון צפון קיין דרום און אויפן דרומדיקן ברעג פונם ים-בוזעם באַזעצט געוואָרן און דאָס אַלץ נישט אָן דער הילף פון אויסגעקליבענע פרויען וועלכע האָבן אויף זיי אכטונג געטון און זיי געפירט.

און ס'איז גאנץ פארשטענדלעך געווען ווען דער ערשטער גלות פון די ייִנגלעך, געטריבן איבערן ייסטמוס אין באגלייט פון זייערע מוטערס, איז אָנגעפירט געוואָרן פון דער הויקער-דיקער פריילן אווגוסטע, וועלכע איז געריטן אויף א צעבו-קו. און די ייִנגלעך אויף וויפיל זיי זענען געווען דערצויגן, האבן נאר געקענט פארשטיין אז זיי מאכן איצט א שול-שפאציר. די טרערן און געשרייען פון די מוטערס האבן זיי נישט פארשטאנען. יאָ, א סך פון די מוטערס האָבן געמוזט זייערע פיצלעך, פשוט, פאנגען דורך א לאַסאָ, אדער ביים קארג, צי ביי די האָר און אליין זיי ברענגען כדי דאס לעצטע מאל צו זען זיך מיט זיי. אנדערע האבן זיך געהאַלפן מיט אַן א קייגן-געטראגענעם באנאנאס, אדער א שמעקנדיק שטיק וורשט כדי צו קענען אפגעבן איר האלב-מאלפע-קינד וועלכער איז געקראכן אויף א פעלזן שפיץ אדער א פאַלמע-בוים.

אין דעם ניי-געשאפענעם „מאנלאנד" האבן זיך פאר די פארטריבענע אנגענומען די הויקערדיקע פריילן אווגוסטע, מוצי שמידט און, דער עיקר פאַאָן.

די מוטער עגלי אבער און נאך איינע, א געוויסע פילאָמעלא שוואב, האבן אבער געהאלטן אז די דאזיקע עצה איז נישט קיין געגוגנדיקע. זיי זענען זיכער געווען אז צוליב דעם וועט, צום באַדויערן, זיין עפעס וויכטיקעס פארשפעטיקט — ניין, דאס דאזיקע מיטל איז נישט גענוג! און א קליין ייִנגל, מ'האט אים גערופן ביאנאָר, האט גלייך אויפן אָרט אויפן בעסטן

1) צווישן-ים. א מין פארקן.

אופן באוויזן אז זיי זענען גערעכט: ביים גײזעגענען האט ער אויך זיי און די איבריקע מוטערס כסדר געשפּיגן.

אויף דער מוטערס זייט, אָדער אין „מוטערלאַנד" איז פון דאַמאָלס אָן, אַלץ ווייטער געגאַנגען זיין רויקן און רעגלמעסיקן גאַנג. שפּעטער א ביסל, אויפן צענטן יאָר, איז אויך קיין שום אויסערגעוויינלעכעס נישט פּאָרגעקומען, ס'איז נאָר בלויז געווען צו באַמערקן אַן אַלגעמיינע אַנטוויקלונג. אויטאָמאַטיש זענען יאָר-איין יאָר-אויס אַרויסגעשטויסן געוואָרן די פינף-יעריקע בחורימלעך: יינגלעך מיט ווילדע אויגן, בלאַשקנדיקע ציין, קרצפּטיקע קערגלעך און ווי שפּיגלדיקער בראָנז די הענט און פיס וואָס זענען געטאָקט געווען ווי טרעפּ-באַריערעס, מיט בלוטעען 1) ווי צוויי בלאַנקענדיקע האַלבע קירביסן. און ווען די שיינע אונטערוואַקסנדיקע, בליענדיקע הימלישע טעכטער פון אינזל, האָבן נאָר געקענט פינף-יעריקע בחורימלעך — האָבן זיי נישט געהאַט קיין באַגריף פון דעם וואָס אַזוינס ס'שטעלן מיט זיך פאַר אָט די דאָזיקע ווען זיי וואַקסן אויס.

אין אַן אָפענעם פּלאַץ מיט א בלויזן דאַך פון דיקע פּאַלמע-שטרוי, איז דער אונטערוואַקסנדיקער דור געלערנט געוואָרן פון ספּעציעלע לערערינס. יעדעס מיידל וועלכע איז נאָר אַלט געוואָרן צען יאָר און אפילו די יעניקע וועלכע זענען נאָך נישט אַזוי אַלט געווען, וועלכע האָבן נאָר בלויז געוואָלט גילטן פאַר דערוואַקסענע, ווי אויך זייערע מוטערס, זענען געוואָרן גייסטיק געפירט פון די הייליקע מוטערס. א חוץ דער אַקאַדעמיע זענען דאָ-און דאָרטן געווען נאָך אַנדערע שולן. דער אַלגעמיינער לערן-שטאַף איז בלויז געוואָרן אויסגעאַרבעט פון דער איידעלער לאורענצע, די פּרעזידענטין און ראַדבערטע

---

1) „בלוטעען" — די אדערן וועלכע ציען זיך איבערן גערעס.

קאַלב. דאָס טריומפיראַט האָט אויך מסכים געווען צווישן זיך, דאָס דער לערן-שטאָף פאַר דעם „פינסטערמאַנלאַנד״ זאָל זיין אַ שפּאַרזאַמער און אַ זער-געקליבענער.

דער נאָמען „פינסטערמאַנלאַנד״ פאַר אייראָפּע און איר קולטור, האָט זיך דאָ, אויפן אינזל, זער גוט איינגעבירגערט. דאָס וואָס ס׳איז דאָ געלערנט געוואָרן, האָט געמוזט טראָגן די אידעע פון מאַטריארכאַט און דער איבערנאַטירלעכער געבויר-קראַפט האָט דאָ געמוזט זיין דער נאָנטסטער געדאַנק. דאָ איז אויך נישט נויטיק געווען, אַז די מיידלעך זאָלן טראָגן די לאַסטן פון די גרויסע וועלט-גייסטער. ס׳איז געווען אומנוצלעך, ווייל קיין שום זאַך האָט נישט געטאָרט באַעוולהן זייער נאַטירלעך וואַקסן. דאָ איז דאָס דאָזיקע פּרוכטבאַרע אויפקוועלן פונם קערפּער און גייסט, געווען אַ ווונדערלעכע, גרויסאַרטיקע מאַכט וועלכע האָט זיך אומעטום גאַנץ בולט אַרויסגעזען.

—דאָ איז קיין אַנדערע עצה נישטאָ — האָט די איידעלע לאורענצע געזאָגט: מיר מוזן דאָ אויף עטלעכע שעה צוריקרוקן דעם זייגער פון דער קולטור-געשיכטע. דער קינסטלעך אַהער-אַריבער-געפירטער מעשי-בראשית פון דער געשיכטע האָט פאַרלאַנגט מען זאָל זיך צופּאַסן צו דעם און ס׳איז דאָך געווען זער אויסגעהאַלטן ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין אַזאַ מין אַלטע פינסטערמאַנלאַנד-קולטור.

און ביי די דאָזיקע גרונד-יסודות האָט מען זיך געהאַלטן.

*

אין דער דאָקטאָרין עגליס לימוד איז דער נאָמען „מאַן״ נישט דערמאַנט געוואָרן, אפילו נישט אַז דער מאַן און מענטש איז איינס-און דאס זעלבע. דער מענטש איז ביי דער דאָקטאָרין געווען די פרוי, מיט דעם זעלבן געדאַנק האָבן אויך מיטגעהאַלטן די איבריקע לערערינס. אין פינסטערמאַנלאַנד איז שוין

דער מאן יאָ געווען דער מענטש און די פרוי, אויפן בעסטן פאַל, אויך אַ מענטש וועלכע איז ביי דעם מאַן — אויב מען האָט אים בכלל געקענט באַצייכענען אַלס אַ מענטש — נישט גענומען געוואָרן אין אַכט. אויף דעם דאָזיקן פסיכאָלאָגישן אונטערשלאַג האָט זיך די דאָקטאָרין עגלי קיין ספק נישט געקענט. איר איז דער צעוס אָדער מוקאלינדא-געביר-קראַפט סימפאַטישער געווען; די דאָזיקע פסיכאָלאָגיע האָט זי העכסטנס געקענט באנעמען אַלס אַ צום-באַדויערן נישט-באַגרייפלעכע רשעות. און דער אמת איז געווען, אַז דער מאַן איז איר געווען אומסימפאַטיש, און אַזוי אַ נאָך איז דער דאָזיקער געפיל אין איר געוואקסן ביז צו אַ פסיכאָלאָגישן האַס.

ראדבערטע, דער געלערנטסטער און קלוגסטער גייסט פון דער קאָלאָניע, די פרעזידענטין און די איידעלע לאורענצע, זיי האָבן קיין לימודים נישט געגעבן. זיי זענען מער נישט פעיק — האָבן זיי געזאָגט: ווי צו האַלטן זיך אין די ראַמען פון די געגעבענע געזעצן. זייער גאַנץ געלערנטשאַפט האָבן זיי אַרויסגעוויזן אין די שמועסן מיט אַנאַנדער, און, פאַר אַלעמען האָבן זיי זייערע געשפרעכן געווענדט אויף פאַאָנען וועלכער איז אין דער צײַט געווארן אַ פולקאמער מאַן און איז להוט געווען ביי יעדער געלעגנהייט, עפעס צו לערנען.

מיט דאגמאר-דיאָטאן וועלכע איז אין דער צייט געווארן אַ קינסטלערין אין טעפיך-געוועבן, מיט איר האט אים נאך אליך פארבינדן די זעלטענע, פרומע פריינטשאפט; ס׳האט אויסגעזען ווי ער וואָלט צו דעם מיידל תפלה געטון. די מיס וואַר איז געשטאָרבן, זי איז נאָכגעגאנגען זיין מוטער, איז אנשטאט איר, לאורענצע געווארן די פארזאָרגערין און עצה-געבערין פון זיינע פארשידנערליי ספקות און געמיטס-צושטאנדן. צו דער מאלערין האט ער זיך געווענדט מיט זיינע האלב-משוגעגע, הומאָריסטישע און אפט ציניש אײנגארטיק. און צו דערזעלבער צייט האט ער אויך איינגעשלינגען די גאנצע בילדונג, דאס גאנצע וויסן וואס ראדבערטע האט פארמאגט און אפט איז ראדבערטע קאלב נשתומם געווארן, ווען זי האט געזען ווי

ער זיצט מיט איר שוין עטלעכע שעה און דיספוטירט און זי האָט געטראַכט אַז דאָ אַנטקייגן איבער איר זיצט אַ זעלטענער גאון. און פּאַן פלעגט אויך אָפט גיין צו דער מאָדנער באַבעטען וועלכע איז נאָך אַלץ אַזוי איינזאַם געזעסן נישט-ווייט פונם שפּיץ פון מאָנט-דע-דאַם וועלכער האָט זיך געפינען ביים שלאַנגען-טייך. ער פלעגט זיך שעהן-לאַנג צוהערן צו אירע מעשיות און לעגענדען, חלומות, נביאותן און מיסטישע איבערלעבונגען פון אַלע מינים, וועלכע זי האָט אַרויפגעבראַכט פון דעם אייביק-פאַרשיכורנדיקן קוואַל פון איר נשמה. און דאָס אַלץ וואָס זי האָט דערציילט, אַלץ האָט זיך בלויז געדרייט אַרום איין פּונקט: אַרום איר ערשט-געבוירענעם זון — ביהאַרעל, אין וועמען זי האָט געזען דעם גייסט פון, נישט קיין דערן — ווי פון גיוט קרישא.

*

פון באַבעטעס התבודדות-אָרט און פון דעם טעמפּל-געגנט פון דער אידעלער לאורענצען איז פּאַרטיק געוואָרן איין-און דערזעלבער מיטיש און מיסטישער שטאָף וואָס האָט בשותפות מיט דער נאַטירלעכע ריח-ניחוחדיקייט פון דעם טראָפּישן אינזל אָנגעצינדן מיט התלהבות די געמיטער און זיי אינגאַנצן פאַרשלינגען. דאָ האָט אַ סך צוגעהאָלפן דאָס נאַטירלעכע און שלהדיקע פון די דאָזיקע געמיטער. אפילו ראדבערטע די אָזיקע ניכטערע און פאָרשנדיקע-נאַטור, אפילו זי האָט געמוזט דדה-זיין אַז עס וואַקסט אַ געשפּענסטער-וועלט אויפן איל-דע-דאַם, אַ נאַטירלעכע ניסימדיקייט און אבערגלויבישקייט. פון ים וואָס דער אינזל האָט אַרומגערינגלט, אויס דעם קראַטער פון דעם מאָנט-דע-דאַם וואָס האָט אויף דער וואָר און אין חלום געהאַט איין-און-די זעלבע מראה — פון דעם אַלעם זענען אַרויסגעוואַקסן גייסטער, רוחות וועלכע האָבן נישט געוווּסט פון קיין רוים און צייט און — ס'האָט נאָך צוגעהאָלפן פאַרגרינגערן די שווערע שטימונגען פון עלנטקייט און פאַרלאָזנקייט.

ריטאס נשמה האָט אָנגעהויבן אַרומגיין און, איר שאָטן איז געוואָרן אַלעמען נאָנט. אַזוי איז אויך די פאַרשטאָרבענע מיס וואַר געקומען צו די מוטערס און, די טויטע מולאטין איז, כמעט, יעדער נאַכט געקומען אין איר לעבעדיק געשטאַלט און געשראָקן יעדער נאַכט אַן אַנדערער מוטער. אויך אין מאנלאנד האָבן אַ סך יינגלעך נישט געוווסט דעם חלוק פון חלום און וואָר: זיי האָבן אין חלום געזען לעבעדיקע געשטאַלטן און, וואַכערהייט — טרוים־געשטאַלטן.

אויף דעם אָרט וווּ די איידעלע לאורענצע איז געזעסן, וואָס איז גערופן געוואָרן אויף מוקאלינדאס נאָמען, האָט געלעבט דער גלויביקער געדאַנק פון דער איבערערדישער צוזאַמענקונפט וועלכער האָט אויפגעהאַלטן דעם טעמפּל. דאָס פאָרהויז דאָרט, אָדער דאָס פּריטאַנייאָן איז געווען אָפּגעטיילט פון ווייטערדיקן, מיט איינעם פון דאגמאר־דיאדאטאס טעפּיכן; אין פּריטאַנייאַן האָט תמיד געמוזט ברענען אַ פייער; אויף דעם טעפּיך איז קינסטלעריש געווען פאָרגעשטעלט אויף וועלכן אופן דאָס דאָזיקע הייליקע פייער איז געבראַכט געוואָרן, יעדעס יאָר אין יאָהאַניס־טאָג 1), פון קראַטער־ראנד פון מאנט־דעדאַם. צוועלף אויסגעקליבענע יינגלעך האָבן עס געבראַכט אין קוקוניס — צוועלף פלאַקערדיקע פאַקעלן מיט וועלכע זיי האָבן זיך פלינק געיאָגט פון באַרג־אַראָפּ. אָט די דאָזיקע צוועלף ליכט־ברענגער מיט די לויפנדיקע פאַקעלן, האָט דאגמאר־דיאדאטא איינגעוועבט אין טעפּיך.

דאָס אָפּהיטן דאָס דאָזיקע פייער איז ענדלעך, נאָך וואָכנלאנגע וכוחים, אָנפאַרטרויט געוואָרן די צוועלף יינגלעך. זיי בראש איז געשטאַנען ביהאַר לעל. נאָך אים איז, לויט דער ראַנגע, נאכגעגאַנגען: אלעקסאַנדער, אַנסוואַלד און אַריעל.

די דאָזיקע אויסגעקליבענע שיינע בחורימלעך וועלכע זענען שוין באלד געוואָרן עפעבן, זענען גלייך געוואָרן באקאנט

1) א קריסטלעכער יום־טוב, פאַר פסח. ביי יידן הייסט ער „יעהאנע".

אין דער דאָזיקער געגנט; מען האָט זיי אָפּגעגעבן א וווינונג אין אַן אפענער האַלע וואס האט זיך געפונען נישט-ווייט פון דעם טעמפּל.

פאַרשטייט זיך, אז ס'האָבן געמוזט זיין געווען וויכטיקע סיבות וואס האבן דערלויבט עובר-זיין אויפן מאטריארכאט. דאס דאזיקע איז איינשטימיג באשלאסן געווארן דורך דעם דריי-פּרויען-ראַט צווישן וועלכע ס'האָט זיך אויך געפונען די דאקטארין עגלי. אין די פעסט-באַשטימטע כללים פונם דער-ציונגס-פּלאן זענען די דאָזיקע צוועלף יינגלעך געווען א באַזונדערער פרט — אן אויסנאם. ווען אין מאנלאנד זענען די יינגלעך אלץ מער און מער אראפּגעזינקען צו דער מדריגה פון די שודראַס 1), זענען די דאָזיקע צוועלף אין דערזעלבער צייט דערהויבן געווארן אלס הימל-זין. זיי זענען שטאָלץ געווען מיט דעם און האָבן געשיינט ווי די געטער. אין ביהאר לעלן איז די דאזיקע געטלעכקייט אַמבולטסטן קענטיק געווען א דאנק די אנגערעגטקייט פון באבעטעס פארעקשנטער געהויבענער מיינונג איבער איר זון.

דער גרויסער טאבו וואס האט גערוט ארום דעם טעמפּל-געגנט האט באדארפט צושטערט ווערן דורך איינע פון די הייליקע מוטערס וועלכע איז ספּעציעל דערצו גערופן געווארן פונם דריי-פרויען-ראַט. בלויז איינמאל אין יאר, אינם געבוירנס-טאג פון ביהאר-לעלן, האט מען אלעמען צוגעלאזן. וואס די דאזיקע איינצלנע גערופענע האבן דארט געהאט צו טון — דאס איז נישט

---

1) נאך די לאנגיעריקע קאַמפן וואס די אוראנער האבן געפירט מיט די אינדיער (באשריבן די עפּאפּעען „ראַמאינא" און „מאהאבאגאראַ"), איז אנטשטאַנען די כראמאגיסטישע רעליגיע. צו דער ערשטער מדרגה אין זייער סעקטישקייט האבן אנגעהערט די קאפּלאנען-„בראמינער". צו דער צווייטער „קשאטריא", האבן אנגעהערט די ריטער. צו דער דריטער „וואסיא", האבן אנגעהערט די סוחרים און פויערים. צו דער פערטער, די „נישט-ריינער" האט אנגעהערט די גאנצע אינדישע באפעלקערונג וועלכער האט באקומען דעם נאמען „שודראס

אזוי לייכט געווען צו דערגיין. ס׳איז אומעגלעך געווען צו פארשטיין ווי אזוי דאס ווונדער איז געשען וואס א דאנק איר האבן, כמעט, אלע פון די גערופענע נאך ניין חדשים, געבראכט אויף דער וועלט א קליינעם אינזל-איינווינער.

די איינצלנע הייליקע מוטערס זענען גערופן געווארן צום אזוי-געהייסענעם: „טעמפל-שלאף". דעם דאזיקן סדר האט די איידעלע לאורענצע איבערגענומען פון די אלטע צייטן. אין א סך גריכישע טעמפלען איז דער דאזיקער טעמפל-שלאף אויסגענוצט געווארן. אומפרוכטבארע מוטערס זענען אזוי ארום מעוברת געווארן, קראנקע האבן געהאפט אזוי ארום גע-הײלט צו ווערן.

נישט בלויז די הינדוסן האבן געוווסט פון דעם לינגא-קולט 1), אויך די קאטוילישע קירכע, ביים היינטיקן טאג, האט עולי-רגלניקעס וואס קומען צו געוויסע הייליקע אויסבעטן ביי זיי זאכן, — דערמיט שטייען זיי גארנישט ווייט אפ פון די הינדוסן, בכלל, אויב ס׳וויל, ווער נעמען אויף זיך די אויפגאבע צו דערגיין צי די גרעסטע מאס אבערגלויבישע פאר-שטעלונגען פארמאגן די פאלינעזיער אדער די אייראפעער, וועט ער זיך גאנץ גרינג איבערצייגן אז אפילו לגבי פאלי-בעזיערס און מיקראנעזיערס אינזל-וועלט 2) שטייט אויך דער אייראפעער באלאדן מיט א גרעסערן חלק אבערגלויבישקייט.

וואס מיט די הייליקע מוטערס געשעט בעתן טעמפל-שלאף, דאס ווייסן מיר נישט. בכלל האט מען גארנישט גע-

---

1) די לינגאיסטן זענען א רעליגיעזע פארטיי אין דרום אינדיען, זיי פארערן דעם פאלקסטימלעכן גאט — שיווא אין דער פארם פון לינגא ד. ה. דעם מענלעכן גליד אלס דעם סימבאל פון דעם שאפנדיקן נאטור-כוח. אגב: זיי פלעגן ארומטראגן מיט זיך דעם סימבאל אין א זילבערן פישקעלע.

2) מיקראנעזיע איז א געאגראפישע באצייכענונג פאר די צפון-מערבדיקע צעשאטענע אינזל-גרופן אויפן שטילן אקעאן. דארט געפונען זיך די קאראלינען, מאריאנען, די מארסאל און גילבערט אינזלען.

קענט וויסן וואס ס׳געשעט אין די נעכט אין מוקאלינדאס הויז. איז עס געווען אַ לינגאַ־קולט אין וועלכן זיי האָבן עוסק געווען? האָבן זיי תּפֿילה געטון צו אַ ליכט־לינגאַ, ווי די הינדוסן אין בענאַרעס, פֿאָרשטעלנדיק זיך אונטער דעם,ווישוועשוואַראַ דעם כּל־יכול? אין מוקאָלינדאַ־טעמפּל האָבן זיך נישט געוואָרפֿן אין די אויגן קיין שום לינגאַ־געשטאַלט אָדער אפֿילו אַן ענלעכעס צו אים. אין דרום־אינדיען, אין קינדאַבאַראַ, איז פֿאַרערט געוואָרן אַ נישט־זעבאַרער מעטער־לינג; אויב אין מוקאָלינדאַ־טעמפּל האָט מען אויך געהאַט צו טון מיט דעם — איז גוט. מיר דאַרפֿן מודה זיין אַז מ׳האַט סיי־ווי נישט געוווּסט וואָס פֿאַר אַ ציל דאָס האָט.

אין מוקאלינדא־טעמפּל איז סימבאָליזירט געוואָרן דאָס העכסטע געהיימניש אויפֿן אינזל. ער איז פֿון אַלעמען מיט גרויס כּבֿוד באַטראַכט געוואָרן, ר׳איז, כּמעט, באַטראַכט געוואָרן מיט אַ הייליקן ציטער, און פֿאַקטיש האָט זיך דאָך דאָס גרויסע וווּנדער אויפֿן איל־דע־דאַם כּסדר איבערגעחזרט אין אים.

—מיר האָבן שוין אַלץ וואָס מיר דאַרפֿן — פֿלעגט אַפּט זאָגן די פּרעזידענטין זיצנדיק אין דריי־פֿרויען־ראַט: מיר האָבן שוין די לעבעדיקע פֿונקען פֿון דער איבערנאַטירלעכער רעאַליטעט, מיר האָבן די אידעע פֿונם מאַטריאַרכאַט וואָס איז ענג מיט דעם צונויפֿגעבונדן און, צום דריטן פֿאַרמאָגן מיר שוין אַ מיסיע: אויסצושפּרייטן דעם מאַטריאַרכאַט אַלס מלוכה איבער די גאַנצע וועלט. ווען מען האָט אַ מיסיע, אַ גלויבן און אַן אידעע, קען מען שוין גאַנץ רויִק וואַרטן אויפֿן קץ. אַ הימלישער גלויבן, אַן אירדישער אידעאַל און אַ הייליקע שליחות — אָט די דאָזיקע זאַכן קענען גענוג מעשׂים אויפֿטון, אַפֿילו ווען קיין גענויע פּערספּעקטיוון דאָס אָ צו רעאַליזירן זענען נישט פֿאַראַן.

מיר ווייסן גאַנץ גוט ווי אַרום ס׳איז מעגלעך אַזאַ מין אויפֿפּאַסונג נישט אין זין פֿון דער געטלעכער לאָורענצע. איר גלויבן איז אָבער געווען גענוג שטאַרק, די אידעע האָט איר באַהערשט און אין דער אַמאָליקער מעגלעכקייט פֿון דערגרייכן

די דאָזיקע מיסיע, האָט זי קיינמאָל נישט געצווייפלט. פּונקט ווי אין מוקאַלינדאַ-טעמפּל, אַזוי אין באָנאַ-דעאַ האָט זי גע- האַנדלט מיט דער געבנוג-קלאָרער ערנסטקייט פון אַ איבער- פּריסטערין. אין די געדאַנקען, אין דער אידעע פונם מאַטריאַר- כאַט איז זי מיט איר גאַנצן ליבעס-פייער, כמעט, ווי אַריינ- געוואַקסן געוועז. זינט זי האָט געהאַלטן יענע רעדע, ביים געזעגענען זיך אין נאָטר-דאַם, אין יענעם ערשטן קליינעם באַמבוס-קלויסטערל — זינט דאַמאַלס איז זי פעסט פאַרקניפּט געבליבן מיט דער אידעע. „טעכטער פון דער ערד און פון הימל" — האָט זי דאַמאָלס צום ערשטן מאָל געפּרעדיקט צו די אינזל-פרויען. זי האָט געזאָגט: „מיר ווילן זיין גייסטיקע מו- טערס". זי האָט קריטיקירט די וועלט-קולטור און געזאָגט אַז די רוימיש-קאַטוילישע קירכע איז אונטערגעגאַנגען צוליב איר פאַר- אַכטונג צו דער פרוי: דאָס הייסט: פאַראַכטונג צו די גרונט- יסודות פונם לעבן פון וועלכן אַלץ איז אָפּהענגיק. אין וועלכן גן-עדן מיר זאָלן נאָר נישט האָפן אין דער צוקונפט אַריינצוגיין, תמיד וועט עס מוזן זיין דורכן טויער פון לעבן. און דאַמאָלס האָט זי נאָך דאָס דערקלערט: „די אויסגעטראָגענע ציוויליזאַציע פון דער פרוי וועט קיינמאָל נישט מאַכן קיין לאַרם מיט די דרעש-שטעקנס ביים דרעשן שטרוי, און נישט דעם פאַרטויבנ- דיקן געקלימפּער מיט די מיל-שטיינער ביים מאָלן פלעווס, ווי ס'איז, אין דעם אַזוי-געזאָגטן פאַל, אין די מענער-ציוויליזאַציע; יעזוס קריסטוס אפילו איז פון אַ פרוי געבוירן. זיין לערע פון „זאָלסט ליבן דיין חבר ווי זיך אַליין" וועט איצט געבנצלעך פאַרווירקלעכט ווערן נאָר דורך די מוטערס. אפילו די ליבע קומט אַרויס פון אַ פרוי. נישט נאָר דערפאַר וואָס זי געבוירט אַלעמען און האָט אַזוי אַ נאָך אַ חלק אין דער ליבע וואָס דאָס יינגל פאַרמאָגט — נאָר ווייל זי טראָגט אין זיך ניין חדשים דעם ווערנדיקן מענטש און שיצט אים; אין דער לאַגע, פאַר דעם געבורט, האָט די מענטשן-ליבע די בעסטע פעולה".

דאָס זעלבע איז דאַמאָלס געשען מיט דער איידעלער לאָורענצען. זי האָט דאַמאָלס טראָגן געוועז מיט רוקימיצ-

וועלכע זי האָט שפּעטער אין זעקס אָדער זיבן חדשים אַרום געבוירן און וועלכע האָט זיך אַנטוויקלט אַלס אַ הערלעך מיידל־בלום.

דער נאָמען רוקימיני האָט איר געגעבן באַבעטע ווייל זי האָט אין איר געזען דאָס צוקונפטיקע הויפּט־ווייב פון ביהאַרלען, דאָס אינקאַרנירטע ווייב פון דעם אינקאָרנירטן גאָט קרישנאַ.

לאָורענצע ווי מיר ווייסן, איז געווען פילאָזאָפין און דיכטערין. פון דער שיף האָט זי צו זיינער צייט מיטגעראַטעוועט עטלעכע פעדערס און אַ שפּאָר ביסל בליישטיפטן מיט עטלעכע טויזנט בויגן שרייב־פּאַפּיר. אַלס טינט־ערזאַץ האָט זי גענוצט אַ געוויסע פאַרב־שטאָף וועלכן מען האָט אַנטדעקט אויפן אינזל. אינם וואַלד־בוך האָט זי בלויז פאַרצייכנט אירע פילאָזאָפישע געדאַנקען. אירע דיכטערישע פעיקייטן האָט זי אויסגעדרוקט אינם פאָרם פון אַן עפּאָס וועלכער איז שוין כמעט, ביז דער העלפט פאַרטיק געווען. דאָס איז אַ מין „ענאידע” וואָס האָט געטראָגן אַ ווייבלעכן אינהאַלט: אויף ענעאַס אָרט, דער רעטער, פירער און באַגרינדער פון רוים, איז דאָ געשטאַנען אַוועקגעשטעלט אַ פרוי.

ס'איז לייכט צו פאַרשטיין וואָס פאַר אַ רעאַלן הינטערגרונט דער דאָזיקער עפּאָס האָט געהאַט: דאָ איז געליגן דער געדאַנק פון די מוטער־שטאַט איל דע־דאַם, וועלכע האָט באַדאַרפן זיין די גרינדערין פון דער ווייבלעכע וועלט־מלוכה.

אַזוי איז דער שטילער שאַפונגס־כוח אויפן איל־דע־דאַם אַ דורך אַ שטיק גליקלעכע צייט. צוזאַמען מיט די קינדער, זענען אויך די מוטערס, ענלעך צו פלאַנצן, אַריינגעוואַקסן אין דעם פאַרכישופט־גליקלעכן מיקראָ־קלימאַ פון דעם טראָפּישן אינזל זייערן. איין טאָג־סדר איז געווען איינגעשטעלט פאַר אַלעמען אומעטום און אויספירן דאָס, איז געווען אַ שפּילעוודיקע זאַך. די צעבו־סטאַדעס האָבן זיך אַליין געפּאַשעט און געמערט. אויף דער

לאַנקע זענען זיי געמאלקן געווארן פון די מוטערס און פון די הימלישע טעכטער און, מ'האט געקענט מיינען אז דאָס זענען פאַקטיש דעם זון-גאָטס קי וואָס ווערן געמאָלקן פון די העספּע־רישע נימפן, וועגן וועלכן די איידעלע לאורענצע האָט שוין נישט איינמאָל געטראכט. מ'האָט געזען די דאזיקע נימפן מיט די שיין־געפאָרמטע, רויטע ליים-געפעסער אויף די קעפ וועלכע האָבן דערמאנט אן די שענסטע פון די קאַריאטידן 1). דאָס צניעותדיק־בוקאלישע 2) האָט זיך דאָ צונויפגעבונדן מיט דעם העכסט-באכבודיקסטן און איידלסטן און אזוי ארום געוואָרן צו דער זעלבער צייט קינדיש און געטלעך. די חיות און מענטשן אין א שלוהדיקע צוזאמענקייט, האבן דא אויסגעזען פארבונדן, פונקט אזוי מיט דאס עצם־חיהשע, ווי מיט דעם געטלעכן.

ווען די יינגע איפיס, די טאָכטער פון דער געוועזענער מיס פעידזש, איז אַ מאָל אויף איר צעבוס־אָקס אדורכגעריטן די סטאדע, האָט מען געקענט מיינען, אז מען געפינט זיך אין הימל. און יעדעס מאָל ווען לאורענצען איז, א דאנק א צופאל, אויסגעקומען צו זען אזא בילד, האט זי פון איבעראשונג גע־ציטערט און איר אויג האט נישט געקענט אויסהאלטן די דיאמאנטן-בליצן וואָס האָבן זיך געשאָטן פון אזא הויפן שיינקייט.

*

דער צעבו־אָקס איז צום ערשטן געפאנגען געוועזן און

---

1) אין דער גריכישער ארכיטעקטאניק—זיילן פון מארמורענע פרויען בעשטאלטן אין לאנגע געפאלדעוועטע קליידער וואס טראגן אויף זייערע קעפ געבעלק. די קאריאטידן זענען געוועזן איידעלע פרויען וועלכע זענען פאר זייער אונטערשטיצונג די פער ער, פארמשפט געווארן פון די גריכן צו עפנט־לעכע ארבעטן.

2 דאס ביקאלישע באציט זיך צום פאסטוך־לעבן ד. ה. דאס פשוטע, דאס תמימותדיקע.

היימיש געוואָרן אויפן אינזל-שטח פון די יינגלעך. זיי האבן דערפון געמאכט א נוצלעכע משא און רייט-חיה. אינם מוטער־לאנד איז מען דערפון געוואר געווארן ווען דער ווילדער ביאנאר האט זיך אין א העלן טאג, נישט דערלויבטערהייט ארייננגעריסן אויפן איל־דע־דאם, רייטנדיק אויף א צעבו-קי. און באלד דערנאך האט מען זיך אויך אינם מוטערלאנד אנגעהויבן באנוצן מיטן צעבו.

ביים הערערן ים־בוזעם וועלכן מ'האָט גערופן בוכטע־דע־דאם, האט זיך געפונען א פיין באד־ארט וועלכער איז אויסגע־נוצט געווארן, אוונט-צייט, פון די הייליקע מוטערס וואס זענען געקומען א מאל אין גרופעס און א מאל יעדער באזונדער. אט דאמאלס: ווען די בלאסע לבנה איז געשטאנען איבער דעם דאזיקן אקעאנישן טויער, די שווארצע וואלקנס פון מאנט־דע־דאם האבן זיך גערויטלט און די זון האט נאך אריבערגעבליצט מיטן לעצטן שטראל איבערן ייסטמוס — פלעגט זיך אפט איבערחזרן אן אויסערגעוויינלעך וואונדער. איבער די דאזיקע פאלן פלעגן אלע מוטער רעדן וועגן מוקאלינדא וואָס האט זיך געזען אויפן פעלז אין געשטאלט פון אן אויסטערלישן מאנספערשוין וואס פלעגט ווי א לייב שרעקלעך בילן. דער דאזיקער רוף האט אויף די הייליקע מוטערס נישט אנגעווארפן קיין שום פחד, פאר־קערט: ס'האט זיי אנגעכאפט א מין משוגעת אויסצושטרעקן צו דעם דאזיקן שיינעם טייוול די הענט און רופן אים ביים נאמען. דא איז ער ענלעך צו א לייב, דא צו א טיגער אדער א בער, אין יעדן פאל האט ער אויסגעזען ווי א שרעקלעכע רויב-חיה וואס האט זיך אפגעריסן און געכאַפט אויף די אקסלען איינמאל דער מיס טיסאן פעידזש, א צווייט מאל ראזידאן, די געוועזענע צירק־טענצערין און איר אוועקגעשלעפט מיט זיך.

אין דער צייט איז פאאן אויסגעוואקסן אן אטלעטיש שיי-נער מאנספערשוין. און ווייל ער פלעגט נאר קומען אין דער אקאדעמיע אוונט-צייט און די פארבינדונג מיט לאורענצען, דער פרעזידענטין און ראדבערטן און, פאר אלעמען די פארבינדונג מיט דאגמאר-דיאדאטאן וואס איז געווען א געהיימע און א פשוטע— איז דערפאר זיין פערזאן אין מוטערלאנד, כמעט, ווי פארגעסן געווארן. ער האט צומערסט פארברענגט אין מאנלאנד וואס האט אליין מיט זיך אנגעפירט און, די איינציקע פרוי וואס האט אים אפט געזען, איז געווען די הויקערדיקע פריילן אוו-גוסטע, די איינציקע פון די פרויען וואס האט זיך נאך אינטע-רעסירט מיט דעם דאזיקן טייל אינזל.

„דער רייץ פון דער איינזאמקייט איז מיטן לעבן א וויל-דע פאר; דער יעניקער אייראפעער וואס האט איר ווען גע-האט, וועט איר שוין קיינמאל נישט אפלאזן" — אזוי זאגט ער-געץ א גרויסער שריפטשטעלער. מירן לאזן דעם דאזיקן זאץ אויף זיין אחריות.

מיט פאאנען איז געווען דער פאל וואס כאטש ער האט אליין מיטגעווירקט אין אַ קרייז פון לעבעדיקע מעשים, פונ-דעסטוועגן איז זיין טיפסטע און גרעסטע הנאה געווען אט יענער רייץ פון דער איינזאמקייט. נישט קוקנדיק אויף דעם וואס ער האט זיך געחברט מיט די בחורים און יינגלעך פון מאנלאנד און באפריינדעט געווען מיטן דריי-פרויען-ראט און גאנץ באזונדער מיט אראכנע-דאגמאר-דיאדאטא 1), פונדעסטוועגן איז ער נאך תמיד נתפעל געווארן ווען ער האט זיך טובל געווען אין דער איינזאמקייט. אזוי ארום איז אויסגעקומען אז דעם דא-

1) אראכנע—אין א ינע פון די גריכישע מיטען ווע־ט זי פארגעשטעלט אלס א טאכטער פון יידמאן, א פורפור-פארבער אין לידיע, וועמען אטענע, די געטין פון קונסטן און וויסנשאפט רופט ארויס אויף א וועט-קאמף אין שפינען. אראכנע פארשפילט דעם וועט און ווייל זיך הענגען, דאמאלס פא־וואנדלט איר די געטין אין א שפין.

זיין זיינעם האבן אויפגעהאלטן צוויי עיקרדיקע צושטענדן פון וועלכע איינע, די חברישע, איז געווען די, אין וועלכע ער האט זיך אויסגעלעבט און, די צווייטע, די איינזאמקייט, איז געווען די אין וועלכע ער האט פרובירט פארשטיין דער וועלט.

*

כוואליעס פון פרייד זענען יעדן אינדערפרי געקוואלן אויס די טיפקייטן און ווייטקייטן פון איל-דע-דאם. פון די שמאראגדיקע לאנקעס, פון די נעקטאר-טריפנדיקע פארשיכורדיקע טאלן, ווו לעגענדעס אין געשטאלט פון כישוף-געפארבטע פויגל האבן ארומגעפלאטערט מיט א געפלאפל. פון די בערגלעך און וועלדלעך הייבן זיך די שמעקנדיקסטע ריחות וואָס שפרייטן זיך אַלץ מער און מער ביז זיי דערגרייכן צו פּאַאָנס ציטערדיקע נאָזלעכער וואָס זויגן זיי אַריין מיט אַ שטאַרקן אָטעם אין די גרומיקע לונגען. פּאַאָן טראַכט: דאָס לעבן שטייט אויפן יסוד פון די פינף חושים און באַוווסטזיין. דאָס לעבן איז בלויז אַ פילבאַרקייט, נישט מער. דאָס חושימדיקייט: דאָס זעען, דאָס הערן, דאָס פילן, דער טעם און דער ריח — אָט דאָס אַלץ האָט זיך צונויפגעבונדן און איז פּאַקטיש נישט מער ווי איין חוש. דאָס דאָזיקע דאָ-זיין-געפיל, איז דאָס באַוווסטזיין משיג. מענטשן קענען עס אָבער פאַרשידנאַרטיק תופס-זיין, פאַרשידנאַרטיק אויפנעמען, ווי אַ פאַרשימלטע בלאָטע נעמט אויף אַ ריינעם, זיסן און שטאַרקן ווייַן, אָדער וואַסער גאָר.

אין אָט דער צייט האָט פּאַאָן, אפשר דער איינציקסטער צווישן אַלע לעבעדיקסטע מענטשן אויף דער וועלט, פאַרמאָגט דאָס באַגרייפלעכסטע און שענסטע דאָ-זיין-געפיל. אין אים האָט געלעבט דאָס גרויסע און ווייטע צוזאַמען מיט דעם געזונטן פולס פונם גשמיותדיקן. ער האט גאַנץ גוט געוווסט אַז אַזאַ פיין לידל האָט אים דאס מזל ביים וויגל נישט צוגעזונגען, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער האָט איצט פאר זיך אַזא גינסטיקן האָראָסקאָפּ. נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער

האָט געקענט זיין מזל פאר אַ גליקלעך קינד, האָט עה גאַנץ
גוט געוווסט אַז די וועלט פון דער אייראָפעישע ציוויליזאַציע
האָט נישט געקענט דערנערן און אַנטוויקלען אין אים דעם
לעבנס-געפיל אויף אַ געהעריקער הויך. זיין האראסקאפ האָט אים
אויסגעזען צו זיין אַ צו-שטאַרק ריזיקער — א צו שטארק קאָמוניסטי-
שער סיסטעם, פיל מער קאָמוניסטישער ווי ס׳וואָלט געקענט פאַר-
שטיין דער פשוטער מענטש און די געזעלשאַפט. פון דער דאָזיקער
געזעלשאַפט האָט ער, דער איינציקער געזויגן אָבער, ער איז
א סך מער געזויגן געוואָרן פון איר. ערגעץ-ווו האָט אַ געווי-
סע באַוועגונג ציטערן געמאַכט דעם וועלט-אַרומנעמענדיקן נעץ
און מיט ציטערן האָט אויך געמוזט יעדער איינער וועלכער איז
געווען פאַרטשעפעט אן איר, ווי אַ פליג — ניין — ער איז גע-
גליכן צו אַ קליין רירעוודיק פלאָנטער-קנוילכל וועלכער איז
מיט אומצייליקע פעדעם אַריינגעוועבט אין אַלע אירע דימענ-
זיאַנען. האָט מען אים מיט צער און ווייטאָג אָפּגעריסן הגם,
ער וואָלט זיך גאנץ פעסט געהאַלטן אויף זיין אָרט — אָן אַן
אינהאַלט, אָן אַ זין, טויט איז דאָס דאָזיקע קנוילכל ווען
מען האָט עס אָפּגעשניטן פון דער נעץ... אָבער —
אויך אין דער נעץ, זייענדיק פאַרוועבט אין אַלע זייטן,
האָט מען שוין זיין אייגנאַרטיקן ריר, זיין אייגנאַרטיקע באַ-
וועגונג, געקענט פארעכענען פאר טויט.

אפילו דאָ, אין דעם פרייהייט פון איל-דע-דאַם, האָט
מען געלייגט אַכט אויף דעם אז מען בלייבט דער וואָס מען
איז. מען האָט דאָ געלעבט אן דעם ווילן צו ווערן אריינגע-
וועבט אין דער נעץ פון דער וועלט-קולטור. און אמת איז:
דאס איז געווען א נעץ וואס האט פאָליפּן-אַרטיק 1) אויסגע-
שפּרייט אירע מיריאדן פעדעם, כדי מיט תאווה צו קענען איינ-
שלינגען אין זיך יעדעס לעבעדיקע נפש.

1) אזעלכע אינזעלעך וואס ווי נאר זיי דערפילן א יך זיך א לעבעדיק
נפש, אזוי בייען זיי אונטער.

— איך האָב — טראַכט ער : שוין אפשר, גאַנץ מעגלעך צופיל ריזיקירט, זוכנדיק צו דערזעלבער צייט מיט אזא אויפ־ריכטיקייט האדבערטעס וויסן. צי דען אינטערעסירן מיך שוין נישט מער די אַלערליי גרויסע פּינסטער־מאנלאנד־פּראָבלעמען? צי וואַקסט דען נישט מיט יעדן טאָג די סכנה פאַר מיין גליק־לעכע פרייהייט, פאר מיין געבענטשטע הפקירות, פאַר מיין געטלעכע איידלקייט, צוליב די פינסטער־מאנלאנד־געזעצן, צו־ליב די פינסטער־מאנלאנד־מאָראל און פינסטער־מאנלאנד־לערעס? און, נישט קוקנדיק אויף דעם האָב איך נאך א געוויסע הנאה פון דער דאזיקער סכנה! צי רייסן זיך דען נישט מיליאָנען אָפּגעריסענע פעדעמלעך, קרובישע חלקים, מיט ווייטאָג צו דער אלטער נעץ צוריק?

אַזעלכע געדאנקען און א סך אנדערע האבן געווירקט אויף פאאנען אז ער זאל בלייבן אן איינזאמער.

— איך שטיי—טראכט ער : אליין, איינער אליין אין א וועלט וואס איז מחוץ די גרויסע ציוויליזאציע און אויך מחוץ דער מוטערשטאט פון איל־דע־דאם—אפילו מיטן ווילדן־מאנלאנד בין איך אויך נאר אויבערפלעכלעך פארבינדן. מיין כּוח ליגט נאר אין דער איינזאמקייט. דערפאר מוז איך זיך זען צו האלטן אן איר.

נאך די דאזיקע גרונט־זאצן האט פאאן געהאנדלט. און אז ס'איז געקומען א טאג ווען ער האט געהאט א גרעסערע באַרירונג מיט די ארומיקע, האט ער דערפאר שפעטער זיך צוריקגענומען זיין אומאפהענגיקייט און ווידער געבליבן אליין.

די גייסטיקע סביבה פון איל־דע־דאם איז אנגעזאפּט געווען מיט כּישוף, דאס איז געווען דער כּוח וואס האט אלע־מען געזעטיקט. דער גרעסטער כּישוף־מאכער איז דא געווען עראס, ער און נישט קיין אנדערער איז עס געווען וואס האט זיי אזוי גליקלעך געמאכט.

זייענדיק געצערטלט און דערוואַרעמט פון דעם שטילן אונטערגעוואַקסענעם דור, האָבן זיך די אינזל־מוטערס געפילט יעדן טאָג און יעדער נאַכט ווי באַנייט; זיי האָבן געפילט אַ מין שיינקייט אויפבליִען אין זיך און אַרום זיך. ביים גרעסטן טייל פון זיי האָט זיך דער געפיל אויסגעדריקט אין דעם וואָס זיי האָבן געהאַט פון זיך אַליין אַ הנאה.

כדי צו קענען געבן אַ באַגריף פון דער דאַזיקער סביבה, וואָלט מען צוערשט געמוזט אַוועקשטעלן לעבעדיק די נשמה, דעם זין און דאָס גאַנצע וועזן פון איל־דע־דאַם. בלויז אַזעלכע שאַרפע אינטעלעקטן ווי ראַדבערטע, ווי די פּרעזידענטין האָבן געקענט דערהערן דעם שומיקן רויש אין זייערע בלוטן, און, דערביי דאָך נישט קענען אויף געווי וויסן צי זיי זענען נישט אַ מאָל געשטאָרבענע, זיי זענען בלויז קערפּערלאַז פאַרבונדן מיט די גן עדן־חלומות און זיינע ריחות.

דאָס זעלביקע פלעגט אויך פאַאַן זאָגן:

— די איינציקע רעאַליטעט וואָס איך קען, דאָס איז דער גייסט, זיינע בילדער, געפילן און געדאַנקען.

שוין אין דער קינדהייט זיינע האָט ער פאַרשטאַנען אונטערצושיידן חלומות אויף דרייערליי אופנים: די וואָר אַלס חלום, דעם פריי־באַקומענעם טרוים וואָס מען נעמט זיך וואַכערהייט און, דעם נישט־פרייען חלום אין שלאָף. אויף אַ שפּאַסיקן אופן האָט אים דער פאַטער, עראַזמוס אַליין אַרויפגעפירט צו אַט דער שווער־געדאַנקלעכער אויפפאַסונג פון דער דאַזיקער איבערפלאַכלעכער רעאַליטעט. אינדערפרי, ווען פאַאַן איז נאָך אין בעט געלעגן, פלעגט ער זיך שטילערהייט אַדורכשלייכן איבער דער שטוב, זיך דערווייטערט פון אים, אַזוי אַז ס'איז אויסגעקומען אַז ער האָט זיך באַהאַלטן, און באַלד איז ער ווידער אַריינגעקומען אָבער, דאָס מאָל שוין מיט אַ הייטערע אויפגעלעבטקייט און מיט אַ הויכן שמייכלדיקן גוט־מאָרגן, פּונקט ווי ער וואָלט אים, אין דעם פרימאָרגן, ס'ערשטע מאָל געזען. און ווען פאַאַן האָט אים דערקלערט דאָס ער האָט באַמערקט זיין שפּאַס: אַז דער פאַטער מאַכט זיך נאָר אַזוי ווי

ער וואלט אים איצט נאר-וואס דערזען, ווען אין אמתן איז ער שוין פריער אַ מאָל געווען דאָ — האָט דער פּאָטער פּאַרלאַנגט דאָס ער זאָל אים אויפווייזן אַז ער איז שוין דאָ געווען.

— איך האָב דיך געזען — זאָגט פּאַאָן.

— און ווען דו וועסט מיר זאָגן, אַז דו האָסט מיך אויך געהערט גיין, קען איך דיר גלייבן און — נישט גלייבן.

— איך האָב דיך גאַנץ גוט געזען און געהערט — איז פּאַאָן זיכער. אָבער דער פּאָטער זאָגט נאָך אַ מאָל דאָס זעלבע:

— באַווייז מיר. נויט מיך אַז איך זאָל זיך מוזן מודה-זיין, אַז איך בין דאָ געוועזן. איבערצייג אזוי אז די גאַנצע וועלט זאָל וויסן דערפון. אָבער, אַזוי לאַנג ווי דו קענסט עס נישט, מוז מען דיר בלויז גלייבן אַז דו האָסט מיך געזען.

— אָבער צו וואָס זאָל איך דען ליגן זאָגן? — זאָגט פּאַאָן.

— ווייל ס'זענען פּאַראַנען טעותים, — זאָגט דער פּאָטער: און כּאַרוואָס זאָלסטו נישט זאָגן ליגן, ווען דו האָסט שוין נישט איינמאָל ליגן געזאָגט!

וואָס דער אמת האָט שוין פּאַאָן אַליין דאַמאָלס אויך גע-ווּוסט וועגן די דאָזיקע ווונדערלעכע גייסטיקע אומעגלעכקייט. ער איז דאַמאָלס אַלט געווען אַן ערך פינף יאָר, קוקט ער זיך אַזוי איינמאָל איין אין שפּיגל און זאָגט צו זיך: דאָס ביסטו. ס'הייסט: „דאָס ביסטו" — דאָס איז געווען, ווען מיר אָנעמען מאָנטאָג. דינסטאג האט ער ווידער אַ מאָל געטון דאָס זעלבע. דאָס ביסטו — רעדט ער אַריין אין שפּיגל און צו זיך זאָגט ער אויך: „דאָס ביסטו". נאָר באַלד פרעגט ער זיך: האָב איך דען נעכטן נישט געטון דאָס זעלבע? איך גלויב אַז יאָ, — ענטפערט ער זיך. גאַנץ מעגלעך. ער האָט אָבער בשום-אופן נישט גע-קענט באַווייזן, אַז נעכטן האָט ער דאָס זעלבע געטון וואָס איצט.

אַזוי נישט איבערצייגנדיק האָט אים אָפטמאָל אויסגעזען צו זיין דער גאַנץ-גרויסער נעכטן און, אפילו אויך דער

הײנט פון איל-דע-דאַם. אים האָט זיך געדאַכט אַז ער האָט אַ גאַנץ נאָנטער שייכות צו דער מעשי-בראשית — ער קען דאָס אָבער נישט באַווייזן. און אויב דער שכל-הישר האָט אים גע-פאַקט און אים געוואָלט באַווייזן די נאַקעטע רעאַליטעט פון איל-דע-דאַם, האָט ער אַלעמאָל דערגרייכט דעם געגנטייל: ער האָט געזען דעם אינזל אַלס אַ פאַנטאַסמאַגאָריע — אַ נישט-רעאַל לופט-בילד. דאָס האָט אָבער באַלד געקענט ווערן ווירק-לעכקייט ווען ער האָט געוואָלט, אָן שום איבערלייגונג און נאָכקלערונג, מודה-זיין אין איר כישוף און מאַגיע.

אויב מ׳האָט נישט געטאָרט קלערן פונם נעכטן, אַזוי האָט מען אויך נישט געטאָרט טראַכטן וועגן מאָרגן.

— ליבע, טייערע לאורענצע, — זאָגט ער איינמאָל אין אַ שמועס מיט דער אויבער-פריסטערין: דאָס אַלץ וואָס מיר האָבן און דאָס וואָס האַלט איצט ביים ווערן — דאָס אַלץ קען איך נאָר באַנעמען אַלס זעלבסט-צוועק. אָדער ס׳האָט רעכט-פאַרטיקייט אַלס אַזעלכעס צו עקזיסטירן, אָדער נישט. אויב דער הויכער ציל פון לעבן דאָ האָט געפינען זיין האַרמאָנישע שיינקייט; אויב פון די אינזל-טאָלן און זייערע הויכן הערן זיך עכאָס פון פרייד און לוסט — קענען מיר שוין האָבן אין דעם אַלע-אופנים רעכטפאַרטיקייטן. איך וויל ליבער אנשטאט פרייד און לוסט,— שמאַרץ און, לוסט נאָר אין יענעם פאַל ווען ס׳וועט זיין אין איר פאַרמישט די גרויסע, דערהאַבנקייט פונם געפיל וואָס קען דערהויבן צו אַ גרויסע מדריגה. איך האָב גאָרנישט צו טון ביי אייער מאַטריאַרכאַט אַזוי לאַנג ווי לאַנג ס׳איז נישטאָ די פּערספּעקטיוו אַז אין דער צוקונפט זאָל זי ווערן אַלוועלטלעך. פּולשטענדיקע רו פון וועלכע-ס׳איז אָרגאַנישע אַנט-וויקלונג — איז נישט מעגלעך: איז עפּעס אַ ווערק דערוואַקסן און פאַרטיק געוואָרן, מוז דאַמאָלס קומען עפּעס, און דאָס זעלבע מזל מוז אויך געשען מיט דער מוטערלעכע-וועלט-קולטור.

אבער פאַן האט אויך געקענט רעדן אויף אַן אַנדערן אופן. נישט זעלטן האָבן אים אַרומגענומען די פאַליפן-אָרעמס

פון דער וועלט-פּאַרשפּרייטער בעץ פון יענער זייט ים; דאָס איז אפט געווען דער געגנשטאַנד פון זיין טראַכטן. אָפט האָט אים אויך אַ כאַפּ-געטון דער פינסטער-מאַנלאַנד-ערגייץ וועלכער איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן צומערסטנס פון לאורענצען. דאַמאלס האט ער געוואָלט ווערן אַ קעמפּער, אַ וועלט-רעפאַרמער; דאַמאלס האט ער געוואָלט ווערן דער וועלכער פאַרווירקלעכט די אידעע פון דער איידעלע לאורענצע, די אידעע פון די גרויסע מוטער פון איל-דע-דאַם וועלכע דערהויבט זיך אַלס די העכסטע הערשערין פון פינסטער-מאַנלאַנד.

און ראדבערטע פלעגט אָפט צו אים זאגן:

— וואס פאַר אַ נאַרישע רעפאַרמאַציע און רעוואָלוציע איז דאס געווען די לוטערישע וואס האט נאר אויסערלעך און אינערלעך געהאט צו טון מיטן בילדער-שטורעם; און די פראַנצויזישע רעוואָלוציע וואס ווערט באַצייכנט אַלס די באַפרייונג פון דריטן שטאַנד און, די לעצטע רעוואָלוציע — פון פערטן שטאַנד. ניין, דורך דעם אַלעם איז גאַרנישט דערגרייכט געוואָרן, ווייל דאס אומגעוואַרפענע איז געווען צו קליין און גאַרנישט-אנזעעוודיק. די לאגע פון די ביידע מענטשלעכע הויפּט-פּאַרטייען: דאס פּרוילעכע מיטן מענלעכן, איז נישט באַרירט געוואָרן. און דאס וואס עס ווערט אין אייראָפּע באַצייכנט אַלס פרויען-באַוועגונג איז ליידער נישט מער ווי אַ לאַפּפּאַליע 1). דער ים פון לעבן, די ליבע און דער שאַפונגס-כּוח פון דער היינטיק אונטערגעדריקטער פרויען-וועלט, מוז פון זיין יסוד אָן, אויפגעטרייסלט ווערן, און דאַמאלס וועט דער אור-געוואַלט, דער נאַטור-כּוח, אַפרוימען גאר אַן אַנדער מיסט, גאר אַן אַנדערע ווי ס׳האָבן געהאַט יענע רעפאַרמאַציעס און יענע רעוואָלוציעס.

אין דעם דאזיקן מאָרגן האט פאַאַן געגלויבט ווי

---

1) פון דייטשן „לאפּפּע“, די ענדונג לאטיין. ס׳הייסט אין אומבאַדייטנדיקע קליניקייט, אַ זאַך וועגן וועלכע ס׳לוינט נישט צורעדן.

אינם מארגן פון איל-דע-דאַם. מיטן גלויבן און אַן אַ סך נאכקלערן האט ער די אידעע פון דעם מאטריארכאט פארשטאַנען, ווי אַ רעאלע זאך, פאר וועלכע ס׳האט זיך צעפלאַמט זיין הערצן און געדאַכט האט זיך אים, אין זיין ליידנשאַפט, אַז ער וועט פאַר איר קעמפן ביזן טויט. אבער, וואס מער ער האט נאכגעטראכט וועגן די ריכטיקייט פון דער דאזיקער אידעע; וואס מער ער האט געוואלט באווייזן די וויכטיקייט און נויטווענדיקייט פון דער דאזיקער רעאַליטעט, אַלץ מער פאַנטאַס מאַרגאַרישער איז זי געווארן.

פיפצן יאר זענען פאריבער. די דאזיקע עלטער האט ייפיס געהאט ווען זי האט, רייטנדיק אויף אַ צעבו-אקס, ס׳ערשטע מאל אדורכגעקרייצט פאאנס איינזאמען וועג. זי איז דערצויגן געווען אין דער מורא פאר מוקאַלינדא. מען האט איר דערציילט ווי דער דאזיקער אינזל-טייוול, אדער געטלעכער מלאך, האט אפט ליב צו באווייזן זיך אין געשטאַלט פון אַ ריזיקן-ווילד מאנספערשוין. און אַזוי וואנדער-גלוסטיק ווי זי איז געווען, רייטנדיק אפט אין די פארוואָרפנסטע ווינקלען פון דעם אינזל — איז איר נישט איינמאל איינגעפאלן דער געדאנק פון טרעפן זיך מיט דעם דאזיקן סודות פולן מאנספערשוין.

ייפיס איז געווען איינע פון די שענסטע פרייד אין דער קאלאניע, און ווען פאַאן האט דאַמאלס אַזוי אומגעריכט אנגעטראפן די דאזיקע צעבו-רייטערין וואס איז געזעסן אויף דער חיה אין איר געטלעכע נאַקעטקייט — האט ער זיך נישט געוואלט צוגלייבן אז זי געהערט אויך צו די הימלס-טעכטער. אירע האר זענען געווען פארלייגט אין אַ ריזיקן פלעכט וואס זענען דאָך אראפגעפאַלן ביז אויף דעם זילבערנעם רוקן פון דער חיה הונטער וועמעס הויקער ס׳האבן זיך פעסט געהאלטן די קרעפטיקע שענקלען פון די רייטערין. זי האט אויסגעזען צו זיין ווי צוזאמענגעוואקסן מיט דער דאזיקער איידעלער חיה. נישט-באוועגנדיק זיך, ווי איינגעווארצלט אין דער ערד, האָט דאס

יידל אנגעקוקט פאַנעץ מיט ג־ווילן און נייגיר און פאַרבייגעריטן, ווערנדיק פאַרפאָלגט פון פאַנס בליקן.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט פאַן ווידער אַ מאָל באַגעגנט די שיינע ייפיס מיט איר צעבו. אין דער דאָזיקער פאַרוואָרפענער הויך פונם מאָנט־דע־דאַם האָט ער צו מאָל געטראָפן אַ הייליקע מ׳טער, נאָר קיינמאָל נישט קיין הימלס־טאָכטער וועמען ס׳איז, אגב, געווען פאַרבאָטן צו קומען אויפן אויבערשטן שטח פונם מאָנט־דע־דאַם. און ווען פון טונקעלן וואַלד אַרויס האָט זיך ווידער אמאָל באַוויזן, ווי אַ ליכט־קנויל, דאָס צאַרטע ראָז פון דער חיהס נאָז־לעכער דער שעמרירנדיקער זילבער פון זיין גלאַנצנדיקער פעל, דאָס גרויסאַרטיקע קופער פון דעם מיידלס גוף, איר גרינלעך ים־אויג און די שאַפראַן־קאָלירענע אויגן אירע — האָט פאַן, נישט ווילנדיק געמוזט מאַכן מיט דער רעכטער האנט אַ באַוועגונג פאַר די אויגן, ווי איינער וואָס ווערט געבלענדט. און אַזוי ווי פאַן האָט אויף זיך גענומען דאָס פרושותדיקע לעבן פון אַ מאָנאַך, וועלן מיר זען צו וואָס פאַר אַ נסיון ער איז צוגעפירט געוואָרן. נאָך מער, ווי ביים ערשטן מאָל האָט אים דאָס אויג פון די שטאָלצע ייפיס אָנגעקוקט אָן מורא מיט דעם אויסדרוק פון יענעם נימפע־חוזק וואָס האָט, אייגנטלעך, ווי געזאָגט: באַזיג מיך! אָבער געדאַכט האָט זיך אַז עס זאָגט: דו וועסט מיך קיינמאָל נישט באַזיגן! — און ס׳איז געקומען אַ דריטע באַגעגעניש. פאַן איז דאַמאָלס זער טיף פאַרקראָכן אינם גרינקייט פון די וועלדער וועלכע האָבן באַדעקט דעם גרעסטן טייל פון דעם פייערבאַרג; ער האָט זיך אַדורכגעריסן דורך די פאַרצווייגונגען און פלאָנטערן פון די ריצאָפאָרן 1), אַדורכגעגאַנגען צווישן די ריזיקע פייגן־בוימער מיט זייער נעץ פון

1) א פלאנץ־פאמיליע פון דער גרופע דיקאטילעדאנען. לאנגע דיקע בלעטער. זיי געפינט מען נאר אויף די וואסער־ברעגעס אין די טראפישע געגנטן.

שטאַמען און בלעטער-קרוינען און, איז מיטאַמאָל פאַרחידושט און דערפרייט געוואָרן ווען ער האָט דורך די קאָרידאָרן פון די פאַרשידנערליי פאַלמען, באַמערקט ייפיסן אָנקומען אויף איר צעבו וועלכער איז געגאנגען ביזן בויך פאַרטרינקען אין שמאַראַגדיק-גרינע קרייטעכער. ס'זעט אויס אַז דעם וועג וועלכן זי האָט אויסגעקליבן אויף אָנצוקומען אין דעם דאָזיקן פאַרבאָרגענעם אָרט — איז געווען אַ וואַסערדיקער ווייל אַרום דעם צעבו האָבן כסדר גערוישט און געצישעט די באַמבוס-רערן. ווען דער צעבו האָט דערזען פאַאָנען, איז ער געבליבן שטיין שטיל און ייפיס האָט צו דערזעלבער צייט צונויפגעצויגן די ברעמען.

אַרומגערינגלט פון ליאַנען-קייטן און פראַכטיקע אַרכידעען, אַרומגעווייעט פון וואַסער-ריח און אומצייליקע דופטן פון בלומען און בלוטער, האָט מען דאָס מיידל געקענט אָנעמען פאַר אַ וואַלד-נימפע, ווען נישט דער שפּיז וועלכן זי האָט געטראָגן אין האַנט און ווען נישט פענטעסילעענס שטאָלצער בליק וועלכער האָט פאַאָנען געטראָפן, ווי אַ מאָל אכילען—דער דאָזיקער בליק איז געווען אַן אַרויספאָדערנדיקער.

וואָס דאַמאָלס איז געשען, האָט מען גענוי קיינמאָל נישט געוווסט ; ס'זעט אויס, אַז פאַאָן האָט זיך דאָס מאָל אינגאַנצן באַהערשן נישט געקענט. ער האָט זיך, צוליב דער פינסטערמאנלאנד-מאָראַל, איינגערעדט אַז צו די דאָזיקע הימל-טעכטער קען מען נישט צוקומען, ווי פאַר זיי וואָלט געשטאַנען אַן אויסערגעוויינלעך הויכער צוים. נאָר ווי ס'זאָל נישט זיין, דאָס מאָל איז פאַרלוירן געגאַנגען זיין פרייקייט, זיין אוממיטלבאַרקייט, זיין גליק און דער אומשולד פון זיי פריי האַנדלען. פון דעם מאָמענט אָן האָט אַ געוויסער צעשטערונגס-פראָצעס אָנגעהויבן פאַרדערבן אים פאַרן לעבן פון איל-דע-דאַם און פאַרן גליק פון איל-דע-דאַם.

ס'האָט אָבער, פאַקטיש, קיין סך נישט געפעלט אז פאַאָן וועלכער איז דעם צוים אַריבער און געוואָרן אַ פינסטער-מאנלאנד-זינדיקער — אַז ער זאָל ווידער בלייבן א געזונטער פאַרן איל-דע-דאַם.

דעם שפּיז וועלכן ייפיס האָט אים געוואָרפן, האָט ער געהאַלטן אין זיין רעכטער האנט ווי אין חלום. דאַן האָט ער זיך געזעצט אויפן צעבו, הינטער דער רייטערין אַרומנעמענדיק איר, ווי מיט אַן אייזערנער שטריק. דאָ האָט זיך דער צעבו אַ בויג-געטון, דערפילנדיק אַ געוואַלטיקן דריק אין די זייטן און, האָט גענומען לויפן מיט זיין טאָפּלטער משא צווישן די ביימער. פּלוצים איז געוואָרן ליכטיק, גראָד דאַמאָלס ווען פּאַאָן האָט געטראַכט וועגן אָפּשטעלן די דאָזיקע מעכטיקע חיה. ער האָט עס אָפּגעשטעלט, אָבער, ער האָט נישט אַראָפּגעשלעפּט זיין רויב כּדי צו קענען קילן דאָס פּיינלעכע און ברענענדיק פייער אין זיך, נאָר ער האט שטיין געלאָזט דער רייטערין מיט איר צעבו און אַליין, ווי ס׳האָט אױסגעזען, נעמט ער רויק אַוועקגיין פונם וואַלד-ראַנד וועלכער האָט זיך געצויגן ביזן ברעג פונם פּאַרעדיקן שלאַנגען-טייך.

*

אַ פּערטער באַגעגעניש איז פּאַר ייפּיס און פּאַאָנען געוועזן נאָך מערקווירדיקער: ווען מען דערציילט פון דער דאָזיקער געהיימניש, מוז עס אויסקימען לעגענדאריש פונדעסטוועגן, אויב מען גלייבט אַז עס געפינט זיך ווו אַן אמת אויף דער וועלט, אזוי מעג מען זיכער זיין אז מען קען אים דאָ געפונען.

פּאַר פּאַאָנען איז עס געוועזן דער העכסטער אמת, איינגעהילט אינם גרעסטן סוד — דאָס הייליקסטע פון זיין האַרצן.

אין אַ געוויסן טאָג איז ייפּיס, אפשר צום הונדערטסטן מאָל געקומען אויף אַ געוויסן פּאַרווילדעטן אינזל-פּלאַך וועלכער איז איר ביים אָנבליק, אין אָנהייב, געוועזן גאַנץ פרעמד, און באַלד האט איר גענומען גרוילן, ווייל עפּעס סודותדיקעס איז געליגן אינם דאזיקן געגנט. פון גלייך-שטייענדיקע פעלזן-באַסטיאַנען, האט זיך ארויסגעריסן א קליין וואסערל וועלכעס האט אויפן דאָזיקן וויסטן ארט, וואס איז באדעקט געוועזן מיט

קוסטעס בלויז, געבילדעט אַ דעלטאַ 1). ייפּיסן האט ווי געצויגן ווייטער צו גיין אינם וואַסערל וואס האָט זיך אריינגעשניטן ווי אַ זעג צווישן צוויי צוזאמענגעדריקטע אומגעהויער־גרויסע פעלזן־ווענט. דער צעבו האָט געשנאָרכט און נישט געוואָלט גיין ווען מען האָט אים געגויט אדורכצוגיין דאָס פינסטערע פּחדיקע טויער וואס האָט געפירט אין אַ שטיל־רוישנדיקן אפּגרונט אריין; זיינע געשפּאַלטענע קלאָען האבן נישט געוואָלט גיין אין די גראָע רינעדיקע רינשטאקן.

און ייפּיס האט אויך געשוידערט ווען זי איז אריינגעדרינגען אין דער טיפעניש פון דער ערד. ווען זי האט געקוקט איבער זיך, האט זי צווישן די אויבערשטע ראנדן פון דעם דאזיקן תהום, דעם טיפן הימל נאר געקענט פילן און נישט זען, ווייל ער האט זיך געלאָזט זען בלויז אַלס אַ ווייס שלענגלדיק פּעדעמל. אַ רויב־פויגל האט פארבלאנדזשעט אין דעם תהום אריין; ער האט מיטן קאָפּ און מיט די פליגל געקלאַפּט אין די ווענט און עטלעכע מאָל זיך טיף אראפּגעגליטשט.

אז ייפּיס איז געקומען אינם דאזיקן גרויליקן ארט, האט דער צעבו פארשטאנען אירע געדאנקען און אליין פון זיך האט ער זיך אומגעקערט. דער צוריקוועגס איז זער שנעל צוגעגאַנגען, דער רייטערין האט ער אָבער אויסגעזען זער און זער פּאַמעלעך.

נישט בלויז די פּאַנישע שרעק אַליין איז עס געווען וואס האט אזוי ציטערן געמאכט דעם מיידל, נאָר — ווי זי האט שפּעטער געפּלעגט דערציילן, האט זי „נאָך קיינמאָל נישט געהערט אזעלכע כאר־געזאנגען וואָס זענען געקומען פון די אינערלעכע

---

1) א פּ־אך דריי־קאַנטיק אינזל אויף וועלכן מ׳זאמלען זיך אן זאמדן און שטיינדלעך וואס קומען אן פון פליסן אין טייכלעך.

פעלזן=מויערן, און פארשידנערליי רופן און עכאָס וועלכע זענען געקומען פון דער הויך".

זי האָט אָבער צוריקגעפונען דעם מוט ווי נאָר זי האָט זיך צוריקגעזעצן אויפן פרייען פלאַץ. זי האָט איצט געהאַט דאָס געפיל ווי איינער וועלכער האָט עפעס אַ ווונדערבאַרער אַנט= דעקונג אויסגעפונען. דער הונגער צו אַזא מין שפייז איז אָבער קיינמאָל נישט געזעטיקט געוואָרן דורך דעם איר גאַנץ-פשוטן און נאַטירלעכן וועג פון איל-דע-דאַם. דעם נימבוס פון דעם מין ווונדער וועלכן זי האָט תמיד געוואָלט איבער= לעבן, האָט דער איל=דע=דאַם נישט פאַרמאָגט.

האָט זי אָנגעהויבן פאָרשנדיק רייטן אַרום די אויסער- לעכע פעלזן-ווענט אָפזוכנדיק מיט איר ווייטן און שאַרפן בליק די אויבערשטע ראַנדן. נאָר ווען זי איז מיד געוואָרן פון איר טאָפּאָגראַפישע אויספאָרשונג, נאָך עטלעכע מאָל אָפשטיין, — איז זי שוין געווען אַרומגעגאַנגען רונד די פעלזן און, האָט זיך מיטאַמאָל געזען ווידער שטיין ביים וואַסערל וואָס האָט אויסגעזען אין דער פוסטקייט ווי אַ דעלטא, און איצט האָט זי פאַרשטאַנען אַז צום דאָזיקן סודותדיקן הויך=פלאַך איז פון קיין שום זייט נישטאָ קיין צוגאַנג. ייפיס האָט עס אָנגענומען פאַר אַ רעטעניש ; זי האָט געגלייבט דאָס אַרום אָט די ראַנדן קומען פאָר פאַרשידנערליי ווונדערלעכע און סודותדיקע זאַכן.

אָט, למשל, האָט זי געזען מחנות פייגל וואָס האָבן מיט זייער שיינקייט די שענסטע אבנים-טובות געקענט פאַרשעמען. יין, אין אירע וואַנדערונגען האָט זי גענוג שיינע זאכן זיך אנגעזען, אָר אַזעלכעס נאָך קיינמאָל נישט, ווער שמועסט נאָך אין אַזאַ וויסט און זומפּיק אָרט ווי ס'איז דער דאָזיקער פעלזיקער צופיסנס.— ווייט, איבערן ראַנד, צו די אויסערלעכע וועלט ארו ס, זענען די דאָזיקע געפליגלטע שיינקייטן אין זייערע קרייזן, נישט אַוועק. זיי זענען ענלעך געווען צו טויבן וואָס האָבן זיך באַנט ייער טויבן=נעסט. און, אין די זעלטענע, אָבער דאָך גאַנץ אַטירלעכע אומשטענדן זייערע, פלעגן זיי זינגען אינם פלי= קרייז אויף אַזאַ אופן, אַז ייפיסן האָט זיך געקענט אויסדוכטן

אַז זי הערט כאַר-געזאַנגען; נאָך איר דערציילן נאָך האָט דאָס דאָזיקע געזאַנג געהאַט ענלעכקייט מיט מוזיק, פונקט ווי אַ פינסטער-מאַנלענדער וואָלט עפּעס אַרויסגעכישופט פון זיין האַרפע.

אויף אָט דער דאָזיקע נישט-צוגענגלעכער הויך-פלאַך, איז געלעגן פּאַנס גן-עדנדיקער פייגל-ים.

זיין אַנטדעקונג, דערציילט פון אים אַליין, איז אַ געשיכטע פון פּחד און שוידער, א געשיכטע פון סודותדיקע פּאַסירונגען. ער איז דאַמאָלס געווען אין די זעלבע יאָרן וואָס ייפיס היינט. ער איז, פון דער פינסטערניש אָנגעצויגן, אַראָפּ אינם שרעקלעכן אָפּגרונט. דערנאָך האָבן אים פארשידנערליי געהיימע כישוף-שטראַלן באַלויכטן און, ערשט איצט האָט ער דערגרייכט דעם אויבער-פלאַך. יאָרן כסדר האָט ער זיך באַמיט וועגן דעם און, איינמאָל אפילו אויפגעגעבן די האָפענונגען ווען-ס'איז-שוין אַרויפצוקריגן זיך אין דער הויך. ער האָט דעם גאַנצן געגנט מיט זיינע נישט-צוגענגלעכע פעלזן-מאַסן, אינגאַנצן פאַרגעסן, ווייל גראָד זו יענער צייט איז ער געווען פאַרנומען מיט אַ מאַסע אַנדערע אויסטערלעשע טרעפונגען. אין אַ געוויסן אוונט, צוריקקערנדיק פון אזא מין אויסטערלעשע פּאַסירונג, איז אים פּלוצים באַפאַלן א מאדנע טרויעריקייט. ס'איז אים פאַרגעקומען אזוי ווי ער וואלט פאַר עפּעס אַ זאַך אויף אייביק פאַרלוירן די האפענונג. אינם דאזיקן מצב האט ער זיך נישט אומגעקוקט אויפן אָרט און אויף דער צייט. ער זעט די שטערן פון דעם דרומדיקן העמיקרייז אויפשיינען אויפן פאַרטונקלטן הימל-ראַנד. וואַנדערט ער אזוי אָן א ציל, וואנדערט שווייגנדיק, באַוווסטלאָז אין דער נאַכט. אט דאכט זיך אים ווי ער וואלט געגאַנגען באַרג-אַראָב, און באלד גייט ער גלייכגילטיק, ווי צו א פונקט ערגעץ, באַרג-ארויף... ליכט-קייפער און גלי-ווערעם האבן אין א וואלקן געשוועבט ארום אים. צום סוף איז ער מיד געוואָרן און האט זיך אַנידערגעלייגט.

ווען ער האט זיך אין ליכטיקן מארגן אויפגעכאַפּט, האָט

ער זיך דערזען ליגן ביים טייך פון די גן-עדן־פייגל. שפעטער האָט ער געפאַנגען איינעם פון די דאזיקע ווונדערלעכע פאַרבן און האט זיך געלאזט מוטיק צוריקוועגס.

דעם אויסערגעוויינלעכן פויגל, האט ער, וואנדערנדיק א פריילעכער און מיט שמחה, פלוצים א ווארף געטון פון אויבערשטן ראנד אינם אפגרונט אראפ. מיט דעם געדאנק אראפצוקריגן זיך אונטן, איז ער געגאנגען לענג-אויס דעם ראנד; אבער גייענדיק און גייענדיק און אַלץ נאך גייענדיק האט ער מיטאַמאָל דערזען א זעלטענע מיטן־טאג־זון און צו דערזעלבער צייט האט ער זיך נאך אלץ געפונען אויף דעם דאזיקן ברייטן אינזלדיקן הויך־פלאך, די מלוכה פון חיות און געוויקסן, דער דאזיקער צווייטער אינזל וואס האט געשוועבט אין דער לופט, וועמען מען האט געקענט פארלאזן נאר מיט א שפרונג פון זיינע ראנדן. פארנאכט־צו איז ער שוין געווען געהאט ארומגעגאנגען דעם גאנצן לופט־אינזל און האט זיך ווידער געפונען ביים פונקט פון וועלכן ער האט אינדערפרי אנגעהויבן צוגיין.

זיין געמיטס־צושטאנד האט זיך מאדנע געענדערט. ער האט געגלויבט און איז זיכער געווען אז ער חלומט, כאטש יעדער בליק וואס ער האט געווארפן אין אט דער כישופדיקער סביבה, האט עס אפגעלייקנט. פון א טייכל ארויס וואס זיין עק איז אראפגעשפרונגען איבערן ראנד, האט זיך אויפגעהויבן אן אינדיגאָ-בלאער פיש און איז געשווימען, ווי ער וואלט געווען פון בלויז לופט, א רוישנדיקער איבער פאאנס קאפ. דא האט זיך פאאן דערמאנט אז ער דארף דאגמאר-דיאַדאטאן ברענגען דעם גן-עדן־פויגל אלס מתנה.

ער האט אויפגעגעבן דעם געדאנק פון צוריקקערן א היים, ווארום דאס אראפשטייגן אונטן, אין דער נאכט־טונקלקייט, איז געווען אן אומעגלעכע זאך. אויך האט אים סיי־ווי צו קיין שום זאך, אַ חוץ צו דאגמאר-דיאדאטאן, נישט געצויגן אויפן איל־דע־דאם. יא, אפילו איר וואלט ער אויך ליבער געוואלט האבן דא.

און דא האט ער איבערגעלעבט, א חוץ דאס גאנצע מא-

גישקייט פון דעם אָרט, א חוץ דער אומגעהויערע צאָל פאַר־ביישופטע וואונדערלעכקייטן — דאס דריטע און טיף־טיפסטע וואונדער נאָך דעם גן־עדן־פויגל און דעם בלאָען פיש.

אין אן אלעע פון צופרעסן־ארטיקע שווארצע ביימער וועלכע האבן אויסגעזעען פון געטער אדער פון מענטשן־הענט געפלאנצט צו ווערן, אין וועלכע ס'האבן געווימלט טויזנטער שוואלבן־ארטיקע, פורפורענע, ווי בלוטס־טראפן קליינע פייגל — איז געלאסן געגאַנגען אַ צאַרט פרויען־געשטאלט, וועלכע האט פון דא און דארט בלומען אריינגענומען צווישן אירע שלאנקע פינגער. זי האט אויסגעזעען צו געפונען זיך דא אין דער אלגע־בענטשטער פרידלעכקייט; זי איז געגאנגען א ביסל פארטראכט און איר הימליש ווייזן האט גאנץ לייכט און זיס געשמייכלט.

פאאן האט פארשטאנען אז מען דארף צו דער דאזיקער הויך־בכבודיקער, אין טונקעלע געוועגדער ארומגעהילטער פרוי, נישט רעדן, אפילו ווען ס'זאל דראען מיטן טויט. ניין, מען וואלט דערמיט געקענט באגיין א פארברעכן וואס וואלט קיינ־מאל קיין תקומה נישט געקענט האבן. מען וואלט דערמיט נישט נאר אַן איבעראירדישע הארמאניע צושטערט, פאַרגוואַלטיקט, באשמוצט, אנטהייליקט, נאָר מען וואלט די נשמה פון דער אייגענער מוטער צונישט־געמאכט.

נאר ווי גרויס ס'זאל נישט געוועזן זיין דער חטא, אלץ גרעסער איז נאך געוועזן פאר פאאנען דער חוב איינצוהאלטן זיך מיט א פאר ווערטער צו אט דער פרוי, ווערטער וועלכע האבן זיך געריסן, פון אן אינערלעכן שטורעם, אויף זיינע ליפן קייגן דעם פארבאט. און נישט־קוקנדיק וואס די פרוי איז געוועזן ריטא, זיין מוטער, האט ער נישט געטארט ארויסרעדן דאָס ווארט „מוטער" אפילו.

„זי דארף אים אפילו נישט זען", האט פאאן געפילט, און בייקומענדיק זיין גאנצע שטארקע ליבע וואס האט זיך אין אים באזעצט, האט ער זיך באדנדיק אין טרערן גענומען גיין פון בוים צו בוים, אויסבאהאלטנדיק זיך הינטער זיי און פאר־שטיקנדיק דאס צום־טויזנט־מאל געבוירענע וואָרט „מוטער"

אין זיך. אזוי, ביז זי האט זיך אומגעקערט צו אים און לייכט געשאקלט מיטן קאפּ.

פון דער רגע אָן איז אין פּאַנען פאַרגעקומען אַן איבער־ענדערונג און ער האָט אין א געוויסער באַשטימטער מאָס דערגרייכט די רייפקייט.

פערציק טעג און פערציק נעכט האָט אים קיינער נישט אָנגעזען און דאמאָלס האָט ער דאגמאר־דיאדאטען, אַ בלאַסער און א טיף־פאַרענדערטער, געבראכט דעם גן־עדן־פויגל.

*

דאָס זעלבע איז כמעט פארגעקומען מיט יִיפּיסן. ווען דאָס רעטעניִשדיקע אַרומוואַנדערן אויף די אויבערשטע פּעלזן־ראַנדן איז געוואָרן אַ געוועגטלעכע זאַך, און, אַז זי האָט שוין געהאַט אויפגעגעבן יעדער האָפענונג אַרויפצוקומען אין דער הויך, האָט זי אַ געוויסן אָוונט, געפונענדיק זיך אין דער באָנט פון דעם אָפּגרונט, געזען — אויב ס׳איז געווען אַ ווירקלעכקייט, צי אַ חלום, דאָס האָט זי געגוי נישט געקענט זאָגן — : ווי אַ זער־שטאַרק מענטשן־ענלעך געשטאַלט איז אונטן פאַרשווינדן געוואָרן. אַזוי שנעל ווי זי האָט נאָר דערבליקט דאָס דאָזיקע מענטשלעכע וועזן, האָט זי דערשפּירט ווי אַ בליץ וואָלט איר דורכן גוף אַדורך און, זי האָט געפילט אַז זי מוז דאָס גע־שטאַלט נאָכיאָגן.

און מאָדנע: איר צעבו וואָס איז געלעגן און מעלה־גרהט, האָט, ווי ס׳האָט אויסגעזען אויך געהאַט די זעלבע געדאנקען — ער איז אויפגעשפרונגען אויף די פיס. אין דער זעלבער רגע האָט ער שוין געפילט די משא פון זיין האַרין און דעם דרוק פון אירע שענקלען. ווי האַמערס האָבן אירע פּיאַטעס צעקלאַפּט זיינע זייטן. און זעלטן, ס׳איז דאסמאל נישט געווען ביי אים דעם ווילן פון „מען זאָל אים אָנטרייבן“. אָן לייצעס און אָן אַ בייטש איז די חיה געלאָפן צום אָפּגרונט אַראָפּ; אפילו דאמאָלס ווען ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן נאכט־חושך; אפילו דאַ

מאלס ווען די שיינע ייפיס האָט מיט ווילד האַרץ־קלאַפּעניש זיך מודה געווען אין דער סכנה פון אַ דרייסטן צוריק־ארויפשטייגן אין דער פינסטערניש; ער איז נאך געלאפן דאמאלס ווען איר האָט שוין געשוידערט דער צוריק־וועגס און האָט איר אויסגעזעצן פּאַר גאַנץ אומעגלעך. סוף־כּל־סוף האָט דער פּחד און די אָנ־שטרענגונג געמאַכט די רייטערין ווי באַוווסטלאָז. זי האָט קוים געהערט ווי די שטיינער האָבן זיך געקאָלערט אין תהום אַראָפּ; זי האָט געהערט דאָס שנארבערן פון אָקס וועלכער האָט, ווי ס׳האָט זיך אים געדאַכט, עפּעס דערשפּירט פון דער ווייטנס.

ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, אויפן זעלבן ארט ווי פאַאָן ביים גן־עדן־פייגל־טייך, לעבן איר איז געליגן דער צעבו, האט זי דערזען — נישט דעם גן־עדן־פויגל. זי האט א סך מער געהאט צו זען. זי איז געוואלדיק נשתומם געווארן און האט דערפילט אז ערגעץ אין איר דרוקט עפּעס. זי האט געזען א חיה וואס איז גרעסער און שלאנקער ווי דער צעבו וועלכע האט גערוט לעבן איר; פון זיין שטערן שטארט ארויס א לאנ־גער, געדרייטער און גלייך־ליניקער הארן, ווי א שפּיז. אויף אט דער חיה איז געזעסן נישט רייטנדיק, נאר זייטיק, גאנץ באַ־קוועם ווי אויף א שטול, א יינגע פרוי, וועלכע איז דער ריי־טערין ייפיס געפעלן פאַר אַ זער שיינע, און, לעבן איר איז געגאנגען, זער לייכט אנגעטון, מיט לאַנגע וואלנדיקע האר יענער מענטש אָדער גאט מיט וועמעס פירערשאַפט ס׳וואָלט שוין איר, ייפיסן, יא געלונגען זיך ארויפצוקריגן אין דער הויך.

ייפיס האט די דאזיקע באגעגעניש אַ לאנגע צייט גע־האלטן בסוד, ווי בכלל די גאַנצע ווונדערלעכע פאסירונג.

די עמפינדונגען דא האָבן זיך, ווי ס׳טרעפט אין חלום, געריסן צו אן אויסברוך. אַזעלכע אויסברוכן פון געפיל אין חלום, זענען ענלעך צו נשמהדיקע ערופציאנען וואס רייסן זיך ארויס מיט די עמפינדונגען אין אַ געמיש פון געוויינען און געשרייען. זי קוקט אויף דעם מאן. זי זעט די פאבלהאפטיקע

חיה מיט די געשפאלטענע גאלדענע קלאען. זי זעט עס צוויי מאל: אין דער לופט און אין וואסער אלס שפיגל־בילד. זי זעט די לעבעדיקע משא אויף דער חיה און, זי גייט ביז צו די קניען — ביז צו דער ברוסט אין דעם גן־עדן־פויגל־טייך, וויינענדיק און רופנדיק, אויסשפרייטנדיק די הענט איבער דעם וואסער נאך אט דער דרייאייניקייט.

זי האט געהאט דאס געפיל ווי זי וואלט א טייערע זאך געפונען און אויף אייביק דאס צוריק פארלוירן.

פאאן, ייפיס און דיאדאטא האבן א לאנגע צייט נישט דערמאנט די דאזיקע חלום־ארטיקע אויסטערלעשע פאסירונג, נאכדעם ווי זי איז געשען. ס'האט פאר זיי אלע דריי אויפגעטויכט ווען ייפיס איז איינמאל געקומען אין דעם טעמפל אין דער שטוב ווי דיאדאטא־דאגמאר־אראכנע האט געוועבט און פאאן האט איר דערביי געהאלטן אויף די הענט. ס'איז נאר־וואס פון אונטער די הענט פארטיק געווארן א טעפיך וועלכער איז געוועזן אזוי שיין, אז מען האט אים גיכער געקענט אננעמען פאר אן ארבעט פון פאלאס־אטענע, ווי פון מענטשלעכע הענט. מיט נישט רעגלמעסיקע פארבן און דאך זעלטענע הארמאניע, האט עס מיט זיך פארגעשטעלט א מייסטער־ווערק, כמעט. בלאע פיש וועלכע האבן געשוועבט ארום ציפרעסן און ארום דעם כסדר שפאצירנדיקן ריזן־זון 1). גאנצע וואלקנס מיט פור־פארביקע שוואלבן וועמעס געזאנג־טענער ס'זענען פארבילדלעכט געוועזן אין די אפענע שנעבעלעך. און א פרוי וועלכע האט זיך אויך אזוי כסדר ארומגעדרייט צווישן די ציפרעסן. און פאר אלץ האט מען געזען גן־עדן־פייגל.

---

1) אינם אריגינאל שטייט Enakssohn, וואס איז טייטש: בן־ענק דאס מיינט איינער פון די בני־ענק וועגן וועלכער דער חומש דערציילט עטלעכע מאל (בראשית, חיי־שרה, דברים און במדבר) לויט; פירוש פון בעל־הטור ם זענען דאס געוועזן סיחון ועוג, די זון פון שמחזאי און עזאל וועלכע זענען ייי דור־המבול אראפגעפאלן פון הימל.

דאס אלץ האט ארומגענומען אן אומבאשרייבלעך פראַקטיקע לאַנדשאַפט וואס האט געהויכט מיט א נישט־דערציילנדיקן בישוף; מ׳האט געזען א וואסער אין וועלכן ס׳האבן זיך אפּגעשפיגלט אלע פארבן פון די גן־עדן־פייגל וועלכע זענען געפלויגן איבער אים, און ביי זיין ברעג איז געגאנגען א פאַבלהאַפטע חיה (דער איינהאָרן) וואָס האט געהאט נישט ווייניקענלעכקייט מיט א הירש, מיט א פערד, אדער גאָר מיט א באַוואקסענעם פעלז, אדער א ריזיקע ציג וואס אויף איר רוקן איז געזעסן אַ זינגענדיקע פרוי, און ווידער אַ מאָל דער זעלבער שווייגנדיקער בן־ענק א קרייזנדיקער אַרום דער זעלטענער חיה און דער זינגענדיקער פרוי.

אונטער אט די זעלטענע רעטענישן איז דאס זעלטנסטע געווען א יעגערין, אַ דיאנא, א שלאנק מיידל וואס איז געווען אריינגעוועבט; זי איז געגאַנגען אינם טייך, מיט יאגד־היץ, אנגעצויגן דעם בויגן און גרייט די פייל אזוי, אז מען האט געמוזט אנעמען אז דער פונקט פון איר שאס דארף זיין דער איינהארן, אדער דער ייִנגערמאן, אדער די זינגענדיקע רייטערין.

ייִפּיס, די ווילדע אין פארקער מיט מענטשן און עזותדיקע אויף דער פרייער נאטור, וועלכע ס׳איז נישט אזוי לייכט געווען צוצוגעוויינען צו א נארמאלן איינגעפונדעוועטן ארט לעבן, איז דאס ערשטע מאל דורך א צופאל — אדער וועלכעס האט איר דען געקענט ציען? — אריינגעפאַלן אין דיאדאטאס ווערקשטאט. זי האט אנגעקוקט דעם טעפּיך, אנגעקוקט פאאנען, זיך פארגאַפט אויף דער וועבערין און — אין זעלבן מאמענט האט זי דערפילט וואס דאס בילד, דער מאן און די פרוי באַדייט פאר איר און באזונדער יעדעס פון די דריי זאכן. און אזוי ווי זי האט זיך געפילט, אזוי האבן זיך אויך די איבריקע צוויי געפילט. — די יעגערין איז ווי לעבעדיק פון טעפּיך ארויסגעקומען.

א זאך א זיכערע אז א באשרייבונג פון א געוויסע אַרט ■עהויבענע הבטחות וועלכע קרייזן ארום אין דער וואלקן־וועלט, שטויסן אין אפגעזונדערטקייט. אפגעזונדערט, דערפאר וויל

די דאזיקע הבטחות זענען נישט פאַרן כּלל פון די וויכטיקייטן.

אַז דאס וואונדער-אינזל זאל זיין אונטערגעוואָרפן אַ צווייט וואונדער-אינזל, וואלט שוין געווען אַ צו-גרויס וואונדער. די איידעלע לאורענצע וואלט דאס באַקעמפט. זי וואלט געזאָגט: יעדער מענטש לעבט אַ טאָפּלטערווירקלעכקייט. עס איז אָדער פאַראַן אַ טאָפּלטע ווירקלעכקייט, אָדער גאָרנישט. עס זענען פאַראַן אַן שיעור געטער וועלכע טומלען אַרום דעם איינציקן מענטשלעכן קאָפּ; זי וואלט דאָס אַרויסגעזאָגט ווי ציצעראָ, כאָטש זי האָט אים נישט געקענט. און מען האָט עס אַפּט געהערט אין אירע שמועסן מיט ראַדבערטע און אַנניין, וועלכע זענען דאָך געווען שאַרפע מוחות און קינסטלערישע נאַטורן — אַז: מענטשן וועלכע קלאָגן זיך ביי יעדער געלעגנהייט איבער די אומוואַרשיינלעכקייטן פון לעבן, דאַרפן זיך גיכער באַקלאָגן אויף זייער קליין-קעפּלדיקייט. דאָס גאַנצע וועלטאַל, אונדזער זון-סיסטעם, אונדזער ערד, מיר אַליין, זענען אומוואַרשיינלעכקייטן. יאָ, ס'איז נאָך ביז איצט נישט געבוירן געוואָרן, לעת-עתּה, קיין איין גרויסער מענטש וואָס זאָל כאָטש אויף אַ ביסל פעיק-זיין צו באַגרייפן דאָס גאַנצע אומוואַרשיינלעכקייט פונם דאָזיין אַלס אַזעלכעס. דער ניכטערער דענקער, הערבערט ספּענסער זאָגט: מיט דעם פאַרשטיין אַלע דערשיינונגען פון אוניווערזום מיט דער הילף פונם אויסדרוק און שטאָף און דערמיט איך דעם קראַפט — איז נישט מער דערגרייכט געוואָרן ווי דאָס צוריקפירן די צונויפגענומענע פּראָדוקטן פון דענקען, אונטער די איינפאַכסטע סימבאָלן. איבער דער נאַטור פון אוניווערזום קען מען גאָרנישט זאָגן, ווייל דער סוביעקט און אָביעקט זענען נאָר צייכנס פון אַן אומבאַקאַנטע און אומבאַמערקטע רעאַליטעט.

אַזוי אַרום איז געשען, דער איינהאָרן איז אויפגעטרעטן אויפן אייל-דע-דאַם אַלס דערשיינונג. אַט דעם פאַקט האָט מען נישט געקענט צורעכענען צו יענע צייכנס וועלכע זאָלן קענען זיין חבריש געניויגט פאַר דער קאָלאָניע-סביבה. אפילו די צו די

געטער־נאנט-שטייענדיקע לאורענצע, איז אויך געוואָרן פאַר-כאַפּט דערפון.

ס'איז געשען, ווען פאַאָן איז איינמאָל, ווי געוועגלעך, געקומען צו גאַסט צו דער אויבערפּריסטערין. ער האָט איר געטראָפן אַ פאַרנומענע צווישן אירע פּאַפּירן. אַן אַרויפגעהויבענער בליק און אַ מילד שמייכעלע האָט באַדייט אַ גרוס פאַר אים.

— איך האָב געוווּסט אַז דו וועסט קומען, מיין ליבער פאַאָן — האָט זי זיך אָפּגערופן: איך האָב עס געפילט.

— און איך קען דיר אויך זאָגן — ענטפערט איר פאַאָן: אַז איך בין גראָד געגאַנגען אין אַ פאַרקערטער ריכטונג און ווי עמעצנס אַ רוף האט מיך אומגעקערט דאָ אהער.

— נו, און וואָס האָבן מיר דען צו רעדן צווישן זיך, מיין ליבער פריינט?

— איך מיין — ענטפערט איר ווידער פאַאָן: אַז מיר דאַרפן רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן וואָס זאָלן שטיין אַ חוץ-אָדער איבער דעם אינזל פון איל-דע-דאַם.

— וועגן דער מעטאַקאַסמיע, אפשר?

— פאַר מיינעטוועגן קען עס אפילו זיין וועגן דער מעטאַקאַסמיע — ענטפערט פאַאָן.

— ווו דער איינהאָרן איז, דער טייך און דער גן-עדן-פויגל און —

— אפילו דאָרט, מיין הייליק געליבטע מוטער לאורענצע.

אַ לאַנגע ווײַלע האָט לאורענצע געקוקט מיט אַ שווייגנדיקן ערנסט אויף איר אַמאָליקן העליאָס — היפּעריאָנס זון.

— פאַרוואָס — האָט זי אָנגעהויבן נאָך אַ שווייגן: פאַר וואָס זאָלן מיר זיך נישט מודה-זיין, מיין שיינער פאַאָן, אַז צווישן אונדז ביידן איז געוואָרן עפּעס אַ לעבעדיקער אָפּשייד.

יאָ, אַן אָפּשייד — אַן אָפּשייד — האָט זי געחזר'ט מיט אַ זיפץ ווען פאַאָן האָט איר גאָרנישט געענטפערט: אָדער, אפשר פאַרשטייסט דו עס אַנדערש? זענען מיר דען נישט, איינצלנער,

פון דער דאָזיקער פּאַרביקער וועלט, וועלכע מיר האָבן גע־האַלפן אויפבויען, אָפּגעריסן געוואָרן פּילווייניק ?

— מיר האָבן נישט געטאָרט ביידע צוזאַמען אַרויסשטייגן פון דער שיף — זאָגט פאַאָן.

— און נישט געטאָרט אויך ביידע צוזאַמען אין קליינעם שיפל אַריין ?

— ניין, טאַקע דאָס אויך נישט, געליבטע לאָורענצע.

אויף דרויף זאָגט די אַנגלאָ־האָלענדערין :

— און, דאָך האָב איך אַזוי אָפּט געהאָפּט אויף עפּעס, ליבער פאַאָן. איך פאַרלייקן עס נישט, וואָרום איך האָב באַ־שלאָסן, ביים אויפשטעלן דעם סך־הכּל־בּילאַנס, נישט נאָר ער־לעך צו זיין נאָר, אויך אָפן צו זיין.

און ווען פאַאָן ענטפערט איר גאָרנישט אויף דעם, רעדט זי ווייטער : איך האָב גערעדט מיט ייפּיסן, פאַאָן. אָט דאָס דאָ־זיקע שטאָלצע קינד האָט מיר פאַקטיש דערציילט אַ סך מאָדנע זאַכן ; קענסט דו מיר נישט זאָגן : ווער איז עס געזעסן אויף דעם איינהאָרן ?

— דאַגמאַר־דיאַדאַטא איז געזעסן אויף דעם איינהאָרן.

— אויב אַזוי — זאָגט לאָורענצע : בין איך צופרידן דער־מיט וואָס כ׳ווייס אַז איך האָב געראַטעוועט דיין מזל אין גע־שטאַלט פון אַ וויינענדיק זויג־קינד ביי די קאַלטע ברוסטן פון די טויטע מוטער.

— פאַר דעם דאַרף איך דיר טאַקע דאַנקבאַר־זיין ביז אין טויט אַריין.

— דיין דאַנקבאַרקייט — ענטפערט לאָורענצע : איז ווי אַ דאָרן וואָס מען רירט מיט אים אָן אַ מכּה ; זאָלן מיר בעסער רעדן פון אַנדערע זאַכן.

דער ערנסט און די עמפּינדלעכקייט פון דער איידעלער לאָורענצעס נשמה, האָט זיך וואָס אַ מינוט געהויבן אַלץ הע־כער און העכער. ענדלעך האָט זי זיך אַ הויב־אויף־געטון פון דער שטול וואָס איז געווען געמאַכט פון דינע דער־שטעקעלעך און איז צוגעגאַנגען צו פאַאָנען מיט דעם אייגנאַרטיקן שמערצלעך־

זיסן אויסדרוק פון איר פנים וואָס האָט, ווי בעטהאָוונס א מע־לאָדיע, געהאַט אין זיך אַ געמיש פון פיין און שמייכל.

— קום אַהער, פּאַאָן — זאגט זי: איך וויל דיר שעפּטשען עפּעס אין אויער אַריין.

פּאַאָן איז געוווינט געווען צו טון דאָס וואָס די הייליקע מוטער האָט פון אים פאַרלאַנגט. ער האָט געזען ווי איר רע־דנדיק מויל האט אינם שווייגן געצוקט; — מוטערלעך האט זי אים אַרומגענומען.

אַ קליינע ווײַלע איז זי געשטאַנען נאָענט ביי זיין אויער און געשעפּטשעט און געמוזט אינערלעך זיך איינהאַלטן כדי צו קענען עפּעס אַראָפּשלינגען, ס'האָט זיך אָבער נישט איינגעגעבן. פון איר קול האט זיך עטלעכע מאל ארויסגעגליטשט אהערבא־רער טאן און, דאָס הערבאַרע האָט פּאַראַטן אַז עס איז פריער געווען געבאָדן אין טרערן. — די שטימע איז געוואָרן לויטער; אין טאָן און וואָרט איז געלעגן אַן „אָן כוח". און, ענדלעך האט עס א סוף גענומען ביי אַן איינציקן שלוכץ און ביי אַ לאַנ־גען אָן־ווערטערדיקן טרערן־שטראָם.

אין די דאָזיקע פּאָר מינוט האט אָט די שטאַלצע פרוי־פאַר פּאַאָנען איר גאַנץ הארץ אויפגעדעקט. אפשר הונדערט מאָל האָט זי פּאַאָנען צוגעפליסטערט דאָס גוט־באַקאַנטע ווארט מיט וועלכן מען גיט אויס די ליבע. פּאַאָן דאַרף געוואר־ווערן אַז אַלץ וואָס די פרוי האט געפלאַנט און אַדורכגעפירט, — איז נאָר געווען פאַר זיינעטוועגן. אן אומענדלעכע, איבער־כוחות־דיקע און אויסגעצירטע געהייליקטע גרויסע ליבע, האָט איר מיטגעהאָלפן ארבעטן. אין עצם האט זי זיך געזעטיקט מיט קאָנטעמ־פּלאַציעס. און אין דעם פראַכטיקן וווקס פון דאס וועזנטלעכע און איר ווערט, האט זי געהאט א גרויסן חלק. און דא גייט נאך צו ריקמיני, דער איינציקער געטלעכער ליבעס־פּרוכט אירער. זי האט איר געשטערט דעם דאזיקן אופן ליב צו האבן צו שטארק, כדי שפּעטער נישט צו ליידן פון קיין איבריקס, פון דער אַנ־דערער זייט האט איר דאגמאר־דיאדאטאס וואקסן, געשטעלט אין אַ שלעכטע סיטואַציע. נאר א דאנק איר האט זי געפילט די־

ליידן פון דער אייפערזוכט. זי האט געוווסט פון נאכפארשן, וואס פאר א השפעה ס'האט געהאט דיאדאטא, נאך אלס קליין קינד, אויף פאאנען. פון הונדערטער קליינע שטריכן אין זיין פנים האט זי דערקענט ווי ער נעמט אויף איר השפעה, פונקט ווי זי נעמט אויף אים אליין. זי האט געוווסט אז פאאן וואלט פעיק געווען דאס מוטערלאנד ווי דעם מאנדלאנד, אדער דאס גאנצע איל-דע-דאם, צו מאכן פאר א פיס-בענקל פאר דאגמאר-דיאדאטאן, ווען דאס זאל זיין א שטיקל פרייד פאר איר, אדער דערמיט זאל עס קענען באקומען איר ליבע, — דאס זעלבע וואלט אויך לאורענצע געטון פאר פאאנען. זי האט אים אויך געזאגט: צוליב דיר, מיין ליבער, בין אויך א סך מאל א בוגדת פאר דער מוטער-שטאט.

א צווייטע ריוויאלין האט לאורענצע געהאט אין רוקמינין, א דריטע אין — ייפיסן. אבער דיביידע האט זי גוט געקענט; זי האט געוווסט אז זיי זענען אויך פארמשפט נישט צו געווינען פאאנס ליבע. ס'פלעגט געשען אז ביי מיטאג איז געקומען די שטאלצע ייפיס און פארנאכט די זיסע רוקמיני, אויסצווויינען אויף איר שויס די טיפע וויטאגן זייערע.

*

אט דער קורצער שמועס האט באלויכטן איר לאנגען פיינלעכן ליידנשאפטס-וועג. און איינגעשפארטע ליידנשאפטן האבן נישט בלויז געהאט ייפיס, פאאן און לאורענצע און די שטילע דיאדאטא, — נאר דער דאזיקער עקשנות האט געלעבט כמעט ביי אלע פרויען פון איל-דע-דאם, בסוד, ביי איינער מער, ביי דער צווייטער ווייניקער.

דער גרויסער יאוש וועלכער איז געבוירן געווארן ביי דער איידעלער לאורענצע אין אנהייב, ביים קומען אויפן איל-דע-דעם, דער יאוש מיט וועלכן זי האט מלחמה געהאלטן איבער גאנצע זעכצן יאר — אט דער איז איר ווידער באפאלן מיט זיין גאנצן קראפט. א חוץ פאאנען האט זי קיינעם נישט

געהאט פאר וועמען זי זאָל קענען דאס דערציילן. האט זי גע-
זוכט אן עצה מיט דעם וואס זי האט זיך אפגעזונדערט אונטן,
ביים פעלזן, ביים אַזוי גערופענעם „קאָך-טאָפּ פון די אַנאַכאָ-
רעטן", אַן אָרט צו וועלכן ס'איז, כמעט, נישט מעגלעך געווען
צוצוגיין, און זי אַליין האָט זיך זעלטן ווען געוויזן אין דער
טעמפּל-סביבה.

און מאָדנע: אַ גרויסער אַלגעמיינער יום-טוב וואָס האָט
זיך אָנגערוקט אויפן איל-דע-דאַם, האָט געוואָרפן מער שאָטן
ווי ליכט און האָט געמאַכט דעם טייל מער ליידנשאַפטלעכע,
קריגעריש.

די מחלוקה איז אויסגעבראָכן איבערן זעלבן קריג-
עפּעלע איבער וועלכן ס'איז שוין אַ מאָל, מיט יאָרן צוריק,
געווען די רייד. און נאָכדעם ווי מען האָט דאַמאָלס אָפּגע-
טראַנספּאָרטירט די פינפיעריקע יינגלעך, האָט די מחלוקה גערוט
ביז, ס'איז ווידער אַ מאָל אַרויפגעשווימען די פראַגע פון דער
סופּרעמאַציע פונם מוטערלאַנד און די מאַנלאַנד-פראַגע איז ווי-
דער געוואָרן ברענענדיק.

עטלעכע הונדערט יינגע מיידלעך זענען אויסגעוואַקסן,
צוקומענדיק צו דער לעצטער גרענעץ, כאָטש די נאַטור וואָלט
זיי נאָך בכוח געווען צולאָזן די יינג-מיידלשאַפט. עס האָט
באַדאַרפט געמאַכט ווערן יענער שריט וועלכער וואָלט געמוזט
איניטירן אַ פעסטע און קלאָרע תקופה אויפן איל-דע-דאַם.

אַ מין ווילד וועזן האָט זיך אַריינגעריסן אויפן מוטער-
לאַנד פון אנטקייגן-איבערדיקן ברעג, וואָס האָט זיך אַמבולטסטן
נעלאָזט הערן ביים באָרט-דע-דאַם. דאָס האָבן די יינגע מאַנ-
לענדער געמאַכט אַ בונט ליאַרמענדיק און אויסשרייענדיק פאַר-
שידענע רופן. זיי האָבן געוואָלט נאָכמאַכן מוקאלינדאס לייבן-
רוף; אָבער ביי דעם מערסטן פון זיי איז דאָס שרייען ענלעך
געווען צו אַ הייזעריק-קרייען פון אַ מיסט-הענדל וואָס וויל נאָכ-
מאַכן די שיינע און הויכע שטימע פון דעם דאָרפישן הענער-
קעניג. פונדעסטוועגן האָבן די הימל-טעכטער צוליב די דאָזיקע
געשרייען נישט געהאַט קיין רו אפילו אין שלאָף.

כדי אויסצומיידן דעם גרויסן פּאַראַדראָס, האָט זיך אַלץ מער דערנענטערט די צייט ווען מוקאַלינדאַן וועט אוועקגעגעבן ווערן דער רייפער שביט פון מענטשן-בלומען וואס וועט צו דערזעלבער צייט זיין זיין כלה.

דער גרויסער יום-טוב, די הייליקע פייערלעכקייט אין וועלכן דאס זאָל אַדורכגעפירט ווערן איז צוגעגרייט געוואָרן נישט בלויז פון דעם דריי-פרויען-ראַט און פון דער דאָקטאָרין עגלי און דעם קרייז וועלכער האָט זיך אַרום איר געשאַפן, נאָר אפילו פּאַאַנען האָט דער זיך-דערנענטערנדיקער יום-טוב פאַרשאַפן קאָפּ-ווייטאָג ; יאָ, קאָפּ-ווייטאָג, און, יעדן באַזונדער אויף אַן אַנדערן אופן.

מוקאַלינדאַ האָט די לעצטע אַנדערהאַלבן יאָר זיין אַפּיטראָפּסות איבערן אינזל, נישט אָפּגעהיטן שוין מיטן זעלבן ברען. צי די סיבה דערפון איז געלעגן אין דעם וואָס די מוטערס זענען עלטער געוואָרן און זייער שיינקייט האָט שוין נישט געקענט מער אַזוי צוציען דעם דרייסטן און צופּיעשטשטן גאָט, אָדער די סיבה זאָל האָבן געווען זיין דאָס וואָס מען האָט אים מיט עפּעס דערצאָרנט — האָט מען נישט געוווּסט. יאָ, אויף זיין אָרט זענען געווען די צוועלף פלאַמען-ברענגער. אָבער, מען האָט זיך נאָך תמיד אָפּגעהאַלטן צו מאַכן יענעם שריט צוליב וועלכן דער שלאַנגען און מוקאַלינדאַ-קעניג איז געצווינגען געווען זיינע צוועלף זון דער הערשאַפט איבערצוגעבן און אַליין צו אַבדיקירן. רעליגיעס האָבן זייער עסאָטעריום און עקסאָטעריום 1), כאָטש ביי אַ טייל איז דער עסאָטעריום אַ בלויזער שמייכל, אָדער אַ מינדערווערטיקער טומל הינטער די קוליסן פון אַ מאַריאָנעטן-טעאַטער. די עסאָטעריקער פון איל-דע-דאַם האָבן דעריבער נישט געוווּסט צי זיי זאָלן צעוואַרפן די פאַקל-

---

1) עסאָטעריקער הייסן ביי די אַלטע מיסטיקער גאָר די וועלכע האָבן געהאַלטן פון די באַשטימטע פאַרהייליקטע לערן, אָן קעגנזאַץ זענען די עקסאָטעריקער וואָס האָבן געהאַלטן פון די נישט-פאַרהייליקטע קבלהסטיק.

ברענגער אין די רויקע היטערס פונם מוטערלאַנד, וואָס דאָס וועט זיי אָנקומען גענוג שווער. זיי זענען נישט געווען זיכער אויב דאָס צעהושעטע פייער וועט זיך פאַרשפּרייטן אויף אַלע דעכער.

און וואָס נענטער דער יום־טוב האָט זיך אָנגערוקט, אַלץ מער אינטימער האָט זיך פאַאָן צוגעבונדן צו דאגמאַר־דיאדאטאן. לאורענצע האָט אפילו באַמערקט ווי צווישןביידן האָט זיך עפּעס בסוד פארגעברייט. דאָס איז געשטאנען אין שייכות מיטן אָנקומענדיקן יום־טוב.

צוליב דער דאָזיקער סיבה איז אין לאורענצעס נשמה געוואַקסן אַ מין ערנסטקייט, אַ טרויריקייט. אָבער אין דער נשמה פון איר טאָכטער, דער שיינער רוקמיני, איז אויך געוואַקסן אַ טרויריקייט וועלכן זי האט אָפּט אָנגעהויבן אויסווייגען אויף דער מוטערס ברוסט. און אין דעם פירשט פון די ליכט־ברענגער, אין גאטס ערשטער מתנה — ביהאר לעל, איז גע־וואַקסן אַ טרויריקייט ווארום ער האט געזען רוקמינס טרוי־ריקייט און האָט געוווסט איר סיבה. אַ סך זיפצן האָט מען געקענט הערן אין דער שטיל פון פאַאָנען, אָבער דאָס טיפסטע וואָס אים האָט ווײ־געטון איז געווען לאורענצע, דערנאָך די שיינע ייפּיס און צום סוף רוקמיני. אויסערלעך אָבער האָבן זיי אים נישט ארויסגענומען פון זיין זיכערקייט, פון זיין הייטערקייט.

*

די פראַגע איבער וועלכער ס׳האָט זיך צעפלאַקערט די מחלוקה, איז דורך אַ דעפּוטאַציע פון ווילדע מאנלענדער גע־קומען איבערן טייך, אין א שיינעם טאָג האָט מען זיי געזען גיין אויפן טעמפּל־שטח אָנגעפירט פון אַ יינגן בחור, צום אָרט ווי דער דריי־פּרויען־ראַט איז געזעסן. זייער אנפירער, דער יינגער ביאנאָר האָט מיט זיין פאָדערונג ארויסגערוקט דעם פארלאַנג דאָס די מאנלענדער זאָלן אויך קענען אַנטייל נעמען אין דעם אַזוי־גערופענעם „יום־טוב פון די כלות״.

פון אָט דער ביטע האָט מען זיי דאַמאָלס אָפּגעזאָגט אין גרעסטן צאָרן.

פאַר פאַאָנען איז אָט די האַרבע תשובה און דאָס פאַרהאַלטן זיך פון די הייליקע מוטערס, געוואָרן אַ קוואַל פון געלעכטער. ס׳האָט זיך באַלד ארויסגעוויזן אז די ארטאדאקסישע פארם פונם פאטריאַרכאט פארטרעטן אמאנדע עגלי, די הייליקע מוטער פילאָמעאַ שוואַב און זייער פאַרטיי, וועלכע האָט טאַקע אַדורכגעפירט די האַרבע תשובה אויף די מאנדלענדערס פארשלאַג. אויף פאאנען האט זיך באַלד אויפגעהויבן, אין מאַנלאנד ווי אין מוטערלאַנד, אַ שרעקלעכער צאָרן וואס האט אויפן אינזל נישט געהאַט נאָך זיין ס׳גלייכן.

אפילו די הייליקע אור-מוטער, באבעטע האט אויך נישט געקענט רוען ביי איר שלאגען-טייך. זי האָט זיך, אין אַ געוויסן טאָג, באַוויזן אויפן טעמפל-שטח און פאַרבעטן דער איידעלער לאורענצע, דער פרעזידענטין און ראדבערטע קאלב, ווי אויך די צוועלף ליכט-ברענגער, אין פריטאנעאָן פון מוקאלינדאטעמפל, צו דער אַנטפלעקונג פון אַ הייליקער זעונג וואס האט זיך צו איר באוויזן. און אזוי ווי מען האט פאר אירטוועגן אַלץ געטון, האט גארנישט לאנג געדויערט ווי אויפן באַשטימטן אָרט זענען אנגעקומען די גערופענע ווי אויך איינצלנע פריווילעגירטע, צווישן זיי: פאאן, לאלא שמידט און די הייליקע מוטער עגלי.

באבעטע, די אויסטערליש אפגעמאָגערטע אורמוטער וועלכע איז וואס א יאר געווארן אלץ אויסטערלישער, האט געהאט, צו א געוויסן צוועק, א מין דרייפוס. זי האט אינעווייניק אַריינגעלייגט אַ געווענלעך אָבער פיין-שמעקנדיק קרויט, דאָס אונטערגעצונדן און בשעת דעם רעדן האט דאס געדעמפט ארום איר. זי האט נישט אויסגעזען לעכערלעך: פרי געעלטערט, די הויט און די האר און אַלץ איינסדיקע גראקייט, איז זי ענלעך געווען צו א פרום-אויסגעדארטע פרוי אזוי, אז מען האט איר געקענט אננעמען פאַר א כישוף-מאַכערין, א סיביללע

אדער א נאַרנע 1). אויף איר פּאַדערונג איז הינטער דער פֿאָרהאַנג, ווו ס'האָבן זיך געפֿינען די ליכט-ברענגער, אויפגעשטעלט געוואָרן עטלעכע צעבו-פֿויקן וועלכע האָבן באַגלייט אירע רייד מיט שטילע און געדעמפטע קלעפּ. צוליב דעם האָט דאָס מאָקאַנטע מויל פֿון דער אַלטע מאַלערין, עס־וואָס געצוקט און ראַדבערטעס פּנים האָט זיך פֿאַרוואָלקנט מיט אַ מאָדנעם פֿינסטערן וואָלקן און צו דערזעלבער צייט איז עס געווען ערנסט. דער נביאהטעס אָפּגעמאָגערטער גוף האָט זיך אַרויסגעזען פֿון הינטער אַ דין גראָ שטיקל געוועב און די אויסטערלישע ברוסטן אירע, וועלכע זענען פֿון אַלע געזען געווען, זענען אויך באַטראַכט געוואָרן פֿון די ליכט-ברענגער מיט אַ יראת-הכבוד.

— צו מיר קומט צוגאַסט, — האָט זי זער שטיל אָנגעהויבן: ווי ס'איז באַקאַנט, עטלעכע מאָל אין דער וואָך דער פֿרומער גייער-יאַטאַיוס 2). זיין נעסט האַלט ער אין דער אינערן פֿון מאָנט-דע-דאַם. ווער אויף אונדזער חסד-אינזל האָט אים שוין נישט געזען אַרויסאָגנדיק פֿונם קראַטער, פֿליענדיק צום שלאַנגען-טייך אַראָפּ, ווו מיין ווינונג געפֿונט זיך. אַלע פֿלאַמינגאָ-מחנות הייבן זיך דאַמאָלס אויף פֿון די רויכערנדיקע טייך-ברעגעס, כּדי צו באַגריסן אים און אים צובאַגלייטן ביז ער קומט צו מיר אַריין.

ווער ווייס עס נישט, אַז איך בין פֿריער פֿון אַלע הייליקע מוטערס אויף דעם געבענטשטן אינזל, באַגנאַדיקט געוואָרן. איך האָב תמיד געגלויבט, אַז איך האָב אַ משיח געבוירן, ווענען איך וועל געבוירן האָט מיר געזאָגט דער פֿרומער גייער-יאַטאַיוס.

---

1) מזל-טרעפֿעריננס, פֿרויען וואָס [illegible] אין א באגייסטערטן צושטאנד זאָגן נביאות.

2) א מין פֿויגל.

ביהאר לעל, דער פירער פון די ליכט-ברענגער, איז גע-
וואָרן דערביי אומרויק.
נאָר באַבעטע האָט ווייטער גערעדט:
— דאָס איז געווען קרישנא אַליין וועמען איך האָב גע-
בוירן אונטער דעם נאָמען ביהאַר לעל.
דאָ האָט ביהאר לעל, וועלכער איז אָן ספק געווען
אַ וואונדער-שיינער בחור, איבערגעריסן זיין מוטער, דערביי איז
ער געוואָרן פורפור-רויט ווי ס'ווערט אַ מיידל ווען זי ווערט
פאַרשעמט; ער רעדט זער איידל און זיכער:
— איך בין נישט מער און וויל נישט מער זיין, ליבע
מוטער, ווי אַ פשוטער יינגערמאַן.
— זאָל זיין. — ענטפערט אים די מוטער: קרישנא
אַליין האָט אפילו נישט געוווסט, אין די אומצעליקע אינקאר-
נאציעס זיינע, אַז ער איז קרישנא. דו ביסט עס, מעגסטו עס
אפילו נישט וויסן. קרישא ביסטו — דער איינציקער ליכט-
ברענגער. די איבריקע עלף זענען גאָרנישט. דו ביסט אַראָפּ-
געקומען אַלס ביהאַר לעל כדי צו שפּילן זיך מיט פאַסטאָכנס
פון אָט דעם דאָזיקן געבענטשטן אינזל. פון מוקאַלינדאס נפש
איז קרישנא אינגאַנצן אריבערגעגאַנגען צו דיר. פריער האט
ער געקענט צו דערזעלבער צייט לעבן אין דיר, אין מוקאלינדא
און אין אַ סך אַנדערע געשטאַלטן.

> א יעדער הירטן הער איך וואָרקען:
> מיך אַליין נאָר זוכט דער זיסער.
> זיינע זיפצן הער איך בלאָנדזשען;
> ס'קלינגען זיינע זילבער-פיס.

און זי רעדט ווייטער:
— אַלס ביהאַר לעל, וואָס דאָס באַדייט: דער „שפּילעווו-
דיקער ליבלינג”, איז קרישנא געוואָרן דער הער פון די פאַסטאכנס.
צווישן זיינע אנצאליקע געטלעכע שפּילן, האט זיך אים אויך
איינמאל דאָס פאַרגלוסט. פרייט אייך! פרייט אייך, הייליקע
מוטערס!

קרישנא אַליין איז געקומען
און האָט אַ שוץ ביי אייך געפונען.
אייערע קינדער וועט ער בענטשן
און מן פון הימל לאָזן פאַלן.

— ליבע מוטער, — האָט איר ווידער אַ מאָל איבער־געריסן ביהאַר לעל, שטאַמלענדיק אַ ביסל: איך מוז דיר זאָגן אַז איך בין בלויז אַ צוועלפטער ביי מיינע עלף ליבע חברים. ווען איך זאָל דיך נישט מוזן אַזוי שטאַרק ליב האָבן און בכבוד־האַלטן, וואָלטן מיר דיינע איצטיקע רייד געווען זייער פיינלעך, מיין ליבע און הייליקע מוטער.

נאָר באַבעטע לאָזט זיך נישט צעמישן:

— דאָס רעדסטו צו מיר אַלס קרישנאַס נפש, — זאָגט זי: דער גאָט אין דיר וועט דיך באַלד ווידער באַזינען. ווי קרישנא וועסטו אַ מאָל האָבן זעכצנטויזנט פרויען, אַ חוץ רוקמינין און פון זיי וועסטו האָבן הונדערט און אַכציק טויזנט קינדער.

רוקמיני, לאַורענצעס טאָכטער, דערהערנדיק דאָס, האָט געמאַכט אַ פחדנותדיקע באַוועגונג און האָט זיך גענומען אָפּ־רוקן. און די פּרעזידענטין האָט געפּליסטערט: אָרעמער בחור, דאָס וועט דאָך דיר זיין צו שווער...

— פון פרומען גייער־יאַטאַיוס ווייס איך עס, — רעדט אַלץ ווייטער באַבעטע: און איך קום אייך אָנזאָגן די בשורה פון אַ ניי גאָטס־געשטאַלטונג אויפן איל־דע־דאַם, אין לאַורענצעס טאָכטער רוקמיני, האָט זיך אינקאַרנירט רוקמיני — קרישנאַס ווייב. אַזוי אַ נאָך רעגירט איבער אונדז

מאַן און פרוי,
רוקמיני און ביהאַר לעל,

אַזוי ווי די מוטער באַבעטע איז געווען זייער געליבט און געאַכפּערט פון אַלע, איז די אומרויקייט געווען זייער ווייניק צו באַמערקן און זי אַליין האָט עס נישט געפילט. דערפאַר האָט זי אומגעשטערט ווייטער געקענט רעדן:

— קוים צוואַנציק יאָר וועלן ביהאַר לעל מיט רוקמיני הערשן, אין אומגעשטערטן גליק, אויפן איל-דע-דאַם; איינדריטל פון קרישנאַס הונדערט און אַכציק טויזנט קינדער וועלן קוים זיין געבוירן און — ס'וועט דאַמאָלס קומען דאָס גרויסע ערד-ציטערניש פון איל-דע-דאַם און באַלד דערנאָך, דער מוראדיקער ווולקאַן-אויסברוך פונם מאָנט-דע-דאַם. נאָך וואָס קרישנאַ וועט זיך דאַמאָלס געפונען אויף דער ערד, האָט מיר דער פרומער גייער-יאטאיוס קלאָר געמאַכט. זיינע קינדער וועלן דאָסמאָל נישט זיין, ווי פריער, בכבודיקע זין, נאָר — זיי וועלן זיין טעכטער. די דאָזיקע וועט ער מאַכן פאַר מוטערס און מיט זיי, נאָכדעם ווי ער וועט האָבן אַלע פינסטער-מאַנלאַנד-רוחות באַזיגט און פאַריאָגט — וועט ער מיט זיי באַנייען אַלע נפשות פון דער גאַנצער פינסטער-מאַנלאַנד-וועלט.

אַנני האָט צוגעשעפּטשעט ראַדבערטען: דאָס האָט ער דאָך שוין, אייגנטלעך, לאַנג געטון.

אָבער באַבעטעס שלוס האָט איצט פאַרלאַנגט אויפמערקזאַמקייט. זי דערציילט פון אַ מאַלפּע-קעניג און זיין מיניסטער האַנומען. פאַר דעם איל-דע-דאַמס אונטערגאַנג — וואָרום אונטערגיין וועט ער מוזן צוליב דעם פייער-באַרג — וועט דער דאָזיקער מאַלפּע-מיניסטער פון דער מאַלפּע-מלוכה וועלכע ליגט ערגעץ צווישן דעם צוואַנציקסטן גראַד אויף דער מערבדיקער און פערציקסטן אויף דער מזרחדיקער לענג, דעם זיבציקסטן און פערציקסטן אויף דער דרומדיקער ברייט — וועט ער, דער מאַלפּע-מיניסטער, מיט אַ געוואַלטיק-ברייטן שפרונג אַריבערשפרייזן אזיען און דעם שטילן ים און אויף איל-דע-דאַם וועט ער זיך שטעלן צו ביהאַר לעלס דינסט דאָסמאָל וועט עס אַ סוף נעמען מיט די פּאַסטאַכנס — ביהאַר לעל וועט נתגלה ווערן, ער וועט זיך אַרומהילן מיט קרישנאַס פורפור-מאַנטל און נעמען די שווערט אין דער האַנט: ער וועט פאַרלאָזן איל-דע-דאַם און גייען מלחמה-האַלטן מיט די פּינסטער-מאַנלאַנדס שדים-אַרמעען.

איך מוז נאָך דא עפּעס צוגעבן: אַ געוואַלטיק-גרויסע

מאַלפּן־אַרמעע וואָס איר צאָל וועט באַטרעפן, כמעט, די גאַנצע מענטשהייט וועט, אויפן ווינק פון מיניסטער האנומען און אויפן באַפעל פון קרישנא־ביהאר לעל, זיך אויפשטעלן אַ בריק איבערן שטילן אָקעאַן. און ווען קרישנא מיט זיינע הייליקע מוטערס און קינדער וועלן שוין זיין אַריבערגעגאַנגען די ברוק ביז אויף יענער זייט, וועט ער זיך שטעלן בראש פון דער מאַלפּן־אַרמעע און אַריינפירן די שדים־אַרמעען אין יענער שלאַכט וואָס וועט אים ברענגען דעם פולשטענדיקסטן נצחון. דאַמאָלס וועט ער גרונדפעסטיקן די מלוכה פון די מוטערס אויף מיליאנען יאָרן, יאָ, ביזן סוף כל הדורות.

*

אָט די דאָזיקע דערקלערונג פון באַבעטע האָט, פאַרשטייט זי, גאָרנישט געקענט קלערער מאַכן די לאַגע, פאַרקערט: זי האָט זי נאָך מער פאַרוויקלט. מוטערלאַנד, ווי מאַנלאַנד זענען די זעלבע געווען זער אויפגעבראַכט איבער דעם וואָס ביהאר לעל זאָל דאַרפן די עלף ליכט־ברענגער, ווי אויך די איבעריקע מענער פונם מאַנלאַנד, פאַרטיליקן. און אַ חוץ דעם איז מוטער־לאַנד זער אויפגעבראַכט געווען אויף דעם וואָס באַבעטע האָט דערהויבן איר זון צו אַ הערשער און רוקמינין צו אַ הערשערין איבערן איל־דע־דאַם. און גאָר באַזונדער האָט באַבעטעס נביאות וועגן איר זון, אַ פאַרביטערטן שונא געהאַט אין ביאַנאָרן, דער, וועלכער איז געווען אָנפירער פון דער ווילדער מאַנלאַנד־דעפּוטאַציע.

אַ דאַנק דער פשוטער און הארציקער פריינטשאַפט פון ביהאר לעל צו זיינע עלף חברים און אַ דאַנק פאַאַנען וואָס פלעגט צו זיי אריינקומען, זענען די מיאוסע פאָלגען פון דער וואָרזאָגערינס רייד, אינגאַנצן אויסגעוואָרצלט געוואָרן. זיי האָבן אַנדערש נישט געקענט, די צוועלף איידעלע ווילגעבוירענע ייִנגעלייט וואָס זענען געווען קערפּערלעך־שיין, קערפּערלעך־כּוחותדיק, צאַרט אין די געפילן און אין די געדאַנקען

און האָב מיט ליבע באַצויגן איינער צום אַנדערן — האָבן אַנדערש נישט געקענט ווי זיך אייניקן אין דעם באשלוס. צו איידל און צו געבענטשט האָט דאָס בלוט גערינען אין זייערע אָדערן; צו שטאַרק האָבן זיי באַנומען דאָס הימלישע פייער פון דער נישט-דערציילנדיקער פאַר-פרייד — יענע דערוואַרטנדיקע פאַר-פרייד פון דער ייגנט וואָס איז דאָס העכסטע גליק און גייט פאַרלוירן מיט דער ייגנט. די דאָזיקע מענער-אחדות האָט געקענט פאַרשעמען די קראַפט און די ליכטיקע הייטערקייט ביי זיי. מען האָט, אומבאַדינגט, גע-מוזט זען דעם דאָזיקן פאַרביקן בונט ווי ער לעבט זיך אויס. מען האָט געמוזט זען דעם פּראַקטיקן שפּיל פון זייערע מוסקולן בשעת זיי האָבן זיך געשפּילט אויף די ספּאָרט-פּלעצער אין טעמפּל-געגנט, אין אַ וועט-לויף, צי אין שפּיז אָדער דיסקו וואַרפן, צי אין וועט-שפּרינגען, אַטלעטישע קאַמפן, אָדער אַנ-דערע ליי שפּילן. דאָ זענען געשען וווּנדער פון כוחות, וווּנדער פון שאַרפן אויג און געשיקטקייט. און ווען די שטאָלערנע מוסקול-שפּאַנען פון די דאָזיקע ייגנט-גלידער האָבן זיך צעבויפּ-גענומען אין זייער פולער, געזוונטער לעבנס-גליסטונג, אין אַ חברותה-טאַנץ, אַזוי האָט מען געקענט מיינען אַז דאָס געזעץ פונם שווער-קראַפט גייט אין דערהויך 1).

אַ זעלטנהייט איז געווען דאָס וואָס פּאַאַן האָט זיך איינ-מאָל, ביי אַ געלעגנהייט, מיטבאַטייליגט אין זייערע שפּילן. דער איינדרוק איז געווען דער זעלבער, כמעט, ווי בשעת אָדיסעוּס האָט דאָס זעלבע געטון אויפן אינזל ביי די פּעאַקען. ער האָט די דאָזיקע שיינע ייִנגעלייט געוויזן זיין ברייטן ישוב-הדעת, און זיי האָבן אים גערופן „פּאַטער" (מען דאַרף עס פאַרשטיין אין זין פון יתומים-פּאַטער, אָדער טורן-פּאַטער גימנאַסטיק קאַפּיטאַן)).

---

1) דער מחבר מיינט דערמיט דעם געגנזאַץ צום ניוטאַניש-געזעץ: יעדן ערפּער ציט צו דער ערד.

דאך איז ער געווען צווישן זיי אן אייגענער מיט זיין דרייסטקייט און זיינע משוגעתן. נישט בלויז דיסקו וואַרפן, פיילן, שפּיזן אָדער קלעצער האָט זיי אויפגעהאַלטן; אויפן איל־דע־דאַם האָבן זיך געפינען אָן־א שיעור זאַכן וואָס האָבן נישט געקענט פאַרביי זיי נישט אַרויסרופנדיק אין זיי דעם געזונטן חוזק־טאָן.

דאָס זעלבע מזל האָט ביי זיי אויך געהאַט די אַלגעמיינע מאַלפן־אַרמעע און פאַר אַלעם נאָך, דער מאַלפן־מיניסטער האַנו־מען. אָן האַנומען האָט מען זיך שוין נישט גערירט. עס איז געווען א הייליקע מצוה ביי זיי טאָג־טעגלעך און א סך מאָל אויך שעה־ווייז צו לאַכן, אָן שום דרך־ארץ, ביז אין קראַמפּן.

*

דער „יום־טוב פון די כּלות" האָט זיך אַנגערירט. ס'האָט געזאָלט פאַרקומען צום סוף זומער, אָבער די סימנים דאָס דער יום־טוב קען געשטערט ווערן, זענען געוואָרן געפערלעכער. אַזוי האָט אין א געוויסן טאָג פאַאַן איבערגעגעבן דעם דריי־פּרויען־ראַט, אַז עס ווערט אים וואָס א טאָג שווערער די אַרבעט אינם אַזוי־גערופענעם ווילדער מאַנלאַנד. און אין איינעם פון די פאַרזאַמלונגען ביי וועלכן די ליכט־ברענגער זענען אויך געווען, — וואָרום מען האָט זיך נישט געקענט אָפּגעוווינען פון א געוויסן מין סאָלידאַריטעטס־געפיל צום מאַנלאַד, — איז באַשלאָסן געוואָרן אַז אויב די פּייערונג וועט זיין אָן אומעג־לעכע זאַך, זאָלן אַלע צוזאַמען, מיט א פּיינטלעכע האַנט, זיך אַרייַנברעכן אינם מאַנלאַנד. און פאַאַן וועלכן מען האָט דאָרט גערופן פאַטער, ער האָט גאָרנישט פּרובירט שטערן דעם באַשלוס.

די מוטער עגלי, פילאַמעלאַ שוואַב און אַנדערע טרייע הייליקע מוטערס מיט וועמעס הילף ס'איז באַרירט געוואָרן די ביי־געשאַפענע לאַגע, זיי האָבן, סוף־כּל־סוף, געמוזט אויך

איינגיין אויף אַ פאַרשלאַג, פון דריי־פּרויען־ראַט, וועלכער איז באַשטאַנען אין דעם וואָס מען וועט דאַרפן שיקן אַ מוטער־קאָמיסיע אויסצופאָרשן דעם כאַראַקטער פון דעם מצב, אַזוי־צו זאָגן די קוואַליפיקאַציע פונם ווילדערמאַנלאַנד, איידער נאָך מען וועט זיך מוזן, מיטן לעצטן באַשלוס אוז אַנטשלאָסנ־הייט, אַריינרייסן אין זיינע גרענעצן אַריין.

גאַנץ פאַרשטענדלעך אַז אַנני פּרעכטל איז געווען די פירערין פון דער ווילדער־מאַנלאַנד־קאָמיסיע. לעבן איר האָט זיך, ווי תמיד, געפונען ראַדבערטע. זי איז אַלט געווען אַן ערך פופציק יאָר און די פּרעזידענטין פינפאונזיבציק באַלד. דער גן־עדנישער קלימאַט האָט אָבער מער געווירקט אויף זיי ווי די עלטער.

ווען אַנני און ראַדבערטע זענען אַרויפגעזעצט געוואָרן אויף זייערע צעבו־קי — וואָרום רייטנדיק האָט מען גאַנץ לייכט געקענט אַריבערקומען דעם דעפילעי־דע־דאַם, — האָט די פּרעזידענטין אויסגעדריקט איר שמחה וואָס זי וועט, ענדלעך, קענען באַטראַכטן גרונטלעך דאָס וואָס פּאַאַן האָט אויפגעטון.

— וואָס האָט ער אויפגעטון ? — פרעגט ראַדבערטע, און ס'האָבן זיך גלייך אָפּגערופן די איבריקע הייליקע מוטערס וועלכע זענען געשטאַנען רייטנדיק און נישט־רייטנדיק וואַרטנ־דיק אומגעדולדיק אויפן אָפּפאָר.

— ער האָט געשאַפן ! — ענטפערט אַנני.

— וואָס האָט ער אויפגעטון ? וואָס האָט ער געשאַפן ? — זאָבן זיך ווידער געהערט שאלות אין אַ טאָן וואָס האָט בולט געלאָזט הערן אַז זיי ווילן נישט וויסן פון דעם וואָס פּאַאַן האַט אויפגעטון.

אויף דעם האָט די פּרעזידענטין אויסגעבראָכן מיט איר איראָנישן האַרציקן געלעכטער.

דער פרימאָרגן איז געווען אַ שיינער, ווי בכלל די מאָרגן אויפן איל־דע־דאַם.

— דערמאַנט איר זיך, מיינע דאַמען, — האָט די פּרעזי־

דענטין ווידער אָנגעהויבן: יענעם ערשטן טרויעריג-שיינעם אויפגעדעמערטן פרימארגן אויפן איל-דע-דאַם ווען איר האָט מיך, מיט אייער פרייד-געשריי, אויפגעוועקט פון שלאָף, אין „ווייסן הויז"? דאָס איז געווען דער ערשטער האָפענונגס-געשריי אויפן איל-דע-דאַם איבער וועמען ס'האָט זיך שפעטער געשטאַרקט נאָך אַ גרעסערער געשריי, דער געבענטשטער לייבן-רוף פון דעם אינזל-רוח. און, דערמאנט אייך נאָר וואָס פון אונדז איז געוואָרן!

און דאַמאָלס זענט איר געגאַנגען מיט אונדזער הייליקע מוטער פעידזש אן דער שפיץ מרגל-זיין דעם אינזל און זענט צוריקגעקומען מיט די שענסטע פירות און נאך שענערע ידיעות. נו, מוטער פעידזש, איר זענט אין אָט די דאָזיקע פאַרפלויגענע צוואַנציק יאָר כמעט, נאָך שענער געוואָרן. די מוטער וואַרניקאָ איז נאָך אויך נישט-קשה, גאָט זיי דאַנק! תמיד דערמאַן איך זער גערן אַלע יינגע מוטערס אן יענע צייט און וועלכע אונדזערע דאַמען האבן אזויפיל אויפגעטון. אונדזער ליבע ראָזנבאום איז שוין נישטאָ: דער לײדיקנדיק אַ סך ברענענדיקע פראַגן, וועלן מיר שוין, אַ חוץ זיי, קיין סך קלאָפּאָטן נישט האָבן. זי איז געווען אַן אמת בערלינער קינד און איז תמיד געווען אויפן אָרט. די העכסט-פארדינסטלעכע מוטער עגלי, איז אַ סך געווען געראטן אין איר. די ראזנבאום איז קיין געלערנטע נישט געווען. אין א סך זאַכן האָט זי זיך נישט געלאזט געזאגן. זי פלעגט זאגן: „איך האב א געזונטן מענטשלעכן פארשטאַנד". דאס וואס איז נישט געווען אין איינקלאנג מיט איר שכל, דאס וואס איז נאר אריבערגעגאנגען די מאָס פון איר פארשטאנד — פון דעם האט זי נישט געוואלט הערן.

איצט האט מען שוין גאַנץ בולט געקענט באמערקן דאס די צוועלף הייליקע פרויען פון דער ווילדער מאנלאנד-קאמיסיע, באשטייט פון צוויי צעטיילטע פאַרטייען. ווי ס'האָט אויסגעזען האט די הייליקע מוטער פילאָמעלא שוואב, א פרעכטיקע פרוי מיט א קאפ ברוין-רויטע האר, אַ פרוי וואס האט נישט געשפאַרט קיין שטאַרקע זשעסטן און ווערטער — זי האט אנגעפירט מיט דער גרעסערער גרופע. און כאטש די דאקטארין עגלי האט

אויסדריקליך נישט געוואלט געהערן צו קיין שום פארטיי, האט זי דאך געהערט צו דער גרופע וועלכע האט פאר יעדן פרייז, מיט די הארטסטע און עקשנותדיקע פרינציפן, געוואלט אדורכפירן די אידעע פון א ריינע פרויען-מלוכה. זי און פילאמעלא שוואב האבן נישט באנומען די דאזיקע אידעע ווי ס'האט עס באנומען לאורענצעס גרויסע און טייערע נשמה, נאר — זיי זענען געפירט געווארן פון אן אפעקט הינטער וועלכן ס'איז טיילווייז געלעגן דער אונטערבאוווסט-זינגער מענער-האס.

די דאזיקע צוויי פרויען האבן קיין איבריקע סימפאטיעס נישט געהאט פאר די פערזענלעכקייטן פונם דריי-פרויען-ראט. לאורענצע און אנני פרעכטל ווי ראדבערטע קאלב, דאס זענען געווען דריי וועלט-דאמען. זייער האלטונג, זייער כאראקטער און בילדונג האט עס בולט געמאכט. דער דאזיקער אומשטאנד האט ארויסגערופן ביי אסך הייליקע מוטערס א קענטיקער פארדראס און גאנץ באזונדער ביי פילאמעלא שוואב וועלכע איז, ביז דער שיף-קאטאסטראפע, געווען צוויי יאר די פרוי פון א זער פעיקן ביה-ברויער. אבער, אויך די דאקטארין וועלכע איז געווען א זער-טיכטיקע אין איר באַרוף און האט געהאט א ביסל א באגריף אין קונסט, פילאזאפיע און רעליגיע און אויך א גאנץ אנטוויקלטן געשמאק — אפילו זי האט נישט געקענט צוגערעכנט ווערן צו די פערזענלעכקייטן פונם דריי-פרויען-ראט: זי האט נישט אין אכט גענומען זייער פארפיינערטע קולטור: איר בילדונג האט עס איר נישט דערלויבט.

ענדלעך איז די קאוואלקאדע געווען גרייט צו רירן אין וועג אריין: צוועלף צעבו-קי, צוועלף הייליקע מוטערס און א דינסט-באגלייטונג פון רייטערינס און פיעכאטע באוואפנט מיט שפיזן, אנגעפירט פון דער רייטערין ייפיס. מען האט געגלויבט אז אין אוונט וועט מען דערגרייכן דעם ווילדער מאנלאנד-פאס, דעם דעפילעי-דע-דאם. דא האט געזאלט, לויטן פראגראם, די פרויען-וואך איבערגעטוישט ווערן אויף א בחורים-וואך.

ראדבערטע האט זי אפגערופן צו דער פרעזידענטין וועלכע איז לעבן איר געריטן:

— הערט נאר ווי די ווייבער גרעגערן! — איך לאנגווייל מיך קיינמאל נישט ווען איך בין צוזאמען מיט די יינגע מיידלעך, ווייל דאס שיינע לעבן און ווערק פארשאפט מיר פארגעניגן. אבער, אנטקייגן מיינע אלטע חברטעס זע איך מיך, ווי־ווייט מעגלעך־סאיז, אויסצובאהאלטן, באדיי אין דער איינזאמקייט. איבעריקנס איז דאס נישט קיין נייעס פאר אייך, אנני; אבער, פון וועלכן־דען זאלן מיר רעדן אויב נישט פון דעם וואס מיר האבן שוין הונדערט מאל געשמועסט! — איר ווייסט דאך אז איך בין פון שטענדיק אן א פאר־זיכדיקע, אין סאציאלער באציונג: אן ארכיסט. ס'איז קיינמאל נישט דער רייפער דורכגעפירטער סיסטעם, וועלכער איז בכלל נישט בנמצא, נאר די נאטור־שפיל איז עס וועלכע גיט מיר פרייד. אונדזער גאנצער מענטשהייטס־אנטוויקלונג איז א דאנק נאטור־שפיל.

„ווארום פאקטיש האט זיך דער אור־אנפענגלעכער שטאף נישט אויסגעארבעט א דאנק דעם קלוגן שכל און סיסטעם און קיין פלאן פון שאפן עפעס, איז נישט געוועז" — אזוי האט געזאגט לוקרעץ, און אזוי מוז עס, אין יעדער באציונג, בלייבן ביזן אין־סוף.

האבן מיר, למשל, אונדזער פרויען־מלוכה: פארשטייט זיך, דאס איז א שפילעריי; אלס אזעלכע לאז איך איר גאנץ רויק עקזיסטירן. אבער דעם אומדערמידלעכן שעפער פון דער נאטור, האט זי גארנישט צוגעהאלפן, ס'קומט מיר גאנץ קאמיש פאר ווען איך קוק זיך צו צו דער ערנסטקייט פון דער מוטער עגליס באהאנדלען די פראגע מאטריארכאט — פאטריארכאט. זי נעמט דאס אזוי ערנסט ווי א קינדערישער ארכיטעקט פון א קארטן־הייזל. אוודאי, אלץ איז בחפזונדיק, אויבערפלאכלעך, אלץ שטייט אויף הינערישע פיסלעך. דאס מאכט אבער בשום־אופן־נישט גערעכט די טאלענטלאזיקייט. ווער ס'גלייבט אז ער האט געפונען דאס אבסאלוטע און איז זיכער אז ער וועט אויפשטעלן א ווערק פאר דער אייביקייט — דער זאגט תמיד ליגן זיך און אויך אנדערע.

— דערפאר—זאגט אנני: וועלן מיר טאקע דארפן אויס־

פאָרשן אויב ווילדערמאַנלאַנד דאַרף זיך באַטייליקן אינם „כּלה־יום־טוב" אָדער נישט. — און, רעדט זי ווייטער: ראַדבערטע, איר דאַרפט נישט פאַרגעסן אַן אונדזער אָנהייב. דער שלימזל האָט אונדז, ווילנדיק נישט־ווילנדיק געמאַכט פאַר אמתע פּרויען־שטאַטלעכע. פאַרוואָס־זשע זאָלן מיר נישט ווייטער פירן דעם עקספּערימענט און זען וואָס פון דעם וועט אַרויסקומען.

— איך גלויב, — זאָגט ראַדבערטע: אַז קיין סך וועט זיך שוין דער עקספּערימענט נישט לאָזן פירן. און, איך בין זער נייגיריק צו וויסן וואָס די פון יענע זייט שמאָלן פּאַס, האָבן אין דעם עסק נאָכצוגעבן. אפילו אויף דער זייט ווייזן זיך שוין אַרויס, ווי למשל אין באַבעטעס רעדע, סימנים פון אויפלייזן די זאַך. איבערהויפּט, יאָ בכלל איז מיר די גאַנצע אַבסורדיטעט אינם טעמפּל־געגנט, אָפּט צו־שטאַרק דערווידער.

אַנני זאָגט:

— איך בין נישט פאַרינטערעסירט צו זען דעם טעמפּל אַנדערש ווי אַלס אַ קינסטלערישע אַרבעט. אַלס אַזעלכער געפעלט ער מיר זער. איך האַלט אים אויך נישט פאַר נישט גענוגשכלדיק, ווייל ער איז געבויט אויפן אַלגעמיינעם דיכטערישן און מענטשלעכן באַזיס וועלכער איז דער נאַטירלעכער יסוד. און דערפאַר וואָס דער מענטש איז פון זיין דיכטערישן צלם פּסיכיש און גייסטיק אָפּהענגיק, כּמעט, פאַרשקלאַפט, פאַלט במילא אַוועק די דערפינדונג אַלס אַן איל־דע־דאַמישע. איר קענט אויף אַלע פינף וועלט־טיילן קיין איין טריט נישט שטעלן, כּדי נישט מוזן צוטרעטן אויף די באַווייזן פון דאָזיקן אמת. נישט נאָר די וועדן, נישט נאָר בודא, שפּינאָזא, קאַנט, שאָפּענהויער באַצייכענען דעם פּרווו פונם „אַבסאָלוטן דערקענען" אַלס אַ האָפענונגס־לאָזן. אַזאַ רעאַליסטישער דענקער ווי הערבערט ספּענסער אפילו, דערמאַן איך זיך, זאָגט אַז דאָס אָביעקטיווע באַוווסטזיין איז אַ רויע און נישט־גענוגנדיקע מאָס פאַר דער אָביעקטיווער עקזיסטענץ. עס איז נישטאָ, זאָגט ער, קיין שום פאַקטישע ענלעכקייט צווישן די פּסיכישע דערשיינונגען אין באַוווסטזיין און זייערע אויסערלעכע סיבות. אויסערלעכע סיבות,

אויספרלעכע זאכן זענען איר נאַטור אומבאַקאַנט. אויב אזוי, פאַרוואָס-זשע זאָלן מיר נישט ווייטער דיכטען? פאַרוואָס זאָלן מיר טאַקע נישט אַרויפזעצן די פאנטאסמאגאריע אויפן טראָן? פאַרוואָס זאָלן מיר טאַקע נישט, ווי אונדז געפעלט, באַפעלקערן אונדזער אינזל מיט ריין-סוביעקטיווע רעאַליטעטן? גאָט נערט זיך דאָך בלויז פון גייסט, און, דער דאָזיקער גייסט איז דאָך יענער אייביק אומרעאַלער יסוד וועלכער לעבט מיט אַלע אונדזערע ליידן און פריידן. וועגן די סוביעקטיווע רעאַליטעטן, ווי למשל, מוקאלינדא און די איבריקע, קען איך נאר האבן איין טענה: זיי זענען געקומען ווייל מ'האט נויטיק געהאט שיינקייטן, אבער די גלויביקע אירע מיט די קינסטלערישע נשמות, די יאָ און ניין-גלייביקע זענען אָבער פארכאפט געוואָרן פון פרום-עקסטאטישע משוגעתן.

אויף אַ געוויסן מהלך, הינטער דער פרעזידענטין און ראדבערטע, זענען געריטן די הייליקע מוטערס שוואַב און עגלי, איין צעבו-קי לעבן דער אַנדערער.

— טוט אַ קוק, ליבע מוטער עגלי, — האָט זיך פילאמעלא שוואב אָפגערופן: זעט ווי די צוויי פערזענלעכקייטן ווילן דאָס אומעטום זיך אַרויסווייזן, (זי האָט געמיינט דער פרעזידענטין און ראדבערטען). כ'וואָלט שוין גיכער געקענט גלויבן אַז זיי רעדן איצט וועגן די אַריצאָנאַ קיקער 1) ווי פועלן ביי זיך אָנצורופן זיי הייליקע מוטער.

אויף דרויף ענטפערט איר די הייליקער מוטער עגלי:

---

1) ריאצאנא—א שטיק לאנד וואס געהערט צו די פאריייניקטע שטאטן, מיט א באזונ-ערע טעריטאריאלע פארוואלטונג. דאס לאנד איז רייך אין גאלד, קופער, פארשידענע מינעראלן און תבואות; דאס לאנד פארמאגט א סך ריזיקע געבערג און טייכן.

איך מיין אז הויפטמאן וויל דערמיט זאגן אז דאס רעדן וועגן די מאטריאליסטישע אריצאנא קיקער איז פאר די הייליקע מוטער א שטיק בפירה.

— אויב אויף אונדזער אינזל ווערט געטרייכערט און אלקאהאל גענוצט, איז עס נישט בלויז זייער שולד. אויף ערגעדע זאכן וואלטן זיי זיך שוין נישט דערלויבט.

— איך האב אן איינדרוק, — רופט זיך ווידעראמאל אפאנני צו ראדבערטען: אז הינטער אונדז ווערט אויסגעארבעט א מרידה. — מ׳וועט אוודאי אלץ טון כדי נישט צוצולאזן דעם המון ייגגלעך צו דער „כלה יום-טוב״. איך מוז זיך אבער מודה-זיין אז די פראגע צי „יא״ אדער „ניין״ איז, קען מען זאגן, זער קיצלדיק. דאס וואס ס׳איז דעם זייט ים-בוזעם געלונגען צו דערגיין פון יענעם-זייטיקן ברעג, באווייזט מיט ראיות אז מען האט צו טון מיט א געוועגלעכע דרייסטע חברה. איך וויל אבער נישט פארלייקענען אז די פון דער זייט מיט זייער געזונטע מאגנס, קענען נאר זיין אזוי לאנג צוריקגעהאלטן ביז וואנען מען וועט זיי נישט אוועקשטעלן דעם באשטימטן מוקאלינדא-שפייז אונטער די אויגן, אונטער דער סאמער נאז. אבער — גיט זי נאך צו: דאס איז דאך אלץ איינס. וואס וואלטן מיר דען היינט געווען ווען ס׳וואלט אן אמתער גאט נישט צו געזען אונדזער עלנט און זיין בורא-האנט וואלט נישט מיט חסד גערוט איבער אונדז! פרייען מיר זיך מיט דעם וואקסן און ווערן ארום אונדז, פרייען מיר זיך מיט דעם וואס ס׳איז געשאפן געווארן! און זי ענדיקט: צום טייוול, דאס איז מיין מיינונג! — און זי האט דערביי אזא הויכן הייב-געטון די האנט און ענטוזיאסטיש א פאטש-געטון דער צעבו-קי איבערן הויקער, דאס זי האט מיטאמאל אנגעהויבן זער געשמאק צו גיין.

— איר זעט, איר זעט! — האט פילאמעלא שוואב א זאגגעטון: איך וועט זיך מיט אייך, די דאזיקע אלטע מויד האט איצט אן אמתן זיפ געטון פון איר רייזע-פלאש!

*

ביים שלאנגען-טייך, אין א וועלדל פון טייטל-פאלמען

װעמעס קרױנען ס׳האָבן זיך אױסגעשפּרײט װי גרינע דעכלעך — דאָרט האָט מען געמאַכט דעם מיטאָג־אָפּרו. דאָס װאַסער פֿון שלאַנגען טײַך איז געװען װאַרעם: עס האָט אַדורכגעװאַרעמט אַרום־און־אַרום די זומפּיקע אױבערשטע גרודע ערד װעלכע האָט געקענט נוצן פֿאַר אַ קור־אָרט. דאָס דאָזיקע אָרט איז באַליבט געװען פֿון פלאַמינגאָ־מחנות.

פֿון דאַנען־אָ האָט מען געקענט װאַרפֿן אַ בליק איבער דעם פּאָרטאַל־דע־דאַם און איבער דער בוכטע־דע־דאַם; מען האָט געקענט זען די צװילינג־בערג — די פֿאַרלאָשענע װולקאַנען אױף דער מאַנלאַנד־זײַט װעלכן באַבעטע האָט אַ נאָמען געגעבן העמאַקוטאַ.

— הערלעך! — זאָגט די פּרעזידענטין: אַזױ אַ נאָך װערט דער פּאָרטאַל־דע־דאַם באַװאַכט און געהיטן פֿון צװײ געװאַלטיקע ריזן. איך פֿאַרבינד אָבער נישט דערמיט קײן שום סימבאָלישע געדאַנקען. עס װאָלט זײער נישט גוט געװען פֿאַר דער װוּקס פֿון דער מענטשהײט, װען די טוגענט פֿון דער פֿרױ װאָלט געשיצט געװען פֿון אַזעלכע מוראַדיקע װעכטער.

די הערלעכקײט איז נישט בלױז געװען פֿונעם טײַך אַלײן, אַפֿילו נישט דער װײַט און רונד־בליק װעלכער האָט דעם אָרט צוגעגעבן אַן אומפֿאַרגלײַכלעכן חן — באַר, די נאַטור האָט דאָ, אין דער שטילקײט פֿון טױזנטער יאָרן, אױפֿגעשטעלט אַ טעראַסן־בנין פֿון אַ געװאַלטיקן אַרומנעם; װי מאַרמאָרענע טרעפּ האָבן זײ זיך אײנער נאָכן צװײטן אַראָפּגעלאָזט צום טײַך. גאַנץ לײַכט האָט מען געקענט גלױבן אַז דאָס האָט אַ גאָטפּגעאַרבעט און זיך געמיט איבער די מאָסן פּרעכטיקע טרעפּן װאָס האָבן געפֿירט צום נעפּריטענעם באָד װעלכער איז געװען אײַנגעהילט אין יחות־שלײַערן. זײ זענען איבערגעגאַנגען פֿון װאַסער: ס׳זענען געװען ערטער רײַסנדיקע, פּלעשטשנדיקע און רינענדיקע; אומעטום האָט געטריפֿט, געריזלט זיך, געסיקעט, געקװאַקעט, געשרודלט, צישענדיק אַ װעג פֿון אױבערשטן באַסײן אינם טײַך אַראָפּ; פֿון דער הײך אַראָפּ קאַכנדיק, און, גײענדיק פֿון אײן טרעפּ אױפֿן אַנדערן, איז איר טעמפּעראַטור געפֿאַלן, אָבער

אראפּקומענדיק אונטן איז זי נאָך אַלץ געווען געניוג חייסי־ אָן־אַ שיעור מולטער און נאַטירלעכע וואַנעס האָבן געהאַלטן אין זיך דאָס הייסע טערקישע עלעמענט, גרייט אויפצונעמען אין די פּרעכטיקסטע כּלים דאָס ליכט, דעם הימל, מלאכים אָדער געטער; די דאָזיקע העכסט־שיינע געפעסער זענען איבערגע־ גאַנגען מיט פולע קוועלנדיקע פרייד.

— דאָ, נישט ווייט — זאָגט ראָדבערטע: געפינט זיך באַבעטעס נזיר־געצעלט און מיר מוזן, אומבאַדינגט, אַריינגיין צו איר.

— מען מוז מודה־זיין, — באַמערקט דערביי די פּרעזידענטין: אַז זי האָט גוט פאַרשטאַנען ווו זיך אַ וווינונג אויסצוזוכן, מען קען זאָגן אין א הימליש קור־אָרט. באַדן־באַדן איז קייגן דעם גאָרנישט. דאָ וואָלטן די פּאָדאַגרע־ליידנדיקע און רעוומאַטיקער פון אייראָפּעישן קאָנטינענט, אין משך פון עטלעכע וואָכן באַ־ פרייט געוואָרן פון אַלע זייערע פּיינען, ברעכעניש און שטעכע־ ניש. אַ שאָד וואָס מיר דאָ, אויף דעם אינזל, קענען נישט באַ־ קומען פאַר קיין געלט, אָדער פאַר אַ גוט וואָרט, כאָטש די קלענסטע פּאַדאָגרע. מיך פּייניקט שוין דער חשק אין אָט דעם הערלעכן בעטהעסדאַ 1) אַלס אַ לאַזאַרוס, אַרומצוקריכן פון איין וואַנע אין דער אַנדערער און פון איין טעראַסע אויף דער אַנדערער ביז אין דערהויך אַרויף — פון לעבלעכן אינם וואַרע־ מען, פון וואַרעמען אינם הייסן, און, צום סוף אינם קאָכנדיקן.

דאָ זענען די דאָזיקע ביידע פרויען אָנגעקומען אויף אַ זויבער וועגל ווו פון דערווייטנס האָט זיך געזען באַבעטעס

---

1) בעטהעסדא—א היילִיקער טייך, שוין היינט אן אויסגעטריקנטער, אין ירושלים. אין דער עוואנגעליע (יוחנן,קאפּיטל ה.) ווערט דער טייך אנגערופן אלס בית־חסדא וועלכער האבן איבער זיך געהאט פּ נף האלן אונטער וועלכע ס'פלעגן ליגן פארשידענע קראנקע אוןווארטן ביז וואגען דער [טייך ווערט זיך באוועגן— [א]ז זיי וועלן זיך אונטערטוקן וועלן זיי געזונט ווערן, האבן זיי געגלויבט.

זיטע וועלכע האָט געהאַט אַ לייעקאַרטיקן דאַך פון פּאַלמע־שטרוי איבער זיך.

— דאָ איז גוט, — זאָגט באַבעטע וועלכע מען האָט אָנגעטראָפן פאַר איר היטע בעת זי האָט געבראָטן באַנאַנען אויף אַ רויכערדיק פייערל. זי האָט געטראָגן אַ געלבלעכע זאַקע אָן אַרבל, וועלכער האָט איר דערגרייכט ביז צו דער קני; אַרום דעם פּאַס איז זי געווען פאַרגאַרטלט מיט אַ מין בראַמאַנען־שנור. אירע צעלאָזענע האָר וועלכע זענען שוין געווען גרעלעך און האָבן געהאַט אַן אויסערגעווענלעכע לענג — זיי האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם אויסטערלישן איינדרוק וועלכן זי האָט געמאַכט.

— דאָ איז גוט, געליבטע מוטערס מיינע, — זאָגט זי: מען שטעלט די פיס אויף דעם געטער־באַרג — דער פייער־שפייענדיקן אָלימפּ פון דער געטלעכער לאורענצע און מען האָט פאַר זיך העמאַקוסאַ און דעם אַנדערן געטער־באַרג — אויף יענער זייט פון דער בוכטע־דע־דאַם און פאַרטאַל־דאַם, וועלכער האָט ביים אויפגאַנג און אונטערגאַנג, גאָלדענע שפּיצן און מען זעט אויף אים דעם פּאַלאַץ פון קריסטאַל אין וועלכן ס׳קומען זיך צונויף מיינע געטער.

און, איך האָב דאָ מיין שלאַנגען־טייך, און איך האָב דאָ די טייערע קיזלשטיינערנע באָד־טעראַסן פון מאַנט־דע־דאַם — באַליבט אַלס באָד־פּלעצער ביי די געטער פון ביידע בערג. כמעט אַלע נעכט קומען זיי זיך באָדן. דאָ האָבן זיך, נישט ווייט פון מיר, אַ חוץ פלאַמינגאָס, אויך עטלעכע טשאַטאַקוס 1) באַזעצט, כאָטש זיי טרינקען נישט, ווי איר ווייסט, דאָס ערדישע וואַסער — לעשן דעם דורשט זייערן פון די וואָלקען אויפן הימל.

אין דער צייט וואָס זי האָט גערעדט, איז זי געוואָרן אַרומגעהילט פון אַ מחנה קליינע גראָע שרייענדיקע פּאַפּוגעס, וועלכע האָבן זיך גענומען קריגעריש באַזעצן נישט בלויז אויף

1) אַ מין פויגל.

יר קאָפּ, אַקסלען און הענט, נאָר אפילו אויף יעדן באַנאַנען־ביס וואָס זי האָט צום מויל גענומען. איר איבערשטער אָרעם האָט אויסגעזען צו זיין אַ מחיהדיקע גליטש פאַר די פויגל, און די פרושטע איז געווען גלייכגילטיק אפילו דאַמאָלס ווען זי איז דורכאַנאַנד באַשמוצט געוואָרן פון א מין גואַנאָ 1).

— יאָ, יאָ, — רעדט זי ווייטער: די געטער האָבן מיך ליב. ווען זיי באָדן זיך, מוז איך זיין דערביי. הערלעך־שיין איז אין דער נאַכטס לבנה־שיין צו זען זיי שוועבן אין די ווייסע געווענטער ארויף און אראָפּ די טעראַסן.

— קען מען דיר, הייסט עס, געבן דעם טיטל: באַדע־פרוי פון די אייביקע געטער! — זאָגט די פרעזידענטין.

און באַבעטע ענטפערט איר:

— איר קענט מיר גאַנץ רויק געבן דעם טיטל. איר קענט מיר אָבער נאָך געבן אַנדערע, העכערע טיטלען. ווען איר זאלט וויסן וואָס עס רעדט צו מיר דער פרומער גייער־יאטאיוס וועלכער פליט אין שליחות פון מאָנט־דע־דאַב צו העמאקוטא און צוריק, און פליט אויך אין שליחות בעת די געטער באדן זיך. די גריכישע געטער פון דער איידעלער לאורענצע און יענע געטער, פון העמאקוטא, האָבן ליב איינער דעם אנדערן; אָבער די פון העמאקוטא זענען גייסטיק שטארקער פון יענע: זיי דערגרייכן טיפער אַריין אינם אין־סוף.

ווען ראדבערטע האָט גענומען דערציילן באבעטען אז זיי זענען דאָ מיט נאך אנדערע הייליקע מוטערס, זיי פארן קיין ווילדערמאנלאנד כדי איינמאל פאר אלעמאָל צו וויסן ווי ס'זעט דארט אויס, — האָט זיך יענע אָפּגערופן:

— אָ, איר טייערע מיינע. אלץ גייט דארט אין בעסטן אָרדענונג! פאַרגעסט נישט דאָס אונדזערע יינגלעך האבן איבער

1) אדער: ואנא—א זער נוצלעך מיסט וואס שיילט זיך מער אדער ווייניקער אפּ פון די צופאלענע צואה ביי אינזל־פייגל און ביז א טייל וואכער־פייגל.

זיך שטארקע היטער. אויף דער ווילדערמאנלאנד-ערד געפינט זיך איצט דער העמאקוטא. ס'טרעפט אַ מאָל, צו מערסטנס, ווען זיי גייען זיך באָדן אין הייליקן וואסער פון די טעראסן גייט איינער פון די זעכציק טויזנט זעער וואס איז קליין ווי א פינגער די גרויס, פארביי דעם וועג דאָ. און דאַמאָלס באַקום איך אויך עפעס א ניצוץ פון זיין סודותדיקע לערע. אָט די זעכציק טויזנט באוואכן דעם זון-וואָגן. איך גלויב אַז זיי זענען פאַראַן א סך מער — די הייליקע כתובים זענען זיך טועה. די זון גיט זיי נביאישע קראפט: ס'האָט מיר געזאָגט דער קליינינקער וועלכער גייט דאָ אַ מאָל פאַרביי, אז די געטער פארהאלטן זיך מיטן ווילדערמאנלאנד זער גוט.

— יאָ, אָפט קומט זיך אויך'באָדן מאנו-וואַיסוואַסוואַטאַ 1). ווער ווייסט עס נישט אז ער איז דעם זון-גאטס זון און איז דער מענטשהייטס געזעץ-געבער. ער האט מיר באשטעטיקט די ווערטער פון וואַלאַקהיליאַס, דער קליינינקער וועלכע גייט דאָ א מאל פארביי, און האָט מיר געזאָגט אז גארנישט לאנג וועט אויפן ווילדערמאנלאנד אויפשטיין א נייער בודאַ.

— אָבער, האָסט דאָך אונדז א מאָל נביאות געזאָגט וועגן דעם נצחון פון די גרויסע מוטער ביז אין דער אייביקייט ארייַן! — רייסט איר איבער די פרעזידענטין.

— אבער, זייערע שוץ-האַרן וועלן זיין — רעדט באבעטע ווייטער: געוואלטיקע שווערט-העלדן. — און אבסאראס קומען זיך אויך באדן. דורך זיי ווייס איך אז פורירוואס וועט ווידעראמאל געבוירן ווערן אלס זון פון מיין זון ביהאר לעל און רוקמינין. ער וועט ווידעראמאל אן אבסארא — אורוואסין פאר א ווייב נעמען. אורוואסי, די וועלכע מען זעט שוין איצט ביי די געטער-פארזאמלונגען אויפן העמאקוטא. — מאנו-וואַיסוואַס-

1) וואיסוואסוואטא—דער שטאם-פאטער פון די מענטשן ביי די וועדן. ער זאל עס האבן געוועזן זיין דער וואס איז דער איינציקער געבליבן נאכן מבול.

זואטא, דער זון-גאט, האט געהאט א טאכטער. דער זון פון דער טאָכטער איז פוריראוואַס. אין אים, זעט איר, פליסט דאָס זון-בלוט; זיין פאָטער איז אָבער געווען טשאַנדראַ — די לבנה 1).

אויף אַזאַ ארט זענען אָן אַן אָפּהאַלט געפלאָסן באַבעטעס רייד, כסדר, אָן אויפהער, שטראָמיק-אַרטיק און, זי האָט אפילו נישט באַמערקט ווי אַנני און ראדבערטע האָבן זיך מיט איר געזעגנט.

און ווען זיי האָבן זיך ווידער געפונען אין וועג, האָט זיך פרעכטל אָפּגערופן:

— עס איז, אייגנטלעך, גאַנץ גוט און ס'איז מיר, כמעט, גאַנץ פאַרשטענדלעך די דאָזיקע אַלע האָלוציניאַציעס און אילוזיעס. און אפשר דאַרף אונדז גאָרנישט אָנגיין צי עמעצער גלויבט אין געטלעכן רוח-החיים, אָדער נישט. פון אונדזער ליבע באַבעטען אָבער, האָב איך קרענקונג. איך ווייס נישט צי זי איז שוין טאַקע אינגאַנצן משוגע — אָבער דעם דאָזיקן דרוק פון די געטער, שדים און נביאים און נאָך אַזעלכע, וועט איר מוח אָדער געהירן-סובסטאַנץ, שוין לאַנג נישט אויסהאַלטן.

פאַרן זון-אונטערגאַנג האָבן די צעבו-קי מיט זייערע רייטערינס דערגרייכט דעם דעפילעי-דע-דאַם, יענער הויך-ליגנדיקער שמאָלער פאס וועלכער האָט דער אייבציקער מיט זיין וועג פאַרבונדן דאָס מוטערלאַנד מיט דעם מאנלאנד. דאָ האָט פאאָן מיט אַ גרופע פון צען בחורים, איבערגענומען די צוועלף מאָל הייליקע משא אין זיין האַנט און די פרויען-וואַך וואָס האָט געוואָרפן אַרום זיך העזה'דיקע בליקן מיט דער שיינער ייפיס און זייערע חיות, האָבן גענומען דעם וועג אויף צוריק.

ווען די הייליקע מוטערס זענען אויף די פרישע חיות פון די מאנלענדער, געפאָרן בערך אַ צען מינוט און דער צוג האָט זיך געפונען באַרג-אַרויף אַ הייל-אַרטיקער ענגער און

---

1) מען מוז אין אכט נעמען אז אין אנדערע לשונות איז די לבנה לשון-זכר, ווי אין דייטש, ענגליש א. א.

שמאָלער וויאַמאַלאַ, האָט ראַדבערטע בשום-אופן נישט געקענט תופס-זיין די אייגנטלעכע אומשטענדן דאָ: פון ערגעץ-ווו האָט געוויעט גאָר אַן אַנדערע לופט און פון אַ גאַנץ אַנדער ווינקל, האָט געפייפט.

צי פאַאָן האָט זיך געוואָלט מאַכן אַ שפּאַס מיט דעם וואָס מען האָט זיך אים אָנגעטרויט, אָדער דאָס איז נאָר געווען אַ ווילדערמאַנלאַנד געוווינהייט — ס׳איז כסדר געגאַנגען האָפּ און גאַלאָפּ און אין איין טעמפּאָ באַרג-אַראָפּ, אַזוי אַז די הייליקע מוטערס האָבן זיך קראַמפּהאַפט געמוזט אָנהאַלטן אָן די חיות. ס׳האָט נישט געהאָלפן דאָס רופן זיי און דאָס פּאַטשן,— זיי האָבן דורכאַנאַנד געבאָסן און ווילד געשלאָגן אַרום זיך מיט די ווידלען. ווי מיט באַפליגלטע פיס איז לעבן יעדערער מוטער געלאָפן אַן אומבאַקליידעטער אַטלעטישער מלאך וועלכער האָט גאָרנישט אין אכט גענומען די כסדרדיקע שנעלע באַוועגונג. פאַאָן האָט זיך אויך, ווי די שיינע ייפיס, גענומען אַ צע[illegible]-אָקס צום רייטן, אָבער די קונסט פון די שיינע ייפיס איז ווייט געבליבן הינטערשטעליק דעם דאָזיקן רייטער וועלכער האָט צוזאַמען מיט זיין חיה ווי פאָרגעשטעלט אַ נייע ארט צענטאַורישע אייגנטימלעכקייט. פאַר דער דאַזיקער חיה וועלכער איז געווען גרעסער און מודאַדיקער פון די אַלע, וועלכע די הייליקע מוטערס האָבן וואָס ס׳איז געזען, מיט זיין האַר אויפן ריקן, האָט קיין שום שטערונג נישט עקזיסטירט. ער האָט געוווּסט ווי זיין כוח צו געפינען און ווי אַזוי אים אויסצונוצן. ווען ער פלוצעם אַ מאָל מיט אַ שרעקלעכן כעס אַ קוק-טון אויף דער חיה. איז עס געווען יענער צאָרן וועלכער האָט איס שטאַרקער געמאַפּט, יענער צאָרן וואָס האָט אַרויסגעגעבן וווּנדער פון זיך.

הענדום-פּענדום זענען זיי אויף אַלע זייטן געלאָפן פון איין פאָדעם-בּרעג צום צווייטן, איבער פעלזיקע לויף-וואַסערלעך. נישט-קלערנדיק האָט מען זיך אַרויפגערוקט אויף אַ מדבּרדיקן באַרג, און אַן דעם מינדסטן ישוב האָט מען געטריבן די קי איבער בערג פון שאַרף-קאַנטיקע שטיינער, אַזוי אַז די

מוטיקסטע צווישן די מוטערס, איז געוואָרן הייס און וואַרעם:
עס האָט אויסגעזען אַז דאָס אַלץ האָט זיין כונה: באַלד פון
אָנהייב די מוטערס צו באַווייזן די איבערוואָג פון די מענער־
לעכע כוחות און פעיקייט.

די שווערקייט, ווי די סכנותדיקייט פון דער דאָזיקער־
רייזע, איז שפּעטער נאָך גרעסער געוואָרן ווען זיי האָבן דער־
גרייכט דעם העכסטן פונקט פון דעם פּאַס און מען האָט זיך
באַדאַרפט אַראָפּלאָזן; מען קען פאַרשטיין אז אויך דער פּחד
ביי די מוטערס איז גרעסער געוואָרן. און — ענדלעך האָט מען,
אָן שום פאָרפאַל, דערגרייכט אַ באַגרינטע טעראַסע פון וואַנען
מען האָט, נישט זער טיף אונטער זיך, געזען דעם ים־פּאַרקן
מיט דעם סוף פון זיינע אויסגוסן פון מזרח נאָך מערב־צו —
דעם פּאָרטאיל־דע־דאַם.

אויף אָט דעם באַגרינטן באַרג, אין אַ רייען מיט פּאַלמען־
שטרוי באַדעקטע האלע, איז שוין פאר די מוטערס געשטאַנען
גרייט דער נאכט־מאָלצייט און געלעגער. מיט אָט דעם אלעם
וואָס די מוטערס האָבן געפונען אויף און אונטער זייערע בעט־
געשטעלן, מיט דעם זעגען זיי געווען צופרידן. די אָפּטיילונג
וועלכע איז געווען מיט אייל־קגויטן באַלויכטן, איז נישט גע־
ווען נויטיק: די צען יינגלעך וועלכע ס'איז איבערגעגעבן גע־
ווארן דער אויפנאם און באהאנדלונג פון די הייליקע מוטערס,
האבן געהאט די אויפגאבע, פאר זייער כבודס־וועגן, צו ברענען
צוועלף גרויסע פייערן. צו דעם־צו האָט נאך די פולע לבנה
געשפּיגלט איבער ים־בוזעם און ארום איז געווען א נאכטלעכער
טאג, אזוי העל דאס מען וואלט אן שום מי באוויזן צו לייענען,
אין צו דעם־צו האָט מען נאך געהאט דעם אנגעפּרוגזטן פלאַ־
קער פונם מאנט־דע־דאם וועלכער האט געווארפן זיינע בלוטיקע
גלאנצן אין די כוואליעס וואס זענען געווען זילבערדיק פון
דער לבנה.

אין מוטערלאנד האָט זיך איינגעבירגערט א געדאנק נאך
וועלכן דער מענטש, דארף פונקט ווי דער אראַנג־אוטאנג, נישט
עסן קיין פלייש. און אויך דאָ (דאָס איז טאקע געווען א טאקט־

פּעלער.) איז אין דער הינזיכט גאָרנישט משנה־געוואָרן. אוודאי האָט מען געזאָרגט דערפאר אז די מוטערס זאָלן האבן צום נאכט־מאָל־צייט פּרוכטן געגוג און פארשידענע מיני סאַלאטן, דאך האבן זיך טייערע ריחות אהערגעטראגן פון די צוועלף ערן־פייער וואס האט באוויזן אז דארט ווערן פארשידנערליי פליישן געבראטן אויפן שפּיז.

די דאקטארין עגלי איז, אייגנטלעך, נישט געווען קיין וועגעטאריערן; זי האט זיך אבער צוגעפּאסט צו פּילאמעלאַ שוואבן און צום מערסטן טייל מוטערס און מיידלעך און, האט קייגן דעם דאזיקן פריביצפּ נישט רעוואלטירט. אבער ווען פּילאַמעלאַ שוואב איז, געפינענדיק זיך אין א גוטער שטימונג, פארביי געגאנגען איינעם פון די פייערן און האט זיך מיט א געמאכטן שוידער אפּגעווענדט — איז זי גראד געווען די וועמען פאאן, וואס האט זיך אויך געפינען אין א גוטער שטימונג, האט ארויסגעוויזן זיין איבערעדונגס־קונסט.

ווייניק באוווסט איז געווען דאס וואס פון פאאנען איז געווארן אויף דער ווילדערמאנלאנד־ערד און דאס ווי אזוי ער האט זיך אפּגעשפּיגלט אין די אויגן פון די מוטערס: מאדנע איז געווען די פארענדערונג זיינע, אבער אויסטערלישער איז געווען די אפּשפּיגלונג. ער איז דא ארומגעגאנגען מיט דער הייטערע פרייקייט און כּוח פון א מאן וועלכער אנערקענט נישט קיין שום מענטשלעכע מאכט איבער זיך, און, דאמאלס ווען ער האט יא אין אכט גענומען די אנדערע, איז עס נאר געווען די שוואכערע פון אים. אט דער פאל איז אין מוטערלאנד און באזונדערס אינם טעמפּל־געגנט, נישט געווען. דארט האָט זיך פארבינדן מיט אים א געוויסע געהארכזאמקייט און טיילמאל אויך א געוויסע צוריקגעהאלטנקייט וועלכע מען טרעפט ביי גוט־דערצויגענע קינדער וואס באמיען זיך זער בכבוד־צו האלטן די העכערע מדרגה פון זייערע עלטערן.

— ראדבערטע האט זיך אפּגערופן צו פרעכטלען:

— טוט נאר א קוק, א גאט, אויף דעם דאזיקן מאנספּערשוין! איך פרעג מיך אליין צי איך האב ווען אין מיין פריערדיק

לעבן געזעצן אזא מאַן מיט אזא מין איידעלער און פּרעקטיקער־פּראָפּאָרציאָנעלקייט. יאָ, לעאָן באַטיסטא אַלבערטין האָט מע אפשר געקענט פאַרגלייכן צו אים אָבער דער דאָזיקער מאַנס פערשוין האָט דאָך געלעבט פאַר מיר. ער האָט, מיין איך געמוזט פון דער וועלט גיין אַרום דעם 1442 יאָר. וואָס פאַר אַ פיזישער כּוח, וואָס פאַר אַ פייער און בליק און וואס פאר א געזונטער לעבעדיקייט! אָ גאָט מיינער, מיר מאַכן דאָ אַ פרויען־שטאַט און אָט דער איינער קען זאָך אונדז שאָק־ווייז אַרום זיין איינעם פינגער אַרומוויקלען.

פאַנס געלעכטער האָט אַזוי הויך געהילכט, אַז די נאַכט־פייגל האָבן זיך אויפגעכאַפּט צום פליען. ער האָט געהאַלטן אויף אַ שפּיז אַ געבראָטענעם פויגל וואָס איז אַזוי גרויס געווען ווי אַן איירָאָפּעישע גאַנז און ער האָט דאָס אונטערגעטראָגן אונטער פילאמעלאס נאָז. מען האָט פאַרהערט איר קוויטש, אָבער אין עכאָ האָט ער זיך נאָך אויך געלאָזט פילן.

— דו מוזט פאַרזוכן, פילאמעלא — האָט דער מוראדיקער ריז געזאָגט: אַנדערש וועסטו אַהיימטראָגן מיט זיך אַ געפערלעך־מיאוסע השגה וועגן דעם ווילדערמאנלאנד.

ווען מען האָט זיך געזעצט לעבן די פייערן, היינטער לבנה־לאָמפּ צום טיש, איז שוין געשטאַנען אויף אים דאָס שענסטע און בעסטע צוגעגרייט פון די צען יינגלעך־באַדינער.

— גרויסאַרטיק! — זאָגט די פּרעזידענטין כּמעט נישט־ווילנדיק: כאָטש איינמאָל זיצן מיט אַזעלכע פרעסער. איך מיין אַז מיר האָבן שוין צו ווייניק קלאָפּאָט מיט די זאַכן אויף אונדזער מוטערלאַנד; שוין אַ ביסל צו ווייניק טאַקע.

פאַן איז געווען דער קאָנפּעראסיער; קיינער האָט אים נישט געטאָרט מיטהעלפן.

אַזוי פיין ווי זיי זענען איצט באַדינט געוואָרן פון די צען יינגלעך, אַזוי זענען זיי נאָך אויפן איל־דע־דאַם קיינמאָל נישט באַדינט געוואָרן. אַ שיינער בחור, כּמעט נאָך אַ יינגל האָט אַריינגעפירט דעם מאָלצייט מיט אַ הויך־אקצענטירטע אָבער אומבאַדייטנדיקע סטראָפע:

רוט אייך, מוטערס. פון אייער מידקייט
אונטער דער לבנהס-פייער.
עסט און טרינקט אַפּעטיטלעך
מיט דעם מויל און מיט די אויגן.
פון דעם לעבנס וווּנדער-רייזע,
ווילט איר אָפּרו זיך פאַרגינען;
געדענקט וואָס אייך איז היינט באַשערט,
ס׳וועט שוין קיינמאָל צוריק נישט קומען.

בראַוואָ! אויסגעצייכנט — זאָגט פּאַאָן און צוזאַמען מיט אים, אין כאָר, אַלע צוועלף מיטגלידער פון דער קאָמיסיע.

— קום אַהער, פּאָעט, — רופט ער דעם פּאַרויטיקטן ייִנגל, נעמט אים אָן בײַ אַן אויער און זאָגט: איצט גיי אַרום דעם גאַנצן טיש, גיב אַ קוש יעדער איינער דאַמע און זאָג: מיט א גוטן אַפּעטיט, הייליקע מוטער!

געזאָגט און געטון; אין דעם מאָמענט האָט מען גאָרנישט נעהאַט אויסצוזעצן קייגן פּאַאָנס פּאַטריאַרכאַליש-באַפעלערישן אופן. קישנדיק איז דאָס ייִנגל געגאַנגען, אַ נייער יאָהאַנעס סעקונדוס 1), ארום דעם טיש.

— יאָהאַנעס סעקונדוס, דער גרויסער קישער, — לאַכט ראדבערטע ווען דאָס ייִנגל איז צוגעקומען אַוועקגעבן דער באַפעלערישן טשמאָטשק.

פּאַאָן רופט אויס:

— וואָס זאָגט איר צו אָט דעם דאָזיקן מוקאַלינדא-וווּקס? נעמט ארום דעם דאזיקן חברה-מאַן און זאָגט מיר, צי ער איז נישט, ווען ער וויל נאָר, אינגאַנצן אויס אייזן. אויב ער וויל עס נישט, איז א סימן אז ער ווייס דאס ער האט צו טון מיט א זעקל פעדערן.

---

1) זיין אמתער :אמען איז געווען: יאן ניקאלאי עווערערטס, א בארימטער לאטייניישער מאלער, קופער-שטאך-קינסטלער און דיכטער פון א רייע עראטישע ווערק. ער האט געלעבט אין XVI י. ה.

טוקאלינדא-חוקס" איז געווען א וואָרט וואס האט געקענט פילאמאלא שוואבן א סך ערגערן, אבער א דאנק דעם איינדרוק וואס פאאן האט אויף איר געמאכט, איז זי געבליבן אָן לשון. זי עסט און טרינקט און דערקוויקט זיך מיט די טייערע קו-לופט און פאלמען-ריח און באשליסט ביי זיך נישט צו גיין שלאָפן די דאָזיקע נאכט, נאר איינע אליין אזוי ארומוואנדערן אין אט דעם לבנהדיק-באגלאנצן כישוף-לאנד. זי טראכט אפילו געבן צו וויסן דעם שיינעם פאטריארך דערפון. זי ווייס אבער נישט ווי אזוי צומאכן דאס כדי נישט צוציען אויף זיך דעם חשד פון די הייליקע מוטערס. און, ווי זי זיצט אזוי פארנומען מיט די דאזיקע געדאנקען, הערט זי פלוצים די מוטער פעידזש וועלכע איז געווען מיט א סך א סך פראצענטער שענער פאר איר — אויסרופן:

— איך וועל זיך דער היינטיקער נאכט נישט לייגן שלאפן. איך וועל די גאנצע נאכט ארומשפאצירן.

ראדבערטע פרעגט איר:

— קען איך אייך, אפשר, באגלייטן, מוטער פעידזש?

— קיינער, קיינער טאר מיך נישט באגלייטן — הערט זיך דער ענטפער: איך וויל די גאנצע נאכט זיין אליין, אזוי ווי די מיק אליין וועלכע זיצט אפ הונדערטער טויזנטער יארן אין א שטיק געלן בערנשטיין.

אלע זענען, אין דערהויך ביים ראנד פונם ים-פארקן ווו דער נאכט-מאלצייט איז פארגעקומען, ווי באַרוישט, ווי פאר-טומלט געווארן פון דער ארומיקער שיינקייט. פון דער לבנה, פון מאנט-דע-דאם, פון העמאקוטא און פון דעם געבענטשטן פרעכטיקן לאנדשאפט, איז א געוואלטיקער כישוף ארויס. אפשר זענען דאס געווען די ווייכע ווארעמע ווינטלעך וואס זענען טראגעוודיק געווען מיט באַרקאטישע בשמים, די ווינטלעך אין וועלכע ס'איז אזוי רחבותדיק געזעסן דער כישוף, די ווינטלעך מיט וועלכע דער כישוף האט פארנעפלט זיינע קרבנות; ווי ס'זאל נישט זיין: זיי האבן זיך געפילט ווי זיי וואלטן געווען אין א לויטער-רוחניותדיקע וועלט; דער גוף האט פארלוירן

זיין שווערקייט און די נשמה האט זיך באהאפטן מיט דעם אייניקן. צו דעם האט זיכער מיטגעהאָלפן די נאנטקייט פון די יינגלעך וועלכע האבן שטילע צודערלאַנגט די טייערסטע געטראנקען און מאכלים, און צווישן זיי איז נאך געווען פאאן וועלכער האט, נישט קוקנדיק אויף דעם וואס ער האט זיך באזונדער פארגומען מיט די אַפּעטיטן פון אנני און ראדבערטע, דאך אפגעגעבן צו אלע.

אין דער קורצער רעדע וואס פאאן האט געהאלטן פארן טיש־גיין, האט ער, ביים סוף, זיך אויסגעדריקט מיט א „ברוך־הבא" פאר די מוטערס אויף דער מאנלאנד־ערד. נאכדעם האט ער נאך גערעדט פון א סך אנדערע זאכן ביי וועלכע מען האט געלאכט, ווייל די מוטערס האבן דאס פארשטאנען אלס ספעציעלן הומאר.

— עס איז נישטא קיין נעכטן, — זאגט ער: קיין מארגן, קיין היינט; עס איז נישטא קייןווירקלעכקייט. דאס וואס איז — איז, נאר דאס אמתע זיין — זאגט ער: דארף יעדערער קענען אנכאפן ביי דער גריווע, ווו ער זאָל עס נישט אנטרעפן.

אויף אזא מין אופן האט ער כסדר גערעדט.

נישט קוקנדיק דערויף וואס זיי האבן געלאכט און פארשטאנען, אז פאאן וויל טאקע אז מען זאל לאכן, האבן זיי אבער אויך פארשטאנען אז ער איז גערעכט. ארום און ארום איז אלץ געווען שאטנדיק. געפונען זיי זיך פאקטיש אויפן איל־דע־דאם? איז טאקע דאס וואס ס'איז געווען און דאס וואס איז, רעאליטעט? איז דען, סוף־כל־סוף, דאס גאנצע נישט אונטערגעגאנגען אין אט דעם אויסטערלישן מאמענט, נאר אין דער פארשטעלונג לעבט עס בלויז ווי דער פארזינקענער „קאַרמאַראן"? מאכט זיי נישט, דער דאזיקער הייטערער, לאכנדיקער ריזןמענטש וואס באדינט זיי, ווי צומישטע? בלאזט ער זיי נישט אוועק, זיי מיט זייער גאנצער פרויען־שטאט, ווי א פעדערל פון דער האנט? און די דאזיקע יינגלעך, די פאַריאַס, די אַטקאסטס, די סודראס ארום זיי, זענען זיי נישט ווי די געטער־ליבלינגע פונם אלימפ, אדער העמאקוטא, אראפגעשיקט געווארן צום

פאַרגניגן פאַר די הייליקע מוטערס, ווי די אבסאראס צום פאַר־גניגן פאַר די געטער, און, זיי זענען געליבטע און מוטערס אין דער זעלבער צייט? און דערקענט מען דען נישט אויף די דאָזיקע מלאכים אַז זיי זענען רגעסווייז ווי צומישט, כמעט ווי פאַרטויבט פון אָט דער פרעמדער קערפּערלעכקייט וועלכע זיי באַדינען איצט?

*

דאָס מאָלצייט איז געווען געענדיקט — דער מאָרגן קומט — די ווירקלעכקייט איז ווידער דאָ. האָט די מוטער פילאמעלאַ אַדורכגעפירט איר פּלאַן און נישט געשלאָפן די היינטיקע נאַכט? אָדער, זי איז שלעכט געשלאָפן? ווען זי איז ווידער געזעסן אויפן צעבוי־הויקער, האָט מען געקענט זען אויף איר פנים פינסטערע שטריכן, שלעכט־בשורהדיקע.

— איך האָב פעסט באַשלאָסן, — זאָגט זי שטיל צו עגלי דאָס יענע האָט קוים געהערט: איך האָב באַשלאָסן צו זיין דורכויס געגן דעם דאָס די דאָזיקע ווילדע רויע מענער־כוחות זאָלן אין טאָג פונם „כלה־יום־טוב” אפילו אַדורכגעלאָזן ווערן איבערן דעפּילעי־דע־דאַם. דאָס וואָלט געהייסן דער סוף פון דער פרויען־שטאט. איך זאָג דאָס — ענדיקט זי: כאָטש איך האב נאָר בלויז געזען אַ קליינע פּראָבע פון דער מאנלענדערס צולאָזנקייט.

זי האָט נאָך געהאַט אַ סך זאַכן זיך אָנצווזען, זאַכן איבער וועלכע זי וואלט נשתומם געוואָרן, ווי איבער ניסים, אָבער די סכנה איז נאָך בולטער געוואָרן און האָט באַוויזן אַז דאָ איז מען, אויף חדושים, אריבערגעוואַקסן דאָס מוטערלענדישע.

די מוטערס זענען גלייך געפירט געוואָרן פון פאַאָנען צום עיקר. אַרום מיטאָג־צייט זענען זיי אָנגעקומען צו אַן אָרט פון וועמעס עקזיסטענץ ס'האָט קיינער פון מוטערלאנד, אַ חוץ דאגמאר־דיאָדאַטאַ, נישט געוווסט; דאָס איז געווען דאָס אזוי־געהייסענע: קאַפּיטאַל. זיינע זייליקע פּאַסאַדן האָבן אַרומגעע־

רינגלט אַ ברייטן קיס-פּלאַץ מיט אַרקאַדן וועמעס מיטלפּונקט ס'האָט פאַרגעשטעלט אַ שטיינערנעם דענקמאָל: אַ ווייזנדיקע האַנט קייגן הימל. אַרומען בנין פון דעם דאָזיקן קאַפּיטאַל האָבן זיך צעשיצט פּאַרק-סטעטשקעס, צווישן די קוסטעס און ביימער, זענען געווען באַגרינטע פּלעצער אויף וועלכע ס'זענען געשטאַנען אַריינגעשפּאַרט הילצערנע קירכעלעך. אין אמתן זענען דאָס געווען קליינע ווערקשטאַטן אין וועלכע די אינדוסטריע איז געווען שטיין-שניידעריי, קונסט-טעפּעריי, קונסט-סטאָלעריי, אינסטרומענטן אויסאַרבעטונגען און אַנדערע זאַכן.

די הייליקע קאָמיסיע האָט אין קאַפּיטאַל באַקומען אַ באַקוועמע און זויבערע באַזאָרגונג און האָט געקענט דאָ אויפן אָרט ווייטער פירן זייערע שטודיעס. מיט דעם דאָזיקן מאָמענט איז אָנגעקומען אַ יום-טוב פאַרן מאַנלאַנד.

די מוטערס זענען נשתּומם געוואָרן ווען זיי האָבן דערזען פּאַאָגנען ווידער פאַרענדערט: ער האָט געטראָגן אַ רויִקייט און ערנסטקייט אין זיך און ס'איז געווען שווער צוצוטרעטן צו צו אים.

אַלע יינגע און עלטערע מאַנלענדער וועמען פּאַאָן האָט בולט אַרויסגעוויזן ליבשאַפט און אכטונג, האָט ער גערופן: מיין זון, מיין ליבער זון, ווי גענעראַלן זענען געווינט רעדן צו זייערע סאָלדאַטן.

דאָס וויזיטירן האָט זיך אָנגעהייבן מיט אַ קליין ריין אָרט וווּ ס'האָבן זיך געפונען די זיבן-יעריקע יינגלעך אונטער דער אפּיטרופּסות פון צוועלף-יעריקע. די לעצטע האָבן אַ קייגן געטראָגן די מוטערס אַ געוויסן קאָרעקטן כּבֿוד, אַזוי ווי עלטערע זענען מחויב. דערפאַר זענען די קליינע געשטאַנען מיט אָפענע מיילעכלעך, גאַפנדיק אויף די מוטערס ווי זיי וואָלטן געווען אויסטערלישע חיות.

— וואָס שייך דעם אויסערגעוויינלעכן איינדרוק וואָס זיי האָבן באַדאַרפט מאכן, — זאָגט די פּרעזידענטין, קענטיק נישט אָן איראָניע: קענען די הייליקע מוטער, מיין איך, זיין צופרידן אויפן בעסטן אופן

פאַר די מוטערס איז געוויזן געוואָרן זייער רייטן, שווי־מען, זייער אראָפּשלינגען טייטלען און פייגל־אייער פון די העכסטע בוימער; זיי האבן געשאסן פאפוגעס אין מיטן פלי; זיי זענען געשפּרינגען, געלאפן אויף די הענט, און נאך פאַרשידנערליי אַנדערע הייך־קונצן. און געטראכט האבן די מוטערס אַז דאס אַלץ וואס זיי האבן איצט געזען, דאס אלץ האט אַ באַשטימטן צוועק וועלכער דאַרף דינען אין דער צוקונפט.

אויף די אלע יינגלעך איז קענטיק געווען אַ באַשטימטע קרובישע שיינקייט. אחוץ עטלעכע צווישן זיי, האבן די אלע ליבלעכע, רירעוודיקע, פארהארטעוועטע גופימלעך אויסגעזען צו זיין, ווי פון אונטער איין מאַטריץ אפּאָרגענומען.

פאאן האט צוגערופן ווערוסן, אַ שיינער עזותדיקער חברה־מאן און דער האט גלייך באוויזן מיט דער געשיקטקייט פון אַ מאלפעלע, אנצוהענגען זיך אינם האלז פון דעם שטארקן מאנספערשוין. פאאן האַט אים באַלד אפּגעלאזט און אים פאַר־געשטעלט פאר די הייליקע מוטערס. און ווען די נאך אַלץ וואונדערלעך־שיינע פּעידזש האט אים געוואלט דערלאנגען די האנט כדי מיט דער דאזיקער פריינטלעכקייט צו באַוועגן אים ער זאָל דאָס זעלבע טון אויך מיט איר — האט דאס יינגל זיך בליץ־שנעל אפּגעטראגן. ראדבערטען ווידער וועלכע האט אנגע־הויבן ליבלעך צו רעדן מיט אים, איר האט אויף דעם גע־שווינדסטן אופן די צונג אַ ווייז־געגעבן. פילאמעלאַ וועלכע איז אין כעס געווארן און האט זיך אנגעהויבן צו דערנענ־טערן צו אים, האט באַקומען פון אים אנגעשפּיגן און צוזאמען דערמיט אַ נייעם באַווייז פון דער מענערישער נישט־פארבע־סערטקייט.

ביי דער דאזיקער סצענע האט זיך אנני נישט געקענט איינהאלטן מיט איר הילכיק געלעכטער, אַ לאַכן וואס האט אפשר אויף אַ גאנץ גערעכטן אופן ארויסגערופן אַ פארדראס ביי די איבהיקע מוטערס, און דאס האט נאָך געבראכט צו דעם וואס ווערוס האט אנגעהויבן צו פאַטשן אויף רעכטס און לינקס דעם שכן זיינעם וואס האט נישט געוווסט פון גארנישט צו־

זאגן. מען האט נישט געוווּסט צי פריער נאך, צי דוקא איצט ווען זי האט געהאט מיט אים צו טון — פּילאמעלאַ שוואַב האט אים דערקענט אַלס איריקן. פונדעסטוועגן איז זי אים נאכגע־לאָפן, וועלנדיק אים מקיים־פּסק־זיין, אבער פאאַן וועלכער האט דאס שוין געטון פאַר איר, האט איר גאַנץ געלאָסן אפּגע־ווענדט דערפון.

— דאס יינגל, — האט ער געזאגט: וועט נאך אפשר אין א שיינעם טאג, דעם זיד־פּאָל אנטדעקן.

*

די היילּיקע מוטערס זענען שוין געווען אדורכגעגאַנגען דעם צווייטן און דריטן זיך־ארט פון די יינגלעך. ערשט איצט האט אנגי פּרעכטל געפרעגט ראדבערטען: אין געגנזאַץ צום מוטערלאַנד, וואס ווארפט זיך איר דא אין די אויגן ?

און ראדבערטע זאגט:

— דא זיין הייסט מער ווי אויפן איל־דע דאם.

— דאס איז גאַנץ קלאָר, — מיינט די פּרעזידענטין.

— איך מיין נישט, — פאַרבעסערט ראדבערטע: איך מיין נישט דאס וואס מען זעט אומעטום די דאזיקע בחורים, די דא־זיקע מאנספּערשוינען, נאר — דאס וואס דא גייט אלץ מיט א געוויסע קינסטלערישע פרייהייט, אזוי אז מען פילט קוים אונדזער געפאנגענשאפט אויפן איל־דע־דאם.

די צוועלף־יעריקע אויפן איל־דע־דאם האבן אויסגעזען ווי אייראפּעישע אכצניעריקע און, די פינפצניעריקע, — פון א דער־וואקסענער עלטער. אזא איינעם האט די פּרעזידענטין געפרעגט:

— וואס פאַר אַפּלאַן האסטו דיר אויסגעארבעט פארן ווייטערדיקן לעבן ?

— איך וויל פארן אויפן ים, — האט ער געענטפערט: ווא־רום איך האב באשלאסן גרונטלעך צו באַקענען זיך מיט דער וועלט.

דא האט זיך דער נאקעטער ברוין-רויטער בחור, אפגע־קערט וועלנדיק אפרייסן א סאסנע פון זיינע ווארצלען. דער בוים פאַלט און מען הערט אים קרעכצנדיק אומפאַלן, דערביי זינגט דער בחור מיט אַ שיינער שטימע וועלכע קלינגט אָפּ אויף די אַרומיקע פעלזיקע אַראָפּהאנגען —:

ייפּיס, דו הימל-טאָכטער!
ייפּיס!
הויך איבער אונדז באַווייזטו זיך
אויף דיין גאָלד-הויפיקן צעבו,
אויף דעם צעבו מיט די גאָלדענע הערנער.
הויך איבער אונדז באווייזטו זיך
אויף די באַגינענדיקע פעלזן
אין גלאַנץ.
אַרום דיר שטייט אַ גלאַנץ.
עס ציטערט די זילבערנע הויט פון דיין צעבו,
זילבערדיק שנאָרכלען זיינע נאָז-לעכער;
אַ וואָלקן פון זילבער
גייט פון זיין ראזיק-פּאַרביקן מויל.
בענטש אונדז, ייפּיס,
הימל-טאָכטער!

ייפּיס האָט, ווי ס'איז באוווסט געווען, זער אינטענסיוו אַגיטירט צווישן אירע חברהטעס געגן די מאַלעדערס אנטייל אין דער שמחה פונם „כלה-יום-טוב". איינמאָל האט זי אפילו מקיים-פּסק-געווען אַ ייגל וואָס איז אַריבערגעאַנגען דער גרענעץ פונם מוטערלאַנד, פּאַרטשעפּנדיק די יעגערינס.

— זי האָט זער נישט גוט געהאַנדלט, אונדזער חכמהדיקע ייפּיס, זאָגט פּאַאָן. דערמיט וואָס זי האָט באַליידיקט אירס אַ ברודער פּאַר זיין נישט דערוואַקסנקייט. זי האָט דאָ ביי גרויס און קליין גרויס חן, און, ווי איר האָט איצט אליין געהערט, איז זי דאָ דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ גאָטהייט.

זיי זענען געגאנגען אויף אַ באַרגיקן וועג וואָס האָט זיך געצויגן אַרום פעלזיקע אַראָפּהאנגען, וואָס האבן געהאַט אונטער זיך אַ ים־בוזעם וועלכער איז ביז איצט אומבאַקאַנט געווען פאַר די הייליקע מוטערס. דאָס אָבער וואָס ס'איז געווען צו זען אויף דעם בלאָען באַוועגלעכן אויבערפלאַך, האָט אין זיי דער־וועקט אַ שרייענדיקע איבעראַשונג: אויף דעם דאָזיקן טייך האָבן זענען אַהין און אַהער אַרום געשווימען אַ געוויסע צאָל שיפלעך מיט ברוינע זעגלען.

ס'איז גאַנץ גוט באַוווסט וואָס פאַר אַ פריידיק געפיל ס'קען אַרויסרופן אַ קליינע פישער־פלאָטיליע אויף אַ כוואַלעודיק טייכל. די זיבן זעגל־שיפלעך וועלכע זענען דאָ אַרומגעשווימען, האבן פלוצים אַריינגעבראַכט אינם באַוווסטזיין פון די הייליקע מוטערס, אַ נשמה־ציטער. די גרענעץ וואָס דער ים האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט, האָט אויסגעזען צו זיין פאַרשוווּנדן; דער גלות — אויס גלות און, צוריק זענען זיי צוזאַמענגעבונדן מיט דער גאַנצער מענטשהייט.

איז וואָס איז דאָס וווּנדער ווען מען ווערט אַזוי צעמישט!

— זיי זענען אונדז אַריבערגעשטיגן, — זאָגט פרעכטל: די באַנדע האט אונדז, אין דער צייט וואָס מיר האבן געמאַכט מיטאָלאָגיע, אַ פיינע נאָז אָפּגעריבן!

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבהאַפטיקער אהער און אהין פרעגן — אַ קרייץ־פייער פון שאלות וועלכע פּאַאָן האָט געמוזט באַרויקן מיט אַ קורץ־געפאַסטע דערקלערונג וועגן דער אַנט־שטייונג פון דער דאָזיקער פלאָטיליע.

— די שיפלעך, — זאָגט ער: האָבן די פאָרם פון די „בילאַנצעלן". דאָס איז די איינפאַכסטע, די פשוטסטע פאָרם פון אַ זעגל־שיפל. אויף די ים־רייזן מיט מיינע עלטערן האָב איך זיי געזען אויפן צפון־ים, ביי די פּאָרטיגאַלישע ברעגעס, ס'הייסט, אויפן אַנטלאַנטישע אָקעאַן און, ביי די איטאַליענישע ברעגעס. נאָר באַזונדער האָב איך זיך צוגעקוקט צו זיי ווען איך האָב געוווינט מיט מיינע עלטערן אין אַ קליינעם האַפן. זער אָפט

בין איך דאַמאָלס מיט די פישער געפאָרן אויף אַ פאנג, אין אַזעלכע בילאַנצעלן, מיינע עלטערן האבן געהאט עגמת-נפש דערפון. מיין הויז-לערער איז געוואָר-געוואָרן און די גוווערנאַנטין האט נישט געוווּסט וואס זי האט צו טון. דאס דאזיקע זעגלען-זיך איז געווען געפערלעך און האָט נישט געבערענגט קיין שום נוצן. זיי האבן מורא-געהאט איך זאל נישט ווערן קיין פישער. אז דאס דאזיקע מיין נישט-אָרנטלעכקייט וועט מיר ווען צונוץ קומען, דערפון האבן זיי נישט געהאט קיין אַנונג. מיר האבן פשוט נישט גערוט ביז מיר האָבן, מיט דער הילף פון אונדזערע היסטארישע רעטונגס-שיפלעך אַלס מוסטער, געמאכט פון בוימער-שטאמען איינע א צווייטע און א דריטע פון די-אונדז-בויטיקע בילאנצעלן, ווי דאָס צווייטע איז בעסער געווען פארן ערשטן, דאס דריטע בעסער פארן צווייטן. און אזוי איז עס געגאנגען ווייטער: איצט האבן מיר שוין דערגרייכט צו גאנצע זיבן.

— קינדער! זאָגט די פרעזידענטין און, עס לאזט זיך איר נישט פארשטיקן — זי בראכט אויס אין א שלוכצן: אויב איר וועט אונטערנעמען אַן עקספעדיציע אויפן ים בכדי דער אינזל זאל אנטדעקט ווערן, און, איר וועט נישט מיטנעמען אייער פרעזידענטין, אזוי זאלט איר, אלס שטראף דערפאר, דערטרינקען ווערן.

דא שנייצט זי זיך אויס און רעדט ווייטער:

— פארוואס האט איר, מיין ליבער פאאן, דאס אלץ געהאלטן בסוד פאר אונדז? נישט איך, נישט ראדבערטע און נישט די פריילן אווגוסטע, האבן דאס מינדסטע געוווּסט פון אַט דעם טייך און די זעגל-שיפלעך אייערע. מיר דריי כאטש, וואס מיר האבן דאך דאס כשר פאַרדינט פון אייך. מיט די געדאנקען וועגן אייערע זעגלען און דעם הויך פון אט דעם טייך וואלט דאך מיר א סך לייכטער געווען איבערצוקומען דעם טויטן פונקט פון מיינע טעג.

און תופס-זייענדיק פאאָן, גיט זי צו:

— דו וועסט מיר, מיין ליבער זון אויפבויען א היטע ביים אנגעזיכט פון אט דעם טייך. איך וויל וווינען אין אָנגע-

זיכט פון דעם דאָזיקן טייך, ווייל זי מאַכט מיך יינג און רעגט מיך צו פאַנטאַזיעס. זאָל דאָס אייך נישט חדושן, הייליקע מוטער. איך בין פשוט צו שלעכט פאַר דעם דאָזיקן גן-עדן; איך בין אַן אַלטע פינסטערע זינדערן. מאַטריאַרכאַט, פּאַטריאַרכאַט: איז דאָס מאַטריאַרכאַט דער הימל, וועל איך מסתמא פאַרנעמען אַן אָרט בייַם טויער, כּדי בייַ דער געלעגנהייט ווען זי וועט געעפנט ווערן, קענען אַ בליק-טון אויפן פּאַטריאַרכאַט. אויב פּעטרוס וועט מיך וועלן אַרייַנלאָזן אינעם קודש-קדשים׳דיקן פּאַטריאַרכאַטישן הימלישן גן-עדן, וועל איך אוודאי בעטן דעם בכבודיקן אַפּאָסטאָלישן טיר-שליסער, ער זאָל מיר געבן אַן אָרט לעבן זיך, כּדי איך זאָל קענען, ווען איך וועל וועלן, אַ בליק-טון דורך דער טיר-שפּאַלט, אָדער דורכן שליסל-לאָך אינעם מאַטריאַרכאַטישן גהינום. און אפשר, ווען ער וועט שלאָפן... מיר הייליקע מוטער ווייסן דאָך יאָ — איך דערמאָן זיך אָנם פינסטערמאַנלאַנד — ווי נויטיק ס׳איז אַ הויז-שליסל צום פרייען און גליקלעכן בעל-ביתישקייט.

קינדער, קינדער, וואָס פאַר אַ דערפרישנדיקע שטאַרקע לופט שטראָמט עס דאָ אַריין דורך דעם כּמעט אָפענעם טויר! — נישט בחינם ווינט איר ביים מערבדיקן שפּיץ פון אַט דעם אינזל. אייגנטלעך, איז דאָך דער מערב און נישט דער מזרח דאָס מענטשלעכע מאָרגנלאַנד. איין גאָט ווייסט, איך בענק נישט נאָך כינע, יאַפּאַן אָדער אינדיען. איך בענק נאָך אייראָפּע, נאָך אַ קליינעם פּאַרט אין האַמבורג; נאָך בערלין. איך וויל הערן דאָס ריטשן פון אַ דאַמפער, דאָס פייפן פון אַ לאָקאָמאָטיוו. איך וויל זען אַ בילדער-אויסשטעלונג; כ׳וויל הערן די נייַנטע סימפאָניע. כ׳וויל ווערן באַלויכטן פון אַ ריזן-רעפלעקטאָר; כ׳וויל איבערלעבן אַ פאָרשטעלונג אין ווינער בורג-טעאַטער. דערנאָך גיין צו זאַכערן מיט קליקוואָט פאָנסאַרדען 1) אַן אונטער-ברויט עסן. רשעות, משוגעת, געמיינקייט זאָל מען רעדן—זאָלן ציגיינער שפּילן

1) אַ משקה אזאַ.

מוזיק — א קעניגרייך פאר א פאריזער קאקאטע, פאר א שיינע, פרעכע, געשמינקטע מיט פערלען באהאָנגענע, און מארדער און זייד איינגעהילטע, ביז דעם נאפּל דעקאלטירטע, פּארפּומירטע און ראפינירטע פרוי!

— גענוג, פּרעזידענטין! — שרייט אויס ראדבערטע.

א כאאס האט געהערשט צווישן אלע. די מוטערס האבן געגלויבט כמעט, אז די פּרעזידענטין האט באקומען א מין משוגעת-אנפאל, ווי ס'קריגן אלטע לייט. זיי האבן אויך געהאט דאָס געפיל ווי דאָ וואָלט עפּעס מיאוס געטרעטן געוואָרן אויף אַ הייליקע זאַך, דאָס איז ווידעראַמאָל געווען אַ זאַך פון וועלכן אַלע האָבן געוווסט, און, וועלכעס האָט דאָך נישט עקזיסטירט.

דער דאָזיקער סיסטעם האָט זיך, ווי ס'איז גאַנץ פאַר-שטענדלעך, געמוזט ווי אַ סך נויטווענדיקייטן, אַליין אויסהאַלטן, פּונקט ווי דער פינסטער-מאנלאנד. בקיצור. אָט די דאַמע האָט זיך, ווי קיינע פון די שטאַם-מוטערס, נישט-פּאָרזיכטיג אָנגע-רירט די נישט-פאַרהיילטע וווּנד פון דער היים-בענקשאַפט, און, האָט דאָס איצט באַמערקט ווען זי האָט שוין נישט געקענט גאָרנישט בעסער מאַכן.

די הייליקע מוטערס פון דער קאָמיסיע האָבן פונדעסט-וועגן נישט אויסגעבראָכן אין קיין געוויין: זייער שטאָלץ האָט צו דעם נישט צוגעלאָזט. פאַרקערט: זיי האָבן זיך נאָך איבערגעווערטלט איינער מיט דער אַנדערער מיט גרינגשעצונג, כמעט מיט פאַראַכטונג וועגן די אַלע זאַכן וואָס אַנני פרעכטל באַגערט אַזוי צו האָבן. ס'איז זיי נישט שווער געווען מיט אַ קאָפּ-שאָקלען איבער דער אַלטער-שוואַכקייט פון דער פּרעזידענטין, צו פאַרטושן דעם דערפילטן ווייטאָג. זיי האָבן גערעדט און גערעדט און ביים סוף האָבן זיי אפילו אין די בילאַנדעלן גע-זען אַ נארישקייט.

אַנני האָט געפילט אַז זי מוז נאָך איצט ווייטער רעדן און אַ סך, כדי מען זאָל פאַרגעסן אין דער אַריבערגעכאַפּטע מאָס אירע.

— ביי אייך, ליבער פּאַאָן — זאָגט זי: איז ייגנט-לאַנד ביי אונדז אָבער...

קיינער האָט איר אָבער נישט געהערט, ווייל די צעב האָבן שוין אָנגעהויבן צו שפּרייזן.

אַלעקסאַנדער, אַנסוואַלד און אריעל האָבן זיך צוגעשטעלט צו זייער פירער פּאַאָן, ס'הייסט צו דער גאַנצער קאָמיסיע. אַ חוץ דעם איז די קאָמיסיע געווען אַרומגערינגלט פון קלענערע ייִנגלעך וועלכע האָבן געהאַט די אויפגאַבע אָפּצוגעבן זיך מיט יעדן פאַרלאַנג פון די הייליקע מוטערס

— די מלאכה מיט וועלכער מיר געבן זיך צומייסטנס אָפּ, — זאָגט פּאַאָן: איז דאָס אַרויסבאַקומען די פאַרשידענע נוצן וואָס האָלץ קען פון זיך ארויסגעבן. זיינע ספּעציעלע אָפּטיילונגען זענען: שפּענער, בוי-אַרבעטן, וואַגנעריי, שיפלעך-אויסאַרבעטונגען און טאָקעריי. און מען דאַרף נישט פאַרלייקענען אַז אַ דאַנק אָט די איינריכטונגען זענען דאָ דערגרייכט געוואָרן אויסערגעוועגלעכע דערפאָלגען.

ווען פּאַאָן האָט דאָס גערעדט האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גרופּע ייִנגע קרעפטיקע בוי-לייט אין אַ באַלויכטענעם פּיניען-וואלד 1) וועלכע האָבן מיט פריילעכע הייטערע רייד געאַרבעט אַרום בוימער-שטאַמען. דער אינטערעס פון דער קאָמיסיע איז שוין געוואַקסן פון ערשטן אָנבליק אָן. דאָס קלינגען פונם בוים, דאָס צעשפּליטערן און קראַכן פון די שפּענער, דאָס פרייע אַהין און אהער לויפן, די קראַפט פונם אויפגעהויבענעם אָרעם — דאָס אַלץ האט זיי אָנגעצויגן. דאָ האט מען אַ געוויסער מאָס געאַרבעט, דאָס האָט געקענט הייסן: מיר ווילן בעסער היינט פאַרטיק ווערן מיט דער ארבעט, איידער מאָרגן. עס איז געליגן אַן אונרו, אַ מין שעפערישע האַסט איבער דעם דאָזיקן הויך-איבערן-ים ליגנדיקן בוי פלאַץ, ווען צייל אויף דעם דאָזיקן טרויריקן אינזל ס'איז שווער געווען צו דער-

---

1) איטאַליענישע סאָסנעס.

קלערן. אַזאַ איינדרוק האָט עס געמאַכט נישט נאָר אויף דער פּרעזידענטין, ראדבערטע און די הויקערדיקע פריילן אווגוסטע, נאָר אויף אַלע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע, און וואָס מער זיי האָבן געקוקט ארום זיך, אַלץ שטארקער איז דער איינדרוק געוואָרן.

—ווי אַזוי האָט איר זיך איינפארשאפט אַזויפיל פיינע און גוטע אַרבעטס-כּלים ? — פרעגט די מוטער טיטאניא, די אַמאָליקע פעידזש.

— אזוי ווי די מענטשן פון דער שטיין-עפּאָכע אין זייער צייט — ענטפערט פאַאָן : אויפן גאַנצן ברעג האָבן מיר כסדר ארומגעזוכט דאָס פּאַסיקע שטיין-מאַטריאַל, דאָס צופעליקע אויסבילדונג זייערס וואָס איז פאַר אונדז נויטיק געווען און מיר האָבן עס געלאָזט אויספאָרשן פון ספּעציאַליסטן אויף דעם געביט. אומאויפהערלעך איז עס געפאָרשט געוואָרן. דאָס געפונענע מאַטריאַל ווערט, קען איך שוין היינט זאָגן, אויס-געאַרבעט אויף א פאַכמענערישן אופן.

דער לייכט-אַטלעטישער אַלעקסאנדער, אַזוי אויך אנסוואלד און אריעל, האבן אנגעוויזן די דאַמען אויף די שטיין-האמערס, העק, מעסערס, קלינעס, היבלעס, בקיצור : אַלע סאָרטן וועקצייג.

— גליקלעכער פאַאָן ! — זאָגט די פּרעזידענטין : געטלע-כער בחור !

כּדי צו באַגריסן האָבן זיך אויסגעשטעלט פּרעכטיקע בני-ענק מיט אויסגעשטרעקטע לינקע ארעמס און אויסגעצויגע-נע פינגער און אין זייערע רעכטע הענט האבן זיי געהאלטן די ארבעטס-כלים צו באַווייזן.

מען האט גערן געוואלט וויסן ווי אזוי טאקע ס'איז אנט-שטאנען אט דער דאזיקער נישט זער-איידעלער גרוס.

און פאַאָן ענטפערט :

— ס'האט דאָך סוף-כּל-סוף נישט געקענט בלייבן בסוד, ווען אפילו כ'האָב עס באַהאלטן ביז איצט. א חוץ מוקאלינדאן און דער באנא-דעאַ, האבן מיך נאך געבעטן צו אנדערע געטער,

כ׳וועל זאָגן בלויז: אן אנדערן גאט. איר וועט אודאי זאגן אז מיר זענען אַראָפּגעזונקען צו דער מדריגה פון האלב-חיהשער ווילדקייט, ווען איך וועל אייך דערציילן אז א חוץ דעם דריטן גאָט וואס מיר פאַרערן, האבן מיר נאך ליב אַ ביסל געצנדינעריי אויך. איר האט זיכער נישט באמערקט יענעם בוים-שטירצער וואס האט געזונגען דאס נישט-פארדינטע ליד איבער ייפיסן, ארבעטנדיק מיט איינעם פון די זעגן וואס איר האט אונדז פון די רעטונגס-שיפלעך-מכשירים איבערגעלאזט. אויף אזויפיל האט איר אויך באמערקט ווי ער האט דאס זעג-בלאט, נאכדעם זוי ער האט פארענדיקט זיין ארבעט, צוגעדריקט מיט גרויס יראה צום שטערן. ער האט עס געטון דערפאר וואס יעדעס שטיקל פון די-אונדז-אזוי טייערע ארבעטס-כלי, איז געהייליקט. אונדזער ספעציעלער מאנלאנד-גאט — דערשרעקט אייך נישט, געערטע פרויען — איז די האנט. איך חזר איבער: די הייליקע האנט. איך גלייב אז איר וועט זיך נישט וועלן פארזינדיקן ביי אונדז, ווי דער הייליקער באניפאציוס ביי די זאקסן און ווי יענע וועלן אומווארפן די יירמינען-זיילן 1), דעם צלם-אלהים פון אונדזער הייליקער האַנט.

און, מיינע הויך-געבוירענע דאַמען, דער גריס וועמעס אנטשטייונג און באדייטונג איר ווילט וויסן, איז אנטשטאנען א דאנק דער פאַרערונג פון דער האַנט, און, דאס זאגט אויף אונדז עדות אז מיר זענען דער ברודער-אחדות צום דינסט פון דער הייליקער האַנט אויף דעם האבן די מוטערס נישט געהאט וואס צוריק צו ענטפערן. ס׳איז זיי אבער שווער געווען תופס צו-זיין גאר דעם גאנצן אופן פון דעם דאזיקן געדאנק, דעם דאזיקן סימבאל. דא האט זיך פרעכטל און באלד

---

1) בוימער-שטאמען אדער סלופעס אין א וועלדל וואס זענען ביי די אלטע דייטשן פארהייליקט געווארן פון גאנצן מאלק.

נאך איר אויך ראדבערטע, דערמאנט אן רעמבראנדס ראדירונג: „יעזוס קריסטוסעס האַנט" וועלכע האָט אַרויסגעווארפן די חלפנים פון בית־המקדש. די דאָזיקע האַנט איז געווען אַרומ־גענומען מיט אַ שיינענדיקן ארעאָל. און ווען זיי האָבן אזוי גערעדט פון דאָזיקן בילד, האָט זיי פּאַאָן גענומען דערקלערן, מיט אַ טאָן פון באַשטעטיגונג, אַז אָט דעם גלאָריע־שיין פאַר־דינט נישט בלויז די האַנט פון אונדזער אינזל, נאָר בכלל די מענטשלעכע האַנט.

אין אַ געוויסן טאָג איז אים אויפן וועג פון זיינע איינ־זאַמע מעדיטאַציעס אויפגעגאַנגען דאָס גאַנצע מיסטעריום, דאָס גאַנצע וווּנדער פון דער מענטשלעכער האַנט.

ער האָט נישט געוווּסט וואָס פאַר אַ שטיצע זיין געניאַלע אינטויציע האָט געפונען אין די אַלע פאָרשער פונעם פינסטער־מאַנלאַנד, ווי למשל אין טשאַרל דארווינס. דאַרווין פאָרשנדיק די אָפּשטאַמונג פונעם מענטשן, האָט געהאַלטן פון ג. בעל'ס מיינונג, אַ מיינונג וואָס זאָגט אַזוי: „די האַנט קען פאַרטרעטן אַלע מכשירים, און מיט דער פולער הסכמה פון אינטעלעקט, קען די האַנט איבערגעבן צו די מכשירים אן אוניווערסאַלע הער־שאַפט". מיט אָט דער בייער זון פון דעם געדאַנק האָט איי־ראָפּעס געזעלשאַפטלעכקייט און איר מאָראַל, געזאָלט באַלויכט און פאַרברענט ווערן, פונקט ווי דער פעניגס־פויגל וואָס ווערט פאַרברענט אויף אש און שטייט נאכער אויף אין אַ באַנייטן פרילינג.

פּאַאָן האָט געהאַלטן פאַר זיכער אַז דאָס „ווערק פון דער מענטשלעכער האַנט" ווי ער האָט עס אָנגערופן, וועט נאָך לאָזן אַ סך פון זיך הערן.

ביזן צוועלפטן יאָר האָט ער געלעבט אויפן פינסטער־מאַנלאַנד אין דער גייסטיקער סביבה פון זיינע עלטערן. אַ פלינ־קער קאָפּ, האָט ער פון דאָרט אַהערגעבראַכט זיינע ראיות און ביישפּילן.

— דער באַגריף „פאָרשריט" — זאָגט ער: קומט פון פוס, דער באַגריף „טאַט" — פון דער האַנט. ווייזט מיך אן וועלכעס־ס'איז מאַטעריעלע אָדער ספּירטועלע אין אונדזער פינסטער־

מאנלאנד-קולטור, אָדער אירע אייראָפּעישע פּראָצענטער, ווען אַנטשטייונג ס'וואָלט מעגלעך געווען אָן דער מענטשלעכער האַנט. דערביי איז אַלץ איינס צי איר זעט געשריבענע, אָדער געדרוקטע אותיות פון געטעס אַ ליד; צי דאָס איז אַ שטיקל פּאַפּיר, צי אַ גאַנץ בוך; צי איר קוקט אויף אַ בלויזע קלישע, צי איר זעט די גאַנצע שטראַסבורגער קאַטעדרע. איר גייט אינעווייניק אַריין. איר זעט דעם קרוצי פיקס וואָס הענגט איבערן אַלטאַר. אָדער איר קוקט אויף די פארביקע פענסטער אין וועלכע די זון מאַכט לעבעדיק אַ גאַנצן אָלימפּ פון הייליקע, אַ גאַנצן וואַלהאַלאַ פון דייטשע קיסריים, קעניגן און פירשטן. — דאָס אַלץ איז די אַרבעט פון דער מענטשלעכער, ס'הייסט: פון דער דענקענדיקער האַנט. פּלאַטאָן, קאַנט איבער ווען מיין הויז-לערער פּלעגט האַלטן לעקציעס און איך האָב זיך, ליידער צוגעהערט צו זיי מיט האַלבע אויערן — אָט די האָבן געשריבן. אפילו ווען זיי וואָלטן בלויז דיקטירט, וואָלטן זייערע ווערק, אָן דער הילף פון אַ מענטשלעכער האנט, נישט צושטאַנד געקומען. נעמט אבער דאָס אימאטעריעלע, נעמט די מוזיק. שוין נישט רעכענענדיק דאָס וואָס דער פועל-יוצא פון אַ פּאַרטיטור איז אָן אָנצאָליקער סכום פון דענקענדיקע הענט — וואָס וואָלט געווען פון דער מוזיק אָן אינסטרומענטן? איצט זאָלן מיר זיך פארשטעלן דאם אומענדלעכן געווימל פון דענקענדיקע הענט וואָס מוזן זיך באַוועגן, כדי בלויז פאַר דער מוטער גערטע בערגמאַן אויסצופּערטיקן איין פידל. עס מוזן אפילו, אויף דעם זאָגן עדות די סטרונעס, הריגות געשען. וואָרום דער גאַנצער אומגעהויערער געביט פון דער דענקענדיקער מענטשהייטס האַנדלען, פון דעם נידריקסטן ביז צום העכסטן, פון דאָס מיאוסטע ביז צום רייצנדיקסטן, פון דעם מוראדיקסטן ביז צום רויק-געבענטשטן, פון דעם גרעבסטן ביז צום פיינסטן, פון דעם איידלסטן ביז צום געמיינסטן, פון דעם פיינטלעכסטן ביז צום ליבסטן, פון דעם מאוימדיקסטן ביז צום העכסט-קרבנותדיקן קאַריטאַס — אַלץ, אַלץ באַדינט זיך מיט דער מענטשלעכער האַנט. ווען איר ווילט וויסן ווי צוגויפ-

געבונדן, ווי נישט צוטיילבאַר ס'איז דער מענטשלעכער אינטע־
לעקט מיט דער האנט, קוקט אויף דער האַנט פון אַ פידל־
שפּילער: אויף דעם געדאַנקען־שנעלסטן אופן, ווערט דורך די
הענט פון א וויאָליניסט, אדער פארטעפּיאניסט אַרויסגעבראַכט
אָן אַ שיעור נישט־באמערקבאַרע רעגוּנגען פון דער מענטשלעכער
נשמה צום מענטשלעכן אינטעלעקט, די איידלסטע און די צאַרט־
סטע נישט־דערקענבאַרע דערהויבונגען. ביי אונדז איז געשאַפן
געוואָרן יענער שטימער אָרגאַן פון אַ לשון וועלכער איז בכּוח
אויסצודריקן דאָס, וואָס דאָס וואָרט פון אונדזער לשון, איז עס
נישט בכּוח. איך עצה אייך, מיינע ליבע הייליקע מוטערס, וועגן
דער דאָזיקער זאַך אַ ביסל נאָכצוטראַכטן. גיט אַ טראכט פון
קלענסטן טשוואָק אויפן פינסטער־מאַנלאַנד, פון דער קלענסטער
נאדל; טראכט פון פשוטסטן ציגל פון וועלכן אונדזערע על־
טערנס הויז איז אויפגעשטעלט, פונקט אזוי גוט ווי די רייזנ־
שטאָט פאריז, ווי די רייזנשטאט לאנדאן, ווי די רייזנשטאָט
בערלין, און דאמאלס וועט איר זען הענט און הענט, א גאנצן
מבול פון דענקענדיקע הענט אויפשווימען אויפן האָריזאָנט
וועלכע וועלן, קען מען זאגן, פארפינסטערן דער זון, פארגראָבן
די ערד, נאָר וואָס רעד איך: ס'מעגן נאך אזויפיל, ס'מעגן
אפילו אומענדלעכע וואלקן־צוגן פון אזעלכע הענט, אזעלכע
גייסטער־הענט, ווי די ווירבלענדיקע מדבר־זאמדן אויפשווימען
אויפן האָריזאָנט פון אונדזער גייסט — פאר אים וועט דאָס זיין
אַ געוואלטיקער אנטפלעקונג וועלכע וועט איע באַרייכערן אנ־
שטאט פארשיטן און דערשטיקן. ס'איז גארנישט אפצושאצן
וואס פון פינסטער־מאנלאנד וואלט געווארן ווען די האנט זאל
זיך באפרייען אויסן מצב פון פאראכטונג און זיך דערהויבן
צום העכסטן אַדל־שטאַנד דאמאָלס איצט וועט די מענטשהייט
ווערן אנגעפירט נישט פון קיין פינסטערע נאַראנים, נאר פון
די העכסט־אָרנטלעכסטע און באוווסטזיניקסטע. פון די מעשים
פון אט דעם באוווסטזיין וועלן מיר קענען דערלעבן דאס
ווערק פון אן אדל־מענטשהייט, א ווערק וואס וועט אייביק
כבוד מאכן אין אייראפּע אונדזער פינסטער־מאנלאנדס צו

הײנטיקן טאג לעגענדארע דערפאלגן פון דער מענטשלעכער האנט!

ווען פּאַאָן האט פארענדיקט רעדן איז ווידעראמאל געפּערלעך שטיל געווארן. בלויז ראדבערטע האט ארויסגערעדט:

— כ׳וואלט זער געוואלט אז די צו די געטער נאָנטשטייענדיקע לאורענצע זאל האבן געווען זיין דערבײ.

אויף די דאזיקע ווערטער האט פּרעכטל צוגעשאקלט מיטן קאפּ.

—וואס מײנט איר דערמיט צו זאגן? — פרעגט פּאַאָן קאלט.

און זי ענטפערט:

—ווייל דו האסט זיך אין א סך פאלן אַנטוויקלט צו דעם וואס די אײדעלע לאורענצע האָט א מאל געהאפט אין דיר צו זען.

פון דעם מאמענט אן איז אריינגעטרעטן א מאדנער צערײסנקייט אין דער באציונג פון די הייליקע מוטערס צו פּאאָן. ער איז פאר זיי געווארן ווי א פרעמדער, דאס איז אוודאי געווען דערפאר וואס ער האט ארויסגעוויזן אזוימיל פרייהייט און פרעמדארטיקע ענערגיע, אויב נישט מלוכה־געפערלעכע. אדער, ס׳האט אויך געקענט זײן דערפאר וואס זיי זענען געווען אפּגעוואוינט פון מענער און דאס האט זיי געשטערט, כמעט געררייצט. ס׳האט זיך זיי אויסגעוויזן פאר גוואלטיק אויסטערליש דאס וואס א חוץ דער ווייבלעכער עקזיסטירט נאך אויך א צווייטער מענטשלעכער סארט, וועמעס ארט לעבן ס׳קען צייטווייליק פארגעסן מאכן זייער נעבעכדיק ארויסקומען פון דער מוטערס לײב.

אין אזעלכע פארהעלטענישן האט טאקע דאס פארהאלטן זיך פון איינע פון די הייליקע מוטערס, זיך ארויסגעוויזן פאר גאנץ שרעקלעך. דאס איז געווען א בילד שיינע פרוי וועמעס קליינע פיס ס׳האבן צוגעגעבן איר ווייבלעכן חן און איידעלער וואגיקייט. אירע האר זענען געווען שווארץ, איר נאקן — כמעט שטענדיק געבויגן. זי האט ווינציק גערעדט, נאר פלעגט צומערסטנס זינגען פאר זיך און אפּפליקן זעלטענע בלומען וואס

האבן זיך געטראָפן אויפן וועג. אין־צווישן פלעגט זי אויפעפענען אַ פּאָר זאַגנדיקע, טונקעלע פייכט־פאַרגלאַנצטע אויגן וואָס האָבן געקענט אַריינבליקן אין דער אינערלעכקייט אַריין. דאָס זעלבע האָט זי געטון ווען ראַדבערטע האָט געענדיקט אירע רייד. און פּונקט ווי זי וואָלט זיך געפינען איינע אַליין, אָן דער מינדעסטער פאַרלעגנהייט, אַרומנעמנדיק פאַאָן מיט אָט די דאָזיקע פייכטע, טונקעלע אויגן איז זי צוגעגאַנגען צו אים גאַנץ געלאַסן און האָט אירע פּרעכטיקע אָרעמס אַרויפגעוואָרפן אויף זיין נאַקן. אין אַזאַ פּאָזע האָט זי אים געטון אַ קוש אויף די ליפּן.

— מוטער ערדעידי! מוטער ערדעידי! האָבן די מוטערס ווי צעמישט אויסגערופן אַלע, ווי אין איין קול.

ס'איז שווער צו באַווייזן די סיבות וועלכע האָבן געטריבן די מוטער אויפצוציטערן בשעת דעם אָנבליק פון דער דאָזיקער סצענע: אַ געשעעניש פון אומאָראַל, אומזיטלעכקייט, בושהלאָזיקייט, צו גאָר פּאַראַט, אָדער אַ שענדונג פון געהייליקטע תקנות און סודות — וואָלטן שוין נישט געקענט שטאַרקער אויפטרייסלען.

די הייליקע מוטערס זענען געוואָרן פאַרשטאַרט און פאַרשטומט; זיי זענען בלאַס געוואָרן און האָבן צונויפגעפּרעסט די ליפּן אויף אַ קראַנקהאַפטיקן אופן; אַרום די מויל־ווינקלען האָט זיך געזען אַ צוקן פון אַ שרעקלעכער פאַרביטערונג.

פאַאָן האָט זיך גלייך אַראָפּגעלאָזט אויף דער קני און האָט מיט גרויס יראת־הכבוד געקושט דער האַנט פון דער הייליקער מוטער ערדעידי.

— די מוטער ערדעידי, — זאָגט ראַדבערטע: האָט געוואָלט געבן אונדזער פאַאָן איר ברכה פאַר זיין שווערער אַרבעט און גרויסער מיסיע אויף דעם פינסטערמאַנלאַנד. — די מוטער ערדעידי איז געווען אַן אונגאַרין און איז געווען באַליבט פאַר איר פּשוטער גוטסקייט און איידעלען שכל.

די מוטערס האָבן זיך שוין געפונען נאכן באַרג־אַראָפּ און האָבן געהאַט דערגרייכט אַ ווייט־צעשפּרייטע גרינער סביבה.

אָבער איידער נאָך זיי האָבן באַוויזן עפּעס צו זען האָט, צו זייער נייער דערשטוינונג, דערגרייכט צום אויער אַ גערויש וואָס האט זיך שוין זינט צענדליקער יאָרן נישט געלאָזט הערן. זיי וואָלטן עס אָנגענומען פאַר אַ געקלינגל פון סטאַדעס, ווען זיי וואָלטן נישט געוווסט ווו קליין ס'איז דער סכום פונם מעטאַל אויף דעם דאָזיקן אינזל. דאָ האָבן זיי דערזען די צעבו-סטאַדעס; זיי האָבן געזען דאָס קלינגען פון גלעקלעך וועלכע זענען געהאַנגען אויף רימענס אַרום זייערע העלזער.

— מיר אַרבעטן אויך אויס אַ סך הויף-קונצן — זאָגט פּאַ-אָן: ווען איך האָב איינמאָל געטראַכט פון סטאַדע-קלעגלעך אויפן פינסטער-מאַנלאַנד, איז מיר גלייך באַפאַלן אַ בענקשאַפט נאָך זיי. איך האָב שוין נישט איינמאָל, צוזאַמען מיט די פּאַס-טוכער, געבראָטן קאַרטאָפל ביים פייער. איך האָב זער גערן ליב צו מאַכן אַ שפּאַס מיט מיינע היגע ליבע יינגאַטשעס, האָב איך געוואָלט אויפלעבן פאַר זייערע נשמות די היימישע מוזיק פון אונדזערע שווייצער בערג, יאָ, אויפלעבן פאַר זיי ביי זייערע קי, פרידריך ווילהעלם טעלן. — איך האָב שטאַרק געוואָלט זען ביי זיי דערשטוינונג בעת זיי וועלן דערהערן מוזיק פון זייערע צעבו-קי. דאַמאָלס האָב איך זיך דערמאָנט אָן אַ געוויס ציגיינעריש האָלץ-אינסטרומענט אויף וועלכן ס'ווערט געשפּילט מיט העמערלעך. הייסט עס אַז מען קען אַרויסבאַ-קומען טענער פון האָלץ. אַזוי אַ נאָך בין איך צוגעקומען צו דעם וואָס איך האָב געגעבן די אויפגאַבע אונדזערע פּעיקע טאָקאַרעס אויסצופּאַרטיקן אַ גלאָק פון האָלץ. איך בין תמיד פונקט אַזוי פריילעך ווי מיינע קינדער ווען ס'מאַכט זיך צו האָבן צו טון מיט עפּעס אַ נייע זאַך. דער ערגייץ וועלכער גראַסירט אַזוי שטאַרק אַרום ביי אונדז, ווערט ווידער אויף אַ צייט באַשעפטיקט. דאָס איז אַן ענין וועלכער טרייבט אונדז פיל-ווייניק פאָרויס, פאָרווערטס און מאַכט אונדז פאַרגעסן דאָס מיר, וועלכע געהערן אורשפּרינגלעך צום ים, זענען נישט מער ווי טייך-קאַרפּן. — ס'האט גאָרנישט לאַנג געדויערט ביז ס'זע-נען, לויט מיינע צייכענונגען, פאַרטיק געוואָרן דער עחשטער

האַלצערנער גלאָק, דער ערשטער צוויי־קלאַנג, בײַ דריל־קלאַנג ביז, ס'איז צושטאנד געקומען א גאנצע אָקטאווע.

— מען מוז עס דיר, פאַן, פארגינען. דו האסט אלע אויפגאַבן וואָס זענען אין זיינער צייט געווען ביים פרויען־ראט, אויפן שענסטן און אומדערוואַרטסטן אופן אויסגעפירט. עס איז אפשר גוט וואס מען האָט עס דיר דאמאלס נישט אָנפארטרויט.

—און וואָלט מען עס אפילו נישט געוואָלט — זאָגט פאַן: וואלט דאך די אָנטוויקלונג פונם מאנלאנד נישט שטיין געבליבן.

אין דעם מאָמענט האט זיך דערהערט געזאנג, וואס איז געזונגען געוואָרן כמעט שרייענדיק פון א נאקעט, באגייסטערט יינגל וואס איז געזעסן אויף א זיך פאשענדיקער קו. ער האָט געזונגען אין דער ענגלישע שפראך און פאאן האט דערביי דערציילט אז דאָס ליד האט אים זיין אמעריקאנישע מוטער אויסגעלערנט ווען ער איז אלט געווען פינף יאָר — ער האט דאָס ליד אהערגעבראכט אויפן מאנלאנד:

Lądy=Cow, Lady=Cow,
Fly awây home,
Thy house is on fire,
Thy Children are flown.
All but a little One
Under a Stcne,
Fly thee home, Lady=Cow
Ere it by gone 1).

ווען דער דאזיקער פאסטוך־יינג, א שפּאָרער לאבוס שוין, האט אנגעהויבן צו זינגען א צווייטן פערז פון עפעס א לידל,

---

1) ליידי־קו, ליידי־קו,
פלי אויף גיך א היים,
ס'שטייט דיין הויז אין פייער,

האָט די הייליקע מוטער טיטאניא, געבוירענע פעידז, אויסגעבראָכן אין אן אומויפהערלעך שלוכצן.

און דא האָט זיך ווידעראמאל איבערגעחזרט א סצענע וועלכע איז, כמעט, געווען פיינלעך פאר דעם כבוד פון דער געפּערטער מאטריארכאטס-קאמיסיע: די הייליקע מוטער פעידזש האט זיך מיט אירע דיאנא־פיס אין שיינע ברייטע שפּרינגען, דערנענטערט צו דער צעבו-קו אויף וועלכע ס'איז געזיצן דער זינגער, און, האט, זייענדיק געוואלדיק אויפגעבראכט, מיט א זייטן־שטויס אומגערן אים אראפּגעווארפן.

דאס ייִנגל האט נאך אלץ געריטשעט, ווען די מוטער טיטאניא פעידז איז געשטאנען לעבן אים אויף די קניען און ס'האָט אויסגעזען ווי זי וואלט איט געווערגט און געוואלט דערווערגן.

פרעכטל האט זיך אפּגערופן, שנייצנדיק:

— געלויבט צו גאָט וואס איך פארמאג נאך כאטש אן אלט געראטעוועט נאז־טיכל.

גאנץ אנדערש אבער איז דער דאזיקער פארפאל פארשטאנען געוואָרן ביי א געוויסע מוטער־גרופּע אין דער קאמיסיע גופא. צו דער דאזיקער גרופּע האט אויך געהערט די מוטער עגלי. איר צענטרום און ספּיריטוס רעקטאָר 1) האט אויסגעזען צו זיין די מוטער פילאמעלא שוואב. זי זאגט, זיך ווענדנדיק צו דער דאקטארין:

— איך ווייס נישט צי מיר וועלן נאך גוט אפּשניידן ביי אזא חברה!

דיינע קינדער—אין פלאם.

אלע א חוץ א קליינע

וואס ליגט אונטער א שטיין;

פלי א היים ליידי־קו

איידער זיי פארגיין.

2) דער גייסטיקער פירער.

און, אויך די מוטער עגלי ווארפט קורץ צו:

— די מאַלפּע-ליבע! זי לאָזט זיך נישט אָפּקילן.

קיינער פון די מוטערס האָט נישט געוווּסט אויף וועלכער זייט ס'שטייט אייגנטלעך די מוטער עגלי, אפילו לאורענצע אַליין האָט גענוי נישט געוווּסט. אין דער אמתן אָבער איז די דאָקטאָרין עגלי געווען די איינציקע וועלכע האָט גאַנץ ערנסט געטראַכט פון דער מוטערשטאַט און האָט בסוד, אויף אַן אינטריגאַנטן און פאַנאַטישן אופן, געאַרבעט פאַר זיין פאַרווירקלעכונג. פון דער צו די געטער-נאָנט-שטייענדיקע לאורענצע און איר טראַנסצענדענטאַליזם, האָט זי קיין סך נישט געהאַלטן. ער איז צו שווער געווען פאַר איר צום באַגרייפן. זי האָט נאָר געפילט אַז ער פאַרלאַנגט געהיימע צילן, איר מענטאַליטעט איז געווען גאָר אַן אַנדערע, ווייל איר בליק האָט אַ סך צוטון געהאַט מיט יסורימדיקעס, מיט בלוטיקע קערפּערלעכע געשעענישן, און, דערפאַר איז דער שניט מיט מיטל-שאַרפע אינסטרומענטן אין דעם הייסן צאַפּלדיקן לעבן אַריין, צו אַלטעגלעך געווען פאַר איר. אויך דערפאַר וואָס איר מאָראַל איז, ביים אָנקומען אין דער מעדיצינישער גילדע אסימילירט געווארן אין דעם גילדע-מאָראַל. זי איז געווען באַהערשט פון דער קאַלטער, ניכטערער גילדע-מאָראַל וועלכע האָט איינמאָל פאַר אַלעמאָל געלייקנט, אויפן גרונט פון באַוויזענעם פאַקט, אין דער עקזיסטענץ פון דער מענטשלעכער נשמה: ס'איז איר נאָך קיינמאָל נישט אונטערגעקומען קיין נשמה אונטערן דעסירמעסער ביי די אַבדוקציעס און סעקציעס.

און פאַאָן האָט גוט געוווּסט ווי ווייט ער דאַרף האַלטן פון דער מוטער עגלי, נישט קוקנדיק אויף איר אויסדרוק וועגן דער מאַלפּע-ליבע. ער האָט געוווּסט אַז איר וויסנשאַפטלעכן אויטאָמאַטיזם קען מען, אין העכסטן פאַל, צוברעכן, אָבער קיינמאָל נישט בייגן. און פאַאָן האָט געהאַט אַ ווילן צו לערנען ווו ס'איז נאָר ערגעץ געווען אַ געלעגנהייט צו לערנען זיך. דערפאַר האָט ער אָנגענומען דער מיינונג, וואָס איז טיילווייז געווען איר דאַרוויניזם און איר באַטראַכטונגס-אופן, דאָס דער

מענטש איז אַ זויג=חיה: דאַמאָלס איז די דאָזיקע מענטשן=חיה
ווי ער האט עס פאַרשטאַנען, דאָס גרעסטע ווונדער פון דער
נאַטור און אַלס אזעלכע דאַרף זי פאַרערט=ווערן! מען מוז דאָך
בויען אויף אָט דער חיהשקייט, און ווען מען זעט דאס וווּנדערלעכע
דערגרייכן פון די דאָזיקע מענטשן=חיות דורך די מיליאָנען יאָרן און
ווען מען טראכט פון די מיליאָנען יאָרן וואָס דערפאטום, קען זיין,
האָט שוין צוגעגרייט פאַר איר אַנטוויקלונג, דאַמאָלס מוזן
מיר מודה=זיין דאס די הויכקייט פון יענער בריאה, פון יענער
חיה וואָס גריסט צו אונדז פונם סוף פון יענעם צייט=לויף, —
דערגרייכט ווייט אַריבער אונדזער אַלע אנענדיקע כוחות.

און פאַאָן האָט געקעמפט קייגן דער מוטער עגלי מיט אַלע
מעגלעכע אופנים דאַמאָלס, ווען זי האָט געוואָלט אין איר
פריינטלעכן מענער-האַס און ווייבלעכן גלאריפיצירונגס-דראנג,
ברענגען א קרבן דאָס מאנלאנד, ס'הייסט: דעם מאַן. ער האָט
אין געהיים, אונטער פיר אויגן און אויך אינם אופן פון
אַ דורכקריגן זיך דורך אירע אינטריגעס, איר צעוויסן געגעבן
פון אַ טויט=פיינטשאפט.

אין דעם מאָמענט אָבער ווען די מוטער טיטאניא פעידוש
האָט, נאָך א דריי יעריקע צעשיידונג, דערקענט איר יינגל און
האָט אים גענומען האלזן און די מוטער עגלי האט דערביי
זיך אויסגעדריקט אַז דאָס איז מאַלפע-ליבע, — אין דעם מא-
מענט האָט די דאָזיקע גאַנצע טויט=פיינטשאַפט אַ שלאָג=געטון
פון פאאָנס בליק, אזוי אַז די מוטער עגליס אויג האָט זיך
דערפילט שוואך.

— אָט דער צעבו-קו, — זאָגט דאמאָלס פאַאָן מיט א האַר-
ציק געלעכטער וואָס איז געווען געווענדט צו דער אָרטאָדאָק-
סישע גרופע: דער צעבו-קו וועט איר דאָך זיכער נישט אָנעמען
פאַר קיין הייליקער מוטער, בלויז דערפאר וואָס זי איז נישט
פעיק אויסצודריקן אזעלכע אמתע און הארציקע מוטערלעכע
געפילן.

*

דאס וואס די הייליקע מוטערס האָבן דערפארן אין די וויטערדיקע פיר שעה, דאָס האָט געווירקט אויף אנגי פּרעכטלען דאָס זי זאָל מודה-זיין אז דער האריזאנט פונם מאנלאנד איז אסך ווייטער ווי דער וואָס געפינט זיך אין דער אנטקייגנ-איבערדיקער זייט.

— דאס איז דערפאר, — זאָגט ראדבערטע: וואס א מוטער געפינט זיך מיט א פאמיליע צוזאמען. דאס וועזנטלעכע פון א פאמיליע, איז צוגעבונדן צום באדן, און, וואס מער ס'אנטוויקלט זיך די פאמיליע אלץ גליקלעכער איז זי, אלץ ווייניקער געניט איז זי צו באמאדיזירן, צו וואנ-דערן. די מוטערלעכע גייסטיקייט איז מער געווענדט צו זיך און זי ווערט אויסגעצויגן דורך דעם קליינעם קרייז פון איר משפחה, פון איר הויז, הויף, פון איר גארטן און סטאדע. דאָס ייִנגל אבער, דער בחור, דער מאן איז א וועזן פאר זיך אליין Omania mea mecum ports (1 דארף ער זאגן דערפאר וואס ער קען אזוי גרענעץ-לאז, פריי און נישט-געבונדן זיך באוועגן.

די לעבנס-אויפגאבן פון דער פרוי נויט איר צו אינטענ-סיטעט, אויפן גשמיותדיקן ווי אויפן רוחניותדיקן געביט. די מענערלעכע לעבנס-אויפגאבן זענען עקסטענסיוו און דערמיט איז אויך פארבונדן די סכנה פונם קערפּערלעכן און גייסטיקן הפקירות. כדי נישט צו האבן בײַנאכט דאס געפיל פון א פאר-לוירענעם טאג ליגן הינטער זיך, מוז דער מאן, דער אמתער מאן דערגיין צו די גרענעצן פון זיין קערפּערלעכקייט אינם אומבאקאנטן, אין דערצייט וואס די פרוי בלייבט ליגן א מידע אינם געהייליקטן קרייז פון דעם אייביק-באקאנטן. דארט

---

1) סאקראטעסעס א שפּרוך-ווארט: „אלץ וואס איז מיין טראג איך מיט זיך".

ווי דעם מאנס פיס איז מיד געווארן, אדער האט זיך אנגע־שטויסן אויף עפעס וואס לאזט אים נישט גיין ווייטער, קען דער גייסט זיינער אריבערשפרינגען איבער די אלע מניעות און מי־דיקייטן און ער קען ווייטער שפרייזן אומדערמידלעך אינם אין־סוף.

און דערמיט ענדיקט זי: דאס וועזן פון דער פרוי איז, קען מען זאגן צענטריפעטאל, דעם מאנס—צענטריפוגאל.

נאך אזא מין שלום האט די דאקטארין, פארשטייט זיך, נישט געקענט עפענען דאס מויל כדי כאטש ארויסצורעדן צוויי ווערטער וואס זאלן פרוון געבן פארצוג דער פרוי, אדער בא־ווייזן אז דאס צענטריפוגאלע פארמאגט נישט קיין מלוכה־שעפע־רישע כוחות.

די פרעזידענטין פירט אבער דער זאך אוועק אויף א קאמישן געביט:

— איך וויל זיך נישט, — זאגט זי: אריינלאזן אין קיין טיפע פראגן. איך האב זיך נאר משמח געווען איבער די דאָ־זיקע זער שיינע, געזונט אנטוויקלטע יינגלעך־און בחורים שיינ־הייטן און איבער די קוריעזע קעפלעך וועלכע איך האב געזען צווישן זיי. דאס וואס א סך פון זיי זענען פון זייערע אפגע־זונדערטקייטן ווי ארויסגעטריבן געווארן פאר אונדז, אין אז אינם ספעציפישן סומאטאכע-שטייגער וואס איז מיט דעם פארקניפט, ליגט נישט קיין באזונדער שטארקן סאציאלן זין — דאס וועל איך אוודאי מודה-זיין. נאר אין אונדזער גן-עדן איז דאך אויך נישט אלץ אין בעסטן ארדענונג. אבער — ס׳איז דאך א גרויסארטיק פארגעניגן דאס ווידעראמאל עטעמען די אורא פון דער מענערלעכער נארישקייט מיט אירע הויך־געפלי־גלטע פלענער. איך האב א נטיה צו איבערענדערונגען. עס גריבלט זיך דא א פערצן־יעריק פויערל אינם פלי־פראָבלעם. דעם פראָבלעם וועט מען קיינמאל נישט לעזן. אבער, דאס ארט אים נישט. די פייגל פליען, פארוואס זאל ער אויך נישט קענען פליען. דא גייט גאנץ גוט; עס גייט אים דא גארנישט און;

ער זעט אויס ווי אַן אדאָניס 1). זיכער היינט — מארגן וועט ער, אויף די פליגל פונם מאָרגן-רויט, זיך אַ וואָרף-טון אינם אומבאַקאַנטן.

אַ צווייטער האָט זיך אַריינגענומען די אידעע נאָכצוגיין אַן אַלעקסאַנדער דעם גרויסן, אַ צעזאַר, אַ נאַפּאָלעאָן, און ער באַלעסטיקט אפילו, צוליב דעם, צו שטאַרק אַ חבר זיינעם און, עס פאַלט אים גארנישט איין, אָט דעם קליינעם דאָרפס-יינג, צו וועלן רעגירן מיט דעם פרויען-גן-עדן, אָדער מאַן-גן-עדן. ביין. אין אַ שיינעם טאָג וועט ער זיכער ווערן דער הערשער פונם פינסטער-מאנלאנד און די גרויס צוציענדיקע וועלט וועט ער איינעמען אוודאי מיט די קלעפּ פון זיין הילצערנער שווערט — וואָרום קיין אַנדערע האָט ער דאָך נישט — און די וועלט וועט זיין דערלייזט. און, איך וועט זיך מיט אייך — זיין ווילן איז אַזוי שטאַרק אַז, ער וועט אין אַ שיינעם טאָג זיין אין קאַפּס-שטאַט, אָדער ערגעץ אנדערש-ווו, אפילו ווען ער זאָל ווי אַ פראָש מוזן שווימען.

פאַאָן זאָגט:

— עס איז שוין קיין סך צייט נישטאָ. און א חוץ דעם האָבן די הייליקע מוטערס, דורכן הויכן כבוד וואָס דער מאנ-לענדער-גייסט האָט זיי אָנגעטון, געליטן פון עטלעכע קליינ-קייטן. ס'פאָדערט זיך, פאַקטיש, זער פיל צייט כדי מען זאָל זיך גרונטלעך קענען באַקענען מיט די מאנלענדערס געמיטער. אַ סך שגעון און לעכערלעכקייט ליגט אין דער לייכט-הומאָריס-טישער און צו דערזעלבער צייט נישט-גענוגנדיקער אויפפאַסונג פונם באַגריף: מענערלעכער נאַרישקייט. מיר האָבן פיקסען וואָס האָבן באַזעצט אויפן אינזל יעדן בוים מיט געטער און דעמאַנען, מיר האָבן זיי אַזויפיל אַז די געטלעכע לאורענצע אפילו וואָלט נשתומם געוואָרן. יעדער האַלבער שעה באַווייזט זיך אַן אַנדערער רוח און אַן אַנדער געשפּענסט. די באַלאַנ-

1) א געליבטער פון דער געטין ווענוס,— א האלב-גאט.

דינסטן פון וועלכע די מומע ראדבערטע האט מיר געהאַט אַ מאָל דערציילט, די באַלאנדיסטן האָבען נישט צוגויפגעזאמלט אַזויפיל קריסטלעכע לעגענדן און קענען נישט צונויפזאמלען אַזויפיל, וויפיל עס קען אַזאַ קליין באַוועגלעך מחל אין פאַר־לויף פון דער צייט זינט עס איז צונויפגעפּאַנטאַזירט געוואָרן דער מוקאַלינדאַ און די באַנאַ־דעאַ. אין די קעפּלעך פון אונדזע־רע ייִנגלעך זענען אין אַ, כמעט, נישט־דערציילנדיקער צאָל, אויפגעבויט טעמפּלען, קירכעס, קאַטעדראַלן, גאַנצע בריקן איבער שטראָמען און ימען פון אַזעלכע געוואַלטיקע דימענזיאָנען, אַזאַ רייכקייט אַז אפילו די חורבות פון בעל-בעק, די סט. פעטער אין רוים און די שטראַסבורגער קאַטעדראַלע וואָלט געווען נישטיק און אָרעם אַנטקעגן זיי.

— דאָס איז שטותים — זאָגט עגלי: דאָס איז נישט מער ווי זייפנבלאָזן. וואָס קענען מיר אויפטון דערמיט? ווען ס׳זאָל זיך ווענדן אָן מיר, וואָלט איך אַ סוף געמאַכט בכלל צו אַלע מינים פאַנטאַזיעס אויפן איל־דע־דאַם.

אויף אַזויפיל האָט זיך נאָך די מוטער עגלי ביז אַהער נישט דערלויבט.

די הייליקע מוטער שוואַב וואַרפט סאַרקאַסטיש צו:

— מען האָט דאָ געזען אפילו דעם אייִנהאָרן. אַזאַ מין שטות דערגרייכט שוין צו ווייט!

— פאַרוואָס דען נישט? — ענטפערט פּאַאָן גלייך: פאַר־וואָס זאָל זיך טאַקע דער איינהאָרן נישט געפונען אויפן איל-דע-דאַם? איך קען אייך, הייליקע מוטערס, פאַרזיכערן אַז: ער איז יאָ פאַראַן.

— צי עקזיסטירט אויך אויפן אינזל — פרעגט פילאַמעלאַ שוואַב ווייטער: דער אויסדערוויילטער העגגענדיקער לופט־גאָרטן מיט די אויסטערלישע חיות און געוויקסן פון וועלכע אונדזער הימלס־טעכטער דערציילן זיך שוין פאַרשידענע נאַ־רישע מעשיות?

— יאָ, הייליקע מוטער, דאָס איז אויך פאַראַן.

— ליבע דאָקטאָרין, — זאָגט פרעכטל: איך וווּנדער זיך

שוין איבער גאָרנישט, אָבער טאַקע איבער גאָרנישט מער; איך זע שוין, זינט אַ לאַנגע צייט, אויף אָט דעם אײנזיך אונדזערן, נישט נאָר אײנהערנער, נאָר איין גאָט ווייס וואָס פאַר אַ נאָך אויסטערלישע ברואים. דער טאָג וואָלט מיר אָבער פאַרגילדט געוואָרן ווען איך וואָלט, כאָטש, איינמאָל געקענט זען אַן אמתע, ברוינע אייראָפּעישע פלוי — נישט ווייט פון קאַפּיטאַל האָט מען געוויזן דער קאָמיסיע אַ קליינעם ווערקשטאַט ווו ס'האָבן געאַרבעט דריי ייִנגע בעלי־מלאכות. און ווידעראַמאָל זענען די פרויען פאַרחידושט געוואָרן: דאָ זענען, אָן שום שוועריקייט, אויסגעאַרבעט געוואָרן אינסטרומענטן לויטן מוסטער פון גערטא בערגמאַנס פידל.

די פיפצניעריקע פידל־מאַכער וועמעס אנבליק ס'האט געקענט אנצינדן דאס האַרץ פון יעדן רעכט־געשאַפן מיידל, — זיי האָבן געמוזט אויספירלעך דערציילן נאָך וויפיל מי און מאַטער, נאָך וויפיל נישט־געלונגענע פרוון ס'איז זיי סוף־כל־סוף געלונגען די דאָזיקע זאַך בייצוקומען. נישט־איינמאָל פלעגט גערטא בערגמאַן, אן דעם וויסן פון די היילי קע מוטער פאַרבלאָנדזשען ביז צו אָט דער וואַרקשטאַט און ביים באַהערשן די דאָזיקע שיינע אויפגאַבע, זיי העלפן מיט ראַט און טאַט. מיט די פידלען, מיט דעם קוואַרטעט און קווינטעט, ס'הייסט, מיט אַ קליינעם אָרקעסטער וועמעס איינשטודירונג גערטא האָט אָנגעפירט, האָט עס געזאָלט, ביי דער ערשטער גרויסער געלעגנהייט, געמאַכט ווערן אַ יום־טובדיקע איבעראַשונג די הייליקע מוטערס.

— אזוי ווי מיר קאַנדידירן צו דער פייערונג פון דער „כלה־יום־טוב", האָב איך באַשלאָסן שוין אַרויסצוגעבן איינע פון אונדזערע געהיימנישן, — זאָגט פאַאָן: אָבער, וואָס טוט מען נישט צוליב אַזאַ הויכן כבוד ווי ס'דאַרף זיין דער אַנטייל אין דער דאָזיקער פייערונג, וואָס טוט מען נישט כדי זיך צו קענען באַווייזן ווי געהעריק איז!

איר דאַרפט וויסן אַז מיר האָבן אָנגעווענדט אונדזער גאַנצן כוח און אינטעליגענץ אויף דער מאַניפּולאַציע פונם האָלץ און איר נוצן. און נאָר אַ דאַנק דעם האָט עס אונדז געגליקט,

אויף אַזויפיל, אַז מיר זאָלן זיך קענען אַרונטערקריגן הונטער ויין אַל־סובסטעלסטן געהיימניש — זיין מוזיקאַלישער נשמה.

ווען די פרויען האָבן זיך געפונען אויפן פּלאַץ פאַר דעם קאַפּיטאָל, האָט זיך אינדערהייך, אויף די טרעפּ, געגרייט פּאַר זיי אַ ברוך־הבא. באַקראַנצטע יינגלעך און בחורים זענען דאָרט געשטאַנען אין רייען, און — פּלוצים האָט זיך אויסגע־דאַכט אַז אַלץ אַרום האָט אויפגעשטרומט פון הימלישע טענער.

הייליקע מוטער!
געבוירערינס פון הימלישן זון — ביהאַר לעל,
איר פון גאָט דערקענטע 1), דעם גאָט געבוירן!
געבוירערינס פון די הימלישע טעכטער
וואָס איר שפּרייזט
איבער די קעלכן פון די בלומען,
מיט פאַרבן שיטן זיי
דורך דער באַרירונג פון אייערע טריט.
געבענטט אייערע ליפּן דעם בוים,
וועט ער וואַקסן און בליען.
און באַלד וועט דאָס פאַלן פון די פּירות,
ווי דער פויקן־קלאַנג,
די ערד דערציטערן.
אייער קוש וועקט אויף דעם פעלז
און ברענגט אַרויס פון אים אַ קרישטאַלענעם מבול,
א הימל־מבול אייערע קינדער צו דערנערן
הימליש,
ווי ס'איז הימליש די מילך אייערע ברוסטן.

און ווי אזוי דער דאָזיקער הימן זאָל זיך נישט האָבן ווייטער געצויגן און, ווי געוועלנלעך ביי אויפנאַמען, שוין

---

1) דער „דערקענט" האָט דעם זעלבן זין פון „וידע אדם את חוה אשתו" (בראשית).

אַ ביסל צו לאַנג, פונדעסטוועגן האָבן דאָך די הייליקע מוטער געמוזט צופרידן זיין מיט דעם גייסט אין וועלכן ער איז געדיכטעט געוועזן.

די דאָזיקע געדענקנדיקע אינספּעקציע-רייזע פון דער מוטערלענדישע דעפּוטאַציע, האָט זיך געענדיקט מיט אַ פייערלעכע גאַסט-מאָלצייט אין קאַפּיטאָל, ביי וועלכן מ׳האָט ווידעראַמאָל געגעסן געבראָטן פלייט און, צום שטאַרקן פאַרדראָס פון דער דאָקטאָרין עגלי, פאַלמען-וויין א סך געטרונקען. אין א באַגריסונגס-רעדע וואָס פאַאָן האָט געהאַלטן, האָט ער געזאָגט:

— ס׳וועט קיינער אויפן מאנגלאנד נישט צווייפלען אז די פרוי דאָס איז אַ נפש פון אַ העכערן טיפּוס. מיטן אויסנאַם פון עטלעכע דריי-קעפּ, וועט קיינער נישט טראַכטן פון וועלן צעברעכן די דאָזיקע אַקסיאָמע. דער מענטש וויל תמיד עפּעס באוווּנדערן און פאַרערן, און, פאַר די יינגלעך ווי פאַר די בחורים פאַר די בחורים ווי די מענער איז נישט פאַראַן קיין מער וווּנדערלעכעס און פאַרערונג-ווירדיקעס ווי ס׳זענען די הייליקע מוטער און די הימל-טעכטער זייערע. די פרוי איז בכלל דאָס פולקאָמסטע וועזן פון אַלע בהואים. איז דען דער אומרו, דער דערקענטעניש-דראַנג, דער טרייב-כוח פון זוכן, דאָס אַנטדעקן און דערפינדן ביים מאַן עפּעס אַנדערש ווי די שטים פון דאָס פיינלעכע געפיל פון זיין נישט-גאַנצקייט. דאָס וואָס די פרוי שטייט, כמעט, אויף איין פונקט פון דער אַנטוויקלונג, דאָס וואס איר קול פארמאגט נאך דעם יינגלישן טאָן, בכלל דאָס וואס איר גאַנץ געשטאלט קען זיך נישט ארויפהייבן צו דער ספערע פון דער מענערלעכער רויקייט, גראָבקייט און ברוטאליטעט — דאָס אַלץ רעדט פאַר זיך. איר אמתע קראַפט ווערט פונדעסטוועגן נישט געמינערט. זי שטייגט אויך אריבער דעם מאן מיט איר מוט: וואָרום יעדע פרוי מוז, אין א מצב פון גרעסטן גליק, אויסהאַלטן ליידן וועלכע זענען דעם מאַן איביק געוואָרן, און דאָ איז דער פאסיווער מוט דאס העכסטע. דער שטיל-שטאַנד פון איר אַנטוויקלונג, ענלעך צו אַ הייליקער

קינהייט, ער האַלט דאס אויף די דעמאנישע געניאַליטעט פון דער ייגנט ביי דער פרוי, וועלכע וואקסט אזוי וויניק דערפאר ווייל די ברוטאליטעט פונם מאן נעמט איר צו גרינגשעצונג אויף, ער נעמט צו לייכט אויף איר נישט-באוועגלעכע ערגייץ-לאָזע בעניאַליטעט.

מען דארף דא נישט טראכטן אן די קריפל-פאָרמען פון דער ווייבלעכקייט אין פינסטערמאנלאנד — זאָגט פאאָן. פאאָן רופט אָן דער פרוי מלאך און דעם מאן קוואַסי 1) אין וועלכן ס'שטעקט דער טייוול.

בקיצור: ווען טיש אדער פארלאמענט-דרשות וואלטן קענען וירקן, וואָלט דאָס דאָקטרינערע אייז וואס איז געליגן ארום דעם הארץ פון דער פילאמעלא שוואב-פארטיי, אויף זיכער צעשמאָלצן געווארן.

— אונדזערע אויגן — רעדט ווייטער דער ברייט-פליי-קער און לאנג-לאָקיגער רעדנער: אונדזערע אויגן, די אויגן פון מאנלאנד העגגען מיט גלויביקער אמונה, גלויביקע ליבע, מיט גלויביקע פארערונג איבער דעם געטער-טעמפל, אויף אלע געטער-טעמפלען און זייער מיסטעריום. מיר געדענקען, מיט שטאָלץ און יראת-הכבוד געדענקען מיר אן דעם וואונדער פון איל-דע-דאַם וואס איז טיילוויז דער אופן פון אונדזער עק-זיסטענץ און טיילוויז דער עקזיסטענץ אליין, כאטש מיר האבן נישט און קענען נישט האָבן די דערקענטעניש פון דער גאָט-הייט, ווי די הייליקע מוטער. פונדעסטוועגן רופן מיר דער גאָטהייט „פאָטער" און זאָגן צו דער באָנאַ-דעאַ „מוטער".

לאָזט איר אונדז, געערטע מוטער, נישט צו צו דער פייערונג פון דער „כלה-יום-טוב", וועלן מיר זיך מאכן אן אנדערן יום-טוב: נעמלעך, דער חג פון ביהאַר-לעלס געבוירנס-טאָג. מיר וועלן עס אָפּלייגן ביזן קומען פון דער ווינטער-זון, ס'הייסט: דעם איינאונצוואנציקסטן דעצעמבער, וועלכער לאָזט

1) א ביטער האַלץ.

זיך דא סיי־ווי זער ווייניק פילן. מיר וועלן עס טון דערפאר ווייל דאָס מזל פון איל־דע־דאַם און דער טאָג פון ביהאַר לעלס געבוירן דערגרייכט זיין העכסטער הייך, זיין ליכט, זיין גלאַנץ, צוליב איר קליינלעכקייט און פינסטערקייט.

דאָס אָבער וואָס ס׳איז איצט געשען איז געווען דאָס גרעסטע פון אַלע איבעראַשונגען וועלכע די מוטער האָבן ביז איצט איבערגעלעבט אויפן מאָנלאַנד. צו זייער אויער האָט דערגרייכט אַ מאָדנער רויש, אַ וווּנדערלעך וויברירן וואָס האָט געטענט אין אַ צאַרטער האַרמאָניע. אַזעלכע ענלעכע קלאַנגען האָט די פרעזידענטין מיט ראדבערטע און די אַנדערע שוין לאַנג נישט געהערט, אַזוי, אַז אין אָנהייב האָבן זיי זיך נישט געקענט כאַפּן וואָס דאָס איז אַזעלכעס. ס׳איז אַריבער אַ שפּאָרע ווײַלע ביז יעדע איינע פון די פרויען איז קלאָר געוואָרן דער צווייפל צי בלויז זי אַליין קען נאָר פעיק זיין אויפצונעמען די דאָזיקע לופטיקע ציטער־קלאַנגען, צי דאָס שטאַמט פון אַ געוויס אָרט און אַלע הערן עס. זער פאַמעלעך האָט זיך געלאָזט העחן דער דאָזיקער מוזיצירנדיקער וויטער אַריאַל, און, באַלד האָט זיך אויף פּאַאָנס א ווונק צעטיילט אַ פּאָרהאַנג — איז שוין איצט נישט געווען קיין שום ספק אז דאָס שפּילן עפּעבן אַ קוואַרטעט: צוויי פידלען, אַן אַלט־וויאָלין און אַ וויאָלאָנטשעל. די דאָזיקע יינגע קינסטלער האָבן דערהויבן זייערע היידן צו אַ געטלעכער זיסקייט, צו אַ פרישקייט און הייטערקייט, און פילנדיקע נשמות האָבן דערשפּירק אַז נישט־רעכענענדיק דער באַנא־דעא און מוקאלינדאַ, האָבן זיי נאָך קיינמאָל אַזוי נאָנט נישט דערפילט דאָס אמתע געטלעכע, ווי דאָסמאָל אַ דאַנק דער הימלישער האַרמאָניע און איר ריטם.

אין דעם מאָמענט איז די שוואַב־עגלי פּארטיי זער קליין געוואָרן. דאָס „קניפּל" וואָלט זיכער אַרויסגעצויגן געוואָרן צום גונסטן דעם מאנלאנד, ווען נישט, ווי ס׳געשעט אָפט, דער צופאַל וואָס איז געקומען ביים סוף און האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די שלעכטע שטימונג ביי דער קאָמיסיע. א יינגער מאַן וועלכן מען האָט גערופן ביאַנאר איז, אַ דאַנק פּאַאָנס

באַפֿעל, מיט דער הילף פֿון די ליכט-ברענגער, אַרויסגעוואָרפֿן געוואָרן פֿון צווישן די וועלכע האָבן אויפגענומען די הייליקע מוטער. מען האָט אים געקענט פֿאַר אַן אומגליקלעכן און אַנ-פֿאַלערישן גייסט וועלכער האָט, פֿון דער קינדהייט אָן אויפ-געהאָדעוועט אין זיך אַ פֿאַרביטערונג אַנטקייגן דעם מוטער-לאַנד.

אין אַ געוויסער זייט איז עס געווען זער אויפפֿאַלנדיק און, נאָר צוליב דער שמעקנדיקער זיסקייט פֿון דאָס דאָ-זיין אויפן איל-דע-דאַם, האָט זיך עס געלאָזט דערקלערן פֿאַרוואָס די דאָזיקע פֿאַרביטערונג האָט זיך נאָך נישט געלאָזט ביי אַלע פילן. אין דעם האָט פּאַאָן געהאַט דעם גרעסטן פֿאַרדינסט, כאָטש אים האָט צוגעהאָלפֿן דער קלימאַט און די גליקלעכע דאָ-זיין-באַדינגונגען. דעם ביאַנאַרן אָבער, וועלכער האָט אין זיין פרויען-האַס דערגרייכט ביז פרויען-פֿאַראַכטונג, האָט מען נישט געקענט אָפּנייגן פֿון דעם. ער האָט צו גענוי געדענקט געוויסע געשעענישן וועלכע זענען נאָך פֿאָרגעקומען אין זיין פריערסטער ייגנט, ווען ער איז נאָך געווען אונטערן שוץ פֿון דער מוטער און האָט אַכט געגומען געוויסע ווערטער אין וועל-כע די מוטער פֿלעגן דאַמאָלס גלייבן, ווערטער וועלכע זענען זער-זער ווייניק פֿאַרשטענדיק געווען פֿאַר אים און האָבן זיך זער פֿיינלעך איינגעבאַקן אין זיין אינערן. פֿון דעם זענען אַרויסגעקומען אומהיילבאַרע ווונדן.

נו, איז אָט דער ביאַנאַר דער אויסגעשלאָסענער פֿון די אַנטייל-נעמער, דער וואָס האָט אין זיינער צייט, ווען ער איז אָפּגעפירט געוואָרן אויפן ווילדערמאַנלאַנד, געשפּיגן אַרום זיך — פֿלוצים אַריינגעקומען אויפן פֿעסט-זאַל און האָט, צום אומגליק, גראַד אַנגעטראָפֿן אויף אַ רעדע וואָס די מוטער ראַדבערטע האָט געהאַלטן און גענומען איר שטערן מיט איראָנישע צווישן-רופֿן. די פֿאַרזאַמלטע יינגלעך און בחורים אין אפֿילו פּאַאָן האָט נישט פּרובירט זיך אַנטקייגן-שטעלן דעם דאָזיקן בונט, ווייל זיי האָבן, צוליב ביאַנאַרס אויסרופֿן, נישט געוואָלט אָוועקשטעלן פֿאַר די הייליקע מוטער קיין סצענע פֿון רויקייט

און געוואלט. רויקייט און געוואלט, האָבן זיי געוווסט, איז זער פארווערט. ראדבערטע אָבער מיט די איבריקע מוטער האָבן באמערקט, ווי ס'באמערקט א שטייגער אַ דענטיסט ווען ער באַרירט דעם נערוו פון א צאָן, אז דאָ איז איצט אָנגערירט געוואָרן דער נערוו פון מאנלאנד. און אלע האָבן ביי א זאמען מסכּים געווען אז: אָדער דער נערוו איז געטויט געוואָרן, אָדער ער האָט דאָ עפּעס געליטן פון זיין עמפּינדלעך לעבן. אודאי האָבן די מוטער ביז אהער צו באַקוועם געדענקט, צו לייכט, און, דערפאר איז זיי שווער געווען בכלל דאָס פארשטיין דעם מאנלאנד-נערוו האבן זיי דערפאר אוועקגעקוקט. די שרעק איז אבער געווען גענוג גרויס ווען מען האט בלויז געטראכט פון דער עקזיסטענץ פונם נערוו און די סכּנה וואס שטייט פון זיין זייט.

ס'איז נאך קיינמאָל נישט געשליידערט געווארן די מוטער אַזא באשולדיקונג ווי ביאנארס, ווי ער וואלט אין זיי אריינגעשטאכן א בלאנקענדיקן סואַדאַ, און נאכדעם איז טאקע אומעגלעך געווען אז ראדבערטע זאל ווייטער קענען רעדן. ער האָט פּרובירט מיט פארווורפן באווייזן די מוטער זאגנדיק דאס זיי פּאסט נישט דער הייליקער נאמען מוטער, וועלכן זיי האָבן צוליב דאָס פארהאלטן זיך צו זייערע מענערלעכע קינדער, נישט געווינען. ער איז זיך מודה, ער איז יעדער נאכט געקומען אין זייערע באזעצונגען. ער האָט זיך אונטערגעהערט געוויסע שמועסן וועלכע ס'האָבן געפירט די מוטער עגלי און די מוטער שוואב מיט זייערע זויבערע העלפערס-העלפעריגס. מען האָט געפלאנט זאכן קייגן מאנלאנד וועלכע ער שעמט זיך עפנטלעך איבערצודערציילן.

— אייער מוטערלאנד, — זאגט ער: איז דאָס נידערטרעכטיקסטע, דאָס קאלטסטע גרויזאמקייט. זאגט מיר אז ניין, מוטער עגלי, זאָגט מיר אז ניין, מוטער שוואב; זאגט צי אין אייערע אויגן זענען נישט פאראן צווישן די ניין הונדערט מענער מינדעסטן, ווייניקסטנס א אכט הונדערט מיט ניינציק איבריק. דאס גאנצע מאנלאנד איז איין איבריק. איר וואלט

אונדז אלע זער גערן אומגעבראכט נאר — איר ווייסט נאָר ווי אזוי מען מאכט דאס. איז אייך גאָרנישט מתרה די בינען־מלוכה מיט דעם וואס די מענערלעכע בינען הרגענען אוועק דער קעניגין זייערע נאכדעם ווי ס׳האט זיך געענדיקט דער חתונה־פלוג ? — איר האט אונדז אויסגעלאשן פון אייער גייסט, פון אייער הארץ. איר האט אונדז שוין דאמאלס פאַרוואונטשן ווען מיר האבן נאך ארומגעטאנצט אונטער אייער הארץ. דארפן מיר אייך דאנקבאר־זיין אפשר ? מיר לעבן און ארבעטן. מיר גייען ארום מיט פלענער אין. אייך האט זיך קיינמאל נישט פארוואלט עפעס וויסן פון אונדז. אָבער מיר ווען אייך פאר אייער נישט־וועלן אָפּצאָלן. ווארום וואָס זענט איר אַנטקייגן דעם מאַן, איר מיט אייער ביסל גייסט, מיט אייער ביסל כוח, מיט אַייער פאַמיליע נעסט און אייער בראָט־פיש־פּראָדוקציע ?

דער סקאַנדאַל איז געווען אַ שטאַרקער, מען האָט אים שוין נישט געקענט מיט גארנישט בעסער מאַכן. הענדום־פענדום האָבן זיך די מוטער אַ כאַפּ־אויף־געטון, אוןביים אָפּרייטן האָט די דאָקטאָרין עגלי געזאָגט צו דער שוואַבן :

— איין האַנט־באַוועגונג צו דער רעכטערצייט און דאָס אַלץ וואָלט שוין נישט געשען !

די פייערונג פון דער „כלה יום־טוב״ האָט זיך פאַרשלעפּט אויף אַ גאַנץ יאָר, צוליב דעם וואָס מען האָט נישט געקענט אַדורכקומען מיט דער פראַגע : צי זאָל דער מאנלאנד יאָ אנטייל נעמען, אָדער נישט. ס׳זענען אויך געווען אַנדערע סיבות. ענדלעך האָט די עגלי־פּאַרטיי (מיט דעם נאָמען האָט איר פילאמעלא שוואַב געקריינט.) אַדורכגעפירט דעם ערשטן פייערונג־פּראָגראַם. אַזוי אַ נאָך איז אויסגעקומען אַז מיט אנטייל נעמען האָבן נאָר געקענט פאַאָן, ביהעאַר לעל און די צוועלף געטלעכע ליכט־ברענגער, ווייל אָן זייער הילף וואלט די לעבנס־עקאָנאָמיע פון דער מוטער־שטאָט אומעגלעך געווען.

די פּייערלעכקייטן אינם טעמפּל־באַצירק זענען געפּלאַנט געוואָרן ווי צו אַ מין מיסטישע חתונה. דריי הונדערט יינגע כּלה־מיידלעך האָבן געזאָלט אָנגעקומען באַגלייט פון די מוטער לינדאס טעמפּל. זיי זענען אָנגעקומען באַגלייט פון די מוטער און פון די יינגערע שוועסטער זייערע, ביז די יינגסטע וועלכע זענען אַלט געווען אַכט יאָר. ס'האָט אויסגעזען ווי דאָ וואָלט געפּלאַמט אַ כוואַליע פון חן, אַ כוואַליע פון יוגנט, אַ כוואַליע פון אמתער הימלישער שיינקייט. לאָורענצע וואָס איז געווען אַרומגערינגלט פון דער בכבודיקער מוטער פּרעזידענטין, דער ערנווירדיקער מוטער ראַדבערטע, לאָלא שמידט און אַנדערע — זי איז טיף גערירט געוואָרן פון דעם.

הונדערט בלומען־באַקראַנצטע ווענעלעך וואָס זייערע רעדער זענען געווען אויס איין שטיק, קלאַסיש־פּרימיטיוו, זענען געשלעפּט געוואָרן טייל פון צעבו־רינדער, טייל פון עמוס, אַזעלכע שטרויסן־אַרטיקע פייגל, און, אַ טייל פון מיידלעך אונטער צען יאָר. זיי האָבן זיך באַוועגט, יעדער איינער, אַדורכטראָגנדיק אַ הימל־דערשייַנונג איבערן וועג פון טעמפּל־באַצירק. דער באַלייט איז געווען פון אַ טויזנט פּאַלמען־פּלאַ־טערדיקע מיידלעך: זיי האָבן געזונגען אַ ליד וואָס פלעגט אין דער באַבאַ־דעא געזונגען ווערן, און, דאָ איז עס געווען פאַר־טיילט אין גרופּן, שורות־ווייז, און געזינגען געוואָרן אויף אַ ליטורגישן אופן, אַהין און צוריק.

ס'וואָלט קיינער אין די דאָזיקע פּרויען נישט דערקענט די געראַטעוועטע פון דער שיף־קאַטאַסטראָפע. מען האט נאָר געקענט באַמערקן אַז דער וווּקס פון די יאָרן איז געווען דער וווּקס פון שיינקייט און ווייבלעכן חן. ס'איז נישט געווען קיין שום נפקא־מינא וועגן פון די אַמאָליקע שיף־בראָך־געליטענע ס'שטייט אויפן ערשטן וואָגן. ראשית האָט קיינער פון זיי נישט געהאַט דעם אַלטן פריערדיקן נאָמען און, ווי ס'איז שוין געזאָגט געוואָרן, איז פון זיי געוואָרן גאָר אַנדערע מענטשן. ווער קען עס זיין די דאָזיקע בלאָנדע מיט דעם דיקן און זאַמן לייב, די דאָזיקע זיסע זונין־טראָגנדיקע הייליקע מוטער

וועמעס רויטער קאָפּ האָר ס'ליגט ארום איר, ווי אַ מאַנטל ביז צום קנאַפּל, די וואָס דרוקט־צו איר זויג־קינד צו דער ברוסט? אזא פרייע, היידניש־רייכע מאַדאָנע האָט זיכער באדארפט אראפּגענומען ווערן פון ווענט וועלכן ס'איז מאלער. — אויפן צווייטן וואגן איז געזיצן אָן א פּראָדיטע. און, אזוי כסדר, אָט די צניעותדיקע באקעטקייט פון די אלע נישט־באגרייפלעכע נאנעס, איז נענטער־צו נאָך פולקאמער געווארן.

נאָכדעם ווי די אלע היציקע לעבנס, די דאָזיקע אַלע גרויס־ארטיטע מענטשן־בלומען, וועלכע די השגחה־פּרטית פון זייער גלות און עלנטקייט האָט פארבונדן מיטן כאראקטער פון די שיינע אלטע אייראָפּעישע ראסן, — נאָכדעם ווי זיי זענען אָנגעקומען אין דער אינערלעכקייט פונם טעמפּל־באצירק, האט מען זיי געגעבן די ברירה פון פרייקייט, כדי צו קענען טומלען א ביסל, און דעם גוזמאדיקסטן באגריף וואלט מען געקענט האבן פון דער דאָזיקער שמחה, הייטערקייט און מוטוויליקייט פון אָט די שיינהייטן וועלכע האָבן זיך טאקע באלד צעשאטן אויף אלע שטעגן און וועגן.

די לופט דא אויבן האט פארמאגט אין זיך יענע נישט־דערציילנדיקע דערפרישנדיקע זיסקייט און גן־עדנדיקע לעבעדיקייט, וועלכע מען קען אין אייראפּע געניסן נאָר אין אמאַלפי, אין חודש אפּריל, ווו מען קען גאנץ אפט מורא האבן דאס מען זאל זיך נישט פארלירן אין דער בשמימדיקסטער עקזיסטענץ.

אָט די אלע באקכאנטנס פון וועמעס אויגן ס'האט ארויסגעשטראלט א וועלט מיט לעבנס־פרייד, די דאזיקע אלע, צי זיי זענען געוועזן ברוין אדער בלאָ, שווארץ אדער גרא, צי זייערע האָר זענען געוועזן רויטלעכע, גאלדיקע, שאפראן־פארביקע אדער בלא־שווארצע, — האָבן, ווי מאָדנע ס'זאָל נישט זיין, געהאט איין קרובישע ענלעכקייט. און דער וואָס וואָלט זיי געזען, וואלט זיכער נישט געספקט אין זייער געטלעכער אפּשטאמונג.

אין זייערע באוועגונגען איז געלעגן א נאטירלעכע זיכערקייט און כוח, קיין שום קונצנמאכעריי, נישט קוקנדיק וואס

די אײדעלע לאָרענצע האָט שױן פּרובירט אױפצולעבן די גריכישע טענץ און דער דערפאַלג פון איר אנשטרענגונג איז בעגאַנגען פאַרױס. אױס דער קונסט איז אַרױסגעװאַקסן אַ צװײטע, אַ העכערע נאַטירלעכקײט.

צום אַרומיאָגן זיך פון די דאָזיקע שײנע קינדער אױף די קיס־װעגן און גראַז־פּלעצער האָט פּאַאָן, נישט געזען פון קײנעם, זיך צוגעקוקט, װי ער האָט געקענט, מיט אַ טיף־גע־רירט געמיט.

— װי האָפענונגסלאָז, — טראַכט ער: מיר זענען דאָך אַרײַנגעװאַקסן אין אַט דעם העכסט נישט־שכלדיקן, שענסטן און טײַערסטן װוּנדער. מיר זען װירקונגען, מיר זען פּועל־יוצאס װעלכע זענען, אין זײַער פאַרשיכורטער פאָרמען־פולקײט און לעבנס־גאַנצקײט, אַרױסגעקומען פון אונדז און — אונדז טאָר גאָרנישט אײַנפאַלן אַז מיר זענען זײַערע שעפער. אפשר זענען מיר נױטיק, און, בלײַבן דאָך אַ קלײן נישט־אַנגעזען אָבער װאָס האָט זער װײניק שײכות צו דעם געשאַפענעם רײַכטום און אײביק געטלעכן עצם־מהות זײַנעם. װער, אױב נישט קײן גאָט, װאָלט זיך דאָס געקענט פאַרמעסטן צו באַ־שאַפן אַט דעם גן־עדן מיט אַלע זײַנע פאַרכישופטע דורך ליבע־רײַך פאַרפירערישע הוריס 1) מיט די פון שײנקײט כמעט צעװײטאָג־טע אױגן און צעבלוטיקטע נשמות.

— צי האָב איך בכלל נעכטן געלעבט? און װען איך בין נישט קײן גאָט, מיט װעלכן קען איך זיכער־זײַן דאָס די אָדער יענע קלײנע געשעעניש, די אָדער יענע באַרױשונג אָדער הנאה װעלכע איז פאַרגאַנגען אָן אַ שפּור, — אַז איך האָב איר װירקלעך געהאַט און אַז זי איז נישט אױסגעחלומט געװאָרן פון מיר? —

1) זער־צניעותדיקע מײדלעך װאָס געפינען זיך אין מאַכמעדס גן־עדן. אין קאָראַן װערן זײ געשילדערטפאַר בלענד־װײַסע װעלכע, זענען רײנע אָן אַ פּגם; זײ גײען אַרום מיט פאַרשמאַכטע בליקן, בליקן װאָס געהערן בלױז צו זײַער אײנציקן געליבטן.

אַלץ אבער דאַ לאַכט, ווייזט שגעון-שטיק, זינגט און שפּרינגט אַרום מיר, בלענדט מיך מיט איר כמעט משוגע-מאַכנדיקער עקזיסטענץ-קראַפט — אָדער, דאָס איז אויך נישט מער ווי א פאַנטאַסמאַגאָריע? ווי אַזוי זאָל איך פאַרשטיין די דאָזיקע ביידע אמתן? זיי האָבן דאָך פּאָרט עפּעס בשותּפותדיקס, דער-מיט וואָס ביידע זענען זיי פאַרגענגלעך. און ווי אַ ביטערער שאָד איז דאָס — ענדיקט פאַאַן זיינע רעיונות: וואָס נישט פון אַלע וואָס הונגערן און דורשטן נאָך שיינקייט, ווערט די דאָזי-קע שפּיל, צי זי איז ווירקלעכקייט אָדער חלום, געזען —

ארום עלווע פאַרמיטאָג איז די פּראָצעסיע וואָס איז אָנ-געפירט געוואָרן פון לוקמיני, אָנגעקומען צו דער הייל פון דער באַנא-דעאַ, און מען מוז זאָגן: דעת ווונדערלעכער קאָמעטן-עק האָט איצט געלאָזט אויפשיינען דעם עיקר און דעם קערן פון אַלע הימל-קערפּער, אין זיין שענסטן ליכט. רוקמיני, איז פאַר אַלע מוטער קלאָר געוואָרן, קען קיין מענטשלעכע מוטער נישט האָבן, שוין אָפּגערעדט פון אַ מענטשלעכן פאָטער.

די צערעמאָניע אין דער הייל האָט זיך געענדיקט און דער צוג טאַנצנדיקע, זינגענדיקע מיט גלעקלעך קלינגענדיקע, וועלכער איז גאַנץ ענלעך געווען צו אַ געוועגלעכן באַקכאַנטן-צוג, ער האָט זיך גענומען ציען צום טעמפּל. ס'האָט אויסגעזען ווי איבער אים וואָלט אויפגעקאָכט אַ פלאַמיקער ים פון פרויען-האָר.

אין דער פאָר-האַלע, אינם פּריטאַנעאָן פונם מוקאַלינדאַ-טעמפּל, וועלכער איז באַצירט געווען מיט דאַגאָמאַר-דיאַדאַטאַס מייסטער-ווערק וואָס איז געהאָנגען איבערן געשלאָסענעם קדשי-קדשים. — אין אָט דעם פּריטאַנעאָן זענען געשטאַנען, בראש פון ביהאַר לעל, די געטלעכע ליכט-ברענגער פונקט אַנט-קעגן דער העכסט-אייגענער פּערזאָן פון דעם גליקלעך-דער-וואַרטנדיק פאָלק כּלה-מיידלעך. פאַר די הייליקע מוטער איז דאָס געווען אַ כמעט נישט-איבערהאַלטנדיקער גרויסער מאָמענט. איצט האָט מען געמוזט מודה-זיין אַז אַזוי ווי רוקמיני די

מיידלעך, אזוי האָט אויך ביהאַר לעל ווייט איבערגעשטיגן מיט זיין שיינקייט די צוועלף ליכט־ברענגער.

ס'איז אָנגעקומען אַ שטילער דערוואַרטונגס־פולער מאָמענט, וועלכער איז נאָר געשטערט געוואָרן דורך דעם, לויט די כּוחות נאָך, פאַרשטיקט שלאָכצן פון די הייליקע מוטער און דורך דאָס קנאַקן פונם אייביקן פייער אויפן אַלטאַר.

נישט בלויז די פּרעזידענטין אַליין האָט זיך לעבהאַפט אינטערעסירט מיט דעם קרייץ־פייער פון בליקן וואָס האָט, ווי מען האָט גערעכנט, באַלד געזאָלט אָנהייבן צווישן די כּלות און די ליכט־ברענגער. מען איז אָבער זער פאַרהידושט געבליבן ווען די יינגלעך זענען געשטאַנען צוריקגעהאַלטן. מ'האָט געקענט מיינען און אזוי האָט טאַקע די פּרעזידענטין געטראַכט: אונטער דער דאָזיקער געשיכטע שטעקט וועמעס קלוגע האַנט.

די פּרעזידענטין מיט נאָך עטלעכע בכבודיקע פרויען זענען געזעסן טראַנענדיק אויף אַ הויכע עסטראַדע. פליסטערנדיק האָט די פּרעזידענטין געזאָגט צו ראַדבערטען:

— אַ גאַנצן דרייער וואָלט עס ווערט געווען ווען עמעץ וועט מיר אַ וויַיז טון ווי איינער פון די פייערדיקע יינגען וועט באַווייליקן אַ קוק צו טון אויף דעם פריינטלעכן אַ קייגן־איבער זיינעם.

ס'איז אַריינגעקומען לאורענצע אינם פּריסטערלעכן לבוש און, ס'איז אויף אַ ווײַלע געשטערט געוואָרן דאָס צו־האָרכן זיך צו דער הייליקער שטילקייט.

פאַרשטייט זיך, אַז ס'קען קיין רייד נישט זיין פון דעם אַז די צערעמאָניע אינם מוקאַלינדא־טעמפּל איז דורכויס האַרמאָניש אַדורך, ווייל די אָרטאָדאָקסישע פּאַרטיי האָט, קייגן אַלעמענס שטימען, אויסגעפירט אַז נאָך לאורענצע זאָל אַלס צווייטע רעדנערין באַקומען דאָס וואָרט פּילאַמעלא שוואַב.

די דרשה פון דער איידעלער לאורענצע איז געווען אַ מאָדנע און האָט אין קורצן גענומען, געהאַט דעם דאָזיקן געדאַנקען־גאַנג:

אין אָנהייב פון אַלע זאַכן זענען געשטאַנען צוויי כוחות. ועגן איין כוח קען קיין רייד נישט זיין, ווייל כדי די איינע קראַפט זאָל זיך קענען אַרויסווייזן, מוז זי האָבן א צווייטע צו הילף. גאָט אַליין איז בלויז איין כוח און ער קען דערפאַר נישט זיין אַלמעכטיק. ער איז אָבער דער באַזיגער פון דער אַנדערער קראַפט. און אַזוי אַ נאָך איז ער דער אַל-קינסטלער, דער אַל-באַצווינגער. צו די באצווינגענע כוחות געהערט אויך דאָס פייער. זי איז אבער באַצווונגען אזוי לאַנג, ווי לאַנג עס רוט אויף איר די האַנט פון איר אונטערדריקער, און בלויז איין טייל פונם פייער איז באַצווינגען. דאָס פייער איז אינער־לעך פון יעדער זאך, און, דאָך געפינט זי זיך אויך אויסער־לעך. אונדזער וועלט, און מיר אַליין שטייען אויף דער העכסטער מדריגה פון סכנה, צווישן דער דאָזיקער אינערלעכקייט און אויסערלעכקייט. גאָט אָבער, דער באַצווינגער האָט איינגע־שמידט דער דאָזיקער אלמאַכט אין דער קייט פון דער מאַ־טעריע, און דאס איז דער אמתער זין פון דער פּראָמעטעוס־לעגענדע. די אָלימפּישע געטער וואלטן זיך נישט געכעסט ווען ער וואלט, ברענגענדיק דאָס ביסל פייער די מענטשן, זיי אויך מיטגעבראַכט די קונסט ווי אַזוי צו באַהערשן, ווי אַזוי צו באַצווינגען דאָס פייער. ניין, פּראָמעטעוס אליין איז געווען דאס פייער פאר וועמען די געטער צוזאַמען מיט העליאָסן 1) האָבן געציטערט. — דער געדאַנק וועגן דער עקזיסטענץ פון דער פייערוועלט איז אן אומבאַגרייפלעך גרויסער און א מורא־דיקער. דאָס פייער קען אלץ זיין. זי קען אלץ ארויסקריגן פון זיך און אלץ אריינעמען אין זיך, גשמהדיקע זאַכן, גרויסע זאכן, קליינע זאַכן, אַלץ.

און פונקט ווי דער גלח לייענט ארויס פסוקים פון דער ביבל, אַזוי האָט לאורענצע אַרויסגעלייענט פון א בוך:

---

1) העליאס, דער זון־גאט, ווערט אויך אין די אלטע גריכישע דיכטונגען גערופן: היפעריאן.

מיט דער הילף פון פייער קענען מיר אַרויפֿלייגן אונדזער האַנט אויף די שטאַרקסטע זאַכן, צעטיילן זיי, פּאָליווירן, שמעלצן, לייטערן זיי, פאַרפּייַנערן כּסדר און די בישט-זעבאַרע מאלעקולן אָדער אימפּאָנדעראַביליען אירע צו וואָלקן-מאַכן, צו נעפּל, צו גאַז: פון דעם פּילנדיקן, צום הערנדיקן, פון הערנדיקן צום זעענדיקן, פון זעענדיקן, צום שפּירנדיקן, פון שפּירנדיקן צום גאָרנישט, צום אמתן גאָרנישט און, אפשר ביים סוף, צום בלאָען הימל. — דאָס זענען די מעכטיקע פּעולות פונם פייער, פונם שמעלץ-טיגל אין וועלכן מיר קענען אַרייַנוואַרפן אַלע וועלטן, און, ס׳קען מעגלעך זיין אַז זי וועט אין אירע לעצטע עוואָלוציע נאָך אַלץ רויכערן, ברענען.

און לאָורענצע ווייזט אָן אויף די אַלטאַר-פלאַמען. זי פאַרגלייכט זייער היץ צו א פלאַנצונג און די פלאַמען צו א לאַכעדיק בליעכץ.

— אבער, — זאָגט זי: ס׳איז קיין שום לשון נישט בכוח צו געבן כאָטש א קליינעם באַגריף וועגן דאָס מיסטעריום פון דעם פלאַם. קוקט אָן, הימלישע קינדער, הימלישע טעכטער, די דאָזיקע פלאַמען. פאַרוואָס זאָל איך נישט זאָגן אַז מען דאַרף אייך, אין דעם וועלט-אַרומנעמענדיקן פינסטערמאַנלאַנד, אָנרופן גאַנץ-אומבאַפלעקט: קינדער פון דער ערד, טעכטער פון דער ערד. ווארום אין אמתן איז דאָך די ערד און דער הימל איינס, איין גרויסער מיסטעריום, אין, נאָר איינצעלנע משוגעים קענען האָבן דעם טעות צו מיינען אַז זיין ערדישע העלפט איז ווייניקער ווערט, איז ווינציקער מיסטעריעז. דער דאָזיקער פלאַם, אַט דאָס הייליקע פייער וואָס געפינט זיך אויסערלעך פון אייך, געפינט זיך איצט אויך אין אייך גופא, אַזוי אויך זיין פלאַם ווי זיין ליכט און איר גייט אַנטקעגן זיינע הערלעכע עמאַנאַציעס ווו דער עיקר פון דאָס זיין, דער זין פון דאָס זיין, דאָס חושימדיקייט פון דאָס זיין, דאָס חושימדיקייט פון דעם זין גייט אויף פאַר אייך ווי א גליענדיק, שטראַלנדיק בליעכץ.

אַט אויף אַזאַ מין אופן האָט זי ווייטער גערעדט ביז, ס׳איז אויף די רעדנער-בימה אַרויף פּילאַמעלאַ שוואַב.

עס איז שווער צו זאָגן, צי די מיידלעך, אָדער כאָטש איינער צווישן זיי האָט פאַרשטאַנען די אויספירלעכע כוונה פון די איבער-פריסטערין. אויסערלעך האָט מען עס גאָרנישט דערקענט אויף זיי.

זיי האָבן זיך אָבער גאַנץ הייטער גענומען צו הערן ווען די הייליקע מוטער פילאמעלא שוואב האָט אָנגעהויבן מיט גאָר אַן אַנדער טאָן, און דאָס האָט ווידעראַמאָל באוויזן אַז די פּאָליטיק וואָס ווערט געפירט אין קירכע, שלעפּט מיט זיך מיט אַן עקלהאַפטיקע דיסהאַרמאָניע און פאַרשפּרייט אַרום זיך מיאוסע ריחות.

פילאמעלא שוואַב האָט אין איר דרשה מאַנעווירט, ביז צום ווידעראַמאָל מיד ווערן, אויף דער טעמע מאנלאנד און זיין אויסגעשלאָסנקייט פונם היינטיקן יום-טוב. און ס׳איז אומעגלעך געווען פון דער דאָזיקער כמעט, ביז צום טויט דערשלאָגענער טעמע, אַראָפּצוררייסן א ניי זייטל. די רעדנערין האָט זיך נישט געלאָזט אָפּשרעקן. דאָס וואָס מען האָט געזען אינם מאנלאנד — זאָגט זי: דאָס איז נישט מער ווי הייף-קונצן, און ווי ס׳זאָל נישט זיין, האָבן זיי זיך נישט דערהויבן צו דער מדריגה פונם געטלעכן אינזל-דאזיין, נאָר געשפּרינגען איבער די גרע-נעצן. אוודאי וועלן מיר אויף דעם דאָזיקן געביט לאָזן דעם מאנלאנד פרייע הענט, ווייל דאָס מוטערלאנד קען האבן נוצן פון דעם וואס א ווי-ווייט-מעגלעך גרויסע צאָל מענער ווען, אַ דאַנק זיין חוצפּהדיקן כוח, אַוועק אין דער וועלט, ערגעץ אַנדערש-ווו אויסזוכן זיך זיין גליק. אַז עס זענען פאַראַן גע-פערלעכע עלעמענטן צווישן זיי וואָס שרעקן זיך נישט אָפּ אין וואס פאר אַ לאַגע ס׳זאָל נישט זיין, צו מאַכן אַן איבערקערע-ניש — אין דעם האָט דאָך אליין מודה-געווען דער פירער און באַשיצער פונם מאנלאנד. דער מאן איז נישט קיין מלוכה-אויפהאלטנדיקער עלעמענט, נאר אַ מלוכה-צעשטערנדיקער. פאר דער הערשאַפט פון דער פרוי, פאַר דער הערשאַפט פון דער מוטער, בקיצור: פאַר דעם מוטערלאנד טראגט נאך די שכנה-

שאַפט תמיד א שוערע סכנה. מיר וועלן אבער וויסן ווי ארום צו באַגעגענען איר.

— איר! — דערמיט ווענדט זי זיך צו די צוועלף ליכט-ברענגער, און מיט אַ געוואלטיקער קראַפט באַטאָנט זי יעדעס ווארט: איר זענט אויסדערוויילט געוואָרן צו א גרויסן חסד וועלכן, ווי עס האָפן די הייליקע מוטער, איר וועט וויסן ווי צו אַכטן. נישט געקוקט אויף דעם וואָס איר זענט אונדז גאַנץ פרעמדע, נישט געקוקט אויף דעם וואס איר זענט גאַנץ אַנדערע געפאָרמטע וועזנס, פונדעסטוועגן האָבן מיר אייך מיט חסד אַרויס-געהויבן פון אייער נידריקן מצב צו אַ הויכע מדריגה. מיר האָבן אייך אויף אַזויפיל אַרויסגעהויבן, אויף וויפיל עס איז בכלל מעגלעך געווען. איר דאַרפט אָבער פאַרשטיין, אַלץ איז נאָר מעגלעך ביז צו אַ געוויסן גראַד. און ווי געזאָגט, טאָרט איר קיינמאָל נישט פאַרגעסן אַז דאָס איז נאָר מעגלעך געווען דורך אונדז מוטער. איר דאַרפט דאָך וויסן אַז בסך-הכל גע-הערט איר אַרום און אַרום איינגאַנצן צו אונדז, פונם קאָפ ביז צו די פיס, מיט די הויט און האָר, מיט די אויסערלעכע אברים צוזאַמען מיט אייער פינף חושים, אַזוי אויך אייער אינערלעכע טיילן: דאָס האַרץ, די לונגען, די נירן, מילץ, לעבער, די גאַל-בלאָז, די דיקע קישקעס און די דינע, דער חוט-השדרה און דער גאַנצער נערוון-סיסטעם, דער גראָער און ווייסער געהירן-סובסטאַנץ, די קליינע געהירן און גרויסע געהירן און, בכלל אַלץ געהערט צו אונדז. פון אונדז גופא זענט איר אַרויסגעקומען. מיר האָבן אייך אויסגעטראָגן, און אייך פאַרטיק געמאַכט ביז צום נאָגל אויף אייער קליינעם פינגער. וואָלטן מיר אייך נישט אַזוי אויסגעבויט, וואָלטן מיר אייך נישט געגעבן לעבן פון אונדזער לעבן, וואָלטן מיר נישט אָנגעגאָסן אייערע אָדערן מיט אונדזער בלוט, וואָלט איר ביים היינטיקן טאָג גע-ווען ליימענע גולמס. זייט-זשע דערפאַר, איר ליכט-ברענגער פאַרשטענדיקע! זאָל אייך אָבער נישט איינפאַלן צו וועלן זיין העזהדיק צו אונדז, אייערע באַשאַפערינס; זאָל אייך נישט

איינפאַלן צו קוקן אויף אונדז מיט חוצפּה. איר דאַרפט וויסן, מיר קענען אייך צוריקשליידערן צו אייער נישטיקייט!

— אָבער, גאָט מיינער! — זאָגט די פּרעזידענטין צו אירע שכנהס: וואָס איז איר עפּעס איינגעפאַלן? צי האָט דען ווער חשק אַריינצופאַלן אין אַ משוגע-העמדל?

לויטן פּראָגראַם איז איצט געקומען די ריי אויף דער הימנע לכבוד מוקאַלינדאַ, וואָס איז געדיכטעט געוואָרן פון ביהאַרי לעלן. ווי פון אַ האַרמאַט האָט אַרויסגעדונערט דאָס געזאַנג אין וועלכן ס'האָט זיך דורכגעבראַנד איבערגעחזרט דאָס וואָרט: „מוקאַלינדאַ! אָ מוקאַלינדאַ מיין פאָטער, מיין פאָ-טער—" דאָך האָט דער שלעכטער איינדרוק וואָס ס'האָט גע-מאַכט פילאָמעלאָס דרשה, ביים סוף פונם געזאַנג אַזוי ווייט דערגרייכט, אַז די געטלעכע לאָורענצע האָט זיך גענומען גרייטן צום הייליקן סיום פון דער פייערונג.

די אויבערשטע פּריסטערין האָט כסדר געלייגט אירע הענט אויף די אַנגעבויגענע, בליענדיקע קעפּ פון די בחורים און יעדן באַזונדער געזאָגט דאָס זי איז אויסדערוויילט געוואָרן פון דעם גאָט צו דערקלערן אים אז ער פאַרצייכנט אים פאַר זיינס אַ זון, ביהאַרי לעל איז עס שוין געוועזן ביז איצט.

אַזוי אַרום זענען די צוועלף ליכט-ברענגער אנערקענט געוואָרן אַלס מוקאַלינדאַס זין, און דער יום-טוב איז אין פּאַקטישן געווען פאַרענדיקט.

ס'זען אַריבער חדשים וועלכע האָבן נישט מיטגעבראַכט מיט זיך קיין שום אויסערגעוועגלעכע זאַכן פאַר דער קאָלאָניע אויפן איל-דע-דאַם. די טעג אינם מוטערלאַנד זענען געפלאָסן רויקע און שטילע. די אָרטאָדאָקסישע פּאַרטיי איז צופרידן גע-ווען און האָט זיך געפרייט וואָס די שוואַכע נאַכגיביקייט פון דער טעמפּל-רעגירונג איז באַזיגט געוואָרן און די שטרענגע מאַט-ריאַרכאַטישע ריכט-ליניע וועט קענען ווייטער געפירט ווערן, אַזוי ווי פריער האָבן אויף די ניי-פאַרהייליקטע פלות פון דעם

הימל און דער ערד, ווייטער זיך געלערנט טאַנצן נייע נאָך נישט־פאַרהיילִיקטע טענץ און האבן זיך געשפּילט אין אַלערליי שפּילן, פאַרשטייט זיך: דאָס אַלץ דאַמאָלס ווען זיי האָבן אַראָפּגעפּטרט פון זיך דעם חוב פון זייערע אַרבעטן. און די אַרבעט אַליין איז געווען אַ שפּיל, וואָרום דאָס טראַכטן וועגן שפּייז האָט ווינציק ווען געבראַכט עגמת־נפש, ווייל זיי האָבן נישט מער געהאַט ווי צו פליקן די פּירות וואָס זענען געהאנגען לרוב אויף יעדן בוים און יעדן צווייג.

*

אין אַ געוויסן טאָג זענעןביידע הייליקע מוטער, עגלי און שוואַב געזעסן צוזאַמען. זייער שמועס איז געווען וועגן אַן אַלגעמיינע נישט־צופרידנקייט: די שטאַט־מאַשין פונם איל־דע־דאַם איז עפּעס קאַליע־געוואָרן. אַ לאַנגע צייט האָט ערגעץ־ווו געגרילצט און איצט גייט עס דאָרטן נאָך ערגער.

פון מאנלאנד איז אַהערגעבראַכט געוואָרן א ידיעה, אז דארטן פייערט מען איצט מיט גרויס פאַרשווענדערישקייט דעם געבוירנס־טאָג פון ביהאַר לעל, מיט שפּילן, טענץ און געזאַנג. אָן שום ספק איז די דאָזיקע חגא א צו להכעיס, אַ מין נקמה פאַר זייער אויסגעשלאָסנקייט פונם כלה־יום־טוב.

— ס'קען זיין אַז האָסט שלעכט געהאַנדלט, מיין ליבע שוואב, — זאָגט די דאָקטאָרין מיט פאַרדראָס: מיט דעם וואָס האָסט אינם טעמפּל, אין געגנוואַרט פון אונדזערע מיידלעך אויסגעמוסרט אונדזערע בעסטע צוועלף יינגלעך.

—איך האָב עס דאָך געטון, אייגנטלעך, אַ דאַנק דיין עצה— פאַרענטפערט זיך שוואַב.

— איך האָב דאָס נישט געעצנט — ענטפערט יענע צוריק: איך האָב נאָר גערעדט אין אַלגעמיין, אַז מען דאַרף באַצייטנס עפּעס טון צו דעם, טון עפּעס אַזעלכעס וואָס זאָל נישט לאָזן דיביימער אַריינוואַקסן אין הימל אַריין.

— וועלכע ביימער? — פרעגט שוואַב.

— איך מיין דיביימער וועלכע מיר זענען געצווינגע, געוואָרן צו פאַרפלאַנצן אויפן מוטערלאַנד, אויב מיר ווילן האבן אַ פאָרטשריט, אַ צוקונפט. דער קלאַפּ וואָס ס׳האָט באקומען אונדזער גוטע זאַך אַ דאַנק דיין עקסצענטרישע דרשה, האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו לאזן שפירן. אונדזער מצב איז פונקט אזוי חרפּהדיק ווי לעכערלעך.

— נו, צום טייוול! — שרייט אויס די מוטער שוואב: פאַרוואָס טוט צו דעם גאָרנישט די אַל־פאַרשטענדיקע, די אַל־הויכע, אל־העכעטע לאורענצע?

--פשוט. דערפאַר וואָס זי איז צוליב דיין ארויסטרעטן פאַרשטימט געוואָרן. און מיר טוט עס יעדעס מאָל אַ שטאָך ווען איך באַגעגן דעם דאָזיקן אַלטן פויגל — פרעכטל, אָדער ווען איך טרעף זיך מיט דעם דאָזיקן קאָמבאצילִיוס—קאלב. מען קען זיך דאָך נישט איינהאלטן פון לאַכן. פארוואס שטארבן זיי נישט, די דאזיקע צוויי נישט־נויטיקע פרויען? פון אָנהייב אָן זענען זיי דאָך געווען שעדלעך. פון די דאָזיקע פראָסטע און אַלטע ווייבער איז דאָך נאָך קיינמאָל נישט אַרויסגעקומען קיין איין ערנסטער, טיכטיקער און נוצלעכער געדאנק וואָס זאָל דערזען די ליכטיקע שיין. האָסטו שוין גערעדט מיט באבעטן דערפון?

—באַבעטע זאָגט אז מוקאָלינדא האָט זיך באַליידיקט. גאַנץ פארשטענדלעך, אוודאי איז דא א פלוידעריי; אָבער, נישט קוקנדיק אויף דעם איז אָט די מיינונג אריינגעפאַלן ווי א באָמבע. ביי אונדז רעדט מען נאר וועגן דעם ווי אזוי איבערצובעטן דעם הער מוקאלינדא.

— איך מוז! — רופט עגלי אויס: איך מוז איינמאָל פאר אלעמאָל גיין צו פאַאָנען און אים דאס דערציילן.

— דו וועסט אים זיכער נישט געפינען — זאָגט שוואב: ער מיט די צוועלף און ביהאר לעל האָבן זיך, איין גאָט וויס, ווו ערגעץ אויסבאַהאַלטן.

וואס איז דאָ אייגנטלעך געשען?

אינם לעצטן יאר בעת די קאַמפן מיטן מאנלאַנד איבער

דער באַטייליגונג אין דער פּייערונג, האָט זיך געלאָזט באַ־
מערקן אַז די געבוירטן אינם מוטערלאַנד ווערן געמינערט. און
זינט די לעצטע צוויי חדשים האָט דער צוּוואוּקס לחלוטין אויפ־
געהערט. די דערשיינונגען וועלכע האָבן געזאָלט באַווייזן אַז
די דאָזיקע לאַגע איז אַ פּאַריבערגייענדיקע, האָט זיך אַרויסגעוויזן
פאַר פאַלש. ווי יעדער ווייס איז אויך אין לעבן פאַראַנען אַ זריעה
און אַ זאַמל־צייט. אַט דעם דאָזיקן אמת האָט מען נישט
געטאָרט באַרירן, מען האָט נישט געטאָרט רעדן איבער אים
ווייל, דערבײַ איז מען געגייט געווען עובר צו זיין אויפן טאַבו.
דאַ האָט מען אָבער געמוזט אַריבערטרעטן דעם טאַבו ווייל,
אַ מענטשלעכע קהילה האָט זיך געפונען אין אַ טויטלעכן מצב
פון אויפהערן צו זייען און צו שניידן.

באַבעטע האָט שוין געהאַט דערקלערט: די געבוירן־
מאַכנדיקע און לעבעדיקע כיתות האָבן זיך באַליידיקט. און
מען האָט געמעגט גלייבן אין דעם.

די אַלע פּריש־געהייליקטע תלמידות פונם מוקאַלינדאַ־קולט
זענען, גאַנץ פאַרשטענדלעך, באַקאַנט געווען מיט די מנהגים
וואָס האָבן געהערשט, און, זיי זענען כסדר געגאַנגען צום
טעמפּל־שלאָף. די אַנטוזיאַסטישע, הייטערע צניעותדיקע, נישט־
באַפלעקטע קינדער האָבן דערבײַ געהאַט די פריידיקסטע
טרוימען און זענען גאָרנישט מיד געוואָרן פון דערציילן.
אָבער מער ווי טרוימען האָבן זיי נישט געהאַט וואָס צו דער־
ציילן. און קיינער האָט זיך שוין נישט געוואָלט מער צוהערן
צו זיי.

בכלל איז אינם טעמפּל־באַצירק פון דער באַנאַ־דעאַ גע־
וואָרן מאָדנע שטיל. ווען עס זאָל נישט קלינגען ווי אַן
אַבסורד, וואָלט מען געמעגט זאָגן, אַז ס׳האָט אויסגעזען ווי די
געטער וואָלטן געווען פאַרלאָזן פון די מענטשן. דער איידעלער
לאָורענצע האָט מען שוין זינט עטלעכע וואָכן מער נישט גע־
זען דאָרט, אַחוץ לאָלאָ שמידט און רוקמיני מיט די שטילע
דאַגמאַר־דיאַדאַטאַן, האָבן זיך נאָך דאָרט געפונען בלויז עט־

לעכע דינעריגס, וועלכע האָבן אָנגעהערט צו דער העכערע מאַכט.

אַ דאַנק דער פאַרשפּרייטונג פון דער דאָזיקער ידיעה, האָט זיך די איידעלע לאורענצע נאָך טיפער פאַרשטעקט אין דער איינזאַמקייט פון דעם אינזל און איר אייגענער נשמה. ס׳איז געווען אַ פּאָדעם, נישט זער קיין גרויסער, און, ווען ער איז געפונען געוואָרן האָט מען אויך מיט אים געקענט פאַרבלאָנדזשען; דער דאָזיקער פּאָדעם האָט געפירט צום נייעם נזיר-מקום וווּ ס׳האָט זיך אויפגעהאַלטן די געטלעכע לאורענצע. מען האָט געזאָגט אַז רעגל־מעסיק קומט צו דער נזירהטע די פּראַקטישע מוצי שמידט וועלכע ברענגט איר מיט וועגעטאַרישע נאַרונגס-מיטלען. זי מוז, האָט מען דערציילט, באַרוויס אָדער אין באַסט-לאַטשן אַראָפּקלעטערן דעם נאַקעטן ברעג ביז צו דער הייל וווּ די נזירהטע געפינט זיך. אין דער דאָזיקער הייל לייכט שוין דער מאָרגן-שטערן ביים אויפגיין און מאַכט אים נאָך העל ווען ער גייט אונטער. ביי אַ טעראַסע וועלכע איז געווען זיילן-אַרטיק און איז געהאָנגען איבער די כוואַליעס, האָט זיך געהויבן אַ שלאַנקע, הערלעכע קאָקאָס-פּאַלמע. אַ נאַטירלעכער בעקן פון שיפער-שטיין האָט זיך יאָר-יערלעך אָנגעפילט מיט דעם קלאָרסטן און פרישסטן וואַסער וואָס איז געריגען פון אַ פעלזן-שפּאַלט.

אַ חוץ מוצי שמידט האָבן נאָך פון דעם דאָזיקן אָרט געוווּסט אויך פּאַאָן, דאגמאַר-דיאַדאַטאַ, רוקמיני און לאַלאַ. פאַר די איבעריקע איז די שיינע לאורענצע ווי פאַרפאַלן געוואָרן אָן אַ שפּור. אַזוי האָט מען פון איר גאָרנישט געקענט דערוואַרטן וואָס שייך דער פראַגע פון מפיס-זיין מוקאַלינדאַן.

*

ס׳איז ווידער אַוועק צוויי דריי חדשים אויפן אינזל. דער אינזל האָט געלויכטן פּונקט אַזוי ווי פריער אין זיין גןעדנדיקער פּרעכטיקייט. און כאָטש מען האָט נישט געזען קיין

שום וואָלקן אויף דעם דאָזיקן גליקלעכן הימל, ס'זענען אין די
גרענעצן פון דעם מיקראָ-קלימאַטישן שטח בלויז געפאלן גע-
בענטשטע, דערפרישנדיקע, צום לעבן אויפוועקנדיקע, קורצע
רעגנדלעך — פונדעסטוועגן האָט די קאָלאָניע געפילט אַ שווער-
קייט ווי איבער איר וואָלט געלעגן אַ וואָלקן-שאָטן.

איבערן דעפילעי-דע-דאַם האָט מען שוין צום דריטן מאָל גע-
שיקט אַ מוטערלעכע קאָמיסיע. די מאנלענדער האָבן געהאט
אָפּגעטרעטן פון די אַלע ערטער מיט פרייע צוגאַנגען, באַזעצנ-
דיק זיך אין אַ געבירגיקע געגנט ווו ייפּיס האָט זיי שפּעטער
אַנטדעקט. אפילו דעם קאַפּיטאַל מיטן דענקמאָל „די דענקענ-
דיקע האַנט" האָבן זיי געלאָזן און ווען די קאָמיסיע איז אָנ-
געקומען, איז זי שוין געשטאַנען אין אַ קלאָגנדיקן מצב. מען
האָט די קאָמיסיע מיט גאָרנישט מטריח-געווען און זי האָט זיך
נישט געהאַט צו רימען מיט קיין שום דערפאָלג. געפירט פון
ייפּיסן ביז צו די בערגיקע פאַרצוימונגען, האָט די קאָמיסיע,
פון גאַנצן מענערישן פאָלק נישט געקענט מער זען ווי פאַאַן
אָדער ביהארי לעלן, צי גאָר איינעם פון די ליכט-ברענגער.

דערפאַר האָט מען צו זיי אַרויסגעשיקט אַ קייגן ביאַ-
נאָרן. מיט אים זאָלן זיי אונטערהאַנדלען.

— אָבער וואָס איז אייגנטלעך צו פארהאנדלען ?

דער דאָזיקער בייזער און מוראדיקער יינגערמאן האט
מיט זיין לשון אומברחמנותדיק צוריקגעשטויסן זייער אייגנט-
לעכע בקשה, ווי דער לייב דעם קראליק, אין דעם נישט-
צוגענגלעכן בנין פון זייערע נשמות. און זיי זענען געניט
געוועון אהיימצופארן מיט גארנישט. מוטערלאנד האט זיך גע-
פונען אין א מצב פון אומרו, פחד און אומבאַהאלפנקייט ווע-
וועמעס גאַנצן שרעקלעכן ארומנעם, מען האט זיך נישט גע-
וואלט מודה-זיין. עס זענען פארגעקומען נשמהדיקע דעפּרעס-
יעס, פונקט אזוי ווי זיי זענען פארגעקומען אין די ערשטע
צייטן נאך דער שיף-בראך-קאטאסטראפע. אוודאי זענען אזעל-
כע נערוון-אטאקעס ווי דאמאלס נישט געשען נאך, אבער אָפּ-
לייקענען האט מען עס נישט געקענט, זיי האבן עקזיסטירט.

איצט איז ווידעראמאל ארויפגעשווימען דער געדאנק פון דער פלאשן-פאסט. זיי האָבן זיך פיינלעך צוריקפארבענקט נאך דער גרויסער קולטור-געזעלשאפט.

דעם סטערנא סטאָלידאַ, דעם קליינעם ים-שוואלב וועלכן מען האט געפאנגען אין עטלעכע עקזעמפלאַרן, האט מען ארום דער האלז ארומגעבונדן איינגעראלטע בריוולעך וועלכע האָבן דערציילט פון דער שיף-קאטאסטראפע, פון דאס געראטעוועט ווערן און פון דער עלנטקייט פון די געראטעוועטע, און זיי האָבן באַשווירן דעם קונפטיקן ליינער ארויסצושיקן שיפן פאר די ארעמע.

ס'איז געווען גאנץ נאטירלעך וואס די דאזיקע נשמה דערשיטערונג האָט זיך אויך איבערגעטראגן אויף די הימלישע טעכטער. אויך זיי האבן דערפאר געפילט אז עפעס א נישט-פארהאנענעס, עפעס א געשעעניש מוז קומען, ווי נאר ס'וועט אוועקגענומען ווערן די וואנט וועלכע פארשטעלט מיט זיך די טריט און דעם בטחון פאר דער צוקונפט.

אין א געוויסן טאג האט דאס מאוימדיקע פלוצים ארויסגעשטעלט זיך אין איר גאנצער שרעקלעכער גרויס. דער פשוטער מענטש קען נאר דאמאלס באזיגן דעם גרויסן פחד, ווען ער זיצט אינמיטן לעבן פון דער לעבעדיקער מענטשלעכער געזעלשאפט. אלץ איינס צי ער פילט דאָע אדער נישט. ער קען זיך דאמאלס איינרעדן אַז עס זענען פאראן מענטשן ארום אים, און, נישט בלויז איצט זענען זיי דא, נאר זיי וועלן שטענדיק זיין: מארגען און איבערמאָרגן און אפילו אין טויזנט יאָר ארום וועלן זיי זיין. בקיצור: ער מוז זיין א בלוטיקער, לעבעדיקער אבר פון דער, ווי ס'זעט אויס, נישט אויסשטארבנדיקער מענטשהייט. דער גרויל קומט נאר דאמאלס ווען דער אומשולדיקער וואקסנדיקער בלאט וואס הענגט אן א צווייג, ווען די פארשלאסענע בליטן אין זיך דערפילן און פארשטייען אז זיי בליען שוין נישט מער אזוי שיין ווי, נאר דאס איינציקע מאל ווייל, דער צווייג איז אראפגעריסן פונם בוים. מים ווייסן נישט אויף ווי ווייט דאס בליעכץ

דער בלאט איז פולנדיק. דא אבער, אינם מוטערלאנד, האט אין אנהייב געלעבט אזא מין קרוביש געפיל פון וועלכן ס'איז טאקע ארויסגעוואקסן אט דער גרויסער פחד. אָבער, ווען אויפן מוטערלאנד האט נאך תמיד, טאָג-איין טאָג-אויס געקלינגען נעזאנג און געלעכטער, וואס צוליב דעם פלעגן עטלעכע געגנטן גערופן ווערן: די פעלדער פון געלעכטער — פונדעסטוועגן האט דאָך דאס נישט געשטערט דאָס אָפּטע איבערחזרן זיך פון דער מאוימדיקער וויזיע, דאס האט דאך נישט געשטערט אז דער ריזן-סקעלעט פון דעם טויט זאל נישט קענען אוועקשטעלן זיין פוס אויפן אינזל.

אזוי ארום איז געקומען דער טאג ווען די קאלאניע איז ארומגענומען געווארן פון אן אלגעמיינעם פסיכאָז ; ס'איז אויסגעבראכן א ווילד משוגעת. נישט איינצוהאלטן זיי איז דאס פרויען-פאלק געלאפן מיט פליענדיקע האר איבער דער הויך פונם מאָנט-דע-דאַם, כדי אינם טעמפל-באַצירק, דעם טעמפל פון דער באנא-דעא, מוקאלינדאס טעמפל אַריינצוקריגן זיך. זיי האָבן געוואָלט תפילה-טון, וויינען, אָבער — זיי זענען אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ ייאוש און איידער נאָך זיי האָבן אָנגעהויבן בעטן, זענען זיי אַריינגעפאַלן אין אַן אויסערגעוועגלעכן צאָרן. זיי זענען נישט געגאנגען צוערשט אין דער באנא-דעא, נאָר האָבן זיך געריסן צום מוקאלינדא-טעמפל מיט דראָענדיקע פויסטן און ווערטער, אַרויספאָדערנדיק מוקאלינדאן צו הילף.

בחינם האָט די מוטער לאָלא און מוצי זיך אָנגעשטרענגט זיי איינצושטילן. אומזיסט איז געווען דאָס בעטן אַז זיי זאָלן זיך באַטראַכטן וואָס זיי טון. אַ וויינענדיקע איז דאגמאר-דיאָדאַטא אַרומגעגאַנגען צווישן די ווילדע יללותדיקע מאַסן, בעטנדיק אַז זיי זאָלן זיך באַרויקן, און בחינם. מיט אַן אלגעמיינעם, הילכיקן, משוגענעם געשריי האָבן זיי זיך אַריינגעריסן אינעם טעמפל. אין טויזנט שטיקער איז צעפליקט געוואָרן דע טעפיך פון די ליכט-ברענגער. מען האָט אומגעוואָרפן דעם מוקאלינדא-אלטאר. ס'זענען קיין גאַנצע צען מינוט

נישט אַריבער, ווי די גאַנצע געביידע האָט אויפגעריסן אין פלאַמען.

הינטער די פעלז-באַסטיאָנען ווו דאָס מענער-פאָלק האָט זיך באַזעצט, האָט מען, ווען ס׳איז נאַכט געוואָרן, געקענט זען דעם פלאַקערדיקן שיין פונם טעמפּל-באַצירק זיך אָפּ-שפּיגלען אינם וואַסער פונם גאָלף-דע-דאַם. ער האָט אויסגעזען ווי אַ הייליק ליכט. אין אָנהייב האָט מען נישט געוווּסט וואָס דאָס זאָל הייסן. אַזעלכעס איז ביז איצט נאָך קיינמאָל נישט געזען געוואָרן, ווייל גרעסערע שרפות אויפן אינזל זענען אַלעמאָל פאַרהיטן געוואָרן. איצט דאַמאָלס ווען דאָס פייער פונם מוקאַלינדאַ-טעמפּל, וואָס איז געליגן מחוץ דעם גלייכן געזיכטס-פונקט, איז אַריבערגעשפּרינגען אויף דער זייט פון לאורענצעס זיך-אָרט, דאַמאָלס האָבן זיך שוין די פלאַמען בולט געלאָזט זען און ס׳איז שוין מער נישט געווען קיין ספק — עס איז דאָרט געשען אַן אומגליק.

באַלד דערנאָך האָט זיך געלאָזט הערן די ידיעה: דער מוקאָלינדא-טעמפּל איז פאַרשרפהט געוואָרן אויף אש; און צום גרויסן חידוש ביי פּאַאָנען, (וועלכער האָט צוזאַמען מיט באַ-האַרי לעלן און די צוועלף ליכט-ברענגער געהאַלטן דער מע-נערלעכער רעגירונג אין זיינע הענט), איז די דאָזיקע נייעס ביים גרעסטן טייל פונם לאַגער, אויפגענומען געוואָרן מיט אַן אינדיאַנישע שמחה. פּאַאָן האָט זיך נישט געקענט צוגלייבן אַז די רכילות פון די אַזוי-צוזאָגן רעוואָלוציאָנערן, זאָלן אויף אַזוי ווייט דערגרייכן.

ס׳איז זיכער אַז דאָס האָבן די אויפשטייענדיקע מיט זייער וואַקסנדיקן כּוח געווירקט אויף פּאַאָנען אַז ער זאָל אָננעמען זיין באַשלוס אינם מוטער און מאַנלאַנד סיכסוך. דער געדאַנק פון די נייע צוועלף אויסדערוויילטע געביר-געטער וועלכע זענען צוגעשטעלט געוואָרן מוקאַלינדאַן, האט אים אויסגעזען, אין זין פונם מאַטעיאַרכאַט און געוויסע דער-הויבענע מידות פאַר די צוקונפטיקע דורות — גאַנץ ריכטיק. זייענדיק גרייט צו שטיצן דעם דאָזיקן געדאַנק, האָט ער, אין

אָט דער ריכטונג, געזוכט כּוחות ביים מענער-פאָלק, און די דאָזיקע פראַגע האָט באַדאַרפט פאַרענטפערט ווערן, נאָך אומגעהויערע שוועריקייטן, אין אַ צייט אַרום. צום באַדויערן אָבער האָט דער שלים-מזל אַהערגעבראַכט די פּאַנאַטישע פּילאמעלאן, אזוי אז ס'האט אזש אויפגעבראכט די צוועלף ליכט-ברענגער: נישט קוקנדיק אויף איר אייגענעם פּסק איז זי אַליין אַראָפּגעקומען אינם אַלגעמיינעם לאגער פון די מענער. און זי האָט קיין כּבֿוד נישט דערלאנגט.

דער משוגע-פריידיקער טומל וואס איז אַרויסגערופן געוואָרן אַ דאַנק דאָס חרוב-מאַכן דעם מוקאלינדא-טעמפּל, האָט פּאַאָנען געטראָפן אויף אַ פילפאכיק סתירהדיקן אופן. דאס וועבער-שיפל פון זיין טראכטן האָט אים דאָ צונויפגעבונדן מיט אַ פרעמד וועב-מאַטריאל אזוי, אז די אַבסורדיטעט פון זיין עקזיסטענץ איז אים געוואָרן גאַנץ קלאר. אָט דער געדאַנק האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט בעת די אויסטערלישע שמחה איבערן מוקאלינדא אונטערגאנג האָט גלייך ארויסגערופן אַ בונט וועלכער איז אויך געווענדט געווען קייגן אים אַליין. גאַנץ פארשטענדלעך אז דער דאזיקער בונט איז אויך געווען קייגן די ליכט-ברענגער, בעת ביהארי לעלן האָט ער נישט אנגערירט.

אָנגערעגט פון די פארשווערער, האָבן זיך מוקאלינדאס זין געריסן ביז צו פּאאנס געצעלט וועלכער איז, ווי אלע אנדערע, געבויט געווען פון פּאלמע-שטרוי — פּאַאָן זאל ארויסגעבן א באַפעל, כּדי דאָס אַריינדרינגען פון די מאנגלענדער אינם מוטערלאנד, זאל זיין אַ דערלויבטע זאַך. ער, פּאאָן אַליין זאָל זיי אַהינפירן.

— ניין. איך וועל אייך בשום אופן נישט געבן דעם סיגנאל אויף חרוב צו מאַכן אונדזערע פארהייליקטע ערטער. די הויפּט יסודות פון אונדזער מלוכה מוזן ווערן אָבגעהיטן, נישט געקוקט אויף אירע חסרונות פון דער צווייטער זייט. איך וועל אייך קיינמאָל נישט געבן דעם סיגנאל צום געוואלד. וואָרום דער געוואלד וואס ליגט אַזוי נאנט צום מאַנס פּסיכיק, איז

ויין שלעכטסטער טייל. איך וויל נישט אז אין אייך זאָל זיך אויך אנטוויקלען דאָס שלעכטס — איך וויל נאר זען דאָס גוטע. דאס גוטע דאָס איז אייער נשמה. איר וועט אפשר זאגן: „מיר ווילן אויספירן". זאָג איך אייך: געוואלד-טאט איז נישט פארן מאן קיין ערנווירדיק האנדלען, און, בכלל קיין מענטשלעכער כבוד. געוואלד-טאט איז א חיהש האנדלען, אָדער, ס'איז דאָס טויטע האנדלען פון דער טויטער נאטור. איך מוז מודה-זיין אז דער סימבאָל פון דער הייליקער האַנט האט אויך זיינע גע-פערלעכע זייטן, אָבער דער נצחונדיקער איבערוואג זיינער האָט אַ געוואלדיקע און ברכהדיקע ווירקונג. אן אויפבוי-כוח וואָס איז פונקט אזוי מעכטיק ווי דער צושטערונגס-כוח, ווערט אַרומגעהילט מיט טויזנט-פאכיקע געזונטע, גוטע און פעולהדיקע פאָרמען, ביז זיי קומען צו צו דער לעצטער און געלייטערטסטע מדריגה און נעמען אן דעם צלם פון דער אייביקער, געטלע-כער שיינקייט. אלזא: כאטש ס'איז שוין געשען איין געוואלד-טאט נאכן אנדערן, פונדעסטוועגן האט זיך נאר גארנישט אנגע-הויבן דאס מענטשלעכע האנדלען.

וואס ווילט איר דען טון אין אייער הייליקן געבורטס-לאנד, אין דעם הייליקן לאנד פון אייערע מוטער? די מוטער אייערע באליידיקן אין זייער כבוד שענדן? ברענגען זיי צו שמאַך און שאנד? איר ווילט הייבן אייער האנט אויף זיי, אָדער וואָס?

איך, דער יעניקער וואס האב ביז איצט געפירט אייער טריט, וועל דאס אויך אויף ווייטער טון. איך וועל זוכן אופנים און וועגן, אויב ס'וועט נאָר האבן געקומען די צייט, נאכצוגעבן אייער יעדן פארלאנג וועלכן איר וועט האבן פאר-דינט און איך וועל אייך אלס זון אפבינדן פון אייערע היי-ליקע מוטער.

דאָ האט דער פארשווערער ביאַנאר אויסגערופן:

— ד: האסט אפגערעדט. מיר האבן געוווסט, נאך איידער האסט דיין מויל געעפנט, וואס דו וועסט רעדן. שטעל דיר פאר, אַז דו האסט גערעדט און אז דיינע ווערטער זענען געפלויגן פון

דיין מויל ווי פאפוגייען אדער גן־עדן־פייגל, פלאמינגאס צ
גאָר אָדלער, זענען אָבער די פאַפוגייען, גן־עדן־פייגל אָדער
אָדלער, נישט מער ווי פייגל מיט צובראָכענע פליגל. זיי ליגן
אויף דער ערד און רירן זיך נישט. דיינע ווערטער זענען ווי
טויטע. יאָ. בעת דו האָסט נאָך גערעדט און דיינע ווערטער
זענען נאָך געווען לעבעדיקע, האָבן מיר שוין אויך פאַרשטאַנען
אַז ס'זענען נישט מער ווי ליגנער און פאַרעטער. דו האָסט זיך
פאַרבונדן מיט אונדזערע שונאים. מען האָט אונדז דערדריקט אָן
רחמנות — דו ווייסט דערפון. דו האָסט יד־אחת געמאַכט מיט די
שונאים פון אונדזער געשלעכט ווייל — זיי האָבן דיך אָפגעקויפט.
דו האָסט אונדז געלערנט ווי אַזוי מיר זאָלן פאַרשווענדן
אונדזערע כוחות, כדי מיר זאָלן זיך נישט קענען באַנוצן מיט
זיי. אונדזערע אַלע מעשים זענען אומפּרוכטבאַר. דו האָסט
אונדז פאַרמשפּט צו אומפּרוכטבארקייט, כדי מיר זאָלן נישט
קומען אין דיין סביבה, אָדער אין דעם קרייז פון דיינע צוועלף
ליכט־ברענגער. מיינסט אַז מיר האָבן נישט געזען ווי צעבו־
רינדעה באַהעפטן זיך? דער מענטש איז אויך נישט מער ווי
אַ מין חיה. עס זענען פאַראַן זכרישע און נקבהשע חיות און,
די מענערלעכע זענען פאַר די ווייבלעכע, פונקט ווי די ווייב־
לעכע פאַר די מענערלעכע. די ווייבלעכע אָבער האָט איר גע־
מאַכט פאַר געטער און אונדז האָט איר דערנידעריקט צו אומ־
ריינע חיות, און, נאָך נידריקער פון די חיות.

זאָל זיין אַז מוקאַלינדא איז אונדזער פאָטער. און אויב
ער איז דאָס, איז ער אַ שלעכטער פאָטער, נישט צו די טעכטער
זיינע, נאָר צו די זין.

מיר זענען צופרידן, זיין מקום־קודש ליגט אין אַש. זיינע
זין וועלן אים צוריק נישט אויפבויען. דער זון דאַרף זיין ווי
זיין פאָטער, און, די געבויר־פעיקייטן פון אַ גאָט איז נאָך שוואַ־
כער ווי די ביי אַ חיה. אָט דעם מוקאָלינדא באַקעמפן מיר;
אַ גאָט קייגן אַ גאָט, אַ דאַנק אונדזער געטלעכקייט

נאָך וואָס דאַרפן מיר אייער ליכט, ליכט־ברענגער? אין
אונדז גופא ברענט דאָס געטלעכע ליכט. אויך פון דיר, מייסטער

פון אַ סך קונסטן און שפּייז־פּאָטער אונדזערער, לייכט שוין אַ לענגערע צייט קיין ליכט נישט, און נאָך מער: דו שטייסט אונדז נאָך אין שיין. — דיינע מיינונגען רוף איך אָן „ווייבישע". אין דער שטילער איינזאַמקייט פלעג איך אַ סך נאָכטראַכטן. דער צוועק פון געבוירן, דער ציל פונם געבורט איז נישט די פרוי. דער מאַן אַליין פאַר זיך איז דער צוועק פונם געבורט. דאָס איז מיין אמת פאַר וועלכן איך שטיי אייזן־פעסט. אויף דעם פאָן, וועלכן איך וועל פאַרשפּרייטן אויף די חורבות פונם טעמפּל־באַצירק פון דער באַנא־דעא און מוקאַלינדא, וועט זיין פון פייער אויסגעקריצט דער אויפשריפט: מ אַ ן!

ס'איז נישט אמת אַז דער געוואַלד־טאַט פונם מאַן איז אומווירדיק. ווו דער געוואַלד איז, דאָ מוז ער ״ן. ווי קען דער געוואלד נישט זיין דאָרט ווו ער איז פאַראַן? איז דען דאָס מזל נישט געוואַלד? דער אינזל, האָסטו אונדז געלערנט, איז דורכן פייערשפּייענדיקן מאָנט־דע־דאַם אַרויסגעצויגן געוואָרן פונם ים. האָט דאָס דער באַרג געמאַכט מיטן כּוח פון איבעררעדן?

צו דער פייערונג פונם כלה־יום־טוב האָבן אונדז די הייליקע מוטער נישט געוואלט צולאָזן, פּונקט ווי דורך אונדז וואָלט מוקאַלינדא טמא געוואָרן. דערפאַר ווילן מיר זיי אָפּלערנען ווער מיר זענען. מיר האָבן נישט קיין מורא פאַר קיין מענטשן און נישט פאַר קיין געטער. די אַלטע פאַרצייטישטע און פאַרשימלטע צייט איז נישטאָ מער. די נייע, אונדזער צייט האָט אויפגעשיינט.

וואָס איז דאָס היינט געוואָרן פון אונדז? מיר זעען דאָך אויס ווי אַן עלנט און נעבעכדיק נאַריש הייפל מענטשן. אונדזערע פויקן און אונדזערע שטימען לאָזן זיך כמעט נישט הערן. מיר ווילן זיך באַפרייען פון אונדזער צער. מיר ווילן אַלע טאָלן און הייכן באַפעלקערן. און — פאָטער איך בין עס דער וועלכער וויל אויף דער לייטער פון די קומענדיקע דורות דערגרייכן די העכסטע הימלען און דאָרטן זיך פאַרשפּרייטן. דאָס ברויזן פון די שטימען פון אונדזערע פעלקער

יצלן פא... בן דער רעש פון די מוזליעס ביי אונדזערע ...רעגן. דער רויש פון די קיזל-שטיינער אינם פייער-ים פונם מאנט-דע-דאם וועט זיך לאזן הערן ווי א געוועגלעך אויון-פייער.

איבערן מאָנט-דע-דאַם, איבערן אינזל — איבערן ים און איבער אַלע וועלט-טיילן וועל איך קעניג זיין?

—ווי לאַנג שטייט שוין די וועלט, מיין ליבער זון? — פרעגט פאַאָן.

— אזוי לאַנג — ענטפערט ביאנאר: זינט איך בין געקומען צו מיין שכל.

— נישט לענגער?

— קיין איין רגע לענגער! — שרייט דער פאַרשווערער אויס.

— אויב אזוי ווייסטו נאָך ווייניק וועגן דער וועלט.

—איך ווייס נאָר פון איין וועלט, פון מיין וועלט! — ענטפערט יענער צוריק.

—הייסט עס, דו מיינסט, מיין ליבער זון, אז נאָר פאַר דיין צייט איז די וועלט פול געוואָרן מיט אַ גייסטיקע נאַכט, מיט רשעות און בייזער ווילן?

— אזוי מיין איך — ענטפערט ביאָנאר: יא.

— ביסט נאָר אָבער זער יינג, — מיין זון.

— זיבצן יאָר לעב איך שוין — רופט דער פאַרשווערער אויס: און אין זייערע ערשטע צייטן האָב איך געטראַכט פון דעם וואָס מיר איז געגעבן געוואָרן לעבן. אָבער וואָס פאַר אַ בייזעס זענען שוין נישט, אין די דאָזיקע ערשטע יאָרן, אַריינגעדרינגען אין מיינע חושים. נעם די דערפאַרונג פון פולע זיבצן יאָר און פרוו אָפלייקענען אויב זיי פאַרמאָגן נישט אין זיך אַן אומגעצהוירן אומבאַגרייפלעכן באַטייט וואס געוואַלדיקער קען שוין נישט זיין.

— און דאָך פאַרמאָג איך, וואס שייך דערפאַרונג, אַ סך מער פון דיר, מיין ליבער זון.

— דיין דערפֿאָרונג נוצט מיר צו גאָרנישט. דאָס וואָס מען דערפֿאָרט נישט אַליין, דאָס איז גאָרנישט ווערט.
— נו, גוט, — זאָגט פֿאַאַן: טוט ווי איר פֿאַרשטייט.

*

מיט דער שׂרפֿה אינעם טעמפּל־בעצירק און איר עכא אינעם מאַנלאַנד, האָט זיך, כּמעט, אין דערזעלבער צייט, אָנגעהויבן די אַנאַרכיע אויך אויפֿן מוטערלאַנד און, איר אָנהייב האָט מען, פֿון אַ העכערן שטאַנדפּונקט גענומען, געקענט פֿאַרגלייכן צו דעם לייכטן רעגן־וועטער אין דער צייט ווען ס׳דאַרפֿן זיך אָנהייבן פֿרילינגס־געוויטערן.

אין דער צייט ווען די דאָקטאָרין עגלי האָט זיך גענומען די דאָזיקע רעוואָלוציע זער צום האַרצן און די הויקערדיקע פֿרײַלן אוגוסטע האָט אַלץ מער און מער מעיין געווען אין איר טאָמס—אַ קעמפּיס 1), האָבן די ביידע זער־באַפֿרײַנדעטע חברהטעס, ראַדבערטע און אַנני נישט פֿאַרלוירן זייער רויקצינישע הייטערקייט.

— אַיין גאָט ווייס פֿאַרוואָס איך האָב עפּעס אַזאַ חשק צום לעבן, — האָט שוין נישט איינמאָל געזאָגט די מאַלערין: מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָב איך זיך, ווי מיט אַ טויטן, איינגאַנצן געהאַט אָפּגעזעגנט מיט מײַן אַלטן אָדם, און איצט קען איך, ווען איך וויל מיט דער הילף פֿון אַלערליי משוגענע פֿאָרשטעלונגען, אים צוריק אויפֿלעבן. נאָר, לאָמיר בעסער נישט רעדן דערפֿון. די אָקסן קענען נאָך ווערן חוצפּהדיק ווען זיי וועלן דערהערן ווי אַזעלכע צוויי אַלטע פֿויגל־אָפּשרעקער הייבן אָן צו פֿלוידערן.

ראַדבערטע זאָגט אַז, אייגנטלעך האָט זי נאָך קיינמאָל

---

1) אַ דײַטשער מיסטיקער און מורה־דרך וועלכער האָט געלעבט אין 14טן י״ה.

מער ווי איין פויגל־אפשרעקער אויף א פעלד, נישט געזען, און ס'וואלט בכלל גוט געווען ווען מען וואלט ביי אזעלכע משלים געהאט צו טון מיט איין זאך, מיט איין אביעקט, כדי דער דאזיקער דרייסטער פארגלייך זאל פולשטענדיג פארשטאנען ווערן.

ס'האָבן נאָך קיינמאָל קיין פאַרשווערער, קיין עראָבערער נישט געהאַט, אַזאַ לייכט שפּיל אַדורכצופירן, ווי דער פון די מאנלענדער מיט וועלכע ביאנאר האָט אָנגעפירט. פון מענאדיש־באַגייסטערטע מיידלעך זענען זיי אויפגענומען געוואָרן אויף דעם שמאָלן דורכגאַנג אין דעם ייסטמוס, צווישן דעם גאָלף־דע־דאַם אין דעם אָפענעם ים. אוודאי איז עס געווען גאָר אַן אַנדערער צוג, ווי דער וואָס דער טעמפל־באַצירק האָט אַ מאָל געזען; גאָר אַן אַנדערער צוג האָט זיך אַנטוויקלט. ער האָט אויסגעמישט ייִנגלעך מיט מיידלעך, ווי אַ שטורם־ווינט, באַרוישט פון דער נאַכט, פון אָן אַ שיעור ווילד־געהויבענע פאַקלען אַרומגענומען, אין מאַטן לייכטנדיקן רויך געהילט. מען האָט דאָ געזען שפּרינגען און שרייען פון נישט באַצווינגענעם שיכּרות. צוזאַמען מיט דער שטאַרקער ווילדקייט פון די בלוטן ביי די מורדים, האָט זיך ביי די אפיקורסישע הימל־טעכטער געריסן אַ כעס קייגן דעם מוטערלאַנד. ביים אָנברוך פון מאָרגן האָבן זיי מיט שפּרינגען און אויסגעשרייען, כמעט, ביז צום פאַרטייבט ווערן, דערגרייכט די ערשטע ישובים און דאָרט האָבן זיך אויך די איבריקע מיידלעך אָנגעשלאָסן אָן דער גרויסער שמחה. דער טאַנץ, דאָס געשריי און דאָס רוקן זיך אַלץ ווייטער און ווייטער, איז געוואָרן אנשטעקנדיק. אין אָט דעם ווירבל איז אַריינגעצויגן געוואָרן אַלץ וואָס איז יינג געווען, כדי נישט אַרויסצוקריגן זיך מער. און באַלד האָט אפילו דער פאַרשטענדיקסטער צווישן זיי, ביאנאר, נישט געוווסט וואָס פון אים איז געוואָרן. ביאַנאר אליין האָט זיך דערשראָקן פאַר דער מוראדיקער מאכט וועלכע ער האָט אַזוי פריי געלאָזט לויפן. אָבער בחינם וואָלט אויך געווען דאָס טראַכטן, אַז ער וועט איר קענען איינהאַלטן. אפילו אים אליין וואָלט מען

געקענט פֿאַרגלייכן צו אַ שטיין וואָס איז געוואָרפֿן געוואָרן אויפֿן גרונט פֿון אַ שטראָמיקן טייך וואָס די כוואַליעס האָבן מיטגעריסן.

די הייליקע מוטער זענען אַרומגעגאַנגען שטאַר פֿון דערשטוינונג און בלאַס פֿון שרעק. זיי האָבן געהויבן די הענט און תּפֿילה־געטון; זיי האָבן אפֿילו פּרובירט מיט צערטלעכע ווערטער צו רופֿן זייערע זון, אָבער — דאָס אַלץ איז נישט בכּוח געווען אָפּצושוואַכן דעם באַטייבנדיקן געדראַנג, פֿאַרקערט: ס'האָט זיך נאָך פֿאַרשטאַרקט. מ'האָט באַשיינפּערלעך געזען אַז די דאָזיקע אַלע זינגער און טענצער, די דאָזיקע שרייענדיקע און ווירבלענדיקע גופֿים קענען נישט זיין ביים דעת. אויב ס'וואָלט, דאָ ווער, נישט־טראַכטנדיק, אַרויסגעזאָגט דאָס ווערטל: „דיך האָט געמוזט טאַראַנטעל בייסן" 1) — וואָלט מען געקענט גלייבן אַז אָט די ווילדע צעלאָזענע מחנה איז זיכער געביסן געוואָרן פֿון אַ גיפֿטיקן אינזעקט, אָדער, רעפּטיל און דאָס איז די פּעולה פֿונם ביס אָדער שטאָך.

אַלץ וואָס האָט נאָר געקענט מאַכן אַ טומל, האָבן די מיידלעך ווי די ייִנגלעך, אויסגענוצט און ס'האָבן אפֿילו צוגעהאָלפֿן די קינדער ביז דאָס קלענסטע: פֿון גלעקלעך, טריאַנגלען 2) און פּאַן־פֿלייטן האָט עס נישט אויפֿגעהערט זידן, רוישן און קלינגען.

מ'וועט שוין נישט רעדן פֿון די ייִנגלעך — צי האָבן זיך כאָטש די מיידלעך געהאַלטן פֿיין־דערצויגן? — : זייערע האַנדלונגען זענען פֿול געווען, אויך ווי ווייט דאָס איז נאָר מעגלעך געווען אין טאַנץ און ווילדע באַוועגונגען, מיט גרענעצ־

---

1) טאַראַנטעל — אַזאַ מין גיפֿטיקע שפּין אין איטאַליען.

2) אַ מין דריי־ווינקלדיקע שטיק אייזנדל וואָס גיט אַרויס אַ קלינגענדיקן טאָן. דער דאָזיקער אינסטרומענט ווערט געברויכט אין אַ בלאָז־אָרקעסטער צוזאַמען מיט טאַצן און פּויק.

לאָזע אָבסצעניטעט 1) און דאָס האָבן זיי אויסגעפירט, כמעט אין בלינדער הרפּהלאָזיקייט. אין אָנהייב האָבן זיי זיך געהאַלטן חוצפּהדיק קייגן די מוטער, ביז דאָס רחמנות און די מורא האָט פאַרטריבן דעם כעס זייערן, ווייל אַ חוץ די טייוולאָנישע מאַכט וואָס האָט געהערשט איבער דעם פריי-געוואָרענעם כוח, האָבן זיי פאַר קיין שום מאכט קיין מורא נישט געהאַט.

באלד האָבן זיי ווידער פאַרלאָזן די באַזעצענע ישובים, און, די נאך ביים שכל געבליבענע מוטער, האבן פריי אפּגעאָטעמט. ס׳האָבן דא און דארט, אונטערן הויך פונם גליענדיקן שטורם, אויפגעפלאמט הייזער און מאגאזינען. ס׳האָבן זיך צונויפגעזאמלט א געוויסע צאל פון אנגעזעענע הייליקע מוטער, און, זיי האָבן קייגן דעם כסדר זיך פאַרשפּרייטנדיקן משוגעת, גארנישט געקענט העלפן. און ווען דאס ווילדע פריילינגסוועטער האט זיך איבערגעטראגן פון די באוואוינטע שטחים אויפן מאנט-דע-דאם, איז דא און דארט, אויף אן איבעראַשנדיקן אופן, צווישן די שטיל-געווארענע הייזער-גרופּן, אַ מוטער ווי פּלוצים פון משוגעת ארומגעכאפּט געווארן און אין אַ פליענדיק לויפן האט זי זיך אַ ריס געטון נאך די באקכישע מחנות.

*

נאך אין זעלבן פרי-מארגן איז איבערן פארלאזענעם טעמפּל-באצירק, דורך ביאנארן אויפגעשפּרייט געווארן דער מאנלאנד-פאן: דאס איז געוועזן א שטיקל טוך וואס האט געטראָגן דעם אויפשריפט, מ אַ ן!

און די דאָזיקע מהומה האָט אלץ ווייטער און ווייטער געהערשט. עס האָט נישט עקזיסטירט קיין שום זאך וואס זאל איר קענען איינהאלטן. פּאאָנען ווען ס׳איז געלונגען צו דערגיין, פון קיינעם נישט געזען, ביז דעם טעמפּל-באצירק,

1) אבסצעניטעט—נישט-ציכטיקייט.

ער האט געזען ווי עס רוישט נאך אלץ אויפן מאָנט־דע־דאם. און וואלט מען אים דא אנטדעקט, וואלט ער, גאנץ מעגלעך, געהאט אזא סוף ווי פענטהעוס וועלכער איז צעריסן געווארן פון די מענאדן 1).

פאאנס וועג איז אבער געווען אַן אנדערער וואס האט געפירט אין אַ בלויז אים אליין באקאנטן אראפגאנג, צו אַ קליי־נעם האַפן וואס האט פון דער זייט פון לאנד נישט געהאט קיין שום צוגאנג. דארט איז געלעגן א גוט־געבויט זעגל־שיפל אויפן אנקער. דאס שיפל איז געווען פאַרזען מיט פראָוויאנט, וואסער און בכלל אלע זאַכן וועלכע זענען נייטיק פאר אן עטלעכע חדשימדיקע רייזע. דערמיט איז געווען באשעפטיקט דאגמאר־דיאדאטא וועלכע האט זער גוט פאַרשטאנען פראקטיש אויסצונוצן די געלעגנהייט פון דעם דאזיקן ארט. זי באַגריסט פאאנען מיט א פריידיקער ערנסט און, ער נעמט זיך אויך גלייך צו דער אַרבעט.

א לענגערע צייט פארעט זיך שטיל דאס פאָרל ביים ברעג און ביים שיפל און ווידער ביים ברעג, דערביי רעדן זיי כמעט קיין ווארט נישט ארויס. אין אוונט מאכן זיי פייער אויף דעם ווולקאנישן זאמד.

אט אויף דעם אָרט און אויף אזא אופן האבן זיך די לעצטע וואכן באגעגנט דאגמאר־דיאדאטא מיט פאאַנען און ס'האט נאך קיינער דאס ארט נישט אנטדעקט. אוודאי האבן זיי געפלאנט צו אנטלויפן, נאר פאאגען האט זיך געדאכט, אז ס'איז נאך נישט געקומען די ריכטיקע צייט אויף דעם.

---

1) פענטהעוס, אן אייניקל פון קאדמוסן און א זון פון אגאוועס; בשעת די באקכאנטישע צוגן האבן נאכגעפאלגט באקכוסן, האט ער אלס קעניג זיי אנגעטון צרות. אין אויפגערעגטן צושטאנד האט זיך זיי געדאכט אז ער איז א לייב און, זיי האבן אים צעריסן אויף שטיקער.

*

ז׳ער גאלף-דע-זאם, ס׳הייסט: דער גאנצער גרויסארטיקער ברעג, איז אין דער צייט פון די פריש-אנגעקומענע וואכן, געוואָרן דער שמחה-פלאץ פון יענעם גאט וועלכער האט אויך פריער פארנומען דאס זעלבע ארט. מ׳האט געוווסט אז די טעג ווערן דורך אים אריינגעצויגן אין די לבנהדיקע נעכט אריין. ס׳האט אויסגעזען ווי ער וואלט אויסגעשפרייט א נעץ פאר די שטורם-מחנות פונם מאנלאנד, אזוי גוט ווי פאר די באקכאנטישע מיידלעך, פאר די יעגער ווי פאר די חיות וואס זיי דארפן פאנגען. איבערן טייך און זיינע ברעגן איז נאכט-ביי-נאכט, אויסגעברייט אונטערן לבנה-שיין, געהאנגען דער שווערער און פארשיכורנדיקער דעמער פון זיין מיסטעריום. מען האט געקענט הערן וואַרקנדיקע און טרילנדיקע, פריידיקע בענקשאפט-שטימען פון פרויען און געזונטע קוועל-קולער פון מענער-העלזער, וועלכע האָבן זיך אָפּגעקריגן פון אונטער דער בארוישנדיקער שמחה אין זייער פון שיינקייט פארשיכורטן גליק. ס׳האט זיך געהערט דאָס פלעטשען פון רודערס און די פון אונטן, פון מאנט-דע-דאם באלויכטענע רויכיקע פיניען-ביימלעך, האט זיך געקענט דאכטן, שפיגלען זיך אָפּ אין די גלאטע פלאכן פונם זאלציקן מיטן-ים, נאר פאר זייערט-וועגן און נאָר כדי זיי צו פארשענערן.

אפילו פּאַאָן אַליין איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפעה פון אָט דער שיינקייט. וואָרום ער האָט געטראָגן אין זיך דאָס זיסע און ביטערע פון דאָס צעשיידן זיך און האָט נאָך געוואָלט, זער גערן, צום לעצטן מאָל, נישט-געזעגן פון קיינעם, באַטראַכטן דאָס לעבן וואָס ער האָט באַשאַפן. ער גייט, שטיל, ווי אַ יעגער אין דער לבנה׳קע שאָטנס פון די ביימער און קוסטעס און פאַרבאַהאַלט זיך, ווי נאָר ער דערהערט שטימען אָדער טריט. און ווי אַלע מאָל אין אַזעלכע איידעלע מאָמענטן זעלכע פלעגן טרעפן אינם

לעבן פון אָט דעם שטאַרקן און ערנסטן מאַן, אַזוי איצט, האבן זיך אין זיין ברוסט צונויפגענומען פרייד מיט לייד צוזאַמען. דאָס מאָל האָבן זיי זיך אָבער צוזאַמענגעהאַלטן שטאַרקער ווי ווען-ס'איז.

וואָס איז דאָס געווען אַזעלכעס וואָס אים האָט אַזוי געגרוילט?

ער אַליין איז געווען דער גרויל.

דאָס איז געווען זיין אייגענער נישט-באַגרייפלעכער גרויסער מיסטעריום. פון די פאַלמען און עקאַליפּטוס-וועלדלעך אַראָפּ האָט זיך אַראָפּגעריסן אַ רוף פון אַ מושעל-האָרן. ס'איז געווען זיין אָטעם וועלכער האָט געבלאָזן אינם מושעל. אַ טיף-מענערלעך קול לאַכט. דאָס קול איז געקומען פון אַ פייערל וואָס האָט געקנאַקט אויף אַ זייטיק וועגל.

— איז עס נישט אַ מאָל מיין לאַכן וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון מיין געלעכטער כדי צו לעבן פאַר זיך? אָדער — אָדער אפשר איז עס גאָרנישט מיין לאַכן? און דאַמאָלס בין איך בכלל נישט געווען? ס'איז אפשר בכלל גאָרנישט פאַראַנען מיין נפש? ס'האָט נישט מער ווי אויפגעבליצט אַ נישטיקער איך אין מיר כדי עפּעס צו נעמען און צוריק צו געבן און זאָגן: עס איז נישט מיינס — —

דאָ און דאָרט האָבן צעשאָטן געברענט ליבעס-פייערן: זיי האָבן געלויכטן אין נאַכטלעכע גרעסערע אָדער קלענערע תאווה-געלעגערס. ס'איז דאָ געשטאַנען דער פאַרשווערער, אין דער געשטאַלט וואָס איז זער ענלעך געווען צו אַזעלכן, אָנגעלענט אָן אַ ברויט-פרוכטן-בוים. ער איז געשטאַנען און אַרום אים האָבן געטאַנצט בלומען-באַקראַנצטע מיידלעך. קוים צו הערן האָט פאַאַן געזאָגט: „דו נאַר!” — ער האָט דאָס אַרויסגערעדט פּונקט ווי איינער וואָס וויל אָפּפטרן פון זיך אַ נאַרישן געדאַנק. אָבער באַלד דערנאָך שלייכט ער זיך פאַרביי דעם ליכט-שיין און דורך די טאַנצנדיקע מיידלעך, גלייך צו אים. און אַ לאַנגע צייט וויינט דער פאַרשווערער אויף זיין ברוסט. און ווען פאַאַן איז פאַרשוונדן אַזוי גיך ווי ער איז געקומען, האָט ביאַגאַר

בשום אופן נישט געקענט וויסן צי ער איז פּלוצים אַריינגעפאַלן אין אַ שטימונג אָדער, ער האָט פאַקטיש עפּעס איבערגעלעבט.

דעם נייעם אויפגעהאָנגענעם מאַנלאַנד־פּאָן האָט פּאַאָן אַ לענגערע צייט נאָכדענקלעך באַטראַכט. דאָס הייסט, זאָגט ער צו זיך, אין אונדזערווירקלעכקייט באַטייט דאָס כּמעט ווי גאָרנישט. אַלס סימבאָל קען עס באַטייטן אַ סך. דאָס וואָס ס׳איז געשען ביז איצט און דאָס וואָס עס קומט נאָך ווייטער פאָר, דאָס אַלץ איז נישט מער ווי אַן אייביק איבערגעחזרטער אַקט פון דער נאַטור און דערביי שאָקלט זי, פון צייט־צו־צייט אַראָפּ פון זיך דאָס ביסל קינסטלערישע. סוף־כּל־סוף איז אויך דער דאָזיקער איינזל אַרויסגעקומען פון דער אויבערפלאַכלעכקייט פונם מענטשנס גורל. אָדער, אפשר זאָל מען די ס י ב ו ת פון אָט דעם הייטערן, אויבערפלאַכלעכן און שוואַכלעכן גורל, נישט באַטראַכטן פאַר אַ זעלכע א ו י ב ע ר פ ל אַ כ ל ע כ ע? סוף־כּל־סוף זענען דאָך „טיף” און „פלאַך” נאָר ווערטער וועלכע קענען נישט באַצייכענען נישט דאָס טיפע און נישט דאָס פלאַכע, ווען מען וויל זיי אָנווענדן אויף רוחניותדיקע זאַכן. מיר קענען, אין יעדן פאַל, פאַר דאָס פ ל אַ כ ע אַוועקגעבן דאָס וואָרט פ ר י י ד און פאַר דאָס ט י פ ע דאָס ווערטל צ ע ר. דאָס לעצטע, דער צער איז פרעמד דער קונסט, ווייל דער צער איז אפילו אין זיין טיפסטער טיף פ ר י י ד. הייסט עס, אַז ס׳איז נישט קיין קונסט אָן פרייד, קיין קונסט אָן אויבערפלאַכלעכקייט. איז, אָדער דער הימל, די געבענטשטע וועלטן פון דער צוקונפט וועלן באַוווינט ווערן פון געטלעכע און שפּילנדיקע קינדער, אָדער — ס׳לוינט גאָרנישט צו וווינען אין זיי: צו זיצן אַן אַלטער אין דער מסיבה פון אַלוויסנדיקע, גרייזע און שאָקלדיקע קעפּ, האָב איך נישט געבענקט נאָך — —

— וואָס טון זיי מער, די דאָזיקע אַלע יינגע ברויזנדיקע פאָרלעך, ווי רייסן זיך צו די שענסטע אויבערפלאַך־הנאות וועלכע פאַרבאַהאַלטן אין זיך די טיפסטע תענוגים? — דאָ האָבן מיר, אפשר צום ערשטן מאָל אין אונדזער לעבנס־פאַנטאַס־

מאגאריע, אַווירקלעכקייט, נישט געקוקט אויף דעם וואס יעדער איינער פון די דאָזיקע שפרינגער און זינגער, יעדער איינער פון אָט די יעגער פון דער תאווה, איז ארומגעהילט מיט אַ וואלקן, מיט א באזונדערן טרוים. אַ חוץ דעם וויל יעדער איי־נער פאר זיך דערגרייכן דאָס אייגענע געבענטשטע אינזל.

— איך קען מיך זער שווער צעשיידן מיטן אינזל — טראכט פאַאָן: אָבער, וואָס זאל איך טון? איך קען בשום אופן נישט פטור ווערן פון די רוחות וועלכע איך אַליין רוף. „טראגט אייך אָפּ, שדים, אוועק!" און דאָ וועט מיין ליבע פרעכטל זאגן: אָ ביטע זער, ביטע!

— ווען עס וואלט, חלילה, מעגלעך געווען דערפילן אוי־סערלעכע ווירקלעכקייט — דאס איז, פארשטייט זיך, נישט מעגלעך, ווייל מען קען נאר פילן שוואַכער אָדער שטאַרקער! — דאמאָלס וואָלט מיר געווען אומעגלעך צו שיידן זיך מיט מיינע באשעפענישן, צי זיי זענען יא געראטענע אָדער נישט. אזוי קומט עס מיר אויך גענוג שווער אן. און אָפּצווייסן זיך פון די מוטער וועלכע איך האב זיי געגעבן, איז פאר אַ פילנדיק הארץ, אויך א גענוג שווערער ענין. נאר איך היט דאָך מיך כ׳זאל זיך נישט דארפן נאכאַמאָל באגעגענען מיט זיי.

— אין אונדזער אייביקן פרילינג, בלייבט פארט דער דא־זיקער אויגנבליקלעכער מאמענט א מין פרילינגס־שטורם. און, ביאנאר, וואס אייגנטלעך ביסטו? צו מיין ליבער נישט־געצוימ־טער.זון! ווען מיר האָבן אים אין זיינער צייט געגעבן דעם נאָמען, האט די וואויל־קענעוודיקע ראדבערטע געזאגט אז „ביא־נאר" באַטייט אַזוי גוט ווי: די געבוירנדיקע אור־מאכט פונם שטאף.

*

אין דער זעלבער צייט האט איבערן גאלף־דע־דאם אויפ־געטענט א נישט־דערציילנדיקע זיס־מאלאדישע, שמערצלעך־הייטערע, אומענדלעכע סימפאניע. מען האט נישט געקענט

זאָגן אויף ווי ווייט די טענער האָבן זיך געלאָזט הערן אין אַרום. נאָר ווי ס'זאָל ניט זײַן איז די אידעאַלע אַנאַכראָנעטין לאָורענצע, וועלכע איז געזעסן אין דער לבנה־שײַן פֿאַר איר הייל, אײַנגאַנצן פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דער דאָזיקער מוזיק. זיפֿצנדיק האָט זי אויפֿגעהויבן דעם שווערן קאָפּ כּדי זיך אײַנצוהאָרכן אין דער ווײַטקייט.

— הייסט עס, האָב איך דאָך פֿאָרט דערלעבט צו הערן די דאָזיקע נישט־ערדישע איבערערדישע קלאַנגען! זאָלן זיי האָבן אַראָפּגעפֿאַלן פֿון די פּלאַנעטן? זאָלן זיי האָבן אַראָפּגעפֿאַלן פֿונעם מערקור, דעם זון־נאָנטסטן פֿון אַלע פּלאַנעטן? און איצט פֿאַרנעמענדיק די דאָזיקע האַרמאָניע, דאַרף איך זיך שוין גרייטן צו גיין אַהין?

— מען זאָגט אַז מערקור ווענדט זיך תּמיד בלויז מיט איין זײַט צו דער זון; די אַנדערע זײַט זײַנע ליגט אין אײַביקער נאַכט, באַגראָבן אונטער בערגער אײַז. אָבער די פֿאָרשער גיבן אויך צו דאָס צווישן דעם אײַביקן ווײַסט פֿײַער און מוראדיקער היציקייט אויף איין זײַט, און, די אײַביקע נאַכט מיטן אײַז אויף דער צווייטער זײַט, איז פֿאַראַן אַ ברייטע לאַכעדוקע צאָנע 1) וואָס איז אַדורכגענומען מיט די שמעלץ־וואַסערן פֿון דער נאַכט און זי גרינט און בליט ביזן ראַנד פֿון דער אײַביקער ווײַסטעניש און אײַביקן טאָג.

— אויב די מוזיק קומט פֿון דאָרט אַראָפּ, וועל איך אויף אַן ענלעכן אופֿן ווי די פֿאָרשער אינם ספּעקטראָסקאָפּ, קענען פֿעסטשטעלן די עקזיסטענץ פֿון דעם אָדער יענעם גאַז און וועל פֿאַרשטיין אַז אַפֿילו אויף מערקורס געבענטשטער לעבנסצאָנע איז דער ווײַטאָג נישט אַזוי שרעקלעך. האָב איך דען אַלס קינד שוין נישט געוווּסט אַז דער לוסט און דער ווײַטאָג דאָס זענען נאָר צוויי זײַטן פֿון איין און דערזעלבער זאַך?

---

1) דער קרײַז, די צענטראַלע ליניע, ווי די אײַזנבאַן, למשל, אין צענטער פֿון לאַנד.

און פונדעסטוועגן וויל איך תמיד דעם תענוג, נישט געקוקט דערויף וואָס צוזאַמען מיט איר מוז איך אויך וועלן דעם צער.

— און, אפשר שטאַמט די דאָזיקע מוזיק פון אוראַניסן אויף וועלכן ס׳געפינט זיך דער סודותדיקער יופּיטער־גאַז? און דאָס מיינט מען דער זון־ווייטסטן פון אַלע פּלאַנעטן; אפשר איז ער דאָס דער איינציקער, דער געוואַלדיקער שווע־בנדיקער גרויער אָקעאַן? פיר לבנות מאַכן אַרום אים אויס־טערלישע קרייזן. — עמאַנועל קאַנט, וועלכער איז נעענטער ווי ווער עס איז געשטאַנען צום אור־שפּרונג פונם זיין, ער האָט, זעט אויס יאָ געהאַט אַ ווינק אַז: נישט געקוקט אויף דעם וואָס דער דאָזיקער פּלאַנעט איז אַ זון־ווייטער, פאַרמאָגט ער דאָך אין זיך אַ סך מער העכערע לעבנס־פאָרמען, ווי די אַנדערע פּלאַנעטן; דאָס איז אַ לעבן וואָס איז צוזאַמענגעזעצט פון פיינע, רירעוודיקע שטאָף־עלעמענטן.

און די איידעלע, מידע, צום־שטאַרבן גרייטע לאָורענצע־קען נאָך נישט משיג זיין צי דער דאָזיקער פּיין און צער, צי דאָס זאַלציקע טרערן־וואַסער פון אָט דער וועלט פון חשכות, גייט נישט אַ מאָל אינגאַנצן פאַרלוירן; זי קען נישט וויסן צי די קליינע שטערנדלעך וואָס גלאַנצן־אָפּ פון די זון אויף די דאָזיקע זאַלציקע וואַסער־רעדער, טראָגן נישט אַ מאָל אין זיך דעם פּיין־באַוווסטזיין פון אַ מין „גאָטס רוח וואָס שוועבט אויפן וואַסער", אַ גאָט וואָס טראָגט אין זיך דעם גאַנצן יאוש־ווייטאָג און אומענדלעכן צער.

— נייך. די מוזיק איז געווען אַ זיכערע, פול מיט האָפענונג. זי איז גיכער געווען די מוזיק פון אַ גן־עדן־שטראָם וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון אייז און נאַכט, ער ווייס, דער שטראָם, אַז ער וועט שוין לעולם־ועד האָבן צו באַוואַסערן אַ גן־עדן.

*

צומאָרגנס נאָך די מעדיטאַציע איבער די מאַנלענדער־פאַרשווערער, האָט פּאָאַן זיך נישט אויפגעכאַפּט ביים גאָלף־דע דאַם, נאָר ביים גן־עדן־פייגל־טייך. ער באַמערקט ווי נישט ווייט פון אים, זיצט דאַגמאַר־דיאַדאַטאַ צווישן בלומען און פאַרטראַכטערהייט פלעכט זי אויס פון זיי קרענץ. אַט, נישט ווייט פון איר הייבט דער איינהאָרן אויף זיין קאָפּ, שנאָרכנ־דיק מיט די נאַז־לעכער און פון זיין מעלה־גרהדיק מויל הענ־גען גרעזער.

ווען פּאָאַן האָט זיך שוין געפינען אין דערהייך, האָט ער זיך נאָך אַלץ נישט געקענט אָפּגעבן קיין רעכענונג ווי אַזוי ס׳איז אייגנטלעך געשען וואָס ער געפינט זיך אין דער־הייך. און אַזוי ווי ער איז געשטאַנען און געקעמפט מיטן שלאָף, איז דערווייל אויפגעגאַנגען די זון פון איבערן ראַנד האָריזאָנט פון ים. ער גייט זיך פלוצים אַ כאַפּ. עס האָט אים אַ קלונג געטון ווי אַ באַפעל אין אויער אַריין אַז ער דאַרף שוין אָנהייבן.

און, ער גייט אַהין דאָרט ווו ער האָט צום ערשטן מאָל געזען אַרומשפּאַצירן די איינזאַמע פרוי, וועלכע איז געווען זיין מוטער. און, באַלד קומט זי ווידער אַ מאָל צו גיין פון דער אַלעע, אַזאַ הייליק שטילע.

ער האָט נישט באַוויזן נאָך צו פאַרטראַכטן זיך אַ ווייל, ווי ער האָט זיך געמוזט אויסדרייען צו אַן אַנדערער ריכטונג. ער דערזעט לאָרענצען, וועלכע שטייט מיט אַן אַרויפגעלייגטער האַנט אויף זיין אַקסל. אָבער גלייך איז דאָס אויסטערלישע בילד פאַרשוווּנדן.

אין דער זעלבער שעה איז מוצי שמידט, אין אירע באַסט־לאַטשן, פון טעמטל־באַצירק אַראָפּגעקראָכן איבער די

פעלזן-וועגט כדי צוצושטעלן דעם טעגלעכן שפייז דער איינ-
זאמער נזירה לאורענצע. זי דערזעט דער פריסטערינאן אויפגע-
זעצטע און א באַשטראלטע פון דער פארנעפלטער שיין פון דער
אויפגייענדיקער זון. מוצי שמידט האט דערפילט אַ לייכט שוידער
(נישט פארשטייענדיק פאַרוואָס) און אַז זי האט זיך דערנענטערט, האָט
עס איר אויסגעזען ווי די איידעלע פרוי איז אַ זיצנדיקע, אָנגע-
לענט מיטן רוקן אויף די הייל-טויערן, איינגעשלאָפן. זי איז
געווען איינגאַנצן אַ נאַקעטע, נאָר ווי תמיד זענען אירע טונקע-
לע האָר געפלאסן, ווי אַ מאַנטל, אַרום איר קערפער און האָבן
זיך נאָך צונויפגעזאַמלט אויף דער ערד, ווי אַ וואסערל.

— ס'איז נישט קיין שלאָף! — האָט איר אַ געדאַנק אַ בליץ-
געטון. מיט שטארע מאוימדיקע אפענע אויגן האט לאורענצע
געקוקט גלייך אין דער זון אריין. און מוצי האָט זיך באלד
געכאַפט וואָס זי האָט דא צו טון: אַ ווייגענדיקע האָט זי איר
צוגעמאכט די אויגן.

און ווידעראַמאָל האָט פאאן נישט אָנגעהויבן צו פאַר-
שטיין ווי אזוי ער האָט זיך דאָס פלוצים געגומען אין דעם זעג-
לענדיקן שיפל אריין, וואס שאָקלט זיך מיט אים און דיאדא-
טאן אָין דער נאכט.

ער געזעגנט זיך מיטן פייער פונם מאנט-דע-דאם.

זיין ברוסט איז אדורכגעשניטן מיטן וויי פון צעשיידונג.

— ווי מוראדיק, — רעדט ער צו זיך: איז דאָס, וואָס
מיר מוזן אויף אייביק פארלאָזן אונדזערע ליבסטע באַשעפענישן.
דער קוועל פון אָט דער איינזעעניש איז אזוי גרויס, אז ער
ווערט מיט יעדן פרווו זיך אָפצוזאָגן פון אוועקגיין, נאך
שרעקלעכער, און כדי צו פארלייכטערן דעם דאָזיקן גרויל,
בלייבט נישט קיין אַנדערע ברירה ווי אנטלויפן.

און אזוי טראכטנדיק דערפילט ארום דער ברוסט און
אויער א זיסן און וייכן הויך, וועלכער דערמאנט אן רוקמינין.

אין דער נאָנטסטער רגע דערזעט ער אַ צעבו־רייטערין וועלכע יאָגט מיט ווילדע געשריין צום אָרט פון פאַרלאָזענעם קליינעם האָפן ; זי פרובירט אַריינצוטרייבן די, אין לויף אויסגעשטרעק־טער חיה אירער, אין די כוואַליעס אריין. נאר דאָ נעמט פאאן דעם שטייער פעסט אין דער האַנט אריין און שטעלט אָן דעם עגל צו דער פרייהייט.

סוף

אונזער טעאטער קאטאלאג:

אפערעטען:

1) קאווקאזער ליבע
2) היינטיגע מיידלעך
3) רומענישע חתונה
4) ציפקע פייער
5) ווו זענען מיינע קינדער
6) ליאָווקע מאַלאָדיעץ
7) דער גולם
8) דער גרויסער מאָמענט
9) ליבע ליידענשאַפט
10) געלד, ליבע, שאַנדע
11) יאַנקעלע
12) איציקעל וויל חתונה האָבען
13) די נשמה פון מיין פאָלק
14) באָרג מיר דיין ווייב
15) שלמה'קע און ריקעל
16) חופה קלייד
17) רייזעלע דעם רבינס
18) מלכהלע סאָלדאַט
19) אַ ווייב אָהן לשון
20) די אַמעריקאַנערין
21) זיין ווייבס מאַן
22) יוסף אין עגיפטען
23) יודעלע דער בלינדער
24) שבת קודש
25) כל נדרי
26) על נהרות בבל
27) בערעלע באָסאַק
28) שווארצע חופה
29) דזעקעלע בלאָפער
30) יודיש קינד
31) יודיש הארץ
32) זיסע מיידעל
33) לומפען פראלעטאריער

דראמען:

1) אוריאל אַקאָסטאַ
2) אויפ'ן אפגרונד
3) ווייסע שקלאַפען
4) בטלן
5) ווילדער מענש
6) שקלאַפען הענדלער
7) צו שפעט
8) קעניג ליר
9) שחיטה
10) דער מטורף
11) דער אמת
12) דער פרעמדער
13) הערצעלע מיוחס
14) שלמ'קע שארלאַטאַן
15) דארפ'ס יונג
16) די רויבער
17) ווילנער בעל-הבית'ל
18) די שעהנע מרים
19) דער אינטעליגענט
20) דוד'ל משורר
21) קין
22) אייביגע וואַנדערער
23) דער ליגנער
24) מאָטי מלך דער סטאָליאר
25) אַננאַ קאַרענינאַ
26) בת שבע
27) סדר נאַכט
28) חנהלע די נייטאָרין
29) די שבועה
30) שטרויערנער אלמן
31) חאצקעלע כל בויניק
32) דער פאָטער
33) די חתנים